STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05245

MIKH HUNGERT

Georg Fink

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גערג פינק

מיך הונגערט

ראמאן

פון דייטש ש. זאקס

צווייטע אויפלאגע

פארלאג שלמה גאלדפארב
ווארשע 1931

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the

Cape Town Yiddish Cultural Federation

and returned to circulation by the

National Yiddish Book Centre

of South Hadley, Mass. U.S.A.

May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

GEORGE FINK

JESTEM GŁODNY

Wyd. Sz.GOLDFARB
Warszawa, Dzika 31
1931

Printed in Póland

[illegible] WARSZAWA, SIERAKOWSKA [illegible]

מיך הונגערט

מיך הונגערט...

דערמיט הייבט זיך אָן מיין באוואוסטזיניק לעבן. מיין ערשטע דערמאָנונג איז: מיך הונגערט...

בין דעמאָלט האָב איך זיך געפונען אין א גליקלעכן אומבאוואוסטזיין. און זיך געפילט ווי איך וואָלט נאָך געלעגן אין מיין מוטערס בויך, אונטער דער הייליקער שוץ פון דער איינציקער ליבע. דערנאָך האָט מיך דאָס לעבעדיקע לעבן ארויסגעריסן פון מיין מוטערס בויך. איך בין געקומען אויף דער וועלט, כ׳האָב געפילט: מיך הונגערט, און כ׳האָב דערוואכט, זיך אויפגעכאפט פון מיין אומבאוואוסטזיין — —

דעמאָלט האָבן מיר נאָך געוואוינט אליין אין א דירה אויף דער גאָרטנגאס, ביים שטעטינער וואָקזאל, אין א שטאָט-קווארטאל, וואו ס׳האָבן געוואוינט בלויז אָרימעלייט, הארט ביי דער אינוואלידנשטראסע, דעם דאָזיקן גרויסן געשעפטסבולוואר פונעם צפון. די דריי פענצטער פון אונזערע ביידע פאָדערשטובן, אויבן, אויפן פערטן שטאָק, האָבן אראָפגעקוקט אויף די שינעס פון דער שטעטינער אייזנבאן, אויף די סיגנאל-סלופעס, אויף די איינטאָניקע הייזלעך, בריקן און שופנדעכער. שטענדיק איז דאָ געווען א טומל און א געפילדער. דער דאַמף האָט געצישעט, פייפן האָבן געשרילט. טאָג און נאכט. מיין מוטער פלעגט אָפט טראָגן א נאסע פאטשיילע איבערן שטערן. שטענדיק פלעגט איר געביך וויי טון דער קאָפּ. זי פלעגט שלאָפן אין איינער פון די שטובן, פון פאָרנט. איך מיט דער שוועסטער און דער ברודער פלעגן שלאָפן אין דער דריטער שטוב לעבן דער קיך.

דעמאָלט איז אונז נאָך געגאנגען גוט. אונזער באָבע — דער טאטעס מוטער — איז צו יענער צייט געשטאָרבן און די יורשים

האָבן געמוזט איינצאָלן מיין מומער א קליינעם טייל פון דער ירושה, וואָס די באָבע האָט איבערגעלאָזט. די באָבע האָט נישט איבערגעלאָזט קיין צוואה, אז זי איז מעביר נחלה מיין מומער, ווי שפעטער האָט דער זיידע דאָס אויסגעדרוקט אין זיין לעצטן ווילן. פון דער דאָזיקער קליינער ירושה האָבן מיר געפירט א נישקשהדיק, באַשיידן לעבן. אָבער דעם לעצטן טאָלער האָבן מיר געוויס אויסגעגעבן אויף דער הוצאה, ווען ס'איז געקומען דער אָוונט מיט וועלכן ס'הייבט זיך אָן מיין דערציילונג און ממילא, מיין באוואוסטזיניק לעבן.

מיין טאַטער איז דעמאָלט געווען א שיק-מענטש אין א גרויס געשעפט פון פארטיקע מלבושים אויף דער שאָסעשטראסע. דאָס איז געווען א אומגעהויער גרויס געשעפט, וואו ס'פלעגן זיך קויפן מלבושים, סיי די פאצעטן פון יענער געגנט, די משרתים און אַלפאַנסן, און סיי די שאָפערס, קוטשערס און ארבעטער. מיין טאַטערס עובדא איז הויפטזעכלעך באשטאנען אין דעם, וואָס ער פלעגט איינפאקן די איינגעקויפטע קאָסטיומען און זיי אָפטראָגן צום קונה. ער פלעגט דערפאר באקומען אסך טרינקגעלט.

די קליינע מענטשן, די אָרימע און נישט-אָנגעזעענע, זענען שטענדיק גוטמוטיק און האָבן א ברייטע האנט: זיי רעכענען זיך נישט מיטן גראָשן. און גיבן גרויסע טרינקגעלטער, די וואָס באַדינען זיי.

אָבער דעמאָלט, אויפן פינפטן יאָר נאָך דער חתונה, האָט דער פאָטער שוין אָנגעהויבן צו טרינקען. איך דערמאָן זיך: אין יענעם אָוונט, ווען דאָס איז געשען, האָבן מיר צום מיטאָג גאָרנישט געהאט און גאָרנישט געגעסן. די מוטער איז אוועק צו א שכנה און האָט געבאָרגט ביי איר א טאָץ מעל. קלאָמערנדיק זיך אין איר קלייד — א בלאָ-וואָלן קלייד מיט גרינע שטרייפן — אָ, איך שפיר נאָך איצט, צוואָנציק יאָר נאָכדעם, דעם ריח פון איר קלייד — אָנעם דאָזיקן קלייד פון אירע שיינע גליקלעכע מיידלישע יאָרן זיך אָנהאַלטנדיק, בין איך מיט איר מיטגעגאנגען צו דער שכנטע. פרוי לאַדעוויק האָט זי געהייסן און האָט אויף אונז שטענדיק רחמנות געהאט. ביי דער פרוי לאַדעוויק אין וואָ-

נגנג איז געווען ווארים און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז בײ איר איז פיל ליכטיקער, ווי בײ אונז, הגם דער זעלבער שטיק הימל, וואָס איז געהאָנגען איבער איר וואוינונג, איז אויך געהאָנגען איבער אונזערע שטובן און ממילא שוין דאָס זעלבע ליכט.

איר מאַן האָט גוט פאַרדינט אלס שיק-מענטש אין א שפּאַר- און לײ-קאַסע, איר טאָכטער איז געווען אן עקספּעדיענטקע בײ מיצן אויפן אלעקסאנדערפּלאַץ, און איר זון איז געווען א באַן-ארבע- טער. פרוי לאַדעוויק האָט מיר אריינגעשטעקט א שטיק צוקער אין מויל אריין. איך בין געווען א שעמעוודיקער, אן ערנסטער און שטילער, כ'האָב גערעדט נאָר מיט דער מוטער. אפילו מיט העני- ריעטען און מארקוסן, מײנע שוועסטער און ברודער, האָב אויך נאָר ווייניק גערעדט. און געשפּילט האָב איך זיך זעלטן. כ'האלט, אז כ'האָב בכלל זיך ווייניק געשפּילט. דערצו האָבן מיר נאָך אין אונ- זער וואוינונג געהאט ווייניק שפּילצייג...!

כ'פלעג שטענדיק זיצן בײם פענצטער ווי פארגליווערט: לעבן מיר פלעגט זיצן די מוטער און נייען. זי פלעגט נייען קראוואטן פאַר א געשעפט אויף דער אינוואלידנגאַס. וואשן האָט זי ערשט שפּעטער אָנגעהויבן צו גײן, כדי מער צו פאַרדינען, נאָכדעם, ווי זי האָט שוין געמוזט זיך זאָרגן פאַר אונז אלע און זען, אז מיר זאָלן נישט הונגערן.

אזוי בין איך זיך געזעסן און געקוקט, געקוקט.

כ'האָב געזען:

די רויטע דעכער פונעם וואָקזאל, אין זונענשײן אָדער בעת א רעגן, די פיל שינעס, די אָנקומענדיקע און אָפּפאָרנדיקע צוגן, לאַנגע שורות פון שטילשטײענדיקע משא-וואַגאָנעס, אויסגעלאָשענע לאָקאָ- מאָטיוון און דער דאַמף, וואָלקן-זײלן, כלערליי בילדער, אײניקע מיט זונענשײן באַנאָסן, די אנדערע — שווערע ווי א קלעפּיקע מאַסע.

אונטן, אויף דער גאַס, פלעג איך זען אויטאָמאָבילן און אָמני- בוסן און מענטשן, וואָס האָבן געשוויבלט און געגריבלט אויף די טראָטואַרן העט ווײט ארויף און אראָפּ.

אזוי פלעג איך שטענדיק זיצן בײם פענצטער ביז וואַנען די מוטער האָט צוליב דער אנטשטאַנענער טונקלקײט, מער שוין נאָר-

נישט געזען און האָט די אַרבעט אַראָפּגעלאָזט אין שוים אַריין.

זי פּלעגט דאַן לאַכן און איך פּלעג גערן הערן איר געלעכטער, ווייל איך פּלעג זיך דעמאָלט צו איר צוקוקן און ערשט דאַן באַמערקן, אַז ס'איז געוואָרן טונקל. און אין דער טונקלקייט פּלעג איך זי קוים דערקענען. כ'האָב אָבער געפילט איר געלעכטער — עס איז ווארים געלעגן אויף מיין פּנים.

אַזוי איז דאָס פאַרגעקומען אויך אין יענעם אָוונט.

ס'איז געווען האַרבסט, ס'האָט נאָר-וואָס גערעגנט. ס'איז אפשר געווען זעקס אַזייגער. ס'האָט נאָך פינצטערלעך און שטיל געקאַפּעט אונטן זענען אומעטום געשטאַנען ליכטער. כ'האָב געזען אַ פייערשיין איבער בערלין, איבערן וואָקזאַל האָט זיך געטראָגן געדיכטע וואָלקנס פאַרע. רויטע און גרינע לאַמטערנעס זענען געשטאַנען איינגעהילט אין אַ טריבן נעפּל. אין קיך איז געלעגן דער פאָטער, ער איז געקומען אַהיים שיכור. כ'האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, אַז ער האָט שוין פאַרלאָרן זיין פּאָסטן און אַז ער פאַרברענגט טאָג און נאַכט אין שענקען און קנייפּעס. אָבער די מוטער האָט שוין געמוזט וויסן וועגן דעם. ער האָט אין שטוב געמאַכט פאַרשידענע אוואַנטורעס און געטומלט בעת מיר זענען געזעסן ביים טיש און פאַרצערט דעם מעל-זופּ. העניריעטע האָט געוויינט און געוואָלט מ'זאָל איר געבן צוקער אַריינצולייגן אין זופּ. די מוטער האָט זי אָפּגענאַרט: זי איז צוגעגאַנגען צו העניריעטן מיט אַ צוקער-פּושקע אין דער האַנט און אָנגעהויבן שאָקלען פון דער פּושקע איבער העניריעטס טעלער. כ'האָב אָבער געזען, אַז די פּושקע איז אַ ליידיקע און פון דאָרט האָט זיך גאָרנישט געשאָטן. פונדעסטוועגן האָב איך נישט געלאַכט און בין פאַרבליבן ערנסט, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז איך ווייס גאָרנישט. דער צוויי-יעריקער מאַרקוס האָט זיך געלאָזט קאַרמען און געשמאַקט פון הנאה. העני האָט אָבער סוף-כל-סוף באַמערקט, אַז די מוטער האָט זי אָפּגענאַרט און האָט אָנגעהויבן צו וויינען נאָך העכער. זי איז אַזוי געוואָרן אין כעס, אַז זי האָט געוואָלט מיטן לעפל צעברעכן דעם טעלער. זי איז שטענדיק געווען גיריק, ווילד און פּלעגט זיך לייכט אָנצינדן מיט כעס און רוגזא.

דאַן האָט דער פאָטער מיט פלאָנטערדיקע פיס זיך אַריינגע-

רוקט צו אונז אין צימער אריין. די מוטער האָט שווער אָפּגעזיפצט און זיך איינגעבויגן איבער דעם וויינענדיקן און שרייענדיקן מײדל. דער פאָטער האָט אָבער העניען גאָרנישט געטון, ווייל ער האָט זי ליב געהאט.

אָ, וויפל געזונט האָט עס מיר געקאָסט, ווי שטארק מיר האָט עס פארדראָסן, וואָס ער קושט זי אזוי שטארק, לאשטשעט זי, טראָגט זי ארום אויף די הענט, צערטלט זי און דערציילט איר מעשהלעך, בעת אויף מיר טוט ער נאָר א קוק, ווי אויף יוצא צו זיין, אָדער ער טוט אויף מיר א קוק, כדי באלד מיר אָנהייבן צו זידלען (און ווען ער רירט מיך אָן — טוט ער עס נאָר, כדי מיך אָפּצושטויסן פון זיך אָדער צו שלאָגן). כ׳דערמאָן זיך: פיל שפּעטער נאָך דעם, האָב איך זיך צוגעהערט, ווי ער האָט העניען דערציילט א מעשה. ער האָט נישט געזען, אז איך בין געלעגן אין שטוב, וואו ס׳איז שוין געווען טונקל, אויף א שטרוי-זאק הינטערן אויוון. און ער האָט העניען גענומען אויפן שויס, איר מיט די פינגער געגלעט און געקעמט די ווייכע, לאנגע, ברוינע האָר און דערציילט:

— יאָ, מיין מיידעלע, דו ביסט שיין און מוזט אלץ שענער ווערן, ווען דו וועסט אויסוואקסן. דו וועסט אזוי שיין זיין, ווען דו וועסט אויסוואקסן און ווערן א גרויסע. און דאן וועסטו פון מיר באקומען א מתנה א פיין קלייד. און דו וועסט גיין אין גאס, אין על־דאָראדאָ און אין די גרויסארטיקע סאלאָנען אויף דער שאָסע־שטראסע און רייכע יונגע הערן וועלן מיט דיר רעדן און מיט דיר טאנצן. וויין וועסטו באקומען און בונטע זיסע ליקערן און געלט. אלע וועלן זיין צו דיר ליב און גוט און דיך קושן און גלעטן, און דו וועסט ברענגען דעם פאפא אהיים פיל געלט און אים אלץ שענקען. דו האָסט דאָך ליב דיין גוטן פאפא, ס׳וואָר, מיין קעצעלע? און ער וועט דיר אויך שטענדיק שענקען נייע קליידער און אויערינגלעך און קייטעלעך, אָבער דו וועסט אים אוועקגעבן דאָס גאנצע געלט, וואָס דו וועסט באקומען, כדי ער זאָל קענען דיך אזוי דערהייבן און דיר קויפן זיידענע קליידעלעך, יאָ?

און העני — זי האָט דעם פאָטער בכלל נישט ליב געהאט און אים נישט געקאָנט פארטראָגן, אויסמיידנדיק אים שטענדיק און

אויספּאַהאַלטנדיק זיך פון אים, — האָט אים פּשוט ארומגענומען ארום זיך, ארומגעשלענגלט און אויסגעשריגן פון נחת.

הענני איז נאָך דעמאָלט נישט געגאַנגען אין שולע, זי איז נאָך נישט אלט געווען קיין זעקס יאָר. אָבער איך בין שוין אלט געווען זיבן יאָר און איך האָב שוין געקאָנט שרייבן, כ'האָב שוין פאַרשטאַנען זייער פיל און האָב דאַן אָפט געפּרוּווט אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט זען, זיך צוהערן, וואָס דער פאָטער דערציילט הענין.

אזוי האָט זיך ביי אונז שטענדיק געפירט און אזוי איז ביי אונז אינדערהיים צוגעגאַנגען. נאָך זייט דער פאָטער האָט צוליב זיין טרינקען אָנגעוואוירן זיין שטעל און אונז איז אוועקגעגאַנגען אזוי שלעכט, זענען ביי אונז פאָרגעקומען געוויסע ענדערונגען.

די מוטער פלעגט שוין דעמאָלט זיין ווייניק אינדערהיים. זי פלעגט וואַשן וועש אין פאַרשידענע קינדערהייזער אָדער אין דער וועשעריי פון אונזער הויז, אויבן אין בוידעם־שטיבל אונטערן סאַמע דאַך. און דער פאָטער פלעגט, ווען ער פלעגט נאָר נישט זיצן אין קנייפּע, שלאָפן אינדערהיים, האַלטנדיק לעבן זיך הענין. ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, פלעגט ער איר דערציילן, וואָס פאַר א האָפענונגען ער לייגט אויף איר ארויף, ווען זי וועט ווערן א גרויסע און א שיינע.

ערשט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן זיך אָפּצווענדן און אָפּצוזייגן פון מיין פאָטער... האַסן האָב איך קיינמאָל אים נישט געקענט. כ'בין בכלל נישט פעיק צו האַסן. יאָ, שלעכט און ביטער איז צייטנווייז דעם, וועלכער קען נישט האַסן. צייטנווייז ווילט זיך אזוי שטאַרק אויסגיסן דאָס פאַרביטערטע האַרץ אין האַס און אין שנאה און לאָזן דאָס געפיל אויסברעכן מיט דעם. כ'האָב מיין פאָטער ליב געהאַט ביז מיין לעצטן בליק אויף אים.

ערשט דאַן, ווען ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען אהיים, ווען ער איז ערגיץ נעלם געוואָרן און איז געוואָרן א דערהאַינגערונג, — ערשט דאַן איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין מיר מיין לעצטע רחמנות, מיין לעצט געפיל פאַר אים. אָבער זייענדיק נאָך א קינד האָב איך אים ליב געהאַט, כ'האָב פון זיינע קלעפּ נישט געליטן,

זיי געווײַסערמאסן מקבל באהבה געווען. געליטן האָב איך אויך נישט דערפֿון, וואָס ער האָט מיך נישט ליב געהאט. איך פֿלעג מקנא זײַן העניז, ווען ער האָט זי געהאלטן אין שויס. פֿון אים פֿלעגט זיך שטענדיק טראָגן א ריח פֿון שנאַפּס. ווען ער פֿלעגט אויף מיר זיך בייזערן און שרײַען, זיך אײַנבייגן, כּדי מיך צו פּאַקן און שלאָגן, ווײַל איך בין אים געשטאַנען אין וועג און ער האָט נישט געוואָלט מאכן די דרײַ טריט אומוועג ארום מיר — פֿלעג איך דאָך דאָ בלײַבן שטיין, כּדי צו פֿארקערן די פּאָדלאָגע, אָדער איך פֿלעג דעמאָלט ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, כּדי זי צו שײַערן, ווײַל איך האָב געוואָלט די דאָזיקע ארבעט פֿארשפּאָרן דער מוטער, אָדער איך בין נאָר געשטאַנען בײַם טיש און ארײַנגעפּעדעמט פֿאר דער מוטער די נאָדלען פֿאר די קראַוואַטן — — ווען ער פֿלעגט זיך דאַן צו מיר אײַנבייגן, כּדי אויסצולאָזן אויף מיר זײַן כּעס, פֿלעגט מיר א שלאָג טון פֿון זײַן מויל דער ריח פֿון אלקאָהאָל-משקאות. דאַן פֿלעגט ער מיך שלאָגן מיט זײַן האַנט, וועלכע האָט אויסגעזען אזוי ווייך און פֿלעגט אזוי האַרט טרעפֿן. מיט זײַן פֿוס, וועלכער איז אין בײַליקע שיך געווען אזוי קליין און פֿײַן.

ער איז געווען זייער א שיינער, דער פֿאָטער מײַנער..

אפֿשר בין איך געווען אין אים פֿארליבט. איך בין געווען אינגאַנצן געראָטן אין מײַן מוטער, האָב אַלץ איבערגענומען בײַ מײַן מוטער, אויף אזוי ווייט, אז כ'האָב אויפֿן פֿאָטער געקוקט מיט אירע אויגן, געקוקט אויפֿן דאָזיקן גרויסן, שיינעם, שטאַרקן בלאָנדן מאַן מיט די קליינע הענט און פֿיס, מיט די קליינע אויערן, מיט די גלאַנציקע האָר, וואָס לאָזן זיך נישט פֿארקעמען און מיט די גראָע אויגן, וועלכע איך האָב אָבער נאָר געקענט ווען זיי זענען געווען רויטלעך און טריב און שוין נישט מער אין זייער פֿריערדיקן פֿײַכטן גלאַנץ פֿון זײַן אמאָליקער צערטלעכער יוגנט.

וואו בין איך? וואו האַלט איך?

נאָך בײַ יענעם ערשטן אָוונט פֿון מײַן באַוואוסטזיניקן לעבן, בײַם אָוונט, ווען איך בין געוואָרן באַוואוסטזיניק.

די מוטער האָט אראָפּגעלאָזט די האַנט־ארבעט אויף די קני און איך קוק זיך צו איר צו:

— דו ביסט הונגעריק, מיין טייערע? — האָט זי פּלוצלינג שטיל א פרעג געטון.

מיר פלעגן קיינמאָל נישט פיל רעדן איינער מיטן אנדערן, מיר פלעגן איינטלעך שטענדיק זיין צוזאמען שווייגנדיק. כ׳מיין, אז מיר פלעגט אָפט שטארק חידושן, ווען די מוטער פלעגט צו מיר אָנהייבן רעדן און פארפירן מיט מיר א געשפרעך. מיר האָט אוים־געוויזן פאר גאנץ איבעריק, וואָס מיר רעדן און פארשטענדיקן זיך דורך ווערטער. איך האָב זי געקענט און זי אזוי גוט פארשטאנען, זי איז געווען דער איינציקער מענטש, וועלכן איך האָב גענוג ליב געהאט, אום אים גוט צו פארשטיין, אום אים צו האלטן שטענדיק אין מיין הארצן.

אָבער צי איז נישט גענוג איינאיינציקן מענטש — און דער־צו נאָך מיין מוטער — צו האָבן ביי זיך אין הארצן און אים שטארק ליב צו האָבן, כדי דורך דעם אלץ צו וויסן, אלץ צו פאר־שטיין און, דער עיקר, צו דערקענען און אקצעפטירן דאָס לעבן?

— דו ביסט הונגעריק, מיין טייערע? — האָט מיך געפרעגט איר זיסע, טיפע שטים.

מאנכעמאָל, מאנכעמאָל פלעגט זי זיצן אויף מיין בעט, ווען הענריעטע און מארקום זענען שוין געשלאָפן, און פלעגט אין דער שטיל זינגען א וויגליד, מיט וועלכן איר מוטער פלעגט זי אמאָל איינשלעפערן.

שלאָף אין זיסער רו
מאך דיין אייגעלע צו
הער, ווי ס׳פאלט דער רעגן,
הער, ווי ס׳בילט דעם שכנס הינטל.

כ׳האָב אויף מיין מוטערס פראגע, צי איך בין הונגעריק, א שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. כ׳בין טאקע געווען הונגעריק.

אין דער רגע, ווען די מוטער האָט מיר וועגן דעם געפרעגט, האָב איך אים דערפילט, דעם הונגער. כ׳האָב אָבער געוואוסט, אז ביי אונז איז גאָרנישטאָ, מיט וואָס מ׳זאָל אים קענען לינדערן. כ׳בין געשטאנען ביי דער טיר און געזען, ווי זי האָט, בעת דער פאָטער איז געשלאָפן אין דער נישט געהייצטער קיך, זיך גע־

גריבלט אין זיינע טאשן און דאָרט געזוכט געלט. זי האָט אָבער דאָרט נישט געפונען קיין פּרוטה און נישט געהאט דעם מוט, נאָך אמאָל צו גיין צו דער שכנטע עפּים צו באָרגן ביי איר. דעמאָלט האָט די מוטער זיך נאָך געהאט געשעמט פאר איר אָרימקייט, פאר איר מאן, פאר איר לאנגזאמער ירידה. שפּעטער, ווען ערגער איז שוין נישט געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן צו טראָגן דעם קאָפּ העכער, און אָננעמען בליקן פון מיטלייד געלאסן און שאדנפרא שטאָלץ, זי האָט שוין אויפגעהערט אראָפּצולאָזן די אויגן ביים באגעגענען זיך מיט באקאנטע און געטראָגן איר שווערן גורל, ווי אלע פרויען פון יענע מאסן אין הייזער: גלייכגילטיק, כמעט מיושבדיק. זי איז ביסלעכוויז געוואָרן א חברטע... ווער עס טראָגט די זעלבע קייט, וואָס אנדערע טראָגן, שעמט זיך מער נישט פאר איר...

כ'האָב א שאָקל געטון מיטן קאָפּ. כ'האָב געוואָלט, אז זי זאָל רעדן ווייטער. כ'האָב שטארק ליב געהאט איר שטים. כ'הער נאָך שטענדיק, ווי זי פלעגט מיר זינגען:

ס'הינטל האָט דעם מאן געביסן,
האָט דעם בעטלערס קלייד צעריסן,
שלאָף, מיין קינד, אין זיסער רו,
מאך ביידע אייגעלעך צו."

די מוטער האָט באצייטנס אוועקגעשיקט שלאָפן הענריעטען און מארקוסן. באלד נאָכדעם איז צוריקגעקומען דער פאָטער.

די מאמע האָט באצייטנס משלח געווען די קינדער אין בעט אריין, ווייל זי האָט מורא געהאט, אז זיי קענען נאָך ליארמען און שטיפן, — דאן וואָלט דער שיכורער געוואָרן ווילד און וואָלט געמאכט אוואנטורעס. הענין פלעגט ער נאָך שאָנעווען, ווי שיכור ער זאָל נישט זיין, אָבער דעם קליינעם מארקוסן קען ער, ווען ער שרייט, א כאַפּ טון און א שליידער טון אין דער פאָדלאָגע, ער האָט שוין נישט איינמאָל אזוי געטון און דאָס קינד איז פון שרעק פארטייבט געוואָרן און אויף עטלעכע מינוט אָנגעוואוירן דאָס לשון. איצט שלאָפן זיי שוין אינעם דאָזיקן טריען, קאלטן און נאסן ווינטל.

באלד נאָכדעם, ווי די מוטער האָט די קינדער געטראָגט צו זיי שלאָפן שוין, האָבן זיך דערהערט דעם פאָטערס טריט. ער האָט א

שטוים געטון די טיר פון דער קיך און מיט שווערע טריט איז ער צו אונז אריינגעקומען אין צימער אריין. כ׳האָב נישט מורא געהאט, ווייל שטייענדיק ביים פענצטער, האָב איך אים דאָך נישט פארשטעלט דעם וועג און אים נישט געשטערט, כ׳האָב אָבער געשפירט, ווי די מוטער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. ער איז פאמעלעך צוגעקומען צו אונז נענטער און זיך אנידערגעשטעלט לעבן מיר. וואָס פאר א היץ ס׳האָט פון אים דעמאָלט געשלאָגן! אין דער היץ זענען געווען נישט קיין אָנגענעמע ריחות פון ביר און בראָנפן.

פלוצלינג האָט ער מיך א כאפ געטון, ארומגענומען און מיך א הייב אויף געטון אין דער הויך...

דאָס איז געשען דאָס ערשטע מאָל דער פאָטער זאָל מיך נעמען אויף זיין אָרעם. ער האָט מיך אזוי פעסט צוגעדריקט צו זיך, פונקט ווי ער האָט געמוזט מיך פון עמיצן אוועקרייסן, אָדער ווי עמיצער וואָלט געוואָלט מיך ביי אים אוועקנעמען.

און דאָ האָט שוין די מוטער א שפרונג און זיך א ריס געטון פון איר אָרט, אויסגעשטרעקט די אָרעמס און האָט עפּיס געשריגן, אזעלכעס, וואָס איך האָב נישט פארשטאנען. ווייל האלב אין מורא און האלב אין גליק האָב איך מיין קאָפּ געטוליעט און געדרוקט צום פאָטערס האלדז. זיין האלדז איז געווען גאנץ ווייך און פון אים האָט געשלאָגן א היץ. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס געווען וואָס איך בין געווען אזוי נאָענט צו אים. מיין מויל איז געלעגן אויף דער נאקעטער הויט. איך האָב זי איינגעזייגט מיט מיין יאָנגדיקן אָטעם, כ׳האָב נישט געוואגט צו קושן זיין הויט.

כ׳בין דעמאָלט אלט געווען פיר יאָר...

כ׳האָב זיך געדריקט אונטערן פאָטערס פרעסנדן אָרעם וואָס ענגער צו אים.

אין דער דאָזיקער רגע האָב איך — דאָס איינציקע מאָל איז דאָס געווען — פארראטן מיין מוטער. כ׳האָב געגלויבט, אז איך האָב דאָ ליב געקראָגן מיין פאָטער אזוי, ווי די מוטער האָט אים אמאָל ליב געהאט... ער האָט מיך געזאָלט מיט זיך מיטנעמען, אוועקטראָגן אלץ איינס, וואוהין, הלוואי וואָלט ער עס נאָר געטון — האָב איך זיך געטראכט: מיט אים וואָלט איך געגאנגען אפילו

אויף יעדן אומגליק. כ'בין געווען גרייט אלץ אין דער וועלט צו פארלאָזן, אפילו מיין מוטער. כ'האָב אויפן פאָטערס ברייטער ברוסט אָן איר גאָר פארגעסן...

און איך האָב געהערט איבער מיר זיין דעמאָלט שוין הייזע־ריקע שטים:

— וואו איז זיין היטל? ארייננברענגען זיין היטל!

ווי פון ווייטע מרחקים האָט די מוטער געפליסטערט:

— אָבער וואָס ווילסטו דען פון מיטן יינגל? דו גייסט אוועק: מיט אים? געאָרג, אָ, כ'בעט דיך, דערבארם זיך... וואוהין נעמסטו אים מיט?

דער פאָטער גייט שוין. ער דריקט מיר אזוי פעסט צו צו זיך, כ'וועל שיער נישט דערדריקט אויף זיין האלדז. ער טראָגט מיך...

ווען די מאמע פלעגט מיך טראָגן, פלעג איך שטענדיק מורא האָבן. כ'האָב מורא געהאט, כ'זאָל איך נישט זיין צו שווער, און פלעג זיך באמיען צו מאכן לייכט, ווי כ'האָב נור געקאָנט. כ'האָב געמיינט: אָט, אָט פאל איך ארויס פון אירע הענט.

... זי איז געווען שטארק און האָט נישט נאָכגעגעבן קיין שום שוואכקייט אין זיך. זיך נישט געלאָזט בייגן. אָבער מיר, ווען זי פלעגט מיך נאָך אזוי הארציק ארומנעמען, האָט זי אויסגעוויזן צו זיין שוואך און פארדאגהט, צעבראָכן און אָן כוחות. און איצט, צום ערשטן מאָל, האָב איך געטראָגן די קראפט אליין. א קראפט און א מאכט, וואָס איז איר אוממענגלעך זיך ווידערצושטעלן, באקעמפן און צעברעכן, האָט מיך ארומגעכאפט און איך האָב זיך געפילט אין א זיכערקייט, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט, כ'האָב געפילט, אז כ'האָב נישט וואָס מורא צו האָבן, אז כ'האָב אויף וועמען זיך צו פארלאָזן.

פאמעלעך, שרעקנדיק זיך, פרואונדיק, האָב איך זיך אָנגענומען כח און געוואגט ארויפצולייגן דעם ליגקן אָרעם אויפן פאָטערס האלדז און אים פעסט ארומצונעמען. די היץ, וואָס האָט פון אים געזעצט, האָט מיך באטויבט.

— מיינס א זאך — האָב איך געהערט זיין קול — איז ער

רען נישט מיין קינד? וואוהין איך וועל גיין פרעגסטו? אויסגעצייבנט! נישט דיין עסק? וואָס גייט עס דיר אָן?

און ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין ספּעציפיש בערלינישן דיאלעקט. פּלאַץ דאַ! האָסט שוין לאַנג נישט געהערט דיין אייגן געשריי?

די מוטער האָט דאָס מאָל נאָכגעגעבן. ער האָט מיך צוגעטראָגן צו דער טיר און פון דאָרטן — אין גאַס אַרויס. ער האָט אַ כאַפּ געטון אויפן וועג אַ האָקן, ערגעץ געפונען אַ הוט.

— טעדי! — האָט די מוטער געשריגן הינטער אונז — געוואָרן! טעדי!

דער פאָטער האָט געברומט.

— יאָ, איבערמאָרגן — האָט ער הויך געענטפערט.

דאַן האָט זיך די טיר פון קאָרידאָר אַ פּראַל געטון און זיך פאַרמאַכט הינטער אונדז. און, די האַנט אָן די פאָרענטשעס, איז דער פאָטער אַראָפּ איבער די פיר שטיגן.

כ'האָב אים אַרומגעקלאַמערט, כ'זאָל נישט אַראָפּפאַלן, הגם ער האָט מיך געהאַלטן גאַנץ פעסט.

כ'האָב געהערט, ווי אויבן האָט זיך מיין מוטער אַ וואָרף געטון פון דער וואוינונג און זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּ. זי האָט אָבער נישט געוואָגט מער צו שרייען און אונז נאָכצולויפן און איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג צוליב מורא פאַר די שכנים. זי האָט נישט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל עפּיס באַמערקן און זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ לעבן מיר פירן. זי האָט נאָך אפשר געגלייבט, אַז קיינער פון די שכנים אין הויז ווייסט נישט, ווי ביי אונז זעט אויס און וואָס פאַר אַ חורבן ביי אונז איז פאָרגעקומען. כ'האָב אָבער געהערט איר פליסטערן, זי האָט אָנגערופן מיין נאָמען. כ'האָב מורא געהאַט, זי זאָל אונז נישט נאָכלויפן, כדי מיך אַרויסצורייסן פונעם פאָטערס הענט. און כ'האָב אים אַרומגעשלענגלט נאָך פעסטער, פאַרמאַכט די אויגן.

הגם ער איז געגאַנגען נישט מיט קיין פעסטע טריט און זיך געוואַקלט ווי יעדער, וואָס האָט זיך אָנגעשיכורט, האָב איך זיך דאָך געפילט ביי אים זיכער, כ'האָב זיך געפילט ווי מ'האָט מיך איבערגעגעבן

אין אַ קעסל, גענומלט און געטרייסלט, געשווייבלט און געגריבלט אונטער דער שווץ פון אן אומבאַשרייבלעך פורכטבאַר-זיסער מאַכט. כ'האָב שוין נישט געהאַלט צוריק צו דער מוטער. מיר האָט שוין איצט געצויגן צום פאָטער. מיר האָט זיך געוואָלט זיין מיט אים, וואוהין ער זאָל נישט גיין און זיך נישט ווענדן...

ער האָט מיך געטראָגן איבער דער גאַס. ס'איז געווען שטיל ביי אונז אין דער גאָרטנשטראַסע, אָבער דאָ, ווי זי פאַלט אריין אין דער אינוואַלידנגאַס, איז געווען ליכטיק, ס'האָט געקאָכט ווי פון מענטשן. כ'האָב זיך אומגעקוקט: פון אַ אויסטערלישער הויך האָב איך געזען די גאַס. פיל פון די דורכגייער, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער די טראָטואַרן מחנותווייז, האָבן געהאַט פנימער פיינע, ווי מיין שיינער פאָטער. זיי זענען אַלע געווען פון מיר שרעקלעך נאָענט. כ'האָב אָבער פאַר זיי נישט מורא געהאַט און זיי האָבן מיך נישט געשראָקן. אַלע זענען געווען פאַר מיר ווילד-פרעמד און דאָס איז מיר געפעלן געווען. דאָס האָט געהאַט אין זיך אַ מין רייץ. כ'האָב פון אויבן געקוקט אין די וויטטאַוועס און וויטרינעס, אויף פלייש, געבעקס, שאָקאָלאַדן און פאַרשידענע דעליקאַטעסן. אין מויל האָט געדיכט ארויסגעטרעטן אַ סליונע. דער הונגער האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט, דער מאָגן האָט מיר ווי געטון. כ'האָב געקוקט ווייטער: אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, טראַמווייען און מענטשן — אָן אַ שיעור, בליצנדיקע דראָטן אין דער לופט פון הויז צום הויז אַקעגנאיבער און אַראָפּ איבער דער ברויזנדיקער גאַס. ס'האָט געקאַפּיעט ביינאַכט אַ רעגנדל. ס'איז מיר נישט געווען קאַלט, די היץ פון מיין פאָטער האָט מיך ארומגעהילט און דערוואַרעמט.

ער האָט מיך געטראָגן צום שטעטינער וואָקזאַל. ס'איז געוואָרן אַלץ מער טומלדיק און ליאַרעמדיק. מיר האָבן דערגרייכט דעם ברייטן פלאַץ פאַרן וואָקזאַל. דאָ פאַרן הויפּט איינגאַנג זענען געשטאַנען אין רייען דראָזשקעס און אויטאָס. כ'דערמאָן זיך: אַי-געוויייניק, אין דער האַלע, איז געהאָנגען אַ גרויס בילד: וואַסער, בערגן, אַ דאַמפער. אַהין פלעגט מיך די מוטער מאַנכעסמאָל פירן און מיר עס ווייזן. כ'פלעג דאַן זיך אָפּשטעלן פאַרן בילד און דאָס

באקוקן לאנג, זייער לאנג. דאָס איז שטענדיק געווען אַ מין טעאַטער פאַר מיר אָדער אַן אויספלוג — דעם דאָזיקן ריזיקן פּלאַקאַט צו באַטראַכטן, דאָס טעאַטער פון אַרימעלייט.

פון דעם איז אַלזאָ צו זען, אַז נאָך פאַרן דאָזיקן אָוונט האָב איך דאָך שוין געלעבט, בילדער אויפגענומען און איבערגעלעבט פאַרשידענע געפילן.

איצט האָב איך געפּאָלגט: דעם בליק פון מיין פאָטער, וועלכער האָט זיך אומגעקוקט ארום זיך — וואו ער האָט געקוקט, האָב איך אויך אהין געווענדט מיין בליק. דאָ, נישט ווייט פון אַ ציי־טונגס־קיאָסק, איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט און האָט אויף אונז געוואָרפן פאַרשנדיקע בליקן, אונז באַטראַכט. אפשר האָט מיין פאָטער אויסגעזען פאַרדעכטיק. אַ בלאָנדער, שיכורער קערל, וואָס טראָגט אויף די הענט אַ קליין דאַר, שוואַרץ יינגל. כ'האָב אָבער, בשעת מעשה, געהאַט אַ גליקלעך פּנים, כ'האָב מסתמא געשיינט און געשטראַלט פון נחת און גליק, און דאָס האָט געווים אָפּגע־ווישט דעם חשד, וואָס דער פאָטער האָט דערוועקט מיט זיין פּיגור און אויסזען.

פאַרן דאָזיקן פּאָליציאַנט האָט מיין פאָטער זיך צוריקגעצויגן, משמעות, אַז ער האָט פאַר אים מורא געהאַט.

— שוין לאַנג נישט געזען, און דאָך נאָך באַקאַנט, — האָט דער פאָטער געברומט — כ'בין ניכטער, ווי אַ וואַסער־קוואַל.

און ער האָט זיך אומגעקערט.

אויפן ראָג גאַס איז געווען אַ פּאָסטאַמט. געלבע פורן זענען אהין אַריינגעפאָרן און אַ גרויסע מחנה בריוטרעגער זענען אַרום פון דער פּאָסט־געביידע.

מיין פאָטער האָט, געמיטלעך, איינעם פון זיי פאַרהאַלטן אויף אַ רגע.

— נו, ברודערקע — האָט ער זיך צום בריוטרעגער גע־ווענדט — איז אפשר עפּיס דאָ פאַר מיר?

איינער האָט זיך לאַכנדיק אָפּגערופן:

— גיין, פאַר אייך איז גאָרנישטאָ.

דער פאָטער איז אָבער געבליבן אין דער זעלבער געמיטלע־

גער שטימונג. ער האָט צערטלעך געזאָגט, לויפנדיק הינטער דאָזיקן מענטש:

— דיך, ברודערקע, פלעג איך דאָך זען שעהנלאנג אָפּזיצן אין שענק און אריינגיסן אין זיך אויף וואָס די וועלט שטייט.

אלע האָבן מיין פאָטער גוט געקענט אין יענער געגנט. ס'קען זיין, אז אלע האָבן צו אים געהאט א געוויסע סימפאטיע און ער האָט ביי אלעמען נושא חן געווען. ס'קען זיין, אז ער פלעגט שטענדיק זיין צו אלעמען פריינטלעך און גוטמוטיק און אויסגיסן זיין ביטער הארץ פלעגט ער נאָר אינדערהיים, מאכנדיק דאָרט אוואנטורעס און סקאנדאלן.

פלוצלינג האָט ער מיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. ער האָט מיך א שטעל געטון אויף די פיס אזוי העפטיק, אז איך האָב נישט ווילנדיק ארויסגעלאָזט א געשריי פון ווייטיק. מיין געשריי האָט אויף אים נישט געהאט קיין שום ווירקונג. ער האָט זיך גאָרנישט געקימערט, און אים האָט לגמרי נישט פארדראָסן, וואָס ער האָט מיר פארשאפט אזא ווייטיק. אין א רגע ארום האָב איך דערפילט זיין ווייכע האנט אויף מיין קארק. ער האָט מיך אריינגעשטופּט אין עפּיס א טויער פון א הויז און, טיף איבער מיר איינגעבויגן, האָט ער צו מיר באפעלעריש געזאָגט, איינהילנדיק מיך אינגאנצן אין זיין ביר-אָטעם:

— דאָ זאָלסטו שטיין און זיך נישט רירן פון אָרט, דו הערסט, דו בענקארט איינער? דאָ, פארן טויער. טו אוים דעם הוט, האלט אים אין דער האנט, אָט אזוי, פאר דיר, אויסגעשטרעקט צו די דורכגייער. און דאן זאָלסטו כסדר זאָגן: אָ, ס'הונגערט מיך, ביטע, ביטע, ליבע דאמע, מיך הונגערט... און ווען ס'וועט דורכגיין א מאנספארשוין, זאָלסטו — לייג צו קאָפּ, דו טיפש איינער — דאן זאָלסטו זאָגן: ליבער הער, כ'בעט אייך, כ'בעט אייך זייער! פארשטייסטו, דו אייזל-קאָפּ איינער? אָדער ס'איז דיר שווער צו פארשטיין, וואָס? בעטלען זאָלסטו, בעטן נדבות, דו הערסט? אזוי ארום וועסטו פארדינען געלט. דיין פאָטער צו דערגערן. שטיי-זשע דאָ און ריר זיך נישט! קוק זיי אָן די מענטשן, וואָס גייען פארביי, און זאָג צו זיי, וואָס כ'האָב דיר

געהייסן. כ׳וועל צו דיר ווידער קומען, אָבער דאן וויל איך שוין נישט אוועקגיין מיט קיין ליידיקע הענט, דו הערסט?

און פלוצלינג האָט ער מיך אַ קוש געטון, הויך, הארט, משמאָקנדיק.

כ׳האָב זיך אַ שאָקל געטון פון זיין קוש. כ׳האָב געהאלטן אין דער האנט מיין פאָטערס הוט, זיין שטייפן זונטאָגדיקן הוט, אַ הוט, וואָס ער האָט זיך געקויפט און געטראָגן נאָך אין די אמאָליקע גוטע יאָרן, מיט אַ ווייסן, אטלעסענעם אונטערשלאק, אָבער דער הוט האָט געהאט אויף זיך ווייסע פלעקן פון בראָנפן. כ׳בין געבליבן שטיין איינער אליין. כ׳האָב זיך, שטארק פארצווייפלט, ארומגעקוקט ארום זיך, ארום און ארום. דער פאָטער איז שוין ערגיץ וואו פארשוואונדן געוואָרן. כ׳בין געווען איינער אליין...

אליין אויף דער דאָזיקער קאָבעדיקער גאס, וואָס האָט געווימלט מיט מענטשן. כ׳בין געשטאנען אליין, אזא קליינער און עלנטער, דורכגעווייקט פונעם רעגן. כ׳האָב נישט געהאט קיין מאנטל, בלויז אַ דין רעקל, קיין היטל כ׳האָב געטראָגן אויף די פים שטעק-פאנטאָפל, נישט געהאט קיין זאָקן. דער פאָטער האָט מיך אוועקגעטראָגן און געבראכט אהערצו ווי כ׳בין געשטאנען און געגאנגען. ס׳איז מיך באפאלן עפּים אַ מאָדנע מורא. כ׳האָב אויסגעשטרעקט די האנט — מיטן אָפענעם הוט און האָב אַ געשריי געטון: — מיך הונגערט.

*

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין לעבן, מ׳שטיינס געזאָגט מיך האָט געהונגערט...

כ׳בין געשטאנען ביים טויער, געהאלטן קראמפהאפט און פעסט אויסגעשטרעקט דעם הוט, אין וועלכן די, וואָס זענען האסטיק פארבייגעגאנגען, האָבן זיך אָנגעשטויסן, און כ׳האָב שוין מער נישט געשריגן, נאָר געפליסטערט: — מיך הונגערט...

דאָס איז געווען אַ באפעל, וועלכן איך האָב געפאָלגט. כ׳האָב עס געטון, ווייל מ׳האָט מיר געהייסן אזוי טון. אָבער כ׳בין טאקע באמת געווען הונגעריק. און ווער האָט מיך געהערט?

די גאס איז געווען פול און ס'האט שרעקלעך געדרוישט און געליאַרעמט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יעדע רגע ריזיקיר איך צעטרעטן און צעריבן צו ווערן דורכן המון דורכגייער, וועלכע האָבן געהאַלטן עפּיס אין איין אײַלן זיך... הינט זענען געקומען און מיך באַשמעקט. כ'האָב נישט קיין מורא געהאַט פאַר קיין הינט, כ'האָב אָבער נישט געוואָגט זיי צו גלעטן. פון האַלטן די האַנט אַזוי לאַנג און כסדר אויסגעשטרעקט האָט זי מיר אָנגעהויבן ווײ טון און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס'האָט בײַ מיר אָפּגענומען די רעכטע האַנט, מיט וועלכע איך האָב געזאַמלט נדבות. דער הוט אין דער האַנט איז געוואָרן אַזוי שווער, אַז כ'האָב אים געמוזט האַלטן שוין מיט בײדע הענט.

כ'האָב נאָר אַרײַנגעקוקט גיך אין די אויגן די שמוציקע הינט. איין הונט איז געווען גרעסער פאַר מיר, כ'האָב זיך אײַנגעבויגן, און ער האָט מיט זײַן וואַרעמע, נאַסע צונג אַ לײַכטן לעק געטון מײַן פּנים. כ'האָב זיך צעלאַכט. אין דער דאָזיקער רגע האָב איך פאַרגעסן אין מײַן הונגער. דער הוט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, צוזאַמען מיט מײַנע מידע הענט.

דאַן האָט זיך אין אים דערהערט עפּיס אַ קלאַנג און דאַ האָב איך ערשט געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז אין אים געפינט זיך געלט

כ'האָב נאָכנישט געוואוסט, וואָס געלט איז אַזוינס. כ'האָב נישט געוואוסט קיין „צורת מטבע", נישט געוואוסט, צי די מטבעות, וואָס ליגן אין הוט, זענען קופּערנע, אָדער ניקלענע. כ'האָב אויך נישט געוואוסט, ווי לאַנג איך בין אַזוי אָפּגעשטאַנען.

איינמאָל איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ פרוי, אַ יונגע פרוי, האָט זיך צו מיר אײַנגעבויגן און מיר אַ גלעט געטון איבער דער באַק. זי האָט מיר געגעבן אַן עפּל. כ'האָב אים אָבער נישט געקענט געמען — כ'האָב נישט געטאָרט אַרויסלאָזן דעם הוט פון דער האַנט און אים קראַמפּהאַפט די גאַנצע צײַט געהאַלטן. האָט די פרוי אַרײַנגעלייגט דעם עפּל אין מײַן מאַש אַרײַן. כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט דערבײַ געזאָגט. זי איז באַלד שנעל אַוועקגעגאַנגען ווײַטער.

א קינד עפּיס האָט אויף מיר אָנגעוויזן, איז געבליבן שטיין. אָבער די, וואָס זענען געגאַנגען מיטן קינד, האָבן אים גישט גע־לאָזט זיך אָפּשטעלן און אים געהייסן גיין ווייטער.

כ׳בין איצט שוין נישט געווען הונגעריק, כ׳האָב אָבער נאָך אַלץ געפּליסטערט:

— מיך הונגערט...

אמאָל האָב איך, גאַנץ אומגערעכט, דערזען דעם פּאָטער לעבן מיר. ער איז פאַר מיר, ווי ארויסגעוואַקסן פון דער ערד. כ׳ווייס נישט, איז ער געשטאַנען אקיינגאַיבער און פון דערווייטנס זיך צו־געקוקט, ווי איך טו אָפּ די מלאָכה פון בעטלען. ער האָט מיך אריינגעצויגן אין טויער אריין און א כאַפּ געטון דעם הוט. ער האָט געלאַכט.

— אָט אזוי, אָט אזוי, ביסט א וואוילער יינג, כ׳לעבן! — האָט ער מיך געלויבט — איצט זע איך, אז מ׳קען פון דיר האָבן נוצן, מיין ליב יינגעלע!

אָ, ער האָט מיך געקושט און געקלאַפּט הארט אין די פּליי־צעס, ווי א גרויסן פריינט. און מיר האָט עס ווי געטון, אָבער ס׳איז געווען א מחיה צו באַקומען אזעלכע קלעפּ.

כ׳האָב געהאָלפן דעם פּאָטער, כ׳האָב פאַר אים פאַרדינט געלט. ער האָט געשמעקט מיט שנאַפּס. ער האָט געווים נאָר־וואָס געמאַכט א כוסה, אויף באָרג. און איצט איז ער געלאָפן באַצאָלן, ווייל ער איז שוין ווידער אוועק, ער האָט מער גאָרנישט געזאָגט, ער האָט מיך געלאָזט שטיין ביים טויער. כ׳בין ווידער צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו כ׳בין פריער געשטאַנען. און מיטן אויסגעליידיקטן הוט אין דער האנט, אויסגעשטרעקט אין נאָס ארוים, האָב איך ווידער געפּליסטערט:

— מיך הונגערט...

מענטשן זענען אריינגעגאַנגען דורכן טויער אין הויז אריין. אן אלטער מאַן, וואָס איז אריין אין הויז האָט מיך מיט רוגזא א שטויס געטון מיטן שטאָק און האָט זיך געבייזערט:

— גיי אוועק פון דאנען, טראָג זיך תיכף אָפּ. דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאַר בעטלער, א רוח אין דיין טאַטן אריין!

ווען ער איז אָבער פארשוואונדן געוואָרן, בין איך צוריק צוגעקראָכן צום זעלבן אָרט. מיך האָט דורכגענומען א קעלט. גרויסע טראָפּן זענען דאן גראָד געפאלן פון דער רינע און דאך אויף מיין אויסגעשטרעקטע האנט, און ווען איך האָב זיך איינגעבויגן, — אויף מיין קאָפּ. כ'בין געווען דורכגענעצט ביז די ביינער. דער דינער שטאָף פון מיין רעקל און העמד האָט אין זיך איינגעזאפּט די גאנצע פייכטקייט. איך בין געווען אזוי פארווירט, אזוי מבולבל און פארטייבט. כ'האָב נישט געוואוסט, ווי אזוי, דורך וועלכע גאסן צו גיין אהיים. און אהיים גיין האָט זיך מיר זייער שטארק געוואָלט. אָט הויבט זיך אָן, אקעגן דעם אָרט, ווי איך בין געשטאנען, א פינצטערע גאס. און ווייטער נאָך און נאָך גאסן, גאָט מיינער, וויפל גאסן! אפשר פירן זיי אָדער לפּחות איינער פון זיי צו דער גאס, וואו מיר וואוינען?...

אויף דער גאס איז געוואָרן אלץ שטילער און שטילער. ס'איז שוין, אפּנים, שפּעט: די געשעפטן זענען שוין געווען געשלאָסן. די פענצטער פון די וויסטאוועס און וואוינונגען ווערן טונקל. ס'ווערן אראָפּגעלאָזט די זשאלוזשעס, ס'פאָרן שוין ווייניקער דראָזשקעס און אויטאָס. איך בין געווען שרעקלעך מיד. כ'בין שוין איינגעשלאָפן שטייענדיק. אין הוט איז ווידער געווען געלט, דער פאָטער איז אָבער מער נישט געקומען נאָך געלט. ער איז געווים געלעגן טויט-שיכור ערגיץ אין א שענק, אויף א נאקעטער באנק אָדער אונטער א טיש, אָדער דער שענקער האָט אים — אין אזא באשטאנד פלעג איך אים שפּעטער אָפט טרעפן — א טויט-שיכורן און באוואוסטלאָזן, ארויסגעשטופּט אין הויף אריין, לעבן דעם מיסטקאסטן. אויף אזא אָרט פלעג איך אים אָפט טרעפן און „נעכטיקן" פלעגט ער אין א רעמיזע אונטער א געשעפט פון אויטאָס. ס'פלעגט זיך אויך טרעפן, אז מ'פלעגט אים א טויט-שיכורן ארויסטראָגן פון דער שענק אויף דער גאס און אוועקלייגן ערגיץ ביי א וואנט פון א מויער און ער פלעגט דאָרט איבערנעכטיקן און ליגן ביז ער פלעגט זיך נישט אויסניכטערן...

אויף דער גאס איז פאמעלעך און בהדרגהדיק געוואָרן גאנץ שטיל, כמעט ליידיק. איצט איז דאָרט געווען גאנץ שיין. כ'האָב

ניט געשפּירט קיין שום הונגער און קיין פייכטקייט. דעם הו האָב איך אוועקגעלייגט פאר מיר אויף דער ערד. כ׳האָב מאנכע-מאָל געהערט, ווי א דורכגייער, האָט צו מיר עפּיס געזאָגט, אָפּ-שטעלנדיק זיך אויף א רגע פאר מיין היטל. כ׳דערמאָן זיך נאָך, ווי יענער מענטש האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם הוט, ווי ער האָט דערביי געלאכט און דאָס געלט פון הוט אויסגעשאָטן אין זיין האנט... כ׳האָב געפּליסטערט:

— מיך הונגערט...

יאן האָט אָט דער מענטש מיך א שטויס געטון אין ברוסט. איך בין געווען אזוי שוואך, אז פון אָט דעם שטויס בין איך א פאל געטון צו דער וואנט פונעם מויער. ער האָט איבערגעלאָזט דעם הוט און איז אוועקגעגאנגען ווייטער, פייפנדיק גאנץ לאנגזאם. כ׳האָב אים נאָכגעקוקט דורך א שלייער פון טרערן, וועלכע האָבן שטארק געברענט פון מיינע אויגן. ער איז אריבערגעגאנגען אויפן צווייטן טראָטואר און אריין אין א שענק. שטענדיק, ווען די טיר פונעם דאָזיקן שענק פלעגט זיך עפענען, פלעג איך הערן טענער פון א גראמאָפאָן. אפשר איז דאָרט דעמאָלט געזעסן מיין פאָ-טער און דער, וואָס האָט אויסגעליידיקט מיין הוט און צוגענומען פון דאָרט דאָס אויסגעבעטלטע געלט, איז געווען זיינער א גוטער פריינט, אפשר א חבר, און ער האָט אים געשפּענדעט איינע פון די מטבעות, וועלכע ער האָט ביי מיר צוגענומען און וועלכע זענען געווען אויסגעשנאָרעט פארן פאָטער טאקע?

אין אזא צושטאנד, אין האלבן שלאָף, האָב איך אָנגעהויבן צו פארלירן מיין הייסע, הילפלאָזע ליבע צו מיין פאָטער.

כ׳האָב נאָך אמאָל דערוואכט פון מיין דרעמל. ס׳איז געווען צען אזייגער. מ׳האָט פארשלאָסן דאָס טויער פון הויז. קיינער האָט מיך ניט באמערקט. אין מיין ווינקל איז ניט געפאלן קיין שיין פון די לאמטערנעס. כ׳בין ווידער איינגעשלאָפן אין מיין ווינ-קעלע. זיך ווידער אויפגעכאפּט פון שלאָף. ווי שפּעט איז דעמאָלט געווען? די גאס איז געווען אינגאנצן ליידיק. אויפן טראָטואר, אויפן ברוק און אויף די דעכער איז געווען כמעט טרוקן. ס׳האָט געבלאָזן א ווינטל, ס׳האָט מער ניט גערעגנט. אויף דער גאס

איז נישט געווען צו זען קיין לעבעדיקע נשמה. כ׳האָב געקוקט ארום זיך און נישט געוואוסט, וואו איך האָב זיך געפונען, און ווער ס׳האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. איז נישט אמאָל די מוטער געשטאנען איבער מיר?

מיין הארץ האָט דערהערט איר רוף, וועלכער איז נאָכנישט דערגאנגען צו מיין אויער. כ׳בין געלעגן אין מויער, האלטנדיק צו מיר צוגעדריקט מיין הוט, אין וועלכן ס׳האָט שוין ווידער שטיל געקלונגען. כ׳האָב ארויסגעקוקט אויף דער גאס — ס׳זענען דאָ געשטאנען מיידלעך אליין און זאלבענאנד. איינע איז פארבייגע־גאנגען מיט זאכטע טריט. זי האָט מיך דערזען און איז צו מיר צוגעגאנגען.

— וואָס איז מיט דיר, ייִנגעלע מיינס? — האָט זי צו מיר געזאָגט — וואָס טוסטו דאָ אזוי שפּעט און ווי קומסטו אהער? ס׳האָט דיך ארויסגעוואָרפן פון שטוב? דו וואוינסט דאָ אין הויז?

— כ׳האָב געפּליסטערט — דאָס איינציקע, וואָס כ׳האָב גע־וואוסט און געדארפט:

— מיך הונגערט —

דאָס מיידל האָט ארויסגעלאָזט אן אויסגעשריי, זי האָט זיך א כאפּ געטון פאר איר טאש און האָט מיר אריינגעשטופּט אין האנט אריין א גרויסע מטבע. פון איר האָט זיך געטראָגן א פּיי־נער ריח אזעלכער, וועלכן איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט, ווי פון א בוים נישט פון אונזערע קאנטן. פון בלומען האָב איך דעמאָלט געקענט נאָר אסטערן און פלידערן, וועלכע מ׳האָט גע־קענט קויפן אזוי וואָלוול אויף די וואָגנס, און די מוטער האָט שוין צוויי מאָל מיטגעבראכט מיט זיך.

אָבער ווען דאָס מיידל האָט מיט מיר געוואָלט רעדן, איז פון דער אנדערער זייט גראָד פארבייגעגאנגען א חער. דאן האָט זי א שפּרונג אויף געטון, איז נאָכגעלאָפן דעם דאָזיקן הער און האָט מיט אים אָנגעהויבן רעדן, גייענדיק מיט אים ווייטער. זי האָט האָט זיך מער אויף מיר נישט אומגעקוקט.

ס׳האָט זיך מיר גראָד געוואָלט ווידער איינשלאָפן, ווי פּלוצ־לינג האָט אויף דער גאס טיף אויפגעטויכט א קליינער שאָטן.

א קליינע פרוי איז דאָ געלאָפן, צעטראָגן און אומרואיק, פון איין זייט אויף דער אנדערער. כ׳האָב באלד געוואוסט: דאָס איז מיין מוטער...

זי האָט מיך געזוכט — און איך האָב געוואָלט אויפשטיין, כ׳האָב אָבער נישט געקענט.

כ׳האָב צוגעדריקט צו מיר דעם הוט, אריינגעוואָרפן אהין די גרויסע מטבע, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס באקומען פונעם מייד און געוואָלט שרייען:

— מוטער! מוטער!

כ׳האָב אָבער נישט געקענט שרייען. כ׳האָב געפליסטערט: מוטער! מוטער!

אָ, וואָס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נישט דערהערט מיין שטים און פארבייגעלאָפן פאר מיר, ווען זי וואָלט מיך געלאָזט ליגן און ווייטער געזוכט — די גאנצע נאכט?

זי איז געשטאנען לעבן מיר. זי האָט נישט געשריגן, נישט געוויינט. זי האָט מיך געריסן צו זיך.

— מיין טייערר! — האָט זי געשטאמלט — טייערר, טייערר און ליבער מיינער!

זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ איר שיינעם, שווארצן שפּיצנטוך, וועלכן כ׳האָב אזוי ליב געהאַט. כ׳האָב דאָס טוך געגלעט.

— דו האָסט היינט אָנגעטון דאָס שיינע טוך — האָב איך געפליסטערט, אנטציקט און גליקלעך.

ס׳האָט פונעם טוך זיך געטראָגן א שוואכער נאָר אנגענעמער ריח.

— רויזן — האָט די מוטער אמאָל געזאָגט — און דער ריח איז אזוי אלט, ווי דו גופא. ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן, האָט דער פאָטער מיר געבראכט א מתנה א פלעשל רויזנדופט.

זי האָט זיך א כאַפּ געטון אָנעם טיך. זי האָט געוויס נישט געוואוסט, אז זי טראָגט עס אויף זיך, אירע אויגן זענען געווען ווילד און געבלאָנדזשעט, ווי ביי א משוגענעם. איך זע זיי נאָך איצט, אין צוואָנציק יאָר ארום, — פלאקערן.

— ביסטו דאָ, הייסט עס, — האָט זי געשטאמלט — מיין

קינד, מײַן ליבלינג, מײַן טײַערער, מײַן טרייסט אין לעבן — האָט ער דיך, הייסט עס, אהער אװעקגעשלעפּט און דאָ דיך געלאָזט ליגן. אָ!

זי האָט געלאָזט פאַלן א קללה. זי האָט אראָפּגעשלונגען נאָך א קללה און עס נישט ארויסגעלאָזט פון מויל — ער — אָ!..

כ׳האָב געהאנדלט װי א פּחדן, בעת ס׳האָט זיך געהאנדלט װעגן דיר... זײַ מיר מוחל! פאַרצײַ מיך!

זי האָט זיך א װאָרף געטון אויף די קני פאַר מיר.

זי איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, מיטנעמענדיק מיך מיט זיך און אָפּשטעלנדיק זיך אויף א װײַלע און אָנשפּאַרנדיק זיך אויף א טויער פון א פרעמד הויז, האָט זי מיך אראָפּגעלאָזט צו זיך אויף דער שויס.

— און דער הוט — געלט — געלט?... — האָט זי אינגאנצן צערודערט, געשריגן — דו האָסט געבעטלט?... א קלאָג צו מײַנע יאָרן: מײַן קינד האָט געבעטן נדבות, געװאָרן א שנאָרער... און ער, א בראָך איז צו מיר! ער האָט געלאָזט דאָס קינד בעטלען... מײַנע עלטערנס אייניקל אװעקגעזעצט אויף דער גאס און אים גע-לאָזט בעטלען... בעטלען... בעטלען... װאָס קען שוין זײַן ערגער און טרויעריקער! א שרעק, א גרויל!...

דאַן האָט זי מיך פעסט ארומגענומען און צוגעדריקט צו איר ברוסט.

זײַט דעמאָלט האָב איך געלעבט פון איר הארצשלאָג, װי איך לעב נאָך עד היום פון דעם, װאָס איך האָב זי געהאַט פאַר א מאמען.

כ׳האָב באַקומען לשון:

— מיך הונגערט! — האָב איך א געשריי געטון.

דאָס איז אָבער געװען געזאָגט װי לויט אן אינערציע. דאָס שעהן-לאַנגע פּליסטערן, װאָס האָט איצט אויסגעבראָכן אין א געשריי. מיך האָט איצט נישט געהונגערט און ס׳איז מיר נישט געװען קאַלט. כ׳האָב געטרונקען דער מוטערס דופט און דאָס האָט מיך זאט געמאַכט און באַרואיקט.

כ׳האָב אָבער, טראָץ דעם, געשריגן:

— מיך הונגערט.

זי האָט זיך א צאפּל אויף געטון. שטארק, ווי נאָך קיינמאָל ניט ביז איצט, האָט זי מיך ארומגענומען און מיך א הייב אויף געטון אין דער הויך.

כ׳האָב געהאלטן דעם הוט צווישן איר און מיר. זי האָט מיר אים ארויסגעריסן פון דער האנט, אים א שליידער געטון מיט דעם, וואָס דאָרט איז געלעגן, אויף דער גאס, אויף די שינעס.

אין דער רגע האָט גראָד זיך דורכגעטראָגן דער טראמוויי. ער איז אריבער איבערן הוט און זיין אינהאלט. ווען דער וואגאָן האָט זיך אוועקגעטראָגן ווייטער, האָבן מיר דערזען, ווי דער הוט איז געלעגן ניט געשעדיקט, גאנץ און דאָס געלט האָט פון דאָרט באַזאכט געבליצט.

אקייגנאיבער זענען געשטאנען צוויי מיידלעך און האָבן זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער גאנצער סצענע...

— צום טייוול! — האָט די מוטער געשריגן — דער רוח זאָל עס נעמען!

כ׳האָב ניט געוואוסט, וואָס זי מיינט: דאָס געלט, דעם פאָטער, זיך גופא, דאָס גאנצע לעבן?...

זי איז מיט מיר געלאָפן. זי האָט מיך שטארק ארומגענומען, מיט איר גאנצן לייב. כ׳בין ווי איינגעזונקען אין איר שוים. זי האָט נאָך אלץ געשטאמלט:

מיין טייערער, מיין ליבער, מיין טרייסט!

זי האָט מיך שוין געהאט געהאלטן פאר א פארפאלענעם אויף אייביק. שוין געהאט רעזיגנירט פון מיר.

זי האָט מיר דערציילט:

— כ׳האָב דיך ארומגעזוכט, ווי מיט ליכט, וואו א וועלט האָט אָן עק: אין אלע גאסן, אלע שענקען. אין איין שענק איז ער געלעגן און געשלאָפן. כ׳האָב אים געטרייסלט, געוואָלט אים אויפוועקן און פרעגן, וואו ער האָט דיך אהינגעטון.

פון דער דאָזיקער נאכט אָן פלעגט זי שטענדיק מיט מיר רעדן וועגן דעם פאָטער. זי האָט מיר דערציילט אלץ, אלץ. אפשר האָט זי גאָרניט געוואוסט, אז זי רעדט צו מיר און האָט

געמיינט, אז זי רעדט צו זיך אליין. קיינמאָל נאָך האָב איך נישט געהערט זי זאָל זאָגן „דיין פאָטער", אָדער בלויז „דער פאָטער". ער האָט ביי איר געהייסן פשוט „ער". כ'האָב אָבער שטענדיק געוואוסט, ווען זי מיינט מיטן „ער". וועגן אַן אַנדערן האָבן מיר קיינמאָל נישט גערעדט, אחוץ „אים".

איצט האָט זי מיך געטראָגן אהיים. ווידער האָט מען זיך וועגן מיר געזאָרגט און ווידער האָב איך זיך געפונען אונטער דער מוטערס שוץ — און אויף א פיל שענערן און איידעלערן אופן ווי ביים פאָטער. איך האָב זיך נישט געפונען אין אן אטמאָספער פון שיכרות, אין קיין שיכורער צעמישטקייט און א ציטערנדיקער פרייידיקייט. אצינד בין איך געווען ארומגערינגלט מיט שטילקייט און פרידן. כ'האָב זיך געפונען אין א וואונדערבאַר שוועבעדיקן צושטאנד, וועלכער רופט זיך המשך, דויער. ביים פאָטער האָב איך געוואוסט, וואָס פאר א סוף עס ווארט אויף מיר, כ'האָב געווארט ביי אים אויף אָט דעם סוף, ארויבגעריסן צו ווערן פונעם טרוים פון זיין ליבע, וועלכע האָט ענדלעך אָנגענומען מיין ליבע. איך האָב געציטערט פאר יעדער רגע פונעם דאָזיקן צופעליקן געשאנק פון זיין צערטלעכקייט. די מוטער אָבער איז געווען די אייביקייט, זי איז געווען די אומדערשעפלעכקייט פון גוטסקייט. איר ליבע צו מיר איז נישט געווען קיין גנאָד פון דער שעה, נאָר די אמתע ליבע, וועלכע איז שטארק און דויערהאפט ווי די אייביקייט.

כ'האָב זיך געלאָזט טראָגן, נישט אקיינגעשטעלט אָט הייבן מיר זיך אויף איבער די פינצטערע טרעפ. כ'האָב נישט געהערט, אז די מוטער זאָל שווער אָטעמען, אויפהייבנדיק זיך אויף די טרעפ און מאכנדיק זיך, ווי ס'ווייזט אוים, אז זי פילט נישט די שווערקייט פון איר לאסט. איך האָב זיך נישט געדארפט זיך צודריקן צו איר, נישט געדארפט זי קושן. צו וואָס? זי געהערט האָך מיר אָן שום ספק, זי פארבלייבט דאָך מיינע אויף שטענדיק. אונז בינדט דאָך פעדים, וואָס לאָזן זיך נישט צערייסן.

אויבן האָט געשריגן מיין קליין ברודערל, מארקום. העגריע-

טע, וועלכע ער האָט אויפגעוועקט פון שלאָף, האָט געוויינט. ער איז געלעגן לעבן איר און זי האָט אים געשלאָגן.

מיר, אלע דריי קינדער, זענען געשלאָפן אין איין בעט. די מוטער האָט זיך ערגיץ געשאפט מילך, אָדער, קען זיין, אז די שכנטע פרוי לאדעוויק, וועלכע האָט געוואוסט אין וואָס פאר א טרויעריקן מצב מיר געפינען זיך, האָט די מילך אונז צוגעשיקט. דאָס ברודערל האָט באקומען צו טרינקען און ער איז אין גיכן ווידער איינגעשלאָפן.

און איך בין שוין אויך געשלאָפן, אָנהאַלטנדיק זיך אָן טיש. דאַן האָט די מאמע מיך אויסגעטאָן.

— טייערער מיינער, — האָט זי געפליסטערט — אָ, זיס קינד מיינס, ס'ארא חטא און פארברעכן כ'בין קיינן דיר באגאנ־גען! כ'קען עס זיך נישט מוחל זיין. מיט וואָס וועל איך אויסקויפן מיין זינד קיינן דיר? כ'ליב דיך איצט נאָך מער ווי פריער... קום, דו שלאָפסט היינט ביי מיר. ער וועט נישט קומען אהיים. אָ, זאָל ער נאָך קומען! קום, טרינק עפּיס, יאָ? אָט האָסטו, טעדי, מיין לעבן, טרינק. דאָס איז מילך. ווי גוט זי שמעקט, ס'וואָר?

כ'בין געווען אזוי מיד. כ'האָב נישט געקענט טרינקען. דאַן האָט זי מיך ארייגעלייגט אין בעט אריין. זי האָט מיך צוגעטו־ליעט צו זיך און מיך געווארעמט מיט איר בלוט, וואָס איז פאר מיינעטוועגן געוואָרן נאָך הייסער.

— זע, דו זאָלסט חלילה נישט קראנק ווערן, — האָט זי מיך געבעטן און באשוואוירן — כ'ציי פון דיר אָפּ דעם פיבער־שלאָף, מיין קינד. זאָל איך דיר זינגען?... שלאָף אין זיסער רו, מאך היינע אייגעלעך צו...

זי האָט אָבער נישט געקענט זינגען. זי האָט שטארק גע־ציטערט. זי האָט נאָר געפליסטערט.

ווען אין הויז האָט זיך דערהערט עפּיס א טאָן, ווען ס'האָט ערגיץ־וואו א קראך אָדער אפילו א שאָרך געטון, איז אויף איר אָנגעפאלן אן אימה. אין פארלויף פון דער נאכט האָב איך זיך אָפּט אויפגעכאפּט פונעם שלאָף, ווייל די מוטער האָט שטארק געשוידערט. זי פלעגט זיך אָפּט אויפכאפּן און אין שרעק זיך צו־

הערן צו יעדער שאָרך... זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט קו־מען און, אין פאַנישן שרעק פאַר דעם, האָט זי מיך באַהאַלטן אונטער זיך און האָט שטים געבעטן. אירע ליפּן האָבן דאַן עפּיס געשעפּטשעט. אפשר האָבן זיי דעמאָלט עמיצן געשאָלטן?

דער פאָטער איז אָבער נישט געקומען אַהיים אין דער דאָזיקער ערשטער נאַכט פון מיין לעבן.

כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען פיר יאָר.

פון צומאָרגנס אָן האָב איך אָנגעהויבן צו ווייסן און צו פאַר־שטיין פיל זאַכן. מיינע אויגן און אויערן האָבן אָנגעהויבן פיל צו אַרבעטן. מיין האַרץ איז געוואָרן אַנטשידן. און איך האָב זיך גוט־וויליק און מיט חשק אונטערגעגעבן אונטער דער זיכער מאַכט און ממשלה פון מיין מוטער — צו זיין איר זון: דאָס איז גע־וואָרן דער זין פון מיין לעבן. אין דעם האָב איך געהאַט די שטאַרקסטע באַדערפעניש.

זי האָט עס מיר דערציילט מיט לאַנגע הפסקות, בשעת איך האָב איר צוגעהאָלפן ביי דער אַרבעט, ווען זי איז אין די אָוונטן געזעסן ביי מיין בעט, און אין די זונטאָגן, ווען מיר אַליין זענען געבליבן אין דערהיים. כ׳האָב קיינמאָל ביי זיך נישט געקענט פועלן זי צו לאָזן אַליין. אַ קרבן און אַן אומזין וואָלט עס געווען זי צו פאַרלאָזן. גליק און נחת איז געווען צוליב איר אויפצוגעבן דאָס שפּילן און דאָס ווילן זיך.

אָט ווי אַזוי ס׳האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעוועבט איר ראָמאַן. ערשט דאַן, ווען זי איז שוין געווען טויט, האָב איך אים איבער־געגעבן און איבערגעלייענט אינגאַנצן. אויף איר פּנים, ווען זי איז שוין געלעגן אויף איר טויטן־בעט, האָב איך אים געפונען פולשטענ־דיק אינגאַנצן אָנגעשריבן. — פון איר ערשטן גליקלעכן אָטעמצוג ביז צום לעצטן שווערן זיפץ פאַרן אוועקגיין פון דער וועלט.

זי איז אויסגעוואַקסן אין אַ מיל. איר פאָטער האָט געהאַט אַ דאַמפּמיל אין אַ קליינער טונקעלער שטאָט אין שלעזיען אויפן אָדער, נישט ווייט פון דער גרעניץ. ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש און האָט געהאַט נאָר צוויי קינדער, זי, וועלכע די ראָמאַנטי־

שע מוטער האָט א נאָמען געגעבן פּערדיטאַ און א זון, עלטער פאַר איר.

דאָס איז געווען א פרום יידיש הויז און איר מוטער האָט נאָך געטראָגן א שייטל. די שבתדיקע ליכט און ימים־נוראים האָבן אריינגעבראַכט א שיינע פּאָעזיע אין איר קליינשטעטלדיק לעבן. אָפט האָט די מוטער מיר דערציילט וועגן דעם שופר, וועלכן מ׳פלעגט בלאָזן אין שול. זי האָט די טענער פון די תקיעות און תרועות נישט געקאָנט פאַרגעסן אין איר גאַנץ לעבן. זי האָט אָבער פון די יידישע דינים שפּעטער אויפגעהערט צו האַלטן, האָט שוין קיין יידיש ספר קיינמאָל נישט געעפנט און אים נישט אריינגעקוקט. זי פלעגט מיט מיר און וועגן מיר בעטן און דאַוונען נאָר אין דייטש. זי איז אָבער געבליבן א יידיש קינד.

אין מיינע אויגן איז זי אויסגעקומען די שיינהייט גופא. זי איז אָבער, אין תוך גענומען, נישט געווען קיין שיינע. זי האָט געהאַט א בלאַסע הויט און א ווייך מויל, א נישט קיין שיינע נאָז, א שוואַכלעכער קינביין, א נידעריקן שטערן, נאָר די אויגן — שוואַרץ-ברוינע, מעלאַנכאָלישע און גרויסע. אפשר איז זי אין די מיידלשע יאָרן אויך נישט געווען קיין שיינע, ווייל קיינער האָט זי נישט געליבט...

צו זיי אין הויז פלעגן אריינקומען פיל יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך צו איר געשדכנט און געהאַט ברעה מיט איר חתונה צו האָבן. יעדער פון די יונגעלייט, וואָס פלעגן אריינקומען צו מיין מוטערס עלטערן, איז געווען גרייט צו ווערן פאַר איר א חתן, ווייל זי איז געווען א רייכע כלה און זי האָט נאָך געזאָלט ירשענען די מיל. דער ברודער אירער האָט שטודירט אין ברעסלוי יוריספּרודענץ און האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרבלייבן ביי זיין פאָטערס געשעפט און לעבן אין א קליין שטעטל. ער האָט ליב געהאַט די גרויסע קאָכעדיקע שטאָט און זיך געגרייט צו ווערן אן אדוואָקאַט און פּראַקטיקירן נאָר אין א גרויסער שטאָט.

פּערדיטאַ האָט אָבער נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיין איינעם פון די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך צו איר געשדכנט. זי האָט געוואָלט חתונה האָבן נאָר אויס ליבע. זיך אין עמיצן פאַר-

ליבן, אליין געליבט זיין און חתונה האָבן מיט דעם, וואָס וועט זי ליבן...

זי האָט זיך אקעגנגעשטעלט דעם ווילן פון אירע עלטערן און אויך דעם יידישן מנהג—און נישט געלייגט קיין אכט אויפן צער, וואָס זי האָט דורך אזא האנדלונג פארשאפט אירע עלטערן.

זי איז געווען א טיכטיק מיידל, האָט זיך געקימערט וועגן זייער געשעפט, האָט געפירט די בוכהאלטעריע, גוט געפילעוועט די פּאָזיציעס פון די הכנסות און הוצאות. און טאָג איין, טאָג אויס פלעגט זי שטיין אין דרויסן, ביים טויער פון זייער הויף און ציילן די זעק, וועלכע די מיל-ארבעטער פלעגן איינלאָדן און אויסלאָדן. היגטן האָט געקלאפּט די מיל, ס'האָט אזוי אָנגענעם געשמעקט מיט ווייץ און קאָרן. זומערצייט האָט געדופטעט דער גרויסער גאָרטן, וואו ס'האָבן זיך געפונען א הונדערט רויזן-קוסטעס. און צו דעם דאָזיקן ריח-ניחוח איז נאָך צוגעקומען דער דופט פונעם אָדער, וועלכער האָט נישט ווייט פון דאָרט, ברייט רחבותדיק, רויִשיק און מעכטיק, זיך געטראָגן האסטיק, האסטיק אין ים אריין,—דער הערלעכער פרישער, קילער וואסער-דופט פונעם דאָזיקן טייך. דאָ איז געשטאנען דעם מילנערס מאוסע שווארצע טאָכטער און האָט קאָנטראָלירט די פורן. זי איז געווען שטרענג אין איר האנדלונג און גערעדט האָט זי געציילטע ווערטער, געהאט, אזוי צו זאָגן, להיפוך צו פרויען בכלל, נאָר איין מאָס רייד. זי איז געווען א קליין איינזאם מיידל, אין תוך גענומען, א מיידל, וואָס האָט פיל געליטן, וואָס האָט מיט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן און ביי קיינעם קיין עצה נישט געפרעגט, זי איז געווען פול מיט ליבע. יאָ! זי האָט שעמעוודיק פארגראָבן און טיף באַהאלטן איר ליבע אונטער קאלטקייט און אָנגעבלאָזנקייט. זי האָט נישט געוואגט איר ליבע ווער עס איז אָנצובאָטן. זי האָט גוט געוואוסט, אז זי איז מיאוס און נישט אָנלאָקנדיק און האָט זיך געטראכט: מען לאכט דאָך דיך אויס, ווען דו שמייכלסט צו עמיצן.

אזוי איז זי געוואָרן פיר און צוואנציק יאָר אלט.

די עלטערן איז געגאנגען אין לעבן זי חתונה צו מאכן. זיי האָבן געמיינט איר טובה און זייער אייגענע טובה אויך: דערלעבן

צו האָבן נחת פון איר, צו זען זי א פארהייראטע און גליקלעכע. זי וועט שוין קומען צום שכל—האָבן זיי זיך געטראכט און גע־טרייסט—ווען זי וועט נאָר גענוג ארייגקלערן אין ענין. ווי קען עס דען אנדערש זיין. צי קען דען געמאָלט זיין, אז א יידיש מיידל מיט נדן און פון א שיינער משפחה, זאָל פארזיצן ביזן גראָען צאָפּ און נישט חתונה האָבן?

אזעלכע זאכן פלעגן אין יענע צייטן כמעט נישט פּאָרקו־מען. ביי אידע עלטערנס עלטערן איז אזוינס קיינמאָל נישט געשען. די טעכטער זייערע האָבן חתונה געהאט צו דער צייט, נאָך אין דער בליענדער יוגנט, ווי דער שטייגער איז דעמאָלט ביי יידן געווען.

— לאָמיר זי לאָזן צו רו — האָט דער פאָטער, נאָך נישט קיין אלטער מאן (ער איז נאָך נישט אלט געווען קיין זעכציק יאָר)—געזאָגט צו זיין פרוי, וועלכע האָט באזונדערס זיך גענומען צום הארצן דער טאָכטערס איינגעשפּארטקייט,—זי איז דאָך נישט קיין נאריש מיידל און האָט דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס. ווען ס'וועט קומען דערצו, אז אונדזער שוועל וועט שוין נישט איבער־טרעטן קיין בחור, קיין פרייער און ס'וועלן שוין זיין קנאָפּ בעלנים מיט איר חתונה צו האָבן—וועט זי זיך מישב זיין און שוין בעסער ווערן. זי וועט שוין ווערן בעסער מיושבדיקער און שליסלעך נעמען פאר א מאן דעם ערשטן, וועלכן מיר וועלן פאר איר אויסזוכן.

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן אריין, הלוואי, רבונו של עולם!—האָט די מוטער געזאָגט.

די באָבע מיינע איז דאן אלט געווען ערשט צוויי און פערציק יאָר. צו זיבעצן יאָר האָט זי חתונה געהאט. זי איז געווען זייער א שיינע בלאָנדע פרוי, וואָס דאָס שייטל האָט נישט קאליע געמאכט איר שיינקייט און חן. ער האָט איר ווייכער און צארטער שיינקייט נאָר צוגעגעבן שטרענגקייט און קארגהייט.

פערדימא האָט ליב געהאט אירע עלטערן, ווי עס קען ליב האָבן א פרום יידיש קינד, פרום אויף אזוי ווייט נאָר, אז זי האָט

נישט געוואָלט זיך צופּאַסן צו געוויסע מנהגים פון איר סביבה און חתונה האָבן אָן ליבע.

פאַר איר ווידערשפּעניקייט איז פערדיטען שפּעטער אויס־געקומען צו שפּירן גאָטס שטראָפנדע האַנט, די שטראָפנדע האַנט פון יידישן גאָט, וועלכער איז כידוע אַן אל קנא ונוקם, און צו באַצאָלן זייער טייער.

אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען:

בעת זי איז אין אַ הערלעכן מאַי־טאָג געשטאַנען ביים טויער פון הויף מיט פאַרשידענע בלומען אין די הענט און האָט געציילט די זעק, וועלכע צוויי מיל־אַרבעטער האָבן אויפגעלאָדן, — האָט זי דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן דערזען געאָרג קעניגן..

געאָרג קעניג איז בּיזן זעלבן טאָג, וואָס פערדיטא האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, געווען אַ הויזדינער אין לעווים שיך־געשעפט אויפן מאַרק. זיין פּאָסטן איז אים אָבער נמאס געוואָרן און האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט אָנצוקומען אויף אַן אַנדער שטעל, אָבער שוין נישט אין שטאָט, נאָר ערגעץ אין אַ דאָרף, אין אַ גוט. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַרבעטן אין אַן אָרט, וואו ס'איז דאָ פיל פרישע לופט, וואו די אַרבעט איז פאַרבונדן מיט פיל באַוועגונג און פרייהייט, און ער האָט געזען אין „אַנצייגער" אַן אַנאָנס פון דער דאַמפּמיל, אַז זי זוכט אַ קרעפטיקן יונג צו דער אַרבעט.

געאָרג קעניג, דאַרפט איר וויסן, איז געווען אַ „יונג מיט ביינער", געזונט און קרעפטיק, ווי אַן אָקס. פאַרוואָס זשע זאָל ער נישט אָננעמען דעם פּאָסטן אין מיל. פאַר אים וועט דאָך זיין ממש אַ שפּילעכל צו טראָגן די דריי צענטנערישע זעק מיט מעל אָדער ווייץ: ער וועט דערביי נאָך אַ קאַפּעטשקע צו שוויצן. אַ שטעל אין מיל! גאָט אין הימל! דאָס איז דאָך זיין אידעאַל און שוין זייט יאָרן ווי ער טרוימט זיך צו דערשלאָגן אַ שטעל אין אַן אָרט, וואו ס'זענען פאַראַן פעלדער און לאָנקעס, גערטנער און וואַסער. און אָט איז קעניגס טרוים און שטרעבונג ענדלעך מקוים געוואָרן. ער האָט באַקומען די שטעל ביי פערדיטעס פאָ־טער אין דאַמפּמיל און דאָס גליק און צופרידנקייט פונעם דאָזיקן

פרעפטיקן בחור און ליבהאָבער פון דער נאטור איז שווער געווען זיך משער צו זיין. ער איז געווען אויפן זיבעטן הימל פון גליק.

געענדיקט זיין ארבעט דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען אין מיל אויף א שטעל, איז קעניג ארויסגעגאנגען אביסל זיך דורכשפאצירן. דאָ אין פעלד האָט ער באגעגנט פינף דאָרטיקע יונגעלייט, אויך אזעלכע גבורים, ווי ער, ער האָט זיי איינגעלאדן, יעדן באזונדער, נאטירלעך, אויף א געוועט-קאמף, און יעדן פון זיי אוועקגעלייגט „אויף די לאָפּאטקעס".

וועגן קעניגס העלדישער גבורה האָט פערדיטא צומאָרגנס זיך דערוואוסט און אים שטארק באוואונדערט. הגם א מענטש, וואָס צייכנט זיך אוים בלויז מיטן פיזישן כוח, פלעגט ביי איר ווייניק אויסנעמען און אזא מענטש פלעגט נישט דערוועקן ביי איר קיין באזונדערן דרך-ארץ. פערדיטא האָט דערום די אלע יונגע גבורים פון איר שטעטל כמעט נישט געקענט און ווען מ'וואָלט איר אויף זיי אָנגעוויזן, וואָלט זי זיי קיין באזונדער אויפמערקזאמקייט נישט געשענקט. ווער, מ'שטייגס געזאָגט, זענען זיי? געוויינלעכע האָרע-פּאשניקעס און ארבעטער. דעמאָלט האָבן די פּארמעגלעכע קלאסן נישט געהאט צו טון מיט קיין פּראָלעטאריאט. דער פּראָלעטאריאט, אלס אזעלכער, האָט אין יענע צייטן נאָכנישט עקזיסטירט. ארבעטער האָט מען אין יענע צייטן באטראכט אלס ווערקצייג. ווער קען דען דעם האמער מיט וועלכן מ'שלאָגט אריין א משוואָק? ווער מען גייט אָן דער האמער, אלס אזעלכער? מ'קען דעם שוסטערס שיך, אָבער נישט דעם מייסטער, ווען מ'האָט צו פאררדאנקען פאר די שיך, אָדער קאמאשן. אפילו די קעבינס און שטוב-מיידלעך פלעגט מען דאן באטראכטן נאָר פאר האלבע מענטשן. פאר קיין גאנצע מענטשן האָט מען זיי נישט געהאלטן. ווער שמועסט שוין פון אזעלכע יונגען ווי די, וואָס האָבן געארבעט אין מיל ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן די זעק — זיי האָט מען גאָרנישט געהאלטן פאר קיין מענטשן...

אָבער איצט האָט פערדיטא דערזען פאר זיך דעם שייגעץ, בלאָנדן יונגנמאן, וואָס די האר זיינע האָבן זיך לייכט געווייעט פון ווינט און זענען געווען עטוואָס בארעקט מיט מעל-שטויב. זיין

העמד איז געווען פון אויבן צעבראשטשעט, אנטבלויזנדיק זיין שטאַלענע ברוסט, איבער וועלכע ס'האָבן זיך געקוויקלט שוויים־טראָפּן, ווי זילבער־פּערל. ער האָט אַ וואָרף געטון דעם זאַק אויף דער פור און זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הויך.

פערדיטאַ איז געוואָרן איבערראַשט...

ער איז איר פאָרגעקומען ווי אַ גאָט.

ער האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק אין מיל אריין, פאַרבייפערדיטען — לאַכנדיק.

— גוט מאָרגן, פרײַלין — האָט ער זי באַגריסט און זיינע ציין האָבן אַ בליץ געטון.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל אין הויף אַ דריי אום געטון — און זי האָט אים נאָכגעקוקט. ער האָט ווידער צו איר אַ שמייכל געטון.

גאָר־וואָס האָט זיין חבר, אויך אַן ארבעטער אין מיל, אים איינגערוימט אין אויער:

— די מויד שטייט אין שדוכים. מ'קען זיך צו איר שדכענען און קריגן פאַר אַ ווייב. הונדערט טויזנט, זאָגט מען, האָט זי נדן, און די מיל אַ צוגאָב. זיי־זשע נישט קיין נאַר און וויים, וואָס דו האָסט צו טון.

דאָס איז אָבער געזאָגט געוואָרן, נאַטירלעך, נישט ערנסט. און געאָרג האָט עס געהאַלטן פאַר אַ מין וויץ. געאָרג האָט וועגן זיין חברס עצה אַלעמען דערציילט, און אַלע האָבן דערפון שטיל געהירזשעט.

דעם רייכן מילנערס טאָכטער — ווי קומט זי צו אים, מיט הונדערט טויזנט מזומנים. היינט די מיל וויפל איז ווערט...

ווען געאָרג איז אָבער פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם מילנערס טאָכטער האָט ער העפלעך און מיט דרך־ארץ אראָפּגענומען דאָס היטל און זיך פאַרנייגט פאַר איר, בלאַנקנדיק מיט זיינע ציין.

ער איז געווען מיט אַ יאָר יונגער פאַר איר, ער האָט געדינט אין ברעסלוי אין קיראַסירן־פּולק און איז בכלל געווען אַ געראַטענער און פעיקער יינג. ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריקן דערפאָלג ביי מיידלעך, ווי מ'האָט געקענט מיינען, ווויסנדיק זיינע מעלות. ער איז געווען צו שיין. און וואָס „צו", וואָס איבער דער מאָס,

איז, כידוע, א חסרון. די מיידלעך האָבן פאַר דעם מורא געהאַט. חוץ דעם האָט ער אויסגעזען צו זיין דעספּאָטיש און אַן עקשן. ווען אים האָט זיך עפּיס פאַרוואָלט טון, האָבן אים דערפון שוין נישט אָפּגעשטעלט און אָפּגעהאַלטן קיין שום מניעות, ווי שווער זיי זאָלן נישט זיין, אַזאַ איינדרוק האָט ער געמאַכט.

פּערדיטאַ איז זונטאָג געשטאַנען ביים פענצטער, הינטער דעם טיולענער גאַרדינע און בגניבה אַרויסגעקוקט אין דרויסן. ער איז געגאַנגען פון דער צוקערניע אין א טונקל-בלאָען אַנצוג, געקויפט אין ברעסלוי, וועלכער איז אויף אים געווען אַביסל צו קליין: זיינע פּלייצעס און לענדן זענען דאַן ווי צוגעשפּרונגען.

פּערדיטאַ האָט פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג, באַדעקט מיט א קאַלטן שווייס, וואָס איז ביי איר אַרויסגעטרעטן פון אַן אינערלעכער היץ.

וואָס איז מיט איר געשען?... די שיינקייט האָט זי באַגעגנט... זי האָט קיינמאָל נישט אייגנטלעך געוואוסט, וואָס די שיינקייט איז אַזוינס, וואָס פאַר א קראַפט זי האָט. זי האָט עד־היום נישט געהאט קיין אַנונג, אַז אין איר נשמה, וואָס איז געווען פול מיט אַן אומענדלעכן, אומגעדולדיקן, שטאַרקן באַגער און לעכצן נאָך עפּיס, האָט געלעבט און געברויזט דער באַגער פון אַלע מיאוסע: די שיינקייט...

און אָט האָט פּערדיטאַ זי באַגעגנט, פאַרקערפּערט אין א מיל־אַרבעטער, אין א יונגנמאַן, וועלכער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט וואָכן טעג, באַשאָטן מיט מעל-שטויב, און אויפן זיבעטן טאָג, שבת, גלאַט קיראַסירער, ריין, ציכטיק אָנגעטון,—געגאַנגען כאַפּן א טענצל.

צוויי יאָר האָט געאָרג געדינט אין קאַוואַלעריע און נאָך צוויי יאָר איז ער געבליבן אין ברעסלוי, צוערשט אַלס דינער ביי א ראַט־מיסטער, דערנאָך אין א קאַנצעלאַריע, אַביסל ביי שריפטלעכע און א טייל — ביים דערלײדיקן די קאַסע-אָנגעלעגנהייטן. דאַן זענען געשטאָרבן זיינע עלטערן אין א שטאָט אויפן אָדער. ער איז געקומען אין זיין געבורטשטאָט אָפּצונעמען די ירושה, וואָס די עלטערן האָבן אים געזאָלט לאָזן. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַקטיש האָבן די עלטערן אים גאָרנישט איבערגעלאָזט און ער האָט נישט

געהאט, וואָס צו ירשענען. און היות, ווי ער איז געווען, איינגטלער, א פוילער און האָט ליב געהאט צו זיצן אויף איין און דעם זעלבן אָרט, האָט ער אָנגענומען די ערשטע בעסטע שטעל, האָבנדיק די מעגלעכקייט, ווען ער וואָלט זיך געגעבן מי, צו קריגן א בעסערע. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך לייכטזיניק אין באצוג צו זיין לעבן, צו זיין צוקונפט. ער האָט גאָרנישט געבויט פון דעם, וואָס ער האָט געהאט, און וואָס ער האָט געקענט אויפבויען. ער האָט געטון דאָס, וואָס האָט זיך געלאָזט און זיך גענומען צו ארבעט, וואָס מ'האָט געקענט באקומען ביי א געלעגנהייט.

דער דאָזיקער גרויסער, שטארקער יונג איז, אָפגעזען פון זיינע קערפערלעכע פארלאנגען צו טון און צו ארבעטן, געווען א פאסיווע נאטור. ער פלעגט לאכנדיק זשאָנגלירן מיט זעק מעל, זיי אויפהייבן לייכט און געשיקט, אָבער פאר זיין רוחניות האָט ער קיין פינגער אין קיין קאלט וואסער נישט אריינגעלייגט, כדי עפּיס אין דער היגזיכט אויפצוטון. ער האָט אין זיך נישט געהאט קיין ניצוץ פון קאריעריזם און וועגן זיין צוקונפט זיך נישט אָנגעהויבן צו קימערן. די אלע איינגשאפטן האָבן אים פונדעסטוועגן נישט געשטערט צו טון רעות אנדערע מענטשן, אָבער געטון האָט ער עס בשוגג, אָן שום בייזע כוונות, נאָר סתם אזוי, ווייל אזוי איז עס אויסגעקומען צו טון.

ער האָט געטראָפן פערדיטען, — און איר גורל איז שוין געווען באשטימט. נישט אין קיין מזלדיקע שעה האָט זי אים דערקענט...

פון אירע שיינע חלומות, פון איר קאמף פאר דער פרייהייט פון פערזאָן האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם...

פערדיטא האָט געליטן, ווען ער האָט גערעדט מיט די דינסטמיידלעך און זי האָט זיי פאר אים געוואָרנט. זי פלעגט ממש נישט אויסהאלטן, ווען ער פלעגט זונטאָג אוועק פון דער היים זיך צו ווילן.

ער פלעגט שלאָפן אויבן, איבערן שטאל. זי פלעגט זיך אנידערשטעלן אין קאָרידאָר פון איר ווילע און קוקן איבערן הויף אין זיין פענצטער. מאנכעמאָל פלעגט זי זען, ווי ער פלעגט אָפּטרייסלען און אָפּווישן פון זיך דעם מעל-שטויב, פאנטאסטיש באלויכטן,

מאנכעמאָל פלעגט זי זען זיין סילועט און נישט זעלטן האָט עס פון אויבן אויסגעזען ווי א וואסער-גאָט. בעת ער איז געווען נאַקעט, זענען זיינע באַוועגונגען געווען נאָך פרייער: ער פלעגט זיך דעמאָלט באַוועגן, ווי אין זיין אורעלעמענט, באַפרייט פון פארצוויבערונג...

זי פלעגט וויינען גאנצע נעכט. ס'איז געווען זומער און אין זייער גרויסן גאָרטן האָבן געבליט אלע הונדערט רויזן-קוסטעס.

ס'איז געווען דער רויזנזומער ניינצן הונדערט צוויי. אין די ווארעמע נעכט איז די לופט געשטאנען אומבאַוועגלעך און דיק פון דופט. צווישן די רויזן-קוסטעס האָבן גאנץ געשמאַק און פיין אויך געדופטעט די רעזעדן און די נעלקן האָבן ווי צוגעווירצט דעם באַרוישנדיקן געטראנק פון די דאָזיקע מחיהדיקע אראָמאטן. יעדער שלונג לופט האָט געמאַכט נאָך דורשטיקער.

אין אזא זונטאָג-נאכט, ווען די שטובמיידלעך זענען שוין לאנג געשלאָפן אין די דאכשטובן און דאָס ליכט אין די עלטערנס צימערן איז שוין לאנג געווען אויסגעלאָשן, איז געאָרג קעניג נאָכנישט געהאַט צוריקגעקומען אהיים.

פערדיטא איז געשטאנען ביי די טרעפנפענצטער און געקוקט אין די פינצטערע שויבן אקעגנאיבער. דער אנדערער מיל-ייִנג איז שוין געווען און איז שוין געשלאָפן. וואו איז געבליבן געאָרג?.. אין אירע טרוימען, איבער וועלכע זי האָט נישט געהאַט קיין שליטה און קיין מאכט, האָט זי אים אזוי גערופן, שטיל און תחנונימדיק, און האָט געהערט פון זיין מויל איר נאָמען — געשטאמלט און נישט זיכער...

אצינד איז זי אראָפגעשטיגן איבער די טרעפ, האָט געעפנט די טיר אין הויף אריין און איז ארויסגעגאנגען. און דאָ האָבן איר א שלאָג געטון אין נאָז אריין די וואונדערבארע ריחות פון די טויזנטער רויזן. צווישן די גיטערשטאבן פון גאָרטן-פארקאן האָבן געלויכטן די ווייסע רויזן און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן פון זיך אויסגעשטראַלט ליכט. אָבער דעם באַרוישנדן דופט, דעם בעסטן אראָמאט, האָבן ארויסגעגעבן די רויטע רויזן.

פערדיטא האָט זיך אראָפגעלאָזט אויפן שטיינערנעם סאָקל פון די גאָרטנגיטער און האָט צוגעדריקט איר קאָפּ אָן די שטאבן, אָבער

זיי האָבן נישט געוואָלט שמערצן. אין דער דאָזיקער וואונדערבארער נאכט איז נישט געווען קיין אָרט פאר שמערץ, נאָר — פאַר תענוג, גליק. פאר זיסער ווייטיק און צערטלעכער ביטערניש.

נאָר אָט איז ער געקומען.

ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר פונעם הויף. זי האָט אין דער טויטער שטילקייט פון דער אַלייע שוין געהערט זיינע טריט. אין איר הארץ האָט זיך ארייננעכאפט עפּיס א מאָדנע געפיל. א מין זיסער שמערץ, וואָס איז מיט יעדער רגע געוואָרן אלץ שטארקער און טיפער.

ער האָט זי גאָרנישט געזען. ער איז געגאנגען פאָרזיכטיק איבער די סטעזשקע, וואָס איז געווען באשאָטן מיט קליינע קנא-קעדיקע שטיינדעלעך.

— שטיל, צעזאר — האָט ער צוגערופן דעם הונט, וועלכן איז אָבער גאָרנישט איינגעפאלן צו בילן. ער האָט שוין געקענט קעניגס טריט, געוואוסט, אז דאָס גייט ער און נישט קיין פרעמדער, טאָ צו-וואָס-זשע זאָל ער בילן?

צעזאר איז צוגעגאנגען, נישט באמערקנדיק דאָס מיידל, צום מיל-יינג. א גרויסער געמיש פון בערנאדינער און דאג איז געווען דער דאָזיקער הונט, א זעלטענער עקזעמפּלאר.

געאָרג האָט אים געגלעט איבערן ברוינעם קאָפּ. די חיהשע אויגן האָבן דאן געגלאנצט.

דאן האָט צעזאר אָנגעהויבן צערטלעך צו קווישען און דרייען מיטן עק צום מיידל.

און דאָ האָט געאָרג ערשט באמערקט פערדיטען.

ער האָט דאן געריכערט א פאפּיראָס. ער האָט דעם פאפּיראָס ארויסגענומען פון מויל, פאמעלעך אראָפּגענומען דעם הוט און גע-זאָגט, נאָך א ווילע, פרעגנדיק:

— גוטן אָוונט?

ער האָט געמאכט אן אָנשטעל, אז ער האָט זי נישט דערקענט. ער האָט געוואָלט ווייטער גיין.

דאן האָט זי שטיל זיך אָפּגערופן:

— געאָרג?

און ווען ער איז געבליבן שטיין און געפליסטערט: „פרייליך, האָט זי זיך צעלאכט.

— ביז איצט געטאנצט — האָט זי געזאָגט און קוים געקענט עפענען די ליפּן — ווי שפּעט איז איצט?

אין דער זעלבער רגע האָט עס פון דער קאַטערינענקירכע גע־שלאָגן צוועי. פאַמעלעך האָבן געקאַפּיעט די גלאָקנקלאַנגען דורך דער במעט קלעפּיקער לופט.

— יאָ — האָט ער געזאָגט.

דער הונט איז אוועקגעלאָפן צוריק אין זיין ביידל אריין, און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

געאָרג האָט זיך נישט גערירט פון זיין אָרט.

פּלוצלינג האָט עפּיס א פּליאסק געטון אין מייך הינטערן גאָרטן.

דער אָדער איז געפּלאָסן הארט ביים גאָרטן. א קליינער שטיין און א פארפוילט שיפל האָבן ארויסגעפירט אין טייך אריין.

דאָס האָט געקענט זיין א ראַט, וואָס איז אריינגעשפּרונגען אין וואסער אריין, אָדער א נישט קיין רייפער עפּל האָט זיך אָפּגע־ריסן פון בוים און איז אהין אריינגעפאלן.

פּערדיטאַ האָט געקוקט אין הימל. קיין איין שטערן איז נישט אויבן געווען צו זען. ס'איז געלעגן א געדיכטע אומדורכדרינגלעכע פינצטערניש אין דער גורל־אנהאלטנדיקער הויך. און דאָ האָט זי געפליסטערט — פאַר איר גופא איז דאָס געווען א רעטעניש, וואָס זי האָט עס געוואגט צו טון — ווי פארצווייפלט איבער די אומגעהויערע איינזאמקייט, וועלכע זי האָט שוין נישט געקענט איבערטראָגן. זי האָט געשעפּטשעט:

— קום אהער, געאָרג.

ער האָט געטרונקען, ער איז אָבער געווען ניכטער. ער האָט געהאַט דערפאַרעניש און דערצו געהאַט דעם אינסטינקט פון א פשוטן יונגנמאן. אָבער דערפאר טאקע, וואָס ער איז געווען ניכ־טער, האָט ער זיך נישט געאיילט.

אָבער עפּיס אן אינערלעכע שטים האָט, נישט געשאנעוועט, צו אים געזאָגט:

— זי איז דאָך אזוי ווייט.

און דאָס גענענדיק אין באטראכט, איז ער צו איר צוגעגאנגען. זי האָט אים צוערשט א קוש געטון. און ווען ער האָט שלים־לעד געהאלטן „דאָס פריילין" אין די אָרעמס, איז ער געווען גישט דרייסט.

זי האָט נישט געציטערט אין דער רגע, ווען זי איז א מאל געטון אויף זיין ברוסט, איז זי געווען אויף אזוי ווייט ניכטער, אויף ווי ווייט זי איז גלייכצייטיק געווען פארשיכורט, אויף אזוי ווייט שטארק, ווי ווייט זי האָט גלייכצייטיק זיך געפילט פארלוירן אין זיין מענלעכקייט און שיינהייט.

— דו ווילסט מיך? — האָט זי געזאָגט — זאָל איך ווערן דיין פרוי?

ער האָט געשוויגן. ער איז געוואָרן שוואך און ווי פון עפּיס פארשיכורט. ער האָט אויף דאָס דאָזיקע אומגעהויערלעכעס נישט געקענט ענטפערן. זיין ווילט האָט גענומען איינפאלן, ער האָט זיך געוואקלט.

— איך וויל — האָט זי ווייטער געזאָגט — און ווען דו ווילסט אויך, איז גאנץ גוט. אָבער נאָר איין זאך מוזטו מיר זאָגן, געאָרג. האָסטו מיך ליב?

אָבער ער איז גאָרנישט געקומען צו זיך. זיין ווילט האָט זיך נאָך געדרייט ארום אים, ער האָט נישט געוואוסט, אויף וואָסער ווילט ער איז, ער האָט גאָרנישט פארשטאנען.

— געאָרג — האָט זי געפליסטערט.

דאָ ערשט האָט ער זי א כאפּ געטון, זי אויפגעהויבן, צוגע־פּרעסט צו זיך און איר א קוש געטון.

זי האָט געשריגן אונטער אָט דעם קוש, וואָס דעם טעם זיי־נעם האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געוואוסט, און אויף וועלכן זי האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט. איז דאָס געווען דער גרויסער סוד?

— וואָס טוסטו, — האָט זי געזיפצט, זיך איינגעבויגן און זיך א רוק אָפּ געטון, ווי זי וואָלט מורא געהאט פאר א גוואלט־טאט. ער האָט ווידער א בייג געטון צו זיך איר קאָפּ און ווידער זי געקושט. ער האָט היינט געטרונקען ביר און געררייכערט שלעכטע

פּאַפּיראָסן. אָבער זי האָט נאָר געוואוסט, אַז אין די דאָזיקע קושן זיינע איז זי געוואָרן זיינע, אַז זי איז פאַר אים געוואָרן פאַרקנסט...

— איך ליב דיך — האָט זי געפּליסטערט, ווען ער האָט זי פון זיך אָפּגערוקט, כדי, לאַכנדיק, איר אַריינצוקוקן אין פּנים אַריין.

און זי איז געווען אויף אַזוי ווייט הכנעהדיק, אַז זי האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און זי געקושט און ער האָט געלאַכט, דערמאָגנענדיק זיך, אַז די דאָזיקע האַנט איז נאָך געווען נישט היין און נישט געוואַשן פונעם גלעטן און לאַשטשען, מיט וועלכע ער האָט בעתן טאַנצן באַגליקט אַ נאַדיש מיידל פון פּעטערסדאָרף.

אָבער ער האָט שוין איצט געשוועבט אין אַ גליקלעכער אַט־מאָספער פון צויבער און זיסע חלומות. אַלץ אַרום האָט אויפגעשיינט מיט גליק און נחת, און דאָס דאָזיקע נישט סובטעל לאַכ־זיינס האָט זיך איר אויסגעוויזן ווי אַן אויסדרוק פון גליק און צופרידנקייט פון זיין באַפרייט האַרץ.

און אַזוי האָט זי אים פאַרלאָזן — אין איר צניעותקייט און אומשולד זיין ווייב שוין און אויף אייביק פאַר אים שוין אַ פאַרקנסטע.

בדי זיך עמיצן אָפּגעבן מיט לייב און לעבן, מוז מען יענעם ליב האָבן. דאָס האָט זי געפילט אין זיך זעלבסט. זי האָט אָבער דעמאָלט געגלויבט, אַז ווער עם ליבט נישט, קען אויך גאָרנישט נעמען... ער האָט זי גענומען — הייסט עס, אַז ער ליבט זי. צו אַזאַ אויספיר און איבערצייגונג איז פערדיטאַ געקומען מכוח איהרע באַציונגען מיט קעניגן. און דאָס איז פאַר איר געווען נענוג. איצט איז נישט געווען קיין כוח אין דער וועלט, וואָס וואָלט זיי געקענט שיידן. ס'איז נאָך פאַראַן נאָך איין וועלט: איר ליבע.

זי האָט נישט אָפּגעלייגט. אפילו אויף קיין איין טאָג צו טרינקען דאָס גליק, וואָס דער גורל האָט איר אַזוי אומגעריכט אַראָפּגעשיקט. זי האָט נישט מורא געהאַט. וועגן דעם צו דערציילן אירע עלטערן. אָבער נישט אַזוי גלאַט און לייכט איז עס פערדיטען דורכגעגאַנגען: איר מוטער, די שיינע, יונגע הענריעטאַ, האָט זיך אַ כאַפּ געטון מיט די הענט פאַרן קאָפּ ביי דער ידיעה פון איר טאָכטערס „גליק", האָט אָנגעהויבן אין דער גרעסטער פאַרצווייפ־

לונג צו ברעכן מיט די הענט און איז געווען אויסער זיך פון צער און יסורים. זי האָט געוואָלט זייער פיל זאָגן, אָבער ביי איר האָט פון ווייטיק אָפּגענומען דאָס לשון און זי האָט נאָר געקענט ארויסלאָזן געשרייען פון אינערלעכע יסורים און צער. זי האָט געזיפצט און געאָכצט.

דער פאָטער האָט פון דעם נאָכנישט געוואוסט. ער איז צוגעלאָפן צום פענצטער: אונטן איז געשטאַנען דער וואָגן מיט די צוויי פערד. און די צוויי יינגען האָבן געלאָדן אויף אים זעק מיט מעל. גאָרג קעניג האָט געטון זיין ארבעט, ווי געוויינלעך,—פּונקט ווי ער וואָלט פארגעסן אָן אלץ אין דער וועלט, ווי מיט אים אָלט גאָרנישט געשען, פּונקט ווי נעכטיקע נאכט, און דעם בעל-הביתס טאָכטער, און דער קוש און דאָס געפּליסטער זענען געווען מער נישט, ווי א חלום.

איך דערוואוסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט דער פאָטער אָנגעהויבן צו שרייען נישט מיט זיין קול:

— אים?—האָט ער געברומט, ביילנדיק די פויסטן, און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן מיט בלוט—אים ווילסטו פאָר א מאן? זאָל דיך דער אייבערשטער שומר ומציל זיין! וואָס איז מיט דיר, מיין קינד, ביסטו משוגע אָדער חסר-דעה, רחמנא ליצלן, וואָס איז דיר איינגעפאלן? ווי געפעלט אייך דער יונג: א הויזדינער און פערדיטא לאכמאן! א פיין פאָרל, נישטאָ וואָס צו זאָגן... הונדערט טויזנט נדן. באקומסטו דאָך, קינד מיינס, דו קענסט דאָך חתונה האָבן מיטן שענסטן בעסטן יידישן יונגגמאן. וואָס איז מיט דיר? יעטל — האָט ער זיך א קער געטון צו זיין ווייב—וואָס בעלעבעטשעסטו?

די מוטער האָט נאָך אלץ געקרעכצט און געאָכצט. אירע אויגן האָבן געשריען דאָס, וואָס איר מויל האָט נישט געקענט ארויסזאָגן.

— גיי אין בעט אריין, טאָכטערשע—האָט דער פאָטער ווייטער זיך געבייזערט און געשריען. כ׳זע, דו האָסט זיך נישט אויסגעשלאָפן און דו רעדסט פון היץ. נו, וואָס ווערסטו דערצו זאָגן, — יעטל? — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו זיין פרוי. זענענדיק

אָבער זיין פרוי אין אזא צושטאנד, האָט ער פארגעסן אָן זיין טאָכטער מיט איר משוגעת און איז צוגעלאָפן צו איר צו הילף. ער האָט זי געטרייסלט, זי געבעטן רחמים, זי זאָל ארויסריידן כאָטש איין וואָרט. זי האָט אָבער אויף אים געקוקט מיט ווילדע אויגן און נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט, ארויסלאָזנדיק נאָר אלץ ווילדע קוויטשערייען. זי האָט פון זיך אראָפגעריסן דאָס שייטל און מיט א ווילדן צאָרן געקנייטשט מיט די פארקראמפטע פינגער. דער מאן האָט עס געזען, ווי די פרוי זיינע איז געבליבן אין די אייגענע האָר, אירע שיינע בלאָנדע האָר, ער איז צוגעלאָפן צו איר, באדעקט אירע האָר מיט א טוך, פונקט, ווי אין שטיב וואָלט געווען פרעמדע מענער.

— א קלאָג צו אונזערע יאָרן, צו וואָס מיר האָבן דער־לעבט! — האָט ער געיאָמערט פאר פערדיטען — וואָס האָסטו גע־טון און וואָס האָסטו געוואָלט פון אונזערע יאָרן? זע, וואָס מיט דיין מאמען קומט פאָר. אויף איר האָט דאָך עס געווירקט ווי א קלאפ פון א דונער. זי וועט דאָך נישט איבערהאלטן די הרפה.

פערדיטא האָט געענטפערט:

— ס'איז צו שפעט. כ'וועל אייך מוזן אנטשעדיקן און כ'וועל זען צו פארלייכטערן אייער צער. כ'וועל פון אים האָבן א קינד...

ס'קען זיין, אז זי אליין האָט אין דעם געגלויבט, אין איר תמימותקייט נאאיוו געגלויבט, אז אום צו האָבן א קינד, איז גענוג ביינאכט זיך צו קושן מיט א יונגנמאן, ווי זי האָט עס געזען, און מער נישט... זי האָט אין איר פולשטענדיקער תמימות געקאָנט גלויבן, אז בלויז דאָס קושן זיך מיט אים איז גענוג, אז זי זאָל דערפון ווערן מיט דער צייט א מוטער..

זי האָט עס געזאָגט און דערנאָך איז זי ארויסגעגאנגען. הינטער איר איז אנטשטאנען א שרעקלעך שווייגן...

אין פינף טעג ארום איז זי געפלויגן מיט געאָרג קעניגן קיין בערלין. זי האָט אָפגענומען איר ביכל פון דער שפאָרקאסע. זי האָט דאָרט געהאט ארום דריי טויזנט מארק. געהאט אביסל צי־רונג און אביסל זילבער, א ירושה פון איר באָבע. דערמיט האָט

זי אַנגעפּילט די וואַליזע. קליידער, וועש—דאָס האָט זי נישט מיט־געגומען און איבערגעלאָזט אינדערהיים.

געאָרג קעניג האָט געהאַט אַנ׳אַלטן הילצערנעם קאַסטן, צווי׳ אָנצוגן, פּיר העמדער, אַ פּאָר יאָרגענגן פון די „פליגנדע בלע־טער” און „קאָסמאָס” און אויך סובעריגנע פון ברעסלויער דינסט־מיידלעך און קצבישע טעכטער.

אַזוי איז פּערדיטאַ, די פאַרלאָרענע*) טאָכטער פון אַזעלכע בייכע אָנגעזעענע עלטערן, אַריינגעטראָטן אין איר שיקזאַל.

דער שייגער געאָרג האָט זי נישט געליבט, ער האָט לכתחילה אַביסל מורא געהאַט פאַר איר, אָבער ער האָט געוואַרט אויף די גרויסע גליקן, וואָס דער ראָמאַן מיט פּערדיטען האָט אים געזאָלט ברענגען: אויף איר געלט... ער איז געווען זיכער, אַז די עלטערן וועלן סוף־כל־סוף נאָכגעבן און אים אויפנעמען אַלס איידעם. די מיל וועט אין אַ שיינעם טאָג איבערגיין צו אים בירושה און אויך פּערדיטאַס גדן. זי איז געווען ביי אירע עלטערן אַ בת־יחידה. יידן האָבן דאָך ליב זייערע קינדער. ער איז געווען אַזוי גליק־לעך, וואָס ער האָט דאָס מיידל גוט באַהאַנדלט און געווען בנוגע איר צערטלעך, היים.

זיי האָבן זיך נישקשהדיק געלעבט אין בערלין פון פּערדי־טאַס דריי טויזנט מאַרק. דערנאָך האָבן זיי חתונה געהאַט און פּערדיטאַ האָט געשריבן אַ בריוו אַהיים.

אָנגעהויבן דעם בריוו האָט זי שטאָלץ, דערנאָך וויך בעטנ־דיק און פון אירע ווערטער האָט געשטראָמט מיט הייסע ליבע צו די עלטערן און צום ברודער.

זי האָט אָבער נישט באַקומען קיין שום ענטפער. ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום איז אָנגעקומען אַ קורצער בריוו, אָבער נישט פון די עלטערן, נאָר פון זייער אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט האָט מיטגעטיילט, אַז הער לאַכמאַן האָט אינגאַנצן איבערגעריסן מיט זיין טאָכטער און אַז ער האָט, האָבנדיק, לויטן געזעץ, אויף דעם רעכט, זי מעביר נחלה געווען.

---

*) פּערדיטאַ איז אויף לאַטיין: די פאַרלוירענע.—באַמ. פונעם איבערז.

דאָס איז געווען א שווערער קלאפּ פאר דעם שיינעם געאָרגן. דעם טאָג האָט ער זיך ס'ערשטע מאָל אָנגעשכּורט און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אהיים און פּערדיטאַ איז נאָכנישט געהאט געשלאָפן, ווארטנדיק אויף אים און קוקנדיק אויף אים מיט צער, האָט ער איר אויסגעבראָכן די ביינער.

דאמאָלס איז זי שוין געהאט פארגאנגען אויף דער צייט מיט איר ערשטן קינד. זי האָט געטראָגן שווער און פון איר שוואנגערשאפט געליטן. זי האָט אָבער ליב געהאט געאָרגן. זי האָט געגלייבט, אז זי וועט אים ווייטער ליבן און אז דאָס רעדט אין איר איר הייס בלוט, וואָס ברענט צייטנווייז ווי פייער.

און איצט האָט ער זיך פון איר אָפּגעזאָגט און וויל, ווי ס'זעט אויס, זי נישט קענען. כדי זיך נוקם צו זיין דערפאר, וואָס פּערדיטאס עלטערן האָבן זיי ביידן פון זיך אָפּגעשטויסן און ווילן פון זיי נישט וויסן.

אָבער בינו לבינו איז דאָס קינד געוואקסן אין איר לייב און הגם ס'איז נאָכנישט געהאט געקומען אויף דער וועלט, איז דאָס קינד פאר איר שוין געווען איר טרייסט, איר גליק, ברכה און סאטיספאקציע.

זי האָט נאָכאמאָל געשריבן צו איר מוטער — זעקס וואָכן איידער זי איז געלעגן געוואָרן איז דאָס געווען. מוטער האָט געשריבן צו מוטער. און אלס תשובה אויפן ראָזיקן בריוו איז אָנגעקומען א קאסטן צו פּערדיטאַ קעניג. דער צעטל אויפן קאסטן מיטן אדרעס פון דעם, וואָס האָט אים ארויסגעשיקט, איז געווען געשריבן פון הענריעטא לאכמאן. זי האָט אליין איינגעפּאקט דעם קאסטן און עס באזאָרגט בסוד סודות פון איר מאן. דאָרט איז געלעגן פּערדיטאס אייגענע וועש פון דער צייט, ווען זי איז נאָך געווען א זויג-קינד. די וועש איז געווען זייער קאָסטבארע פון היימישע לייוונט, באצירט מיט די טייערסטע שפּיצן. פריש דורכגעצויגן מיט בלאָען זיידנבאנד. אין קאסטן זענען אויך געווען פּערדיטאס קליידער און וועש, שיך און מאנטלען, דערביי זענען אויך צוגעלייגט געוואָרן אירע ביכער (נישט פיל), נאָטן. אפילו די פּארטובער, אין

וועלכע זי פלעגט אמאָל שטיין ביים טויער פון הויף און קאָנטראָלירן די מיל־ייִנגען, — האָט די מוטער איר אויך צוגעשיקט.

זייט דעמאָלט האָט פערדיטא געוויינט, געיאָמערט און זיך נישט געקענט בארויִקן, ביז צו דער רגע, ווען מ׳האָט איר צוגעלייגט צו דער ברוסט איר ערשטגעבוירענעם זון.

זי האָט איר בכור א נאָמען געגעבן טעאָדאָר און די קינדער, וואָס זענען שפּעטער געבוירן געוואָרן — הענריעטא און מארקוס.

זי האָט זעקס וואָכן כסדר געהאלטן אין איין וויינען, אליין נישט פארשטייענדיק, פון וואנען עס נעמען זיך די דאָזיקע כסדר־רינענדיקע טרערן.

איצט איז געאָרג ווידער צו איר געוואָרן גוט.

די זאכן, וואָס די מוטער האָט צוגעשיקט, — אמת מאקע נישט קיין טייערע זאכן — האָבן ווייכער געמאכט זיין הארץ. מ׳דארף דאָך נישט נעמען אזוי ערנסט דעם ברוגז, וואָס די שוויגער־עלטערן פירן — האָט ער זיך געטראכט — און אויך נישט דאָס, וואָס זיי האָבן אונז פון זיך אָפּגעשטויסן און מעביר נחלה געווען. סוף־כל־סוף וועלן זיי בעסער ווערן און — בלוט איז דאָך קיין וואסער נישט — וועלן מאכן שלום מיט זייער טאָכטער און איר מאן און דאן — געוואלד, רבונו של עולם, ווי דערלעבט מען עס שוין! — און דאן וועלן מיר זיך ארייִנציִען אין מיל אריין און ס׳וועט שוין ביי אונז אוועקגיין גאָר אן אנדער לעבן. ער האָט געבראכט בלומען פאר דער קימפּעטאָרן, געבראכט יענץ פלעשל רויזן־אייל, וואָס זיין דופט איז געווען לענגער, ווי זיין צערטלעכקייט און גוטסקייט. ער האָט באלד געלאָזט פערדיטען מיטן קינד פאָטאָגראפירן און דאָס בילד אוועקגעשיקט די שוויגער־עלטערן...

דאָס בילד איז אָבער געקומען צוריק. די, צו וועמען מ׳האָט עס געשיקט, האָבן זיך אנטזאָגט דאָס בילד אויפצונעמען...

דאָס האָט ארייִנגעבראכט געאָרגן אין א ווילדער משוגעת און רוגזא. ער האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קינד און עס א הייב אויף געטאָן מיט אזא כעס, פונקט ווי ער וואָלט עס געוואָלט צעשמעטערן אָן דער וואנט. פערדיטא האָט זיך אָבער א וואָרף געטאָן צו אים. הגם זי איז אין פארגלייך צו איר מאן, דעם גבר, געווען קליין,

שמאָל און שוואך, האָט זי, פונדעסטוועגן, געפונען אין זיך גענוג כוחות, כדי בייצוקומען דעם משוגע-געוואָרענעם ריז. זי האָט אים געשליידערט אין פנים אריין זידלערייען און קללות. פלוצלינג האָט זי דערקענט אינעם דאָזיקן צעווילדעוועטן גבור — איר מאַן. מיט זיין גאנצן מהות. פאר איר איז איצט געשטאַנען א קליינער, געמיינער, נישטיקער, פוילער מענטש, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאר קיין זאך, ווען ס'האנדלט זיך אין באפרידיקן זיינע געמיינע אינסטינקטן.

פערדיטא האָט נישט געוואוסט, אז איר מוטער איז געשטאָרבן, בעת זי, פערדיטא, איז געלעגן אין קימפעט. זי האָט זיך נישט געקענט דערוויסן, צי די מוטער האָט ווידער באקומען לשון נאָכדעם, ווי זי איז געוואָרן שטום פון דער שרעקלעכער ידיעה.

און אָט האָט זי באקומען אן אָפיציעלע מיטטיילונג, אז איר טייל ירושה פון דער מוטער אין דער הויך פון זעקס טויזנט דריי הונדערט מארק איז צו איר רשות און זי קען דאָס געלט אָפּנעמען, ווען זי וויל.

איר שמערץ און צער צוליבן טויט פון איר מוטער זענען געקומען צו שפּעט.

פערדיטא האָט זיך איצט אין אירע געדאנקען אריבערגעטראָגן אויפן יידישן בית-עלמין פון איר געבורטשטאָט, וואו איר מוטער, וועלכע איז צוליב איר נעגאַנגען אזוי פרי פון דער וועלט, האָט איצט געפונען איר אייביקע רו. זי איז געקומען צו איר אייביקער רו לעבן די קברים פון אירע עלטערן, זיידעס און באָבעס, אויפן סאמע אויבנאָן פון בית-הקברות. איר זיידע איז געווען א רב. דאָ איז געווען א פאמיליען-פּלאַץ, וואָס איז איינגעקויפט געוואָרן פון די לאכמאנעס אויף „אין הונדערט און צוואַנציק יאָר ארום". דער פּלאַץ איז באשטימט געווען אויף זעקס קברים. איצט ווען צוויי פּלעצער שוין בלייבן ליידיק...

דערמאָנענדיק זיך אין דעם אלעם, האָט פערדיטא לאנג נישט אויפגעהערט צו וויינען. טעאָדאָרס הענטלעך זענען געווען נאס פון אירע טרערן.

— טעדי, מיין ליב קינד, — האָט זי געפּליסטערט — ביין

באַבע איז נישט באַשערט געווען צו האָבן נחת פון מיר און זען איר אייניקל. זי איז אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט פון האַרצ־ווייטיק צוליב מיר, דיין זינדיקע מוטער.

פאַר געאַרגן זענען איצט געקומען גליקלעכע טעג. ער איז דאָך געוואָרן כמעט א קאַפּיטאַליסט. אַנשטאָט בראָנפן האָט ער איצט שוין געטרונקען נאָר ווײַן. פעדריטא איז געווען א פרוי פון א שוואַכן נישט אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער. טראָץ דעם, וואָס זי האָט גוט געוואוסט, אַז איר מאַן איז נאָר פעיק אויסצוגעבן געלט און נישט צו פאַרדינען, האָט זי פונדעסטוועגן א העלפט פון דער מוטערס ירושה אַרײַנגעטראָגן אין באַנק אויף זיין נאָמען. ביי אַלע צרות, אַלע בזיונות, וואָס זי האָט פון אים געהאַט, איז זי דאָך געווען אים דאַנקבאַר: ער איז דאָך געווען דער פאָטער פון איר קינד — א ברכה אויף זיין קאָפּ...

זי איז אָבער געווען נישט קיין נאַרישע פרוי און האָט, אין איר איצטיקער לאַגע, געזוכט א תכלית. זי האָט געדונגען א דירה אין א ביליקן בערלינער קוואַרטאַל, ביים שטעטינער וואָקזאַל, אויף דער גאָרטנגאַס און די דירה באַשיידן אויסמעבלירט. זי האָט געמאַכט זאַפּאַסן פון פּראָוויזיע, זיך געזאָרגט וועגן דער צוקונפט. איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ס'וועלן פאַר איר מיטן קינד קומען ביטערע צייטן, און אַלץ צוליבן מאַנס שולד. און זי האָט זיך בכלל געפילט גאַנץ גוט אין איר פאַמיליען־נעסט.

דאָס געלט איז אַוועקגעגאַנגען. די הוצאות זענען געוואָרן גרויסע און די הכנסות — נישטיקע. געאָרג פלעגט זי גלעטן, ער איז איצט געווען גוט און פרום. זי האָט אויף אים געהאַט רחמנות, געהאַט רחמנות אויף זיין פאַרדאָרבנקייט. זיי האָבן געלעבט צווישן זיך גאַנץ גוט. היינטער פרישע גאַרדינען, צווישן מעבלשטיק פון טענענבוים, וואָס האָבן געשמעקט מיט לאַק, האָט פעדריטא איינגעפירט און גוט איינגעאָרדנט א געמיטלעך פאַמיליען־ווינקעלע, וועלכעס האָט אויסגעזען גאַנץ שיין, — בפרט נאָך, אַז צווישן מאַן און ווייב האָט געהערשט א פולשטענדיקע האַרמאָניע. פעדריטא איז אין הכנעהדיקייט און נאָכגיביקייט גרייט געווען מי יודע אויף

וואָס פארע קרבנות, אבי צו ראטעווען דעם מאן און אים באפרייען פון זיינע גרויסע חסרונות.

ליידער האָט זיך אין דער הינזיכט גאָרנישט געלאָזט אויפטון. דאָס איז געווען א מענטש, וואָס אין אים איז געזעסן א חיה. ער איז געווען א האלבע חיה. זיין נשמה איז געווען ליידיק און נישט געצוימט זיין מענטשלעכקייט — הויל, ליידיק און אזוי סנאָפּ אנטוויקלט. דאָס האָט זי לאנג נישט געוואָלט פארשטיין. און אין דעם זיך לעצטנס ערשט איבערצייגט. זי האָט געבוירן דאָס צווייטע קינד, אין א יאָר ארום, נאָכן האָבן דאָס ערשטלינג. דאָס מאָל האָט זי געהאט א מיידעלע. זי האָט דאָס טעכטערל א נאָמען געגעבן נאָך איר מוטער, העניעטא. דאָס מיידעלע איז געווען אן אמתע ליאלקע... זי איז געווען שיין, גוט און ליידנשאפטלעך. און נאָך אין א יאָר ארום איז געקומען אויף דער וועלט איר דריט קינד. א יינגעלע איז עס דאָס מאָל געווען און א נאָמען האָט זי אים געגעבן — נאָך איר פאָטער — מארקוס. דאָס איז געווען א בלאָנדער, פעסטער יינג, אינגאנצן געראָטן אין זיין פאָטער. געאָרג קעניג.

צו יענער צייט איז פון זייער גאנץ געלט שוין נישט געבליבן קיין פרוטה. זיי האָבן עס אינגאנצן אויפגעגעסן. געאָרג האָט שוין געמוזט אוועקווארפן זיין לעבן פון א דארמאָיעד און זיך נעמען ארבעטן, כדי צו האָבן אויף פרנסה. ער האָט באקומען ארבעט ביי ארומפירן פעסער ביר אין די שענקען און רעסטאָראציעס. ווי א פארקליידעטער באקכוסע *), איז ער געזעסן אויפן וואָגן און באזאָרגט בערלינער שענקען מיטן דאָזיקן פאָפּולערן געטראנק. ער פלעגט טראָגן אויף זיינע מעכטיקע פלייצעס שווערע קאסטנס מיט פלאשן ביר און דאן פלעגט זיין שטארקער, אייזערנער קערפער זיך אזוי אָנבלאָזן, אז זיין מאנטשעסטער אנצוג פלעגט שיער נישט פלאצן.

די שטענדיקע נאָענטקייט צו דער משקה, צו וועלכער געאָרג איז קיינמאָל נישט געווען גלייכגילטיק, האָט גורם געווען דערצו, אז ער האָט אָנגעהויבן שטארק צו טרונקען. ער פלעגט קומען אהיים

---

*) פון שיכרות.—באם. פונעם איבערז.

שיכור און דאן זידלען פערדימעו, אָנרופנדיק זי „יידישע שיקסע", און שלאָגן די קינדער. אָבער העניו, ווי ער פלעגט רופן פאַר־צערטלט הענריעטען, פלעגט ער שאַנעווען און זי כמעט נישט פּשעפּען. זי איז געווען זיין ליבלינג. ער פלעגט איר ברענגען לײ־דיקע שאַכטלען פון פּאַפּיראָסן, קנעפּ, פון צייט צו צייט אַ שטיק קוכן. ער פלעגט זי אַרומטראָגן איבער דער שטוב, קעמען אירע יידענע, ברוינע האָר, ער פלעגט זי מיאוס רייצן. זי האָט געמוזט, ווען ער פלעגט זי ערגערן, אים שלאָגן מיט די פויסטן און שטעכן מיט די פּיסלעך. ווען זי האָט אים ביין געריסן פאַר זיינע שיינע, לאַנגע האָר, פלעגט ער לאַכן, קוים פילנדיק אַ ווייטיק.

— יידנשיקסע — פלעגט ער באַפעלעריש שרייען — דער־לאַנג מיר קאַווע אין בעט אריין!

אָדער:

— ברענג מיר אהער העניו!

אָדער:

— ברענג נאָר ארויף די „מאָרגנפּאָסט".

דאָס זענען נישט געווען קיין זידלווערטער. דאָס האָט ביי אים שוין נישט געהייסן קיין זידלעריי, נאָר דאָס איז געווען זיין געוויינלעכער אַרט רעדן צו זיין ווייב. אָבער ווען ער איז געווען שיכור און אין כעס, פלעגט ער פערדימען פאָרוואַרפן איר יידישע אָפּשטאַמונג. ער פלעגט שמויסן מיט די שטיוול מעאַדאָרן, אים אָפּשטופּן פון זיך צו דער מוטער און שרייען דערביי:

— יידיש געזינדל, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען. זאָלן מיינע אויגן אייך נישט אָנזען. פאַרשאָלטן זאָל ווערן די שעה, ווען כ'האָב זי דערקענט. אַלץ נעמט זיך פון איר, פון דער חצופה. אין אַלץ איז זי שולדיק, אַ רוח אין אירע ביינער אריין. טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, מיט אהין, פון וואַנען איר זענט געקומען!

און ווען ער פלעגט קומען אהיים טויט־שיכור און מלא רציחה און זיך נעמען מאַכן אין שטוב אַן אמתן פּאָגראָם: וואַרפן מיט די טעלער, מעסער, שטולן, — דאַן פלעגט די מוטער אַנטלויפן מיט די קינדער און איבערלאָזן דעם צעיושעטן מאַן אַליין. זי פלעגט שפּעטער־לאַנג אַרומבלאָנדזשען איבער די גאַסן, טראַגנדיק דאָס קלענ־

סטע קינד אויף די הענט. זי פלעגט ארומבלאָנדזשען איבער דער שטאָט און — אויסער דער שטאָט — שוין איבער פעלדער, פלעגט זי זיך ערגיץ צוזעצן מיטן יונגסטן קינד אין שויס און אזוי איינ־דרעמלען. איר פלעגט זיך דעמאָלט חלומען איר געבורטשטעטל, זייער הויף און מיל, ווי זי שטייט אין בלאָען קלייד און קאָנטראָלירט די מיל־ייִנגען.

זי האָט אָבער נישט געקלאָגט אויף איר ביטערן גורל. זי האָט צו קיינעם נישט געהאט קיין טענות און אין אלע אירע צרות האָט זי באשולדיקט זיך גופא.

ווען זי פלעגט, נאָך די שטורמישע סצענעס, וואָס דער טאַטע פלעגט איר מאכן, נאָכן ארומבלאָנדזשען איבער די גאסן און פעלער, צוריקקומען אהיים, פלעגט געאָרג ליגן טויט־שיכור מיט די שטיוול אין בעט און שלאָפן, כראפנדיק ווי א בהמה. ארום און ארום איז אלץ געווען פארפאשקודזשעט, פון אים האָט זיך גע־טראָגן א שרעקלעכער ריח. העני האָט געוויינט און דער קליינער, קרעפטיקער פעמפיק מארקוס איז געשלאָפן.

דערנאָך איז געאָרג געוואָרן הויזדינער אינעם גרויסן גארדע־ראָבנגעשעפט אויף דער שאָסעשטראסע. די ארבעט איז דאָרט געווען א לייכטע פאר אזא גבור, ווי ער, גאמירלעד. ער פלעגט דאָרט גוט פארדינען. אָבער קיין געלט פלעגט ער אהיים נישט ברענגען.

און פערדיטא האָט אָנגעהויבן אליין צו דערנערן אירע קינ־דער... איר צירונג און דאָס אלט־זילבער זענען לאנג פארקויפט גע־וואָרן. איצט האָט זי אָנגעהויבן אליין צו פארדינען. זי פלעגט נייען קראוואטן פאר פארשידענע געשעפטן און פארדינען דערמיט זי־בעציק פעניג א טאָג. זי וואָלט געקענט פארדינען מער, האָט זי אָבער געמוזט ארבעטן ביים אויפרוימען די שטובן, פוצן, פירן די אָרימע ווירטשאפט און באזאָרגן די דריי קינדער אירע, ס'זאָל זיי גאָרנישט פעלן, און דאָס פלעגט ביי איר אוועקנעמען פיל צייט.

די זיבעציק פעניג א טאָג פלעגן אָבער נישט סטאיען אויף צו דעקן די נייטיקע, אמנייטיקסטע הוצאות, האָט פערדיטא געמוזט פאר־זעצן די קליידער וועלכע זענען איר נישט געווען אזוי נייטיק און

די רעשט פון איר פייגע וועש פון די קינדערשע און מיידלישע יאָרן. ס'איז שוין געקומען אזוי ווייט, אז זי האָט זיך געזען געצוואונגען צו פאַרזעצן דאָס צווייטע בעט און שלאָפן פלעגט זי אין דעם איינציק־פאַרבליבענעם בעט — ווען געאָרג איז נאָר נישט געקומען אהיים. ווען ער פלעגט יאָ קומען נעכטיקן, פלעגט זי שלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע. די דריי קינדער האָבן אויך געהאַט איין בעטל. פערדיטאַ האָט אויך פאַרזעצט די גאַרדינען, דעם טעפּיך. אין שטוב איז געוואָרן אַלץ ליידיקער. — זי האָט אַלץ געהאַלטן אין איין פאַרזעצן די זאַכן און דאָך פלעגן אויספאַלן אַזעלכע בײַ־טערע טעג, ווען אין שטוב איז נישט געווען קיין שטיקל ברויט און קיין שיסעלע מעל, כדי צו קענען מאַכן די קינדער אַ ברײַ.

אין אַזעלכע ביטערע, משוגענע נעכט פלעגט פערדיטאַ פאַר־שטאַרט נישט אָפּרייסן אירע אויגן פון גרינלעכן שפּיגל, אויף וועלכן זי האָט אויסגעווועקסלט איר שפּיגל פון ניסנבוים, באַקומענדיק צו־געצאָלט צען מאַרק. זי האָט פאַרשטאַרט געקוקט אויף זיך אין שפּיגל, און האָט אויסגעזען אַזוי טויט־בלאַס און שלעכט אונטער דער שווערער לאַסט פון די צרות און פּיין. און קוקנדיק אַזוי אין שפּיגל, האָט זי זיך געקלאַפּט אין די ברוסטן, אין די דאָזיקע פולע רונדע ברוסטן, וואָס גייען לאיבוד... און זי האָט זיך דעמאָלט גע־טראַכט: אַך, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט זיי אָפּגעשניטן און אָפּגעבראָטן פאַר די קינדער.:.

אַזעלכע ווילדע געדאַנקען, אַזעלכע משוגעתן פלעגן דעמאָלט אײַנפאַלן פערדיטען.

זי האָט אַרויסגענומען טעאָדאָרן פון קינדערשן בעטל און אים אַרײַנגעלייגט אין פאָטערס בעט, וואָס אין די דאָזיקע נאַכט ווידער געבליבן ליידיק. און איז געפאַלן פאַרן קינד אויף די קני, האָט אויף אים געקוקט און איז זיך פאַרגאַנגען אין דער הייליקער מו־טערלעכער ליבע.

זי האָט געקוקט אויף איר זינדעלע און נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון אים. זי האָט דעמאָלט פאַרגעסן פון אַלע צרות, פון אַלע אירע ליידן. זי האָט דאַן שלום געמאַכט מיט איר ביטערן גורל. אַלץ איז בײַ איר אין יענע מינוטן אויסגעקומען, אַז ס'דאַרף אַזוי

[illegible]ן, אז אנדערש האָט נישט געקענט זיין. און ווען זי וואָלט אפילו צוויי מאָל אזוי פיל געליטן, וואָלט דאָס אויך נישט געווען קיין טייערער פרייז פאר דעם גליק צו האָבן אזא זים און וואויל קינד, ווי איר יינגעלע איז,טראָץ דעם, וואָס ער איז אזא קליינער, שווארצער און מיאוסער, ווי זי, פאראורטיילט שוין פון די קינדערשע יאָרן אָן גערודפט און אָפגעשטויסן צו ווערן. אָבער בכלל איז דאָס א זים, וואויל קינד. א ברכה אין זיין קעפעלע אריין.

די צוויי פאָדערשטע שטובן זענען שוין לאנג געווען אויסגעליידיקט. אלץ איז פון דאָרט געווען פארזעצט אָדער פארקויפט. בלויז די גארדינען און איין שאנק זענען דאָרט נאָך פארבליבן. אין די שטובן און אין אלע ווינקעלעך האָט געהערשט דער אמתער דלות מיט זיינע טרויעריקע באגלייטער. אפילו די מייז האָבן שוין אויך פארלאָזן די דאָזיקע פאראָרימטע שטובן, ווייל זיי האָבן דאָרט נישט געהאט, וואָס צו גריזשען.

מאנכעמאָל פלעגט זיך די מוטער מיט טעאָדאָרן אויף די הענט, זיך אוועקשטעלן אין מיטן פונעם דאָזיקן ליידיקן צימער און פלעגט זיך פאמעלעך ארומדרייען. און דאן האָט זי מיטן כוח פון איר פאנטאזיע, אין די ליידיקע שטובן, אריינגעבראכט הערלעכע בילדער און געשטאלטן. דאָ זענען געווען בילדער פון איר קליין שטעטל מיטן רויזנגאָרטן און אויך פון דרום-ברעגעס, וועלכע זי האָט קיינמאָל אויף איר לעבן נישט געזען, און אויך צפון-פיאָרדן, מיט אויטאָס און רייטער-פערד. אין איר צעהיצטער פאנטאזיע האָט פערדיטא געזען, אז די אלע פיאָרדן, גערטנער, אויטאָס א. אז. וו. געהערן צו איר זון טעאָדאָר. זי האָט געוואָרפן א בליק אין דער צוקונפט און געזען איר זון, ווי קלוג און וואָס פאר א געלערנטער ער איז, ווי מענער פארנייגן זיך פאר אים מיט דרך־ארץ און ווי שיינע, יונגע פרויען שמייכלען צו אים. ווי איר מוטער עליה השלום שוועבט אויף א וואָלקן איבער דעם אלעם און קוקט זיך צו צום גליק, וואָס איז אויסגעפאלן אויף איר אייניקל, און קוועלט דאָן פון נחת, און זי גופא, די מוטער פון אזא גערא̇טענעם זון, זיצט אין א קילן שאָטן פון א געדיכטן בוים און רוט זיך אויס, די געניסט פיל פון פרייד און פרידן, זי לעבט אין זיין לעבן...

און ס'ווייזט זיך איר אויס, אז דאָס קליינע יינגעלע אויף אירע הענט, בלאס און שטיל, זעט אויך, וואָס זי זעט. זיינע אויגן זענען געווענדט אין דער ווייטקייט, און ער לאַכט. ער לאַכט דאָך אויך זעלטן —

ווען פערדיטאַ האָט געזען זיין געלעכטערל, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון דרעמל און א ציטער געטון. זי האָט א זיפץ געטון. זי האָט מער נישט געוויינט, אָבער דאָס געלעכטערל פון איר קינד האָט א זיסן קלעם געטון איר האַרץ. זי האָט צוגעדריקט דאָס קינד צו איר ברוסט. זי האָט עס שטאַרק געקושט. אונטער די פענצטער, אין דער נעפּלדיקער טיפקייט האָט בערלין געברענט, ווי א שרפה. דער וואָקזאַל האָט פאַרהילכט די לופט מיט שניידנדע און גרילצנדע פייפן, ווי געשרייען פון עפּיס אן אומגעהייער, וואָס איז דאָ געלעגן אין דער שטאָט מיט א דאַמפנדיקן מויל. ווי פעדעם סלונע, האָבן געפלאָסן די גלאַנצנדיקע שינעס פון די רויטע לעפצן. די פאַלעדיקע דעכער זענען געלעגן פאַרשטאַרט. פון דער הויך, פון די ווייטע אינוואַלידן-זײַלן האָט דורכן נעפּל געשימערט מיט גאָלד. דער טורעם אויף דער גנאָדנקירכע האָט אויסגעזען זיך צו טונקען אין א נישט קיין ערדישן ליכט. אַלץ איז געווען געמיינזאַמקייט און לעבנס-געפיל. אָבער דאָ אויבן איז געשטאַנען פערדיטאַ מיט איר קינד, זי איז געשטאַנען אַליין, א פאַרשטויסענע און געפּלאָגטע, די גאַנצע וועלט איז געווען א קינד...

*

דאָס איז די געשיכטע פון מיין אומגליקלעכער מוטער. אויך האָב איך די דאָזיקע געשיכטע צוזאַמענגעשטעלט פון דעם, וואָס זי האָט מיר אין משך פון פופצן יאָר, שטיקלעכווייז, מיט רמזים, אָנצוהערענישן און פיל נישט דערזאָגטעס, דערציילט. פיל האָב איך ערשט אין צען יאָר אַרום פאַרשטאַנען, פיל — ערשט איצט, נאָכדעם, ווען כ'האָב עס אַלץ צוזאַמענגעשטעלט און געמאַכט, אַזוי צו זאָגן, א סך-הכל. ערשט היינט, אפשר הייב איך זיך אָן פאָרצושטעלן און פאַרשטיין, ווי אַזוי זי האָט זיך באַצויגן צום טאַטן. וועגן דעם האָט זי קיינמאָל נישט גערעדט, נאָר אָפט פלעגט זי, פליסטערנדיק, זיך אַרויסכאַפּן:

און איך האָב אים זייער שטאַרק געליבט, כ'האָב אים...

זי פּלעגט זיך אָפּשטעלן, אַריינשלונגען דאָס וואָרט, וואָס זי האָט געוואָלט אַרויסרעדן; ס'האָט איר אָבער עפּיס געגעבן אינעווייניק א שטויס, זי זאָל יאָ אַרויסרעדן יענץ וואָרט, און זי האָט געזאָגט:

— פאַרגעטערט. כ'האָב אים ממש פאַרגעטערט.

אָרימע, טייערע מוטער מיינע. פינף און צוואַנציק יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען. אומשולדיק, צניעותדיק און טרוימעריש איז זי דאַן געווען און דאָ ווערט זי מיטאַמאָל פאַרבלענדט פון א בילד־שיינעם מאַן און דאָס האָט גורם געווען איר גרויס אומגליק, אירע שרעקלעכע ליידן. און פון דיין אומגליק, טייערע מוטער, פון דיין פאַרגעטערונג, פון דיינע שטילע ליידן און זעלבסטאָפּפערונג בין איך געקומען אויף דער וועלט און בין אויסגעוואַקסן...

נאָך יענער שרעקלעכער נאַכט, ווען די מוטער איז, ווי א משוגענע אַרומגעלאָפן איבער די שענקען זוכן איר קינד, וואָס דער פאָטער האָט אַוועקגעשטעלט צו בעטלען, האָט זי צוגעקלעפּט צו דער הויזטיר א צעטל, אַז ביי קענינן אויפן פערטן שטאָק איז פריי א צימער צו פאַרדינגען.

זייט דעם טאָג אָן, האָט זי שוין קיינמאָל נישט געפרעגט אויפן פאָטער און געטון אַלץ אַליין, אויף אירע אייגענער אחריות, פּונקט ווי זיי וואָלטן געלעבט געשיידט איינער מיטן אַנדערן, אָדער ווי זי וואָלט אים געהאַט אָפּגעגט. ער פלעגט נאָך אָבער פון צייט צו צייט זיך באַווייזן צו אונז אין שטוב, כדי ביי א געלעגנהייט נאָך א מאָל איבערצונעכטיקן ביי אונז, צו עסן און אונז צו שלאָגן, אָדער דורכצוגריבלען די מוטערס קאָמאָדע און דאָרט זוכן געלט.

ס'זענען געקומען מענטשן אָנקוקן די שטוב, וועלכע מיר האָבן פאַרגעלייגט צו פאַרדינגען. צוערשט זענען געקומען פיל מיידלעך, עלטערע, פאַרזעסענע און אויך גאַנץ יונגע. אויסגעפּוצטע אין עסיק און אין האָניק, עלעגאַנטע אין טייערע צירונג. אָבער נישט איינער פון זיי האָט די מוטער געוואָלט פאַרדינגען דאָס צימער, ווייל יעדע פון זיי האָט פאַרלאַנגט, זי זאָל קענען ברענגען צו יעדער צייט הערן צו זיך. די מוטער האָט נאָר שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מאנכע פון זיי זענען אוועק אומצופרידן און האָבן געשאָלטן די מאמען, פאַרוואָס זי האָט זיי נישט געוואָלט אָנגעמען אלס סובי־לאָקאטאָרקע. מאנכע ווידער זענען אוועק מיט א טרויעריקן שמייכל אויף די ליפּן. מאנכע האָבן צוגעזאָגט די מוטער פּראָצענטער פון זייערע הכנסות. כ'האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט באַטייט, אָבער כ'גלייב, אז כ'האָב שוין דעמאָלט אַלץ פאַרשטאַנען.

פּלוצלינג, איבער איין נאכט, בין איך געוואָרן זעענדיק און הערנדיק, פּלוצלינג בין איך גייסטיק אזוי אויסגעוואקסן!

שלימזלער האָט זיך צו אונז אריינגעצויגן אן אלטער מאַן, וועלכער פלעגט ביי דער עליזאבעט־קירכע פאַרקויפן אויף א פּוט אויבסט.

ער פלעגט אויפשטיין כאָור, פיר אזייגער, אָפּטמאָל נאָך פריער, נאָך דריי, און פלעגט אוועקפאָרן מיט זיין וועגעלע צום אלעקסאנדערפּלאַץ אין די צענטראַלע מארק־האַלעס און איינגע־קויפט אויבסט. ער פלעגט הוסטן, ווען ער פלעגט אויפשטיין, שנייצן די נאָז, שפּייען. מיר פלעגן זיך פון זיין הוסטן אַלע אויפ־כאַפּן און ער פלעגט ביים וואַשן זיך אין קיך קלאַפּן מיטן שעפּער און אויפוועקן דאָס גאנצע הויז.

ער פלעגט דעמאָלט אריינברענגען טאָרף אייגנצוהייצן דעם אויוון פון קאָרידאָר און די טירן פלעגן בשעת־מעשה נישט אויפ־הערן סקריפּען. בכלל איז דער דאָזיקער אלטיטשקער אונז שטאַרק געווען צו לאַסט. נאָר וואָס האָבן מיר געקענט טון? ער פלעגט אונז צאָלן פאַרן צימער פופצן מארק, און דאָס איז פאַר אונז געווען, ביי אונזער טרויעריקן מצב — א מטבע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געמוזט רעכענען. אגב פלעגט פון די דאָזיקע פופצן מארק דער פאָטער אראָפּנעמען א העלפט. די מוטער האָט אויך געמוזט זיך זאָרגן פאר דירה־געלט, וועלכעס האָט דעמאָלט באטראָפן פינף און דרייסיק מארק א חודש. זי פלעגט גייען ביז שפּעט אין דער נאכט אריין, אָפּטמאָל — ביז דער אלטער פלעגט אויפשטיין. דאַן פלעגט זי אים אָפּקאָכן די מאַלץ־קאַווע און נאָכדעם איצט זיך

גיין לייגן שלאָפן — ווען ער פלעגט שוין ארויסגיין אין גאס ארויס, פארקלאפנדיק נאָך זיך די טיר.

דער דאָזיקער זקן איז געווען זייער גוט צו אונז, קינדער. ער פלעגט אונז ברענגען, האלב אכט אזייגער אין אָווגט, ווען ער פלעגט צוריקקומען, די פארפוילטע שיריים פון אויבסט. זיין וואָגן פלעגט בלייבן איבער דער נאכט אין א שטאל אויף דער בערגשטראסע. דאָס האָט אים געקאָסט צוויי מארק פופציק פעניג א חודש. מאנכע־מאָל פלעגן מיר פון אים אויך באקומען גים, וויינפעלעד, קאליע געוואָרענע פאָמעראנצן, קארשן, וועלכע האָבן זיך נישט געהאלטן ביז צום אנדערן טאָג. אָפט פלעגט די מוטער עפּים אָפּקאָכן פון אָט די פרוכטן, אָבער אָן צוקער. די פרוכטן פלעגן שימלען. אָבער פאר מארקוסן זענען די פארשימלטע פרוכטן אויך געווען א מאכל און ער פלעגט זיי גערן עסן. ער פלעגט אראָפּקראצן דעם קאלך הינטער די אָפּגעפאלענע טאפעטן און עס צערייבן, קוויקנדיק זיך דערמיט, צווישן די ציין. יאָ, מארקוס איז, וואָס אָנבעלאנגט אכילה, נישט געווען קיין איבערקלייבער און קיין זאך פלעגט אים נישט שאטן, נישט פארדארבן דעם מאָגן. דער רוח האָט אים נישט גענומען. ער איז געוואקסן און געוואָרן שטארק און קרעפטיק. ווען די מאמע פלעגט זיך צורירן צו זיינע ביינער, פלעגט זי שאָקלען מיטן קאָפּ און ס'פלעגט איר שטארק הנאה טון. זי פלעגט דאן צו מיר זאָגן האלב אויף קאטאָוועס:

— טו אויך דאָס זעלבע, וואָס ער, טעדי, זע, וואָס מער אין זיך אריינצולייגן. זע, ווי שטארק און געזונט ער איז, קיין עין הרע. דו וועסט דאָך נישט קענען אים עפענען די פויסט. ער איז שטאר־קער און קרעפטיקער פון דיר.

אין אָוונט פלעגט דער אלטער איינהייצן דעם אויוון אין זיין שטוב מיט טאָרף. ער האָט מיט זיך מיטגעבראכט צו אונז נאָך איין געל הילצערן בעט, צוויי שטולן, א קיכן־טיש, א ליידיקע קאָ־דימקע פאר בלומען און א ריזיקן, צעריסענעם יאפאנישן פאפירע־נעם שירעם. קיין באלייכטונג האָט ער נישט געהאט, האָט עס נישט געברויכט.

ווען מיר פלעגן דערהערן, אז ער איז שוין איינגעשלאָפן, לויט

זיין כראפען האָבן מיר, קינדער, בשתיקה געעפנט די טיר פון זיין צימער, כדי עס זאָל פון דאָרט צו אונז אויך אין די קאַלטע שטוב אַריינקומען אביסל ווארעמקייט. מיר פלעגן זיך אַראָפּבייגן אויף די פיס מיט די גופימלעך אַראָפּ ביי דער שפּאַלט פון זיין טיר און פלעגן אַריינאָטעמען אין זיך, שטאַרק קוויקנדיק זיך, דעם ווארעמען טאָרף־ביח. נאָך הענט פלעגט נישט מורא האָבן אַריינצושלייכן צו אים אין צימער אַריין, דאָרט זיך אוועקזעצן ביים אויוון און זיך ווארעמען.

זי פלעגט זיצנדיק דאָרט ביים אויוון אין דער שטיל לאַכן און ביכיקן און אונז אַנלאָקן אַריינצוגיין אהין אין דער ווארעמער שטוב אַריין, ביז מארקום פלעגט שליסלען זיך אויך אהין אַריינגנבענען. איך האָב עס אָבער נישט געוואָלט נאָכטון. כ'האָב ביי זיך נישט געקענט פועלן, אהין זיך אַריינצובאַקומען, בפרט נאָך, אז מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך וואָלט אוועקגענומען ביים אַלטן זיין ווארעמקייט, ווען איך וואָלט זיך געווארעמט ביי זיין אויוון און אזוי אַרום וואָלט איך באַגאַנגען אַ גנבה, גאָכדעם, ווי מיין שוועסטערל און ברודערל האָבן אים שוין אָן מיר און אָן מיין אָנטייל אויך באַגנבעט.

מאַנכעסמאָל פלעגט דער זקן זיך אויפכאַפּן און דערזעענדיק דעם העלן שפּאַלט פון דער טיר, פלעגט ער אָנהייבן צו שרייען און זיך בייזערן. דאַן פלעגן מיר אַוועקלויפן, ווי די צעפּלאָשעטע מייז. ער האָט אָבער נישט געקענט אָפּשליסן די טיר און, ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. אזעלכע „אינוואזיעס" פלעגן זיך איבערחזרן כמעט יעדע נאַכט. דער פאָטער האָט אמאָל צעבראָכן דאָס שלאָס, בעת די מוטער איז מיט מיר אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין, און פארשלאָסן די טיר פאַר אים. ער איז דעמאָלט געקומען אהיים שטאַרק שיכור און האָט מיך געוואָלט אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער — ווייל איך בין געווען אַ יידיש קינד מיט אַ יידיש פנימל. און בין כלומרשט געווען נישט פון אים. חוץ דעם האָבן מענטשן אויף אים געטייטלט מיט די פינגער, אז ער האַלט ביי זיך באַהאַלטן דאָס דאָזיקע שווארצע בענקארטל...

איצט איז דער פאָטער אויך, נישט זשענירנדיק זיך, געבליבן אינדערהיים. ער פלעגט ארבעטן נאָך ביי אַ געלעגנהייט. קיין שטענ־

ביקע באשעפטיקונג האָט ער שוין לאנג נישט געהאט. ווען עמי-צער פלעגט קומען אין זיין שענק און האָט געזוכט א פּאָר „יינגען מיט ביינער", ווייל א פאמיליע האָט זיך געדארפט „ארויסרוקן" בגנבה פון איר וואוינונג און געוואָלט עס אָפּטון אזוי, אַז דער באלעבאָס און דער הויזפארוואלטער זאָלן איר אין דעם נישט קענען שטערן — דאן פלעגט מיין פאָטער שוין כאפּן א פאר-דינסטל, דאן פלעגט מען שאפן „א פּאָר יינגען", כדי דער ווירט זאָל פאר דעם דירה-געלט וואָס אים קומט נישט קענען פארהאלטן דאָס מעבל, און די „יינגען" פלעגן ארויסצונעמען שפּעט אין דער נאכט בשתיקה די גאנצע איינריכטונג פון דער דירה און דעם באלע-באָס צומאָרגנס שטעלן פאר א „געשעענעם פאקט". אין אזעלכע פאלן פלעגט זיך בילדן אן „ארויסציונגס-קאָמפּאניע", ס'פלעגט צו א באשטימטע צייט קומען צו פאָרן א וואָגן און אין דער שטיל פלעגט מען פון די שטובן אלץ ארויסצורוימען, אראָפּטראָגן און אויפלאָדן אויפן וואָגן. צו אזא קאָמפּאניע האָט אויך געהערט דער פאָטער. מאנכעמאָל האָט ער געהאט אין אזעלכע פאלן צו טון און דערביי נישט שלעכט צו פארדינען. דאָס געלט אָבער פלעגט ער, נאטירלעך, באלד פארשיכורן. ס'רוב ארבעט פלעגט אויספאלן אין צפון-בערלין: דער צפון אין בערלין איז דאָך ווי באשאפן געוואָרן דערצו.

נישט לאנג פאר דעם, איידער איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין שול, איז אונז גופא אויסגעקומען אויף אזא אופן זיך ארויס-צוקלייבן פון אונזער דירה. מיר זענען געבליבן שולדיק דעם ווירט דירה-געלט פאר פיר חדשים און דעם ערשטן האָבן מיר זיך גע-זאָלט ארויסציען. פארן פאָטער איז דאָס דאָזיקע געשעעניש געווים געווען א שטיקל יום-טוב. שליסלעך האָט ער עפּיס געקענט טון פאר זיין פאמיליע, זיינע כוחות, וועלכע פרעמדע מענטשן פלעגן אָפּט אויסנוצן, — אָפּגעבן כאָטש אמאָל דער פרוי און קינדער.

דערווייל האָבן מיר נאָך געוואוינט אין דער גאָרטנשטראסע, זאָגאר אין פאָדערשטן פראָנט און הויז.

דאָס הויז איז געווען שמוציק און שטאַרק פארוואָרלאָזט. די מוטער האָט אָבער אונזערע שטובן געהאלטן ריין און דאָרט אוים-

געראָטן די וואנצן און אנדערע שמוציקע אינסעקטן. דער אלטער אויבסטהענדלער האָט אָבער אין זיין הילצערן בעט מיטגעבראכט וואנצן, וועלכע האָבן זיך פארגיאדעט צו אונז אין די שטובן.

אמאָל האָט אונז עפּיס אָנגעהויבן צו בייסן און צו שווענדזשען. העני האָט זיך שפּעט אין דער נאכט צעוויינט און ווען דער פאָטער האָט זיך אמאָל דערפון און פון דעם אלטנס הוסטן אויפגעכאפּט פון שלאָף, איז ביי אונז אין שטוב, דריי אזייגער ביינאכט, געוואָרן א גאנצער ליארעם.

דער פאָטער איז געווען שטארק אין כעס און אויפגערעגט אויפן אלטן און האָט אים פּשוט ארויסגעטריבן פון שטוב. ער האָט אים א האלב אָנגעטועגעם א הייב אויף געטון אין דער הויך, צוגעטראָגן צו דער טיר און ארויסגעטריבן אויף די טרעפּ. ווען דער אלטער האָט זיך געבייזערט און געשאָלטן, האָט ער אים נאָכגעוואָרפן זיינע ביידע שטולן. האלב אכט אין אָוונט, ווען דער אלטער איז, ווי זיין שטייגער איז געווען, צוריקגעקומען אהיים, האָט ער געפונען זיין בעט, טיש, שטולן און זיינע אלע בעבעכעס ליגן און שטיין אין טויער...

אזוי ווי דער ווירט פון הויז האָט געוואוינט גאָר אין אן אנדער הויז, דער זשאָנדארע איז געווען פּאראלאזירט און זיין פרוי פלעגט יעדן אָוונט אוועקגיין ערגיץ ביז פארטאָג טאנצן, איז דער אויבסטהענדלער, אומגעשטערט, אָפּגעשלאָפן א גאנצע נאכט אין טויער.

שפּעטער פלעגן מיר אונזער געוועזענעם לאָקאטאָר פון צייט צו צייט באזוכן ביי דער עליזאבעט־קירכע, וואו ער האָט געהאנדלט זיצנדיק אויף זיין וואָגן. נישט ווייט פון יענעם פּלאַץ פלעגן זיך שפּילן קינדער, העני און מארקוס פלעגן דארט בלייבן און דער אלטער פלעגט אויף זיי אכטונג געבן. איך האָב צו אים נישט געהאט קיין חשק צו גיין, נישט וועלנדיק איבערלאָזן די מאמען אליין.

אליין בלייבן אינדערהיים האָב איך אויך נישט געוואָלט, מחמת ווען דער פאָטער פלעגט מיך טרעפן איינער אליין, פלעג איך ווידער מוזן מיט אים מיטגיין, און בעת ער פלעגט פארבלייבן הינטער מיר אין דער אינוואלידנשטראסע, און אויף מיר אויפּפּאסן, האָב איך געמוזט זיך אנידערשטעלן בעטלען...

ער פלעגט אָפט זיין אומצופרידן, דערנאָך פלעגט ער פארביי מיר ווי דורכשלייכן, זיך אויף א ווײַלע אָפּקערן פון מיר און דערנאָך צו מיר צוקומען און מיר שטארק א קניפּ טון אין אָרעם, דערנאָך — א נעם טון מיך מיט זיין פלאכער האנט פארן קארק, מיר שנעל רייסן פאר די האָר ביי די שלייפן, מיר א זעץ טון אין זייט, אז כ'פלעג דעמאָלט פון ווייטיק ארויסלאָזן א שטארקן געשריי. און ער פלעגט דאן, ווי א שלאנג, אויסשיפן א קללה.

ער פלעגט אויך מיטן זעלבן צוועק מיך אויסצונוצן פאר זיינעטוועגן אויף אן אנדער אופן, ער פלעגט מיר ברענגען א שאכטל פון פאפּיראָסן מיט א פאָר שאכטלעך זאפּלקעס, וועלכע איך פלעג מוזן אָנבאָטן די דורכגייער און אזוי ארום פאקטיש ווידער שנאָרען. ווען איך פלעג צען מאָל כסדר אויף אזא אופן אָפּשנאָרען, פלעג איך שטארק מיד און פארטעמפּט ווערן.

פון צייט צו צייט פלעגט צו מיר צוגיין א בלאָער, א בלאָקאָפּ, ווי מ'פלעגט דעמאָלט רופן די פּאָליציאנטן אין בערלין. דאן פלעגט דער פאָטער זיך אָפּטראָגן פון זיין אָבסערווירונגס-אָרט און איך פלעג זיך בלייבן שטיין... אָבער אלע פּאָליציאנטן זענען געווען צו מיר גוט און מיר גאָרנישט געטון דערפאר, וואָס איך בעטל. זיי פלעגן מיך נאָר אָפּשיקן אהיים. נאָר איין מאָל האָט געטראָפן, אז איינער פון די פּאָליציאנטן, שוין נישט אזא גוטער, ווי די פריערדיקע, האָט מיך אוועקגעפירט אין קאָמיסאריאט אריין. איך בין דעמאָלט אלט געווען קנאפּע זעקס יאָר, און פונדעסטוועגן בין איך שוין געווען אויף אזוי ווייט כיטרע, אז כ'האָב זיך אָנגערופן מיט א פאלשן נאָמען: היינריך דיסטערקאמפּ — כ'האָב אמאָל עפּיס געהערט וועגן אזא פאמיליע-נאָמען — און וואויגען — האָב איך געזאָגט — וואוין איך אויף דער אקערגאס נומער פופציק. דאָס האָבן די פּאָליציאנטן נאָטירט. דער לייטענאנט האָט מיך מכבד געווען מיט א קלאפּ אין קאָפּ, א קאָפּנוס האָט ער געהייסן ביי די ייִנגען אין הויז, וועלכע גייען אין שול — און מיך משלח געווען אהיים.

דער מאמען האָב איך וועגן דעם אלעם גאָרנישט דערציילט. כ'האָב געמאכט א סימן שוייג. זי פלעגט דעמאָלט גייען שעהנווייז

אין א געשעפט אויף די מאשין, חוץ דעם האָט זי באַקומען א באַ־שעפטיקונג אין צוויי הייזער: ביי א דאָקטאָר אין די אויפנאם־שעהן אויף אויפצוראַמען די טיר די פּאַציענטן און צו פּוצן די אינסטרו־מענטן, און ביי אן עלטערע פרוי, וועלכע פלעגט פאַרדינגען אירע שטובן ליבע־פּאָרלעך.

איין מאָל האָט מיך די מוטער גענומען ביי דער שענדלעכער אַרבעט פון בעטלען. כ'האָב גאָרנישט געזען, וואָס אַרום מיר טוט זיך, האַלטנדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, בעת כ'האָב געבעטלט, כ'האָב נאָר געזען פיס און שיך. הויזן און עקן פון פרויִ־אישע קליידער. יענעם גליענדן נאָכמיטאָג אין חודש יולי האָב איך פּלוצלינג הינטער מיר דערהערט דאָס שאַרפע און שניידיקע פייפן פון מיין פאָטער. אויף אזא אופן פלעגן מיר זיך תמיד פאַרשטענ־דיקן בעת מיין בעטלען. וואָס־זשע איז אזוינס געשען, וואָס דער פאָטער האָט מיר דורך פייפן געגעבן א סיגנאַל, כ'זאָל שוין וויסן, וואָס כ'האָב צו טון? ד. ה. כ'זאָל אויפהערן בעטלען? ער האָט מסתמא — האָב איך זיך געטראַכט — באַמערקט א פּאָליציאַנט, אָדער א געהיים־אגענט פון דער קרימינאַל־פּאָליציי, ווי זיי קוקן אַרוים אויף זייערע קרבנות: פּראָסטיטוטקעס, בעטלער א. אז. וו. כ'האָב דעם פאָטערס פייפן גוט געהערט, כ'האָב אָבער דאַן גראָד געהאַלטן אויסגעשטרעקט מיין בעטלענדיקע האַנט צו א פרוי און געמורמלט:

— גוט, כ'בעט אייך, א נדבה. מיין מוטער איז מסוכן־קראַנק.

יאָ, צו שטאַמלען אזעלכס און ענלעכס דערצו האָט דער פאָטער מיך גוט אויסגעלערנט. כ'האָב זיין תורה איבערגענומען בכל פרטיה ודקדוקיה, כ'פלעג זיך אָפט אוועקשטעלן אקעגן שפּיגל אין א פּאָזע פון א דערפאַרענעם און „געשולטן" בעטלער און זיך פאָרשטעלן, ווי אזוי כ'זע אויס אויף דער גאַס אין דער ראָל פון א שנאָרער, וואָס דער פאָטער האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן: וואָס פאַר א קלאָגלעכע מינע איך נעם דעמאָלט יאָן, ווי אזוי איך בעטשע און שמרעק אוים די האַנט נאָך א נדבה, ווי אזוי איך הייב אויף דעם קאָפּ און לאָז אַראָפּ די אויגן. פאַרן שפּיגל איז דאָס געווען א שפּיל, אָבער אויף די גאַס איז דאָס געווען גישט פון די לייכטע זאַכן.

יענעם צו זאָגן א ליגן און דערוועקן בײַ אים רחמנות, פאַררופנדיק זיך אויף מײַן טויטער בלומרשטער קרענק — דאָס איז מ׳ד געווען אזוי פּשיקרע, אזוי דערווידער, אז מײַן נשמה און מײַן גאַנץ וועזן פלעגן זיך דעמאָלט אין מיר שטאַרק קעגנשטעלן און מיר האָט עס, לפּחות אין די ערשטע צײַטן, געקאָסט פיל געזונט. מיר האָט עס געקאָסט פיל געזונט נישט מחמת דעם, וואָס מיר פלעגט אָפט אויס־קומען צו הערן קללות אויף מײַן אדרעס פון די דורכגייער, נישט זעלטן קיין שטויס אין זײַט אָדער הערן א מיטלייד־וואָרט: נײַן דאָס איז מיר נישט געווען אזוי דערווידער, ווי די נויטווענדיקייט צו זאָגן ליגן. דאָס כסדרדיקע פאַררופן זיך אויף דער טויטער קרענק. דאָס איז פאַר מיר געווען דאָס ערגסטע. ביטער ממש, ווי דער טויט.

שטייענדיק אזוי פאַרן שפּיגל אין א פּאָזע פון א שנאָרער, האָב איך פאַרצויגן דאָס פּנים צו וויינען און כ׳האָב דעמאָלט געטראַכט וועגן נישט קיין פריילעכע זאכן: וועגן דער מוטער, וואָס ווערט פאַר דער צײַט פאַרעלטערט, פון דער שווערער, ביטערער פּראַצע, וואָס גיט איר קוים די מעגלעכקייט זיך און אונז ווי ס׳איז צו דערהאַלטן בײַם לעבן, כ׳פלעג זי דעמאָלט זען אין מײַן פאַנטאַזיע, ווי זי זיצט אײַנגעבויגן איבער איר שווערער ניי־אַרבעט, ווי דער רוקן איז שוין געוואָרן פון דעם אײַנגעבויגן, ווי זי שייערט און אַרבעט בײַם אויפרוימען די שטובן און ווי זי ציילט געלט... און בײַ די געדאַנ־קען וועגן דעם פלעגן מיר אויף די אויגן אַרויסטרעטן ביטערע טרערן פון אינערלעכע יסורים און צער. און איך פלעג די טרערן אָפט לאָזן פליסן. זיי האָבן פאַר מיר געהאַט א טאָפּלטע טובה: ערשטנס פלעגן זיי דערלייכטערן מײַן פאַרביטערט קינדעריש האַרץ און צווייטנס האָט מיר געטון הנאה פּונעם באַוואוסטזײַן, אז איך באַזיץ אַן אויסטערלישן טאַלאַנט נאָכצומאַכן יענעם אין געוויסע מעלות.

אינעם דאָזיקן הייסן נאָכמיטאָג, ווי כ׳האָב געהאַט אויסגע־שטרעקט די האַנט צו יענער פרוי נאָך א נדבה, קוים אַרויסרעדנדיק די אײַנגעחזרטע ווערטער: מײַן מוטער איז געפּערלעך קראַנק א. אז. וו. — האָב איך דערקענט דאָס קלייד, דעם גערוך און די אַראָפּגעלאָזטע האַנט, וועלכע איז מיר שטענדיק געווען אזוי זיס

און טייער... כ'האָב זיך א וואָרף געטון צו דער פרוי, זי פעסט און היים ארומגענומען:

דאָס איז געווען מיין מוטער...

זי האָט א גאַנצע נאכט געוואַרט אויפן פּאָטער. ער איז אָבער נישט געקומען. כ'האָב געמוזט איר אַלץ דערציילן. לכתחילה איז מיר דאָס אָנגעקומען זייער שווער, דערנאָך האָב איך שוין באַקומען לשון און היץ. כ'האָב גערעדט מיט אַן התלהבות· בכלל פלעג איך רעדן ווייניק, אָבער דאָס מאָל האָט זיך מיין צונג באַפרייט פון זיי־נע קייטן און איך האָב גערעדט און גערעדט אָן א שיעור.

כ'האָב פאַר איר גאָכגעמאכט, ווי אזוי איך שטיי אין גאַס און בעטל נדבות. זי האָט זיך געמוזט אוועקשטעלן איבערן צימער. יעדע שטול איז געווען א מענטש און איך האָב פון יעדן פון זיי גע־בעטלט. כ'האָב ארויסגעלאָזט א פייף.

— אזוי טוט דער פּאָטער — האָב איך איר ווייטער דער־ציילט — ווען ער וויל מיך וואָרענען פון א פּאָליציאַנט אָדער פון א געהיים־אגענט. דאַן הער איך תיכף אויף צו בעטלען און הייב אָן אַריינצוקוקן אין דער שוי־פענצטער — ווי נישט מיך מייגט מען עס. און אזוי ארום וועגד איך שטענדיק אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די פּאָליציאַנטן אָדער געהיים־אגענטן פון זיך און לאַך פון זיי.

און דאָ האָב איך געוויזן דער מוטער, וואָס פאַר א פּאָזע און אויסזען איך נעם אָן אין אַזעלכע מינוטן און ווי איך קוק אַריין אין שוי־פענצטער.

כ'האָב עס איר אַלץ פאָרגעשטעלט. כ'האָב עס געמאַכט פיל בעסער, ווי אויף דער גאַס, אָדער פאַרן שפּיגל. די מוטער איז גע־ווען מיין פּובליקום, דאָ האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מיט מיין פאָרשטעלונג צו מאַכן אַן איינדרוק און פעסטשטעלן, וואָס פאַר א ווירקונג דאָס האָט.

בעת כ'האָב דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט פאַר דער מוטער, זענען מיר איינגעפאַלן פיל נייע נומערן, פיל נייע רעדע־ווענדונגען. כ'פלעג שפּילן די ראָל פון א פאַרצווייפלטן און בשעת־מעשה בא־קומען א באַזונדערן גלאַנץ אין די אויגן און מיין מויל פלעגט ציטערן.

און איצט, מוטער, זע, ווי איך וויין. כ'קען דאָך אויך וויינען ווען איך וויל.

און איך האָב אויפגעהויבן צו איר דעם קאָפּ.

דאָ האָב איך דערזען איר בלאַס, קנאָכעדיקן פּנים, די פיינע, שוואַרצע האָר, דאָס פאַרבלאָזטע מויל און אירע וואונדערבאַרע, שיינע אויגן, די צערטלעכע, פיינפולע און טרויעריקע אויגן. און איך האָב באַלד אָנגעהויבן וויינען. כ'האָב געוויינט, געוויינט און נישט געקענט אויפהערן צו וויינען, ווייל כ'האָב פּלוצלינג אנט־דעקט אין מיין מוטערס בליק אַ משונהדיקע שרעק, אַ פּחד און מורא... אַ מורא פאַר מיר...

זי האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווילד פרעמדן, ווי עפּיס העסלעך־געמפאַרשטענדלעכעס, געמיינעס, אומציכטיקעס. לויט איר אויפ־פאַסונג איז אויסגעקומען, אַז אַ קינד, וואָס פּראָדוצירט קינסטלעך טרערן, באַגייט אַ מין חלול־הקודש... אַזאַ קינד איז אַ העכסט פאַר־דאָרבנס און איז פאַרמשפּט אויף אונטערגיין...

און איך האָב מער לאַנג אַזוי נישט געוויינט, מיר האָט זיך באמת געוואָלט וויינען און נישט נאָכמאַכן, ווי מ'וויינט. כ'האָב גע־שלוכצט פון טיפער פאַרביטערטקייט און פאַרצווייפלונג, כ'האָב ביטער געוויינט פון חרפּה. ווייל כ'האָב געזען, אַז די מוטער האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן און איך בין אין אירע אויגן אויסגעקומען אַן אוממענטש. אָבער כ'האָב זי דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. כ'האָב געשפּירט, ווי זי האָט זיך פון מיר צוריקגעצויגן, ווי זי האָט מיך אינגערלעך פון זיך אָפּגעשטויסן. און כ'האָב זיך געדריקט אין איר קלייד און געשטאַמלט:

— מוטער, טייערע מאַמעשע מיינע, כ'וועל עס שוין מער נישט טון. — ביז זי האָט זיך גובר געווען, זיך איבער מיר דער־באַרעמט, מיך ווידער אָנגענומען אין איר האַרץ און איז צו מיר געוואָרן די זעלבע, וואָס פריער. זי האָט מיך געקושט און אָפּגע־ווישט די טרערן, וואָס זענען ביי מיר אַרויסגעטרעטן און געמורמלט:

— זאָל דיך דער אייבערשטער שומר ומציל זיין, מיין קינד, ער זאָל דיך באַשיצן און אָפּהיטן פון בייז און פיין און בענטשן דיין וועג. אָמן, אָמן. שווייג נישט, מיין טייערער, האָב נישט קיין מורא

פאר מיר און האלט גאָרנישט פארבאָרגן פון מיר. דו ליגסט מיר טיף אין הארצן. זע־זשע דו זאָלסט מיר נישט פארשאפן קיין עגמת־נפש און מיך נישט קוועלן כ׳וואָלט עס נישט אויסגעהאלטן. א ברכה אין דיין קעפעלע אריין, מיין זיס קינד.

איצט, צוואָנציק יאָר נאָכדעם, הער איך דייטלעך דעם ווידער־קול פון אָט די ווערטער אירע. כ׳הער זיי אין מיין הארצן.

•

אין ליידיקן צימער, וואו דער אויבסט־הענדלער האָט גע־וואוינט, האָט זיך צו אונז אריינגעצויגן מיין פאָטערס אן אלטער פריינט, אריע וואופקע. דאָס איז געווען א יונג, א תכשיט. ער איז אָפגעזעסן צוויי יאָר אין תפיסה פאר א פרואוו צו דערהרגענען א מענטש. ער איז נאָך געשטאנען אונטער א פאָליציייאישער אויפ־זיכט. די מוטער האָט זיך קעגנגעשטעלט קעגן זיין אריינציען זיך צו אונז. זי האָט עס נישט געוואָלט דערלאָזן. זי האָט צום פאָטער געטענהט:

—די קינדער! דו פארגעסט גאָר אָן די קינדער. ווי קען מען עס דערלאָזן, אז א רוצח זאָל זיך געפינען צווישן דיינע קינדער און זיי זאָלן זיין אין זיין געזעלשאפט.

דער פאָטער האָט זי אָפגעשטופט פון זיך און איז ארויסגע־גאנגען. ער האָט נאָר אויף איר א קוק געטון און גאָרנישט געזאָגט. זיינע שיינע, גראָע אויגן זענען, ווי שטענדיק, געווען רויט און האָבן געשווימט אין טריבן גלאנץ

אריע וואופקע האָט זיך צו אונז אריינגעצויגן. ער האָט מיט זיך מיטגעבראכט א שטרויזאק, א קאסטן, וואָס האָט אנטהאלטן זאכן, צו וועלכע ער איז געווען אזוי זשעדנע, פינף גלעזער, אויף צו טרינקען און אן אלטע רויטע, פלושענע קאָלדרע, אונטער וועל־כע ער פלעגט שלאָפן.

וואופקע האָט געהאט א כלה, א פרוי, וואָס איז געווען על־טער פאר אים, אן אָנגעשטעלטע אין א שטאָטישן קלאָזעט פון אונטער־די־ליגדן, זי פלעגט קומען צו אים כמעט יעדע נאכט און האלב זעקס אינדערפריה אוועקגיין, זוייל גראָד אין יענע פריע

שעהן פלעגט זי האָבן פיל „קליענטן“, דאָס זענען געווען די לעבע־יינגען, וועלכע פלעגן זיך צוריקקערן אהיים פון די בעלער און טאנץ־אָוונטן.

און ביי אונז אין שטוב איז געווען גאנץ פריילעך. יעדן אָוונט פלעגט פאָרקומען א קערמישל, א סעודהלע. און ווען די סעודה פלעגט זיך אָנהייבן — ערשט שפעט אין דער נאכט, — דאן פלעגן די ביידע מענער קומען מיט יענער פרוי, עלי מאַרזאָטקאָ, וועלכע האָט געטראָגן קאָקעטע לאָקן און פלעגט זיך פודערן און שמינקען. זי פלעגט שטענדיק ארייננקומען אין אונזער צימער, וואו ס'איז געהאָנגען דער גרינער שפיגל און זיך צורעכט מאכן — ברענגען אין דער געהעריקער אָרדענונג איר טואלעט און פנים. און דאן ערשט פלעגט זי ארויסגיין צו די הערן. איך פלעג שטיין הינטער און זיך צו איר צוקוקן, איינגאנצן באצויבערט.

— זאָג־נאָר, חברה־מאן — האָט זי צו מיר געזאָגט און נעלאכט איבער מיין אויפמערקזאמקייט, וועלכע האָט איר גע־שמייכלט און שטארק הנאה געטון, — האָסטו שוין עפּיס וואָס זיך צו לאָזן קאָסטן פאר שיינע פרויען? אָבער געדענק, מיין טייע־רער: דו הייבסט אָן צו פרי, זע, מיין יינגעלע, דו זאָלסט נישט האָבן קיין הרטה. הער־זשע, וואָס כ'וועל דיר זאָגן און געבן א גו־טע עצה: זאָלסט זען זיך צו האלטן שטענדיק אָן דערוואקסענע, זיי נאָכטון, וועט דיר זיין גוט און וואויל.

אזוי האָט זי געזאָגט. אפעקטירט, בדרך מליצה, ווי איר פראָ־פעסיע האָט עס אויסגעארבעט ביי איר אזוי צו רעדן מיט די מיידלעך און יונגעלייט פון דער פרידריכשטראסע, וועלכע הוליען און לאָזן זיך וואויל־גיין אין יענער געגנט פון דער נאכט פון שבת צו זונטאָג.

הינטער איר און פון איר נישט באמערקט האָב איך זיך ארייננגעגנבעט אין צימער, וואו ס'איז פאָרגעקומען די סעודה.

אין יענער צייט איז די מוטער געזעסן אָן ארבעט און האָט גאָרנישט געהאַט, וואָס צו טון. זי האָט זיך אָפּגעזוכט א שטיקל באשעפטיקונג אין א ביוראָ, וואו זי פלעגט נאָכן אוועקגיין פון די אָנגעשטעלטע, אויפרוימען די שטובן און שייערן די פאָדלאָגעס.

זי פלעגט דאָרט זיין באַשעפטיקט פון זיבן ביז צוועלף, צוויי מאָל און דער וואָך. אין די דאָזיקע נעכט פלעג איך פאַרברענגען אין אָריע וואָופקעס שטוב און זיך צוקוקן, וואָס דאָרט קומט פאָר.

דאָרט זענען, חוץ אים, דעם פאָטער און מאָרזאָטקא, געווען נאָך אַנדערע מענטשן, א גאַנצע חברותא פון איין קנייפּע, צופּעליקע באַקאַנטע — באַקאַנטשאַפט געשלאָסן אויף דער גאַס — ס'פלעגן אויך אַהינקומען מיידלעך.

מיר איז דערמאָלט געגאַנגען דאָס זעקסטע יאָר. די סביבה אַרום מיר האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א געמויזעכץ, וואָס אויף זיין ראַנד בין איך געזעסן און גיריק געקוקט. כ'האָב געהערט, ווי מ'האָט זיך געאַמפּערט. מ'האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק און דאָס האָט אַרויסגערופן א מחלוקה. א פּאָר מענער פון די אַריינגייער צו אָריע וואָופקעס זענען געווען אָרגאַניזירטע פּאַרטיי-מענטשן, מאַנכעמאָל פלעגט עמיצער קומען אויך פון דער אַנאַרכיסטישער פּאַרטיי. איינער איז געווען פון עפּיס א רעוואָלוציאָנערן פּאַריין. די געסט האָבן געהאַלטן רעדעס. יעדער מיט די שלאָגווערטער פון זיין אַגיטאַציע-אָרגאַן. אַנדערע ווידער. האָבן בעת דער דיסקוסיע אויסגעשריגן די לאָזונגען פון זייערע רעדנער, וואָס טרעטן אַרויס אויף דעמאָנסטראַציעס. קיינער האָט נישט געהערט, וואָס דער אַנדערער האָט גערעדט און דערוויזן. די דיסקוסיעס האָבן צו גאָרנישט געבראַכט. קיין רעזאָלוציע איז נישט אָנגענומען געוואָרן. יעדער האָט נאָר געגאַרט אַוועקצולייגן זיין קעגנער. דערנאָך איז אַוועק א סדרה זלזולים און קעגנזייטיקע באַליידיקונגען. מיט שטעכווערטער און קאַפּולער אָנצוהערעניש. מער פון אַלץ האָט מען געהערט די ווערטער: געזעלשאַפט, קאַפּיטאַליזם, מיליטאַריזם, מאָנאַרכיזם· דאָ זענען שוין אַלע אָנטיילנעמער געווען שיכור.

דאַן האָט אָריע אָנגעהויבן שפּילן אויף זיין האַנטאָרגל און דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך צו משמח זיין און זיך לאָזן וואַוילגיין. מ'האָט געטאַנצט. עלי מאָרזאָטקא פלעגט איבערגיין פון איין אָרעם אין דעם אַנדערן. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויפן נאַקן און די אויגן פאַרמאַכט, לאַכנדיק דערביי אַזוי שעלמיש, קאָקעטיש. זי פלעגט שטענדיק בלייבן ניכטער, ווייל זי זאָל נישט טרונקען.

כ'האָב זי נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין ש כורע. זי האָט ליב גע־האַט איר אָריען און איז אים געווען טריי. ווען ער פלעגט אין אזעלכע אָוונטן אמאָל זאָגן:

— עלי, מיין מייזעלע, מאך־נאָר צו די אויגן, כ'וואָלט געוואָלט אויף צען מינוט מיט אָליען פארשוואונדן אין קיך. — פלעגט זי לאכן פונעם גאנצן הארצן, פון א ליבעספולן, מוטערלעכן אלץ פאר־צייענדיקן הארצן, און זי פלעגט זיך נאָר אָפּקערן אָן א זייט, בעת איר געליבטער פלעגט מיטן מיידל באמת פארשוואונדן ווערן אין קיך.

קומט ער אין צען מינוט ארום צוריק, — מאכט זי פון דעם נישט קיין וועזן און אפילו צו אָליען האָט זי אויך גאָרנישט...

אמאָל איז געשען — און איך האָב עס געזען, — ווי דער פאָטער איז אויך אזוי פארשוואונדן געוואָרן. מיט עטוועניע שטיי־גער, וועלכע האָט געוואוינט אין דער שעלינגשטראסע און איז גע־ווען א גאסן־מיידל. אז ס'זענען פאראן גאסן־פרויען און מיט וואָס זיי באשעפטיקן זיך, — האָבן מיר ייִנגען פון דער גאָרטנשטראסע שוין געוואוסט. ס'האָט אָבער אונז, אייגנטלעך, ווייטער גאָרנישט געזאָגט, ליבע, אלס פּראָפעסיע, גלייב איך, האָט פאר אונז ביז אין די יאָרן, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן צו גיין אין שול, נישט געהאַט קיין שום אינטערעס. מיר האָבן נאָכנישט געקענט זיך בא־ציען צו דעם קריטיש. מ'פלעגט אזעלכעס קאָנסטאטירן און אין דעם נישט ארייננקלערן, נישט אנאליזירן די דאָזיקע געזעלשאפט־לעכע צרה.

מיט דער דאָזיקער יעווגעניע איז דער פאָטער אמאָל פאר־שוואונדן געוואָרן אין ביי־צימער. די מוטער איז דעמאָלט נישט געווען אינדערהיים. כ'האָב געזען, ווי יעווגעניע האָט אים געצויגן אין יענעם צימער אריין און דאָ בין איך צום ערשטן מאָל געוואָרן נייגיריק און האָב זיך ארייגגעגנבעט אין צימער און זיי האָבן מיך נישט געזען. ס'איז געווען טונקל, כ'האָב זיי אויך נישט געזען, כ'האָב נאָר געהערט..

אָבער מיר קינדער פון פּראָלעטאריאט זענען נישט פּסיכיש קראנק. מיר וואקסן אויס פאַרהאַרטעוועט, מיר לאכן אויס אלץ

קאָמישעם דאָס, ווי די קינדער פון די פּאַרמעגלעכע און כלומרשט איידעלע קלאסן נעמען אָן פאר מראגיש. ווען די ערשטע נייגירי־קייט ווערט ביי אונז געשטילט און באפרידיקט, הערט זי שוין אויף אינגאנצן און ווערט ביי אונז אָפּגעלאָשן.

כ׳האָב, ווארשיינלעך, גאָרנישט פארשטאנען, אָבער אין דער דאָזיקער שטוב, ביים דאָזיקן אומפארשטענדלעכן געוויש, איז ביי מיר פּלוצלינג אין די געדאנקען דערשינען די מוטער און זי האָט אויסגעזען מער טויט ווי לעבעדיק, ווי א דערהרגעטע, ווי א גע־שענדעטע. כ׳האָב געפילט, אז דאָ אין דער דאָזיקער שטוב איז נאָר־וואָס בנוגע איר באגאנגען געוואָרן א שרעקלעכע עוולה, איך האָב זיך צעוויינט — כ׳האָב אזוי לייכט געוויינט...

מיין פאָטער האָט געבורטשעט און איז געווען אין כעס. ער האָט מיך א כאפּ געטון פארן קאָלנער, מיך געטרייסלט און א שליי־דער געטון אָן דער טיר.

— בעסטיע! — האָט ער זיך געבייזערט, און געקריצט מיט די ציין, — דו קליינער שד איינער!

ער האָט אויפגעריסן די טיר און מיך ארויסגעשטויסן פון שטוב מיט די שטיוול.

דאָס מיידל האָט זיך איינגעבויגן צו מיר, מיך געוואָלט אויפ־הייבן. כ׳האָב זי אָבער פון זיך אָפּגעשטויסן פאר דער ברוסט, וועל־כע איז געווען נאקעט — אָ, ווי מיך האָט דעמאָלט געעקלט! — אז זי האָט אויך אָנגעהויבן צו ברומען:

— דו בעסטיע איינע!... א מיתה משונה זאָלסטו איננעמען!

אין פינף מינוט ארום האָב איך זיך שוין ווידער געדריקט אין אָריעם שטוב. כ׳האָב נישט געקענט ווידערשטיין דעם נסיון. ווי פאַ־פירעריש דאָס איז געווען! כ׳האָב זיך צו גאָרנישט צוגע־הערט, כ׳האָב נאָר געקוקט. ס׳איז מיר גאָרנישט אָנגעגאנגען, וואָס זיי האָבן דאָרט גערעדט, געשריגן, דיסקוטירט, זיך געזידלט — אָבער די מינעס און העוויות, וואָס זיי האָבן בשעת־מעשה גע־מאכט! זייערע הענט, פּלייצעס, די אויגן, דאָס מויל! ביי די דאָ־זיקע גראָבע, אומגעבילדעטע מענטשן, ביי אונז, אָרעמע און לײדנדע, איז דאָס פּנים געבליבן אן אמתער שפּיגל. מיר וואָלטן

געקענט בלייבן שטום, אָבער ווער עס קען לייענען אויף פּנימער, וועט לייכט איבערלייענען אויף אונזער פּנים אונזער לעבן, אונזער געשיכטע, אונזערע ליידן און אַלץ. יעדע ריר פונעם הארצן, יעדער געדאנק ווערט תיכף און אוממיטלבאר אָפּגעדרוקט ביי אונז אויפן פּנים.

כ'האָב זיך דאָ אויסבאהאלטן אין ווינקל און זיך צוגעקוקט צו די דאָזיקע פּנימער און האָב פון זייערע תנועות, ליכט און שאָטן געלייענט אַלץ, נישט קענענדיק דערביי אָפּרייסן פון זיי דאָס אויג.

אפילו ווען דער פּאָטער האָט מיך געשלאָגן און געשטויסן מיט די פיס, האָב איך אים אָנגעקוקט און נישט געפילט קיין ווייטיק צוליבן געווער, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאט פון זיין אָנבליק. יאָ, כ'האָב דאָס געזאָגט... זאָגט וואָס איר ווילט, נאָר פאר מיר איז דאָס געווען א געווער. כ'האָב דערביי פארלוירן מיין קערפּער, די עמפּפינדונג פון קערפּערלעכעס, כ'בין געוואָרן ראיה, זעונג און באַאָבאכטונג, א פארקערפּערונג פון זעען. דאָס צוקוקן זיך צום פּנים פון מיין פּאָטער, וואָס האָט געברענט פון כעס און האס, איז פאר מיר געווען א פיל שטארקערע איבערלעבעניש, ווי זיינע שטויסן מיט די שטיוול אין מיינע זייטן...

דאָס דאָזיקע נעכטעלע איז שוין איינמאָל געווען אן אינטערעסאנטע! שוין איינמאָל א נעכטעלע! א האלב-מויז מענטשן — שטודיען-אָביעקטן. וויפל איז דאָס ווערט!

נאָך בעת איך בין דאָ, אונטערן פענצטער, געשטאנען איינגעבויגן, בעטנדיק גאָט, מ'זאָל מיך נישט באמערקן, האָב איך זיך צוגעקוקט צו יעדער קלייניקייט אפילו, און כ'גלייב, אז מיינע אויפמערקזאמע אויערן האָבן גאָרנישט דורכגעלאָזט. כ'האָב געזען עלים געצירטעס שמייכעלע און איר פארשיכורט פּנים בעתן טאנצן. אַלגאָס תנועות און איר מויל, בעת זי האָט געשוויגן, די בערד פון די מענער, ווען זיי האָבן זיך געקאָכט, געהיצט און געשריגן: באָמבע! הרוב מאכן! לוין-שטרייק! רעוואָלוציע! בעבעל, ליבקנעכט, מארקס! כ'האָב זיך צוגעקוקט צו זייער טומלען, צו זייער טאנצן, צו זייער שפּילן אויף דער הארמאָניע און אַלץ וואָס איך האָב געזען, די דאָזיקע גאנצע טאָטאָרישע באוועגונגען —

האָב איך אינגאנצן איבערגענומען, איבערגענומען מיט אלע פּי־טשעווקעס, כ'האָב עס איבערגענומען אזוי גוט, אז שפּעטער האָב איך נאָכגעמאכט די אלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער דיסקוסיע און אין דער דאָזיקער פאַרווייַלונג. כ'האָב זיי נאָכגעמאכט אלע, יעדן מיט זיינע כאראקטעריסטישע תנועות און העוויות — ווי ער שטייט און גייט, לאכט און וויינט, עסט און טרונקט, לויפט און שלאָפט.

צומאָרגנס בין איך שוין ווידער געשטאַנען פאַרן שפּיגל, אליין, און אַלעמען נאָכגעמאַכט. ארום מיר האָט געהערשט א טויטע שטילקייט און אָט האָב איך געעפנט דאָס מויל, האָב דעליקאַט געלאכט, שפּעטער געלאכט, ווי עס לאכט א שיכור, געמיין און כיטרע. כ'האָב געטאַנצט, זיך געוואַקלט, ווי א שיכור טוט עס, געשפּילט הארמאָניקע אָן אן אינסטרומענט, כ'האָב ארומגענומען עפּיס אן אָלגא, וואָס מיין פאַנטאַזיע האָט געשאַפן, און זי גע־שלעפּט אין קיך אריין. כ'האָב זיך געלאָזט פון אן אויסגעטראַכטער ווּנעניע שלעפּן פון דער טיר, כ'האָב געשפּילט די ראָלן פון מיין פאָטער, פון אָריען, עלין, אָלגאַן. כ'האָב אויך געשפּילט די ראָל פון — כ'שעם זיך פּשוט אויסצוזאָגן — פון מיין מוטער. כ'האָב געשפּילט פארן שפּיגל, כ'האָב אויפן פּנים געטראָגן איר גאנצן צער, איר ביטער־טרויעריק שמייכעלע, איר ציטערדיק מויל, איר מידן געבראָכענעם בליק.

מיין שוועסטערל און ברודערל זענען געשטאַנען לעבן מיר, האָבן געלאכט און פון צייט צו צייט זענען זיי אריינגעפאַלן אין א טרויעריקע שטימונג. זיי האָבן געמיינט, אז איך טו עס, כדי זיי צו ווייַלן. זיי האָבן וועגן דעם דערציילט דער מוטער:

מעדי שפּילט שטענדיק אזוי שיין מיט אונז.

העני האָט מיך באַזונדערס דערפאַר ליב געקראָגן און מיר אמאָל געבראַכט א מתנה, א קארמעלקע און בירנע, וועלכע זי האָט אליין אין הויז אויסגעבעטלט, דאָס איז פאַר איר געווען דאָס העכסטע, מיט וואָס זי האָט געקאָנט אויסדריקן איר דאַנקבאַרקייט און אָנער־קענונג. מיט מיין שפּילן האָב איך אויך שטארק נושא חן געווען ביי מיין ברודערל מאַרקוסן, דעם דאָזיקן דריי יעריקן פּעמפּיק

שיין ווי א מלאכל, מיט גאָלדענע האָר, און אויגן — דעם פּאָטערס אויגן, ווען ער איז נאָך געווען אזוי יינג און שיין און אפשר ריין פון זינד...כ'האָב זיי ביידן ליב געהאט. כ'פלעג פאר זיי שעהן־לאנג שפּילן טעאטער. שטום, ס'רוב מיט מימיק, זיי האָבן אלץ פאַרשטאנען. כ'פלעג נאָר זאָגן דעם טיטל פון מיינע סצענעס:

„פּאָטער קומט שכור אהיים"

„פעטער אריע שפּילט און טאנצט דערצו"

„מומע עלי מאכט זיך רויט די באקן"

„מוטער קומט אהיים און שניידט אפּ שטולן"

„טעדי פארקויפט זאפּאלקעס".

דאָס לעצטע איז פאר מיר געווען א מין שלאגער, א גלענצנ־דער נומער. כ'האָב דאָ געקאָנט אימיטירן א טויז מענטשן, גוטמו־טיקע, בייזע, געשיקטע, אומגעלומפּערטע און קריכעדיקע — סיי מענער און סיי פרויען. כ'פלעג נאָכמאכן נישט נאָר מענטשן, נאָר אויך חיות און בהמות. נאָכמאכן זייערע באוועגונגען און קולות. כ'האָב נאָכגעמאכט דעם האָן, וועלכער האָט אונטן געלעבט מיט דריי הינער, ביז מ'האָט אים נישט אוועקגענבעט. כ'פלעג נאָכמאכן, ווי דער האָן כאפּט זיך אויף אין מיטן דער נאכט, פּאטשט מיט זיינע פליגלען און קרייט, ווי ער שפּאצירט זיך ארום גאוהדיק, פּיקט און ווי ער שפּרינגט ארויף אויף די הינער.

כ'האָב גאָרנישט געהאט קעגן דעם, וואָס העני פלעגט מיט־ברענגען אנדערע קינדער צו מיינע פאָרשטעלונגען. אָפט פלעגן זיצן א צען קינדער אין אונזער שטוב און איך פלעג געבן פאר זיי א גרויסע פאָרשטעלונג. דאָס פלעגט עפּיס איינברענגען. איין יינגל האָט דאָ איבערגעלאָזט א קנאָפּ, אן אנדערער א בליישטיפט, א דריטער—א בילדער-ביילאגע צו א צייטונג, די מיידלעך פלעגן אלס איינטריטס-געלט ברענגען האָרנאָדלען, פון וועלכע מ'האָט געקאָנט אויסבייטן פיל שיינע זאכן, א לעקעכל, פון וועלכן ס'איז נאָר געווען אָפּגעביסן דער עק, אָדער דאָס אקסעלע פון גאָרג, בונטע שטיקלעך שטאָף אויף לאטעס, א צען-פעניג שטיק, אויף וועלכן דאָס מיידעלע האָט געמאכט צייכנס מיט די נעגל.

העני און מארקוס זענען מיט די אלע קינדער געווען באַ־

פריינדעם. אָבער צו מיר האָבן די קינדער קיין באַזונדערע סימ־פּאַטיע נישט געהאַט. איך בין זיי פאָרגעקומען אומהיימלעך, באַ־זונדערס, ווען זיי האָבן מיך געזען שפּילן טעאַטער, — אין דער ראָל פון אַן אַקטיאָר. מיין שפּילן גופא האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענו־מען און זיי האָבן זיך צו דעם צוגעקוקט, אַנטציקט און מיטגע־ריסן, אָבער דערנאָך, נאָכן ענדיקן די פאָרשטעלונג, האָבן זיי מיט מיר נישט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא און אויסגעמיטן מיט מיר זיך צו שפּילן.

איין מיידל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַן אַנדער מיידל און פון דאָרט מיך אַ פרעג געטון:

— דו, ווי מאַכסטו דען דאָס? צי ביסטו משוגע?

— ניין, עוואַניעליש — האָב איך אָפּגעענטפערט.

דאַן האָט עפּיס אַ סקראָפּעלעז יינגעלע אַ פּעמפּיק אַ פּיפּס געטון:

— ביסט אַ ייד, — זאָגט מוטא.

אַלע זענען שטיל געבליבן, ס'איז אַנטשטאַנען אַ אומהיים־לעכעס שווייגן. ייד —

— דאָס איז נישט אמת — האָב איך זיך אָפּגערופן נישט דרייסט.

— כ'האָב אַליין נישט געוואוסט. אפשר איז דאָס טאַקע אמת, אַז כ'בין אַ יידיש קינד. כ'האָב נישט געהאַט קיין אַנונג, וואָס אַזוינס אַ ייד איז. כ'האָב נאָר געוואוסט, אַז אַזוי זידלען די קינדער מאַנכעסמאָל מענטשן אויף דער גאַס. אָבער פאַרוואָס?

דאַ האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען העני. זי פלעגט געשיקט זיך צוהערן צו פאַרשידענע רעדעסאַרטן און פלעגט עס גאַנץ טרעפלעך איבערגעבן. זי האָט זיך אָפּגערופן:

— לאָזט צו רו טעדין! ער האָט מער פאַרשטאַנד אין זיין שפּיץ נאָגל, ווי דו אין דיין קאָפּ.

העני איז געווען אַ וואויל זיס מיידעלע און זעלטן שיין. זיי־דענע ברוינע האָר און דעם פאַטערס גרויסע אויגן.

יאָ, אויף אַזאַ אופן האָב איך, מ'שטיינס געזאָגט, אָנגעהויבן אַ פאַרדינען. און די גויט איז בינו לבינו ביי אונז געוואַקסן אַלץ

שטארקער און שטארקער און אונז אלץ מער דערגאנגען דאָס לעבן. אָריע וואופקע האָט כמעט נישט געצאָלט קיין דירה־געלט. מאנכע־מאָל פלעגן זיי ביידע, ער און דער פאָטער, קומען אהיים און אין די טאשן ביי זיי האָט געקלונגען געלט. דאן האָט יעדער פון זיי צוגעוואָרפן דער מוטער דריי אָדער פינף מארק. די מוטער האָט קיינמאָל נישט געפרעגט, פונוואנען ס'האָט זיך צו זיי גענומען דאָס געלט.

צי האָט זי אים חושד געווען, אז ער באקומט געלט פון א נישט קיין ריינע קוועלע, ווען ער האָט נאָר א געלעגנהייט דער־צו?... כ'קען נישט זאָגן, אז יאָ, ווי אויך, אז ניין, ווען זי פלעגט זיך פאר אים קלאָגן, אז אין שטוב איז נישטאָ קיין שטיקל ברויט פאר די קינדער, פלעגט ער לאכנדיק זאָגן:

— נו, ווייבאלד אזוי, וועלן מיר שוין זען, אז ס'זאָל יאָ זיין.

צי האָט מען דאָס אָבער געקענט נעמען פאר ערנסט?

אָדער ער פלעגט זאָגן, א וואָרף טוענדיק פאר אי־ דאָס געלט אויף דער פאָדלאָגע:

— ס'איז געשען עפעס א זאך.

זי האָט נישט געמאכט קיין וועזן פון זיין באליידיקונג מיטן וואַרפן דאָס געלט אויף דער פאָדלאָגע, האָט די זילבערנע מטבע באקוקט, אזוי זאָרגפול און איינדרינגלעך, פונקט ווי זי האָט פון איר אויכזען געוואָלט דערגיין, פונוואנען, פון וואָס פאר א קוועלע די מטבע האָט זיך גענומען צום פאָטער, אויף וואָס פאר אן אופן ער האָט זי באקומען.

כ'האָב דעמאָלט אנטדעקט נאָך א מעגלעכקייט געלט צו פארדינען.

מיר יינגען פלעגן זאמלען אויף דער גאס נישט קיין דער־גוויכערטע רעשטן פון ציגארן און פאפיראָסן, אָדער מיר פלעגן אליין אויסרויכערן דאָס דאָזיקע אָפפאַל אָדער מיר פלעגן צו־ברעקלען דעם טאבאק און אים ארומדרייען מיט פאפיר, אזוי, אז ס'זאָלן ארויסקומען פאפיראָסן און די דאָזיקע פאפיראָסן פלעגן מיר פארקויפן די יינגען פון דער געמיינדע־שולע, דריי שטיק פאר א פעניג.

איין מאָל האָב איך מיט א צען-יעריק יינגעלע געקליבן נישט-דעררייכערטע ציגארן אויף דער וואלטאסגאס. מיר האָבן זיך ביידע געהאט גלייכצייטיק איינגעבויגן אויפצוהייבן איין און דעם זעלבן רעשט ציגאר, וועלכן איך האָב דעם יינגעלע געלאָזט אויפהייבן, הגם איך האָב דאָס שטיקל ציגאר שוין געהאט געהאלטן אין דער האנט. געטון האָב איך עס, נישט חלילה אוים מורא פאר א חבר, וואָס איז גרעסער פאר מיר און אויך נישט אוים פחד צו באקומען אויסגעבראָכן די ביינער. ניין, מיר יינגלעך האָבן קיינמאָל נישט מורא געהאט, מיר זענען נישט געווען קיין פחדנים. מיר האָבן געוואוסט דעם טעם פון קלעפ מיט די פויסטן פון דערוואקסענע מענטשן, פון קלעפ מיט שטעקנס, פון א גוטן שטויס אין די זייטן א. אז. וו. און זיי האָבן אונז ווייניק געשראָקן. און אויב כ'האָב געלאָזט דאָס יינגעלע, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט פיר יאָר, אויפהייבן דאָס שטיקל ציגאר, וועלכעס האָט לויט אלע מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן, געהערט מיר, — האָב איך עס געטון נישט אוים מורא, נאָר פון מיטלייד, ווייל ער איז געווען א קינד פון זייער אָרימע עלטערן. באדויערנדיק יענעמס אָרימקייט, האָב איך מיין אייגענע אָרימקייט נישט באדויערט, כ'האָב אָן איר כמעט פארגעסן...

אז איך בין געווען אָרים, האָב איך קיינמאָל נישט געמערקט. כ'בין דאָך אין דער היגזיכט נישט קיין יחיד... כ'האָב געליטן נויט צוזאמען מיט אנדערע. איך האָב באדויערט די אָרימע, וועלכע האָבן געפילט זייער אָרימקייט און נישט געוואָלט שלום מאכן מיט זייער גורל, מיך האָט קיינמאָל נישט געקימערט, וואָס איך האָב נישט געהאט קיין געלט. געוואָלט האָבן געלט — האָב איך יאָ. פארוואָס נישט: מהיכא תיתי. וואָס קען עס שאטן... אָבער דער פארלאנג צו האָבן געלט האָט זיך ביי מיר גענומען נאָר פון אנדערע, גאנץ איידעלע טעמים. מיין ערלעכע כוונה איז געווען, אז די מוטער זאָל האָבן אן אייגן הייזל און בלומען, א לען-שטול, א גוט געצעלע קאווע און א ווייסע קאץ. ווען כ'וואָלט געהאט געלט — פלעג איך זיך טראכטן — וואָלט די מוטער דאָס אלץ שוין געהאט און ס'וואָלט איר גאָרנישט געפעלט. כ'וואָלט אויך, ווען כ'וואָלט

געהאט געלט, געזען, אז דער פאָטער זאָל אָנקומען אין אן אנ־
שטאלט, ווי מ׳וואָלט אים אויסגעהיילט פון זיין חולאת און בא־
פרייט פון זיין לײדנשאפט צו בראָנפן. ווייטער — האָב איך זיך
פאָרגעשטעלט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געהאט
געלט — וואָלטן דאָס שוועסטערל און ברודערל געגאנגען אין שול,
אָנגעטאָן ווינטערצייט אין ווארעמע קליידער. איך פלעג מיר
ווינטשן (אלץ, ווען כ׳וואָלט געהאט געלט...) צו קענען הייצן קאלטע
אויוונס, צו געבן אָרימעלייט פוטער און וואורשט צו זייער טרוקן
ברויט. כ׳האָב געוואָלט, אז יעדער קינד זאָל האָבן זיין אייגן בעטל,
יעדע מוטער איר פייעראָוונט און יעדער הונט — זיין שפייז.

אָבער איך, פאר מיר גופא — האָב איך גאָרנישט פארלאנגט.
כ׳האָב נישט געהאלטן, אז מיר איז שלעכט, אז מיר פעלט עפּיס.—
כ׳האָב זיך דעמאָלט געהאלטן פאר גליקלעך.

און אָט בין איך אזוי געשטאנען פאר יענעם „גרויסן" צען־
יעריקן יינג און אים געלאָזן אויפהייבן דאָס שטיקל ציגאר פון דער
ערד, וועלכעס איך האָב געזאָלט אויפהייבן. נאָר דאָס אינטערע־
סאנטסטע און כאראקטעריסטישע דערביי איז געווען, וואָס ער
האָט דאָס שטיקל ציגאר אריינגעלייגט אין טאש און, נישט פאר־
שטייענדיק מיין גוטן טאט און נישט קענענדיק אים אָפּשאצן לויט
זיין ווערט, האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז דיין גליק, פּעמפּיק, וואָס דו האָסט מיר אליין אוועק־
געגעבן דאָס שטיקל ציגאר, ווען נישט, וואָלסט שוין פארזוכט מיי־
נעם א שטויס אין דער זייט און א פּאָר פייערדיקע פּעטש אלס
צוגאָב.

כ׳האָב אים אָבער געפרעגט:

— די רייכערסט זיי אליין אויס ,די רעשטלעך פּאפּיראָסן?

— פּאלט אום לאנגזאם, באראָני, דאן וועט איר דערפון האָבן
מער הנאה! — האָב איך פון אים באקומען אן ענטפער, אויף
בערלינער גאסן־שפּראך. דערנאָך איז ער געוואָרן ערנסט, האָט זיך
צו מיר איינגעבויגן און מיר סודותפול דערציילט, אז ער פארקויפט
די רעשטן פּאפּיראָסן און ציגארן ווי אויך טאבאק אויף דער פּרעבל־
שטראסע ביים נאכט־אזיל די היימלאָזע.

און ער האָט זיך אונטערגענומען מיר ווייזן און אויך מיר אויסלערנען, ווי אזוי צו פירן דאָס געשעפט.

— גוט — האָב איך מסכים געווען מיט אים מיטצוגיין אויף יענעם אָרט.

— אדיע! — האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט. גריס דער מאַמען, א גוטע נאכט!

און אָפּגייענדיק א צען טריט, האָט ער זיך אומגעדרייט, ארויפגעלייגט דעם פינגער אויפן מויל און אויף מיר געקוקט.

דער נענטסטער טאָג איז געווען שבת און די מוטער האָט געשייערט די טרעפּ אין הויז. דעם פּאַרטיערס פרוי, מארטא שלומפּ, וועלכע פלעגט יעדע נאכט אוועקגיין טאנצן, און נאָך ברענגען אהיים געלט, איז מיטאמאָל געוואָרן צו פיין און איידל, כדי זי זאָל ווייטער קענען אויספירן די הויז-ארבעט. זי האָט געוואָלט האָבן די מעגלעכקייט, אוועקווארפנדיק די שווערע, שמוציקע ארבעט, ארויפצולייגן בעתן טאנצן אויף די פּלייצעס פון איר טענצער א ווייסע, ווייכע האנט, און נישט אזא פארגרעבטע, ווי ביז איצט. און דאָס האָט געבראכט דערצו, וואָס זי האָט גענומען די מוטער, זי זאָל איר העלפן אין דער הויז-ארבעט. איינע פון מיין מוטערס ארבעט איז באשטאנען אין דעם, וואָס זי האָט געמוזט יעדן שבת שייערן דאָס פאָרדער-הויז. מיר האָבן געוואוינט דאָרט, וואו בערג- און גאָרטנשטראסע שניידן זיך איבער אין ראָג און הינטערן פאָדער-הויז איז געווען א קליין הייפל. מיר זענען געווען די אָרימסטע אין הויז. די איבעריקע שכנים זענען געווען בעלי-מלאכות, פאבריק-ארבעטער, באאמטע פון וואָקזאַל. אונטן איז געווען א קוילן-קראָם און א געמיזע-געשעפט. און די שטובן הינטער דער קוילן-קראָם האָבן געוואוינט דער פּאַרטיער מיט זיין ווייב. דאָרט האָט עס געשמעקט מיט פארפום, ווען מ'זאָל נישט פארבייגיין, און מיט געבראָטענע פלייש און ציבעלע. דאָרט פלעגט שטענדיק הענגען איבערן פענצטער פון קיך א גאנץ אָדער א האָז. אָ, ווי לאנג הענגי און מארקום פלעגן דאָ אָפּשטיין פארן פענצטער און קוקן אויף די דאָזיקע גאנז און האָז, וואָס זענען פאר זיי געווען אזוי אומדערגרייכבאר. יאָ אין די דאָזיקע שטובן

האָט מען געלעבט א גוטן טאָג און מ'האָט זיך פון קיין זאַך נישט אָפּגעזאָגט.

און פאַר אָט דער לעבנסלוסטיקער פרוי האָט די מוטער גע־שייערט די פּאָדלאָגעס און די טרעפּ שבת נאָכמיטאָג. צוויי מאַרק פלעגט איר פרוי שלומפּ דערפאַר געבן. און אלס צוגאָב א גלאָז גוטע קאווע און מאנכעמאָל א קנאָכן פון דער גאנז און א שטיקל האָז. דאָס פלעגט די מוטער ברענגען מיט זיך אהיים פאַר אונז.

יאָ, אינעם דאָזיקן הויז זענען מיר געווען די גרעסטע אביונים. שפּעטער זענען מיר געווען די רייכסטע אין אונזער הינטער־הויז און שכנים פלעגן צו אונז קומען זיך װארעמען, אָדער באָרגן א טעפּל מעל אָדער זאַלץ פאַרן זופּ.

דעם דאָזיקן שבת נאָכמיטאָג בין איך אוועק אויף דער פרעבלשטראַסע. איך האָב גוט געקענט אונזער נאָרדן, פּונקט ווי אונזער הויז. כ'בין געגאנגען צופרידן און מיט הנאה איבער די קאָכעדיקע גאסן, בין דערגאנגען ביז צו די בולוואַרן, וועלכע איך האָב אויך ליב געהאט. דער וועג איז געווען א גלייכער און האָט ביי מיר געדויערט א האלבע שעה: כ'בין דורכגעגאנגען בערנאור־שטראסע, די גרויסארטיקע דאנציקער־שטראסע מיט ביימער און רויזן־שטרייפן, פול מיט ליכט און לופט. דאָ האָט זיך אזוי גוט געאָטעמט. מ'האָט דאָ נישט געהערט קיין גערויש און צישען פון לאָקאָמאָטיוון און קיין סאדזע. די גאז־אנשטאלטן האָבן אויס־געזען אזוי פאנטאסטיש רונד צווישן די גראָבע הייזער. ס'זענען אויך דאָ און דאָרט געלעגן נישט פארבויטע ערד־שטחים, הימל־הויכע קוימענס. מ'האָט דאָ באגעגנט לויטער נייע פּנימער, נייע קראָמען. און אָט האָב איך דערזען — כ'האָב זיי געקענט פון די פריערדיקע צייטן — די שווארצע געשטאלטן, וואָס שטראָמען צום נאכט־אזיל. אין די גאסן, וואָס פירן אהער, זענען געשטאנען די האנטוועגעלעך מיט פוילן אויבסט, שנוראָווארדלעס, געווענדזל־טע הערינג, פּאפּיראָסן. יאָבער נישט אלע האָבן געהאט געלט אזעלכעס צו קויפן.

כ'האָב געטראָגן אין א שאכטל פון ציגארן טאבאק, וועלכן איך האָב צוזאמענגעזאמלט אין משך פון פיל טעג. דער טאבאק איז

געווען פון די עקן פאפיראָסן און נישט פון קיין געהויבענעם פאָרט. א פערטל שאכטעלע איז געווען פול מיט אָט דעם טאבאק. כ'האָב זיך אנידערגעשטעלט ביי א פארקאַן, געהאלטן אָפן דאָס שאכטעלע און געווארט אויף קונים.

א בייזער זקן איז געבליבן שטיין פאר מיר, האָט אויסגע־שטרעקט זיין האנט אין שעכטל אריין, ארויסגענומען פון דאָרט א הייפעלע טאבאק און געזאָגט ארײנלאָזנדיק מיר אין פנים א פעסט־אָטעם פון זיין ברוסט:

— דו האָסט עס געקויפט בעת קיינער איז נישט געווען אין קראָם? יאָ? זאָג דעם אמת.

און האָט דערביי געמאכט א מיאוסע גרימאסע. ער האָט ביי זיין גאנצער חוצפה אויסגעזען צו זיין א פחדן.

אָט איז צו מיר צוגעגאנגען א ייִנגל:

— גיב מיר פאר א זעקסער.

און ער האָט געהאלטן אָפן זיין האנט. דאָרט זענען געלעגן פינף פעניק.

ס'איז צוגעגאנגען צו מיר א פרוי מיט א ליידיקער פייקע אין אנ'אנטפּאָרמטן מויל, מיט שיינע בלויע אויגן. זי האָט געהאט נאָר איין פעניק. פארן דאָזיקן פעניק האָט זי זיך אָנגעשטאָפּט די פייקע מיט טאבאק. זי האָט אָבער די פייקע אָנגעשטאָפּט פעסט, פעסט, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזן. כ'האָב געזען ווי, אָפּגייענדיק דריי טריט, האָט זי א העלפט פונם אָנגעשטאָפּטן טאבאק אויס־געטרייסלט אויף דער דלאָניע. זי האָט דאָ „איינגעהאנדלט" א מציאה: פאר איין פעניק טאבאק — אויף צוויי פייקעס.

כ'האָב אָבער דער מוטער גאָרנישט געקויפט פאר דאָס דאָזיקע וואָס איך האָב אָנגעהויבן אזוי צו האנדלען אויף דער גאס: כ'האָב געהאט א ריינעם ריוח פון צוויי און פערציק פעניק... דאָס איז געווען קורץ נאָך דעם, ווי איך בין אלט געוואָרן זעקס יאָר. כ'בין נאָך דאמאָלט נישט געגאנגען אין שולע. אָ, כ'בין אויף דעם ריוח געווען שטארק שטאָלץ...

כ'האָב אָבער די מוטער גאָרנישט געקויפט פאר דאָס דאָזיקע געלט, ווייל כ'האָב אינגאנצן פארשוויגן וועגן מיין באשעפטיקונג

און האָב איר גאָרנישט דערציילט. בכלל פלעג איך דער מוטער פיל זאכן נישט דערציילן. כ'האָב איר אויך נישט דערציילט, אז כ'בין געזעסן אין פעטער אַריעס שטוב און האָב זיך צוגעקוקט צו דער מיאוסער סעודה, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, און אז מיר פלעגט אָפט אויסקומען, כדי צוריק אריינצוגיין אין אונזער שטוב אריין, אריבערצוטרעטן איבער שכורע און שלאָפנדע. כ'האָב דעמאָלט געפירט א לעבן, בסוד פון מיין מוטער. פיל זאכן האָב איך פון איר געהאלטן בסוד. אָבער מיך האָט גאָרנישט געדריקט, מיר איז נישט פאָרגעקומען פשיקרע יענץ, וואָס כ'האָב פון דער מוטער געהאלטן בסוד. אין דעם, וואָס כ'האָב געטאָן — וואָס כ'האָב, למשל, פארקויפט טאבאק אויף דער גאס, — האָב איך נישט איינגעזען קיין שלעכטס און קיין בייזעס. אדרבה! כ'האָב געהאלטן, אז אזוי דארפן טון אלע קינדער פון אָרימע עלטערן: זען צו פארבינדן און קומען צו הילף זייערע עלטערן. כ'האָב נאָר געוואוסט, נישט דייטלעך אזוי, אז די מוטער וואָלט פון דעם שטארק געליטן און וואָלט מיך נישט געלאָזט האנדלען אזא צארטן עלטער, ווי מיינס. אלט־קלוג, ווי איך בין געווים געווען, האָב איך איינגעזען און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די מוטער פאסט זיך נישט צו גאנץ ריכטיק צום לעבן, אז זי פאסט נישט אויף דאָס לעבן ווי ס'געהער צו זיין. כ'האָב געזען, אז זי פילט און דענקט נישט פראקטיש.

ס'קען זיין, אז ערשט איצט האָב איך עס פארשטאנען און דאמאָלט האָב איך וועגן דעם נאָכנישט געהאט קיין אנונג און קיין פאָרשטעלונג. אָבער ווער ס'איז נישט געווען קיין קינד פון א פראָלעטאריער, ווער ס'האָט שוין אויפן דריטן יאָר פון לעבן געהונגערט און אויפן פערטן יאָר געבעטלט, אויפן זעקסטן געהאנדלט און פארדינט און צו זעקס יאָר געקענט דאָס לעבן פון די דערוואקסענע מענטשן, אפילו זייערע ליבע־סודות אויך, — דער ווייסט נישט, וויפיל אזא קינד טראכט נישט איבער, קאָמבינירט נישט און קוקט נישט אריין אין אלע טיפעניש.

ווייל אזא קינד איז נישט קיין קינד...

ניין, כ'בין קיינמאָל נישט געווען קיין קינד!... הײַנט, ווען איך

בין שוין אלט פינף און צוואנציק יאָר, בין איך מער קינה, וגו' איך בין געווען דעמאָלט! בײ אונז די גרויסע אביונים ווערן די קינדער געבוירן אלט זקנים און מיטן לויף פון די יאָרן ווערן זײ ערשט קינדעריש. ווען איך טראכט וועגן מײנע שול-חברים, וועגן די קינדער פונם הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט און פון יענער גאַס, וואו דאָס הויז האָט זיך געפונען, באַגרײף איך הײנט, ווי אלט מיר זענען דאַן געווען, נישט דערוואַרטנדיק קײן בעסערע צײטן, קײן זאַך נישט באַגערנדיק, אלע ניכטער ווײסנדיק, אָן אַ שום הײליקטום אין לעבן, אָן אַ שום אידעאַל, קײן שום פאַנטאַזיע, קײן טרוים. יאָ, אַזוי אָרעם זענען די אָרעמע: — זײ טרוימען אפילו נישט...

פאַרן פאַרדינטן געלט האָב איך, קײנער זאָל נישט ווײסן, געקויפט עפּיס צו עסן העגין און מאַרקוסן. איך געדענק נישט, צי איך בין דאַן געווען הונגעריק, ווײל כ'קען זיך נישט דערמאָנען אויב איך האָב דעמאָלט צוזאַמען מיט זײ געגעסן.

כ'פלעג שטענדיק עסן ווײניק, כ'בין אָבער עד היום געבליבן מאָגער און שמאָל. כ'האָב נאָך אלץ אַ גוף פון אַ ייִנגל, וואָס האַלט נאָך אין וואַקסן. און איך האָב, קײנער זאָל נישט זען, אַרײַנגערוקט עפּיס פון מײן געלט אין מײן מוטערס בײטל אַרײַן...

און כ'האָב זי דאַמאָלט געזען צײלן געלט.

— עס שטימט נישט,—האָט זי געמורמלט — דאָ זענען דאָך פאַראַן איבעריקע דרײסיק פעניק... אפשר האָט מיר די קרעמערקע בײם קויפן די קאַרטאָפל נישט ריכטיק אַרויסגעגעבן דעם רעשט? וואָס לאַכסטו, טעדי?

כ'האָב געלאַכט. כ'האָב פון איר געלאַכט. כ'האָב גוט געוואוסט, אַז מ'האָט איר נישט אַרויסגעגעבן צופיל רעשט.

— נעע, מוטער, — האָב איך זיך אָנגערופן — דו האָסט נישט ריכטיק געצײלט.

— זאָג נישט נעע, מײן טײערער — האָט זי מיר פאַרבעסערט — נאָר נײן. דו הערסט?

שטענדיק פלעגט זי אויסנוצן יעדע געלעגנהײט מיך צו דערציען. מיט העגין און מאַרקוסן פלעגט זי זיך אַזויפיל נישט אָפּגעבן, ווי מיט מיר. יענע זענען געווען דעם פאָטערס קינדער און ליבלינגען.

און איך בין געווען איר קינד, איר ליבלינג... העני און מארקוס פלעגן אויך אפט רעדן אויפן בערלינער שטייגער, באנוצנדיק פאר־קריפלטע און פארגרייזטע ווערטער, נאר זיי פלעגט זי נישט פאררינכטן די גרייזן, בעת מיך פלעגט זי אין אזעלכע פאלן אפ־שטעלן און יא פאררינכטן.

מיר דאכט זיך, אז דאס איז געווען אינעם אווגוסט נאך מיין ערשטן פארדינסט ביים פארקויפן טאבאק, ווען ביי אונז איז פארגעקומען דער סקאנדאל, פון וועלכן כ׳וועל דא באלד דערציילן.

די מוטער האט ביז צען אזייגער געשוועגט די טרעפ פון הויז און דערנאך אויפגעפאסט דעם פאראליזירטן שלומפ און צוגע־ווארעמט פאר אים דאס עסן.

זי איז געזעסן אויסגעמאטערט אויפן בעט. זי האט אויסגעזען פארעלטערט און איז געווען צו מיד זיך אויסצוטון. זי איז אזוי געזעסן אראפגעלאזט דעם קאפ, איינגעדרימלט. מיטאמאל האט זי זיך אומרואיק א כאפ אויף געטון, אויף מיר א קוק געטון, און דער קאפ איז איר ווידער א פאל געטון אויף דער ברוסט. כ׳בין געלעגן הינטער איר אין בעט אונטער דער בלאער געשטעפטער קאלדרע. כ׳בין געשלאפן, זיך אויפגעכאפט, און בין ווידער איינגעשלאפן. די נאפט־לאמפ אויפן טיש איז שוין געהאט אויסגעגאנגען, אבער איבערן שטעטינער וואקזאל איז געשטאנען די לבנה. זי איז געשטא־נען גראד אנטקעגן אונזער פענצטער. ס׳איז געווען קאלט. פעברואר. די לבנה האט העל געמאכט די שטוב אזוי געשפענסטיש. די מוטער איז געזעסן, ווי א שווארצער גייסט, אויפן בעט. כ׳האב אבער געשפירט איר געליבטן ריח. כ׳האב געהאלטן איר קלייד אין דער האנט.

פלוצלינג בין איך געווארן אינגאנצן וואך. — דער פאטער איז געקומען אהיים מיט אריע וואופקען און זיי האבן מיט זיך מיטגע־בראכט באקאנטע, מענער און פרויען. זיי זענען שוין געווען שיכור. זיי האבן געליארעט, געזונגען, געטאנצט. איינער איז א פאל גע־טאן אויף דער פאדלאגע. אונטער אונז האט מען געקלאפט אין סופיט. דער באלעבאס האט ארויסבאקומען אויף אונז אן עקסמי־סיע צום ערשטן אפריל. אונזערע שכנים, וואס האבן געהאט

מיטליייד מיט דער מוטער, האָבן שוין פילמאָל זיך משתדל געווען ביים ווירט פאר אונז, און מיר זענען אים שולדיק געווען דירה־געלט פון נאָוועמבער אָן. אונזער חוב האָט שוין אָנגעטראָפן הונדערט מארק... ווי אזוי האָט די מוטער דעמאָלט געקענט באַצאָלן אזויפיל געלט!...

כ'האָב זיך, דערשראָקן, אויפגעכאפּט. זי האָט מיך געדריקט אין די קישנס.

שלאָף, מיין ייִנגעלע, שלאָף.

און זי האָט אָנגעהויבן מיט א ציטערנדיקער, כמעט טאָנלאָזער שטים צו זינגען, פּונקט ווי איך וואָלט געווען א ברוסט־קינד, א קליין קינד, וואָס ליגט נאָך אין וויג — זי האָט געזונגען:

שלאָף אין זיסער רו
מאך די אייגעלעך צו.

זי האָט ווייטער געזונגען; ביז כ'האָב נישט אָנגעהויבן צו בעטן:

— דאָס נישט, מוטער, דאָס נישט.

אין האלבן שלאָף האָב איך געבעטלט:

— ניין, ניין, דאָס נישט.

דאָס זענען געווען יענע צוויי שורות, וועלכע פלעגן מיך אריינברענגען אין א טיפער פארצווייפלונג, וועלכע איך האָב נישט פארשטאנען און וועלכע האָבן מיר ווי די אומגערעכטיקייט פון דער גרויסער וועלט געשניטן אין הארצן. אָט דאָס זענען יענע צוויי שורות:

ס'הינטל האָט דעם מאן געביסן
האָט דעם בעטלערס קלייד צעריסן

ניין, דאָס האָב איך נישט פארשטאנען, דאָס האָב איך נישט געוואָלט הערן, דאָס איז געווען אומדערטרעגלעך אכזריותדיק.

ס'האָט מיך נישט פארדראָסן און כ'בין נישט געווען אויפגעבראכט אויף די רייכע, הלמאי זיי ווילן אונז נישט קענען און קוקן זיך נישט צו צו אונזער לעבן. כ'האָב אויך גאָרנישט געהאט קעגן די אייבערשטע פון שטייסל, די אָנגעזעענע מענטשן, וועלכע פארשטעקן זיך פון אונז די נאָז מיט א באטיסטן, פארפומירט טיכל; כ'האָב, נאטירלעך, נישט געזאָגט, אז עס דארף אזוי זיין

און בין מיט יענע מענטשן נישט געווען איינפארשטאנדן. כ'האָב אָבער פארשטאנען, אז ס'זענען פאראן צוויי מינים מענטשן און אז מיר, די אביונים — זענען עם דער צווייטער מין, דער אונטערשטער שיכט. כ'האָב פארשטאנען, אז מיר ארבעטן אין די שאכטן, כדי אין די שטובן פון יענע מענטשן, — די פארמעגלעכע און אָנגעזעענע, מיין איך, — זאָל זיין ליכטיק און ווארעם. מילא — פלעג איך זיך טראכטן — אזוי איז שוין די וועלט באַשאפן געוואָרן און אזוי דארף עס מסתמא שוין זיין, אז ס'זאָלן זיין אָרימע און רייכע, גליקלעכע, און אומגליקלעכע. כ'האָב אָבער בשום־אופן נישט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז די נאַטור, אז א גאָטס באשעפעניש זאָל אויך זיין קעגן אונז, אז דער הונט זאָל דעם רייכן לעקן דעם פוס און דעם בעטלער צערייסן דעם איינציקן בגד, אז ער זאָל פאָלגן אזוי הכנעהדיק דעם האר און בייסן דעם קנעכט די האנט, — די האנט, פון וועלכער דער האר לעבט דאָך, אייגנטלעך. תופס צו זיין די דאָזיקע אומגערעכטיקייט און סתירה איז געווען העכער פון מיינע כוחות און דאָס האָט צעשטערט מיין גלויבן אין דער חכמה פון אלע באשעפענישן און אין דער גוטווענדיקייט פון אלע איינריכטונגען. אזא גלייבן האָב איך ביז דעמאָלט געהאט. כ'האָב געגלייבט אין דער גערעכטיקייט פון דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג אויף דער ערד און אָט דעם סדר־העולם האָב איך געהאלטן פאר א זאך וואָס איז באשטימט פון אויבן...

גאָט? — כ'ווייס נישט, ווי אזוי כ'האָב זיך צו אים באצויגן: צי כ'האָב געגלייבט אין אים אָדער נישט. אפשר נישט. די מוטער פלעגט דאווענען און בעטן גאָט, ער זאָל מיך נעמען אונטער זיין שוץ. כ'האָב אָבער נישט געגלייבט, אז דאָס דאָזיקע וואָרט גאָט זאָל מיינען איין ווען. כ'האָב געהאלטן, אז אונטער אָט דעם וואָרט האָט די מוטער געמיינט דעם גאנצן קאָסמאָס און איר תפילה איז געווען א מוטערלעכע ווענדונג נאָך רחמים צו דער ליבע אינעם קאָסמאָס. איך גופא האָב אויך אזוי געגלייבט. מיין אמונה איז געווען די זעלבע, ווי מיין מוטערס. יאָ, דאָס איז געווען א גלייבן אין דער קאָסמישער ליבע און דאָס האָט געהייסן,

אז ס'איז נאָך פאַראַן יושר און גערעכטיקייט דאָרט, וואו אומרעכט און רשעות האָבן אויסגעוויזן צו זיין די איינציקע הערשער.

בלייבט דאָך אָבער א קשיא. דער הונט? די חיה, וואָס טאַרפּט זיך אויף אונז און בייסט אונז נאָך דערפאַר, וואָס מיר זענען בעטלער!

אפשר מחמת אָט דעם וויגן-ליד, אין דער דאָזיקער שורה וועגן הונט, וואָס בייסט דעם בעטלער — האָב איך קיין הונט נישט ליב געהאַט. ליב געהאַט האָב איך נאָר קעץ. כ'האָב אָפּט באַמערקט, אַז דער הונט, וואָס לעבט ביים נגיד, האָט פיינט דעם בעטלער, אפילו דעם אַרבעטער, יעדן, וואָס גייט שלעכט געקליידט און וואָס פון אים טראָגט זיך נישט קיין פיינער ריח. און דאָס איז דאָך א שרעק און א גרויל. אַן אַנטאַרטעטע חיה מיטן פאַראורטייל פון מענטשן! דאָס קען מען אַזוי אויסטייטשן: ווען דיר גייט גוט ביסטו א שונא פון דעם, וועמען עס גייט שלעכט.

א קאַץ קען קיינמאָל אין דער וועלט אַזוי נישט פאַרדאָרבן ווערן און אַזוי נידעריק פאַלן, ווי א הונט. זי בלייבט שטענדיק אַן איידעלע חיה. כ'פלעג שטענדיק רחמנות האָבן אויף א הונט. כ'האָב אויף אַזוי ווייט רחמנות געהאַט אויף הינט, אַז כ'האָב, ווען כ'בין אַלט געווען צען יאָר, אויפגעהויבן די הענט קעגן מיין פאָטער, דערפאַר, וואָס ער האָט אין הויף-ווינקל א שטויס געטון מיטן פוס א הונט, וועלכער האָט דאָרט געוואָלט משתין על הקיר זיין. אָבער האָבן ביי זיך אין שטוב א הונט, האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט. אַלס מיינע פריינט האָב איך קודם-כל באַטראַכט אַלע הונגעריקע, קראַנקע, די, וואָס לײַדן נויט און קעלט, ווערן געיאָגט און געפּלאָגט. זיי זענען געווען מיינע גייסטיקע ברידער און ווי וואָלט עס אויסגעזען, ווען מיין הונט וואָלט באַפאַלן מיין אָרימען ברודער, בעת ער וואָלט געקומען צו מיר מיט א באַזוך און אים צעביסן? דערפאַר אָבער איז פאַר אונזער געלער קאַץ נישט געווען קיין נפקא-מינא, וואָס פאַר א מענטש עס קומט צו מיר. אויף אַלע, אָן אונטערשייד פון שטאַנד און קלאַס, פלעגט זי קוקן מיט די זעלבע אויגן. פאַר איר זענען אַלע מענטשן געווען גלייך. א בעטלער, א רייכער פירשט, א באַנקיר און א פורמאַן... איר איז

גראָד נישט אָנגעגאַנגען, צי יענער גייט געקליידט רייך און עלע-
גאַנט, אָדער אין טראַנטעס.

די מוטער וואָלט אפילו אָן מיין בקשה נישט צו זינגען וועגן
דעם הונט אויך אויפגעהערט צו זינגען. די מעשה דערפון איז
אזוי געווען.

ווען די מוטער האָט נאָכנישט געהאַט פאַרענדיקט דעם דריטן
פערז פון יענעם ליד, האָט זיך פּלוצלינג פון ביי-צימער דערהערט
דעם פאָטערס שטים:

— וואָס, איר קענט זי נישט? ווארט צו אביסל? כ'וועל זי
אייך באַלד אריינברענגען, הורראַ!

ער איז ארויסגעלאָפן אין לעצטן צימער אריין און אין א רגע
ארום האָבן מיר שוין געהערט הענים וויינען...

די מוטער איז געזעסן, ווי ערשטוינט. זי האָט זיך צוגעהערט
מיט איר גאַנצן גוף.

דער פאָטער איז צוריק אריינגעקומען אין צימער אריין צו די
געסט און מיר האָבן געהערט, ווי ער האָט עפּיס צערטלעך ארייג-
גערעדט אין הענין.

איצט האָבן מיר פארשטאַנען, אין וואָס דאָ האָט זיך גע-
האנדלט: ער האָט געוואָלט ווייזן זיין ליבלינג דער געזעלשאַפט.
זיין ליב קינד, זיין טרייסט און נחמה. ער האָט הענין אראָפּגע-
לאָזט אויף דער פּאָדלאָגע, רעדנדיק מיט איר די גאַנצע צייט
מיט אזא צערטלעכער שטים. ווי ער זאָל נישט זיין שיכור, פלעגט
ער פונדעסטוועגן זיין ניכטער, שפּיל און צערטלעך ווען הענ-
פלעגט זיך נאָר באַווייזן פאַר זיינע אויגן — אזא מאַכט האָט דאָס
קינד געהאַט אויף איר פאַרדאָרבענעם פאָטער.

הענע האָט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט שוין פארשטאַנען
צו וואָס דער פאָטער האָט זי אהין אריינגעטראָגן. זי איז געשטאַ-
נען שטאָלץ צווישן די געסט, איבערנעמענדיק זיך שטארק מיט
איר שיינקייט, און האָט געשמייכלט. אין שטוב איז געוואָרן גאַנץ
שטיל. אלע געסט האָבן אפּנים נישט אראָפּגעלאָזט זייערע שכורע
אויגן פונעם שיינעם מיידעלע.

די מוטער האָט געמאַכט א באַוועגונג, גרייט זיך א לאָז צו

טון אין יענער שטוב אריין. זי האָט א בייג געטון דעם קאָפּ צו דער מיר. זי האָט געציטערט, אויפגעהויבן די הענט, פונקט ווי זי וואָלט געזען, וואָס דאַרט אין דער שטום-געוואָרענער שטוב, מיט די שיכורע געסט, קומט פאָר מיטן קינד. — פּלוצלינג האָט הענע א שטאַרקן געשריי געטון. און אין דער זעלבער רגע האָט א רימשע געטון דעם פאַטערס אויפגערעגטע שטים...

מיר האָבן געהערט, ווי ער האָט א טופּע געטון מיטן פוס קעגן איינעם פון די געסט, קעגן א שטול, וועלכע איז אומגע־פאַלן מיט פלאַשן און גלעזער, וואָס זענען אויף איר געשטאַנען, און מיר האָבן געהאַלטן, אז מיר האָבן געזען ווי ער האָט דאָס קינד אין העמד ארויסגעריסן מיט געוואַלט ביי איינעם פון די מענער.

— „אריע“ — האָט ער א געשריי געטון, נישט מיט זיין קול, אויסער זיך פון צאָרן און אויפרעגונג—דו לאָבוז, דו געמיי־נער יונג איינער! קענסט שוין ציילן דיינע ביינער, וואָס כ'וועל דיר צעברעכן! וואָס טוסטו? מיט מיין קינד! מיט מיין קינד, דו קרעציקער הונט איינער, א רוח אין דיינע געמיינע ביינער אריין!

ס'האָט אויסגעבראָכן א שרעקלעכער ליאַרם און געפּילדער, אין שטוב איז געוואָרן אן אמתער גיהנום. די מוטער איז געווען רואיק. די קני אירע האָבן אָבער נאָכגעגעבן און זי האָט א פאַל געטון אויפן בעט.

מיר האָבן ביידע געוואוסט: הענין האָט נישט געדראָט קיין סכנה. מיר האָבן זי געזען אויפן פאָטערס לינקן אָרעם און מיט זיין רעכטער האַנט איז ער געווען לייכט אומשטאַנד אוועקצולייגן א גאַנצע באַנדע און זי ביייצוקומען, ווען זי וואָלט אים באַפאַלן.

ער האָט אָנגעהויבן אויסצורייניקן די שטוב. שעלטנדיק די געסט אויף וואָס די וועלט שטייט, אויסגעבנדיק אויף זיי אלע קללות און חרמות, וואָס די בערלינער אונטערוועלט האָט גע־שאַפן, באַנוצנדיק דערביי שרעקלעכע און עקלהאַפטע אויס־דרוקן, וואָס ער האָט איבערגענומען אין די קנייפּעס און שמו־ציקע שענקלעך, — האָט ער די געסט געיאָגט פון זיין שטוב

שפּייענדיק אויף זײ מיטן גיפט, וואָס האָט זיך ביי אים אויסגע־ אַרבעט אין יענע קנײפּעס און שענקען. איין מיידל האָט א היסטע־ רישן קוויטש געטון. אַן אַנדער מיידל האָט געלאַכט. אַנדערע זע־ נען געלאָפן פון די טרעפּ, ווי געיאָגט דורך א ווילדן כח. אַריע וואופקע האָט געריטשעט, האָט זיך געשלאָגן מיט אַלע, דערנאָך האָט עפּ׳ים א קראַך געטון. דער פאָטער האָט אים בפועל ממש אַרויסגעוואָרפן פון שטוב.

כ׳בין לאַנג אָפּגעשטאַנען ביי דער שפּאַרינע פון דער טיר. איין־קאַלט האָט אַריינגעשטראָמט די לופט אין שטוב אַריין. די מוטער האָט צוגעמאַכט די אויגן. זי האָט מיך נישט געזען. און איך האָב געזען, ווי דער פאָטער, האָט האַלטנדיק הענין פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט, אַראָפּגעוואָרפן אַריען פון די טרעפּ, קאָפּענדיק אים שטאַרק מיט די קני אין דער שפּיץ פוס. אונטן, אין הויז, האָט מען אָנגעהויבן שרייען, מ׳איז אַרויפגעקו־ מען מיט ליכט, מ׳האָט זיך געזידלט, געשאָלטן און געלאַכט. אויבן, אויף די טרעפּ, איז געשטאַנען דער פאָטער און האָט גע־ ברומט און געשאָלטן.

— דיין פוס וועט שוין קיינמאָל נישט איבערטרעטן די שוועל פון מיין טיר. אַזא לאָבוז! אַזא כלב! אַזא נידערטרעכטי־ קייט. אויף מיין מיידעלע, אויף מיין כשרער ריין טייבעלע צו וועלן באַגיין אַזא שענדלעכן טאַט! אָבער ער האָט שוין, דער לאָ־ בוז, באַקומען א שטיקל קאָנטאָ פון זיין שכר. ער האָט שוין אָקאָרשט אויסגעשפּיגן עטלעכע באַקציין, וואָס איך האָב אים אויסגעהאַקט. דאָס איז נאָך גאָרנישט! דאָס איז נאָר א קליין האַנט־געלט, אַן אַוואַנס פון דעם, וואָס ער וועט נאָך פון מיר באַ־ קומען, דער ימח־שמוניק און כלב שבכלבים!

כ׳גלייב, אַז אין דער דאָזיקער שעה, ווען דער פאָטער האָט אויפגעגעבנדיק זיין שברות, געהאַנדלט אַזוי ניכטער און איידל בנוגע זיין קינד, ראַטעווענדיק דאָס מיידעלע פונעם אומגליק גע־ שענדעט צו ווערן פון א מענטש א חיה, — האָט די מוטער אים ווידער ליב באַקומען. זי האָט קיינמאָל נישט געוואוסט און נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן די פּלענער, וואָס דער פאָטער האָט

געהאט בנוגע הענין, ער האָט דאָך געהאַפּט, מיט דער צייט צו קענען באַקומען פון איר געלט,—ווען זי וועט אויסוואַקסן און מענער וועלן פאַר איר איינגעמען א כפרה...

ער האָט א קלאַפּ געטון מיט דער טיר און זי פאַרמאַכט. אויף דער גאַס האָבן מיר געהערט ווי ס'האָט אויפגעבראַוזט א ליאַרעם פון די אַרויסגעוואָרפענע. זיי האָבן געשריגן און געשאָלטן דעם פאָטער אויף וואָס די וועלט שטייט. זיי האָבן אים געדראָט מיט נקמה, אז זיי וועלן זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען, די מיידלער, ווידער, האָבן סתם געפּילדערט און זיך געזידלט אויף א העסלעכסטן אופן.

און די לבנה, גלייכגילטיק צו דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט געלאַסן און שטיל געשיינט און אַריינגעקוקט אין שטוב, וואו ס'האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעשפּילט אזא עקלהאַפטע סצענע.

כ'האָב זיך שנעל אָפּגערוקט פון דער טיר-שפּאַלט און בין אַריינגעקראָכן אין בעט אַריין. דער פאָטער האָט הענין צוריק אוועקגעלייגט אין בעטל, איז אַריינגעגאַנגען אין אָריע וואַופּקעס צימער, און מיר האָבן געהערט, ווי ער האָט זיך דאָרט געפּאָרעט אַרום די פלאַשן מיט די גלעזער. ער האָט ביי דער גינסטיקער געלעגנהייט געמאַכט א גוטע כוסה, און זיך געלאָזט וואויל-גיין. ער האָט אויסגעטרונקען אלע רעשטן פון די משקאות, וואָס די געסט האָבן, צוליב דער אַנטשטאַנענע מהומה, נישט באַוויזן אַריינצוגיסן אין זיך. ער האָט ביי יעדן טרונק צופרידן און מיט הנאה, באַלעקנדיק זיך, צוגעשמאָקעט מיט די פייכטע ליפּן. ער האָט געלאַכט און צופרידן גערעדט מיט זיך אליין. ער האָט, מעשה אָרימער בעל-גאווהניק, אַרומגעשפּרייזט איבער דער שטוב, געשלוקערצט, געגרעפּצט, געכיקעט און — געטרונקען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, איז אַרויפגעקראָכן אויף א שטול, וועלכע איז אומגעפאַלן. פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו בראָכן...

צומאָרגנס האָט אַריע וואַופּקע געלאָזט אַרויסנעמען זיינע זאַכן פון דער וואוינונג. ס'איז געקומען זיין כלה, די מאַרזשעטקאַ. זי האָט געוויינט און געיאָמערט פאַר דער מוטער. די מוטער האָט געוויסערמאַסן געהאַלטן פון איר.

— זי ליבט — פלעגט זי וועגן איר זאָגן — זי איז א מענטש, נאָר נישט פון איר. זי ליבט אים.

כ'האָב אָבער יאָ געלאַכט.

— דער פעטער אַריע!—האָב איך געזאָגט — א קלאָג צו די יאָרן... אים ליב צו האָבן!...

און דאָ האָט די מוטער מיך, דעם זעקסיעריקן שילער, געלערנט די גרויסע חכמה:

— אָ, מיין טייערער, ס'איז נישט קיין נפקא מינא וועמען מען ליבט. ווען מען קען נאָר ליבן! ווען דו ליבסט באמת עמיצן, מאכסטו דעם, וואָס דו האָסט ליב,—ווער יענער זאָל נישט זיין—ראוי און ווערט געליבט צו זיין.

כ'האָב זיך צוגעהערט צו איר אויפקלערונג, פונקט ווי איך וואָלט אַליץ פארשטאַנען, וואָס זי רעדט.

ס'איז נאָר פאראן איין חטא,—האָט זי פאָרטגעזעצט—צו זיך גופא: צו זיין צו שוואך אין ליבן יענעם. ווען דיין ליבע האלט אוים, וואקסט אויך דער, וועמען דו האָסט ליב. ליבע איז מסוגל בעסער צו מאכן דעם מענטשן, אים אויסאיידלען און דערהויבן. ווען דו לאָזט עס נאָך, מוז עס פאלן.

כ'מיין, אז זי פלעגט זיך שטענדיק פאָרוואָרפן, הלמאי זי האָט דעם פאָטער נישט געקאָנט ליב האָבן לענגער און פארוואָס זי האָט צופרי אים אויפגעהערט צו ליבן. זי האָט געהאלטן, אז זי איז שולדיק אין דעם, וואָס ער איז מאָראליש אומגעקומען: איר ליבע האָט אים געבראכט צו אָט דער ירידה.

— ליבן מוז מען קענען, מיין טייערער און זיסער—האָט זי מיט מיר ווייטער געלערנט די דאָזיקע חכמה — ווען דו קענסט עס, איז וואויל צו דיר. די גאנצע וועלט וועט דיר שוין דאמאָלט אויסזען שיין און פיין. דערפאר, וואָס ליבע איז אויף דער וועלט פאראן צו ווייניק, בלייבט די ליבע נישט פאָלקאָם. וואָס דו ליבסט,—געווינסטו. כ'האָב זיך צוגעהערט צו מיין מוטערס רייד. זיי זענען מיר אריין טיף אין קאָפּ אריין.

בכלל האָט די מוטער, ווי כ'האָב שוין באמערקט, פיל זיך פארנומען מיט מיין דערציאונג. ביינאכט אין בעט פלעגט זי מיר

אויך אין דער שטיל דערציילן וועגן פארשידענע „חכמות". אין איר אומענדלעכער גוטסקייט און גוטהערציקייט פלעגט זי קיינ־מאָל נישט ווערן אויפגעבראכט, קיינמאָל נישט ארויס פון די כלים, דערום פלעגט זי אלע צרות און אומגליקן, וואָס פלעגן מיט איר פאסירן, מקבל באהבה זיין, זיי אָננעמען, ווי א שטראָף, וואָס איר איז כלומרשט געקומען פאר אירע זינד. זי האָט אָבער גע־וואוסט, אז נאָר די, וואָס ווערן קיינמאָל נישט מיד אין זייערע ליידן, באקומען זייער שכר און ווערן באלוינט. זי האָט געדאנקט גאָט, ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן. זי האָט אים — אפשר — נישט איינמאָל געוואונשן א לייכטע קויל אין שלאכט, אז ער זאָל שטארבן, שטארבן, שטארבן אין א שווידערלעכער באוואוסט־הייט און שרעקלעכן פחד, אין געהאקטע צרות, הייסע יסורים און אין א ביטערער חרטה. אפשר! — —

אין אכט טעג ארום נאָך יענער נאכט האָבן מיר זיך בגנבה ארויסגעצויגן פון אונזער וואוינונג. דעם פעטערס גאנצע קאָמפאניע איז געקומען צו אונז נאָך צוועלף אזייגער. אין משך פון א האלבער שעה זענען די רעשטן פון אונזער מעבל, די קאסטנס מיט וועש, טעפ, בעטן און די איבעריקע בעבעכעס שוין געלעגן און געשטא־גען אויף די לאסטוועגן. דער פאָטער האָט געטראָגן העניו, די מוטער — מארקוסן. איך בין געלאָפן אָן א זייט פון די גרויסע. כ'בין דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן געווען ביינאכט אויף דער גאס. ס'איז געווען אָנפאנג מערץ, גאנץ מילד, ווארעמלעך, נאָר פייכט. און אזוי שטיל אויף די גאסן, וועלכע איך האָב געקאָנט נאָר קאָכעדיקע און ליארמדיקע. זיי האָבן איצט כמעט געשמעקט, געדופטעט די גאסן, וועלכע שטינקען ביי טאָג. כ'האָב זיך געפילט גליקלעך. די שכנים פון הויז האָבן געוואוסט, אז מיר ציען זיך ארויס בגנבה. קיינער אָבער האָט וועגן דעם נישט צוויסן געגעבן דעם ווירט. די ווערטער אפילו האָבן עס אויך גוט געוואוסט. איידער מיר האָבן זיך ארויסגעצויגן איז די מוטער אריינגעגאנגען צום פאראליזירטן שלומפע. די פרוי זיינע, ווען זי פלעגט אוועקגיין טאנצן, פלעגט שטענדיק איבערלאָזן די מיר פון איר וואוינונג

אָפּן, כּדי מ׳זאָל קאָנען אהין אריינגיין, ווען מיט איר מאן וואָלט עפּים פּאסירט... היינט איז זי אויך געגאנגען טאנצן...

— אדיע, פרוי קעניג — האָט דער פּאראליזירטער פּאָרטיער צו דער מוטער געזאָגט — איך ווייס פון גאָרנישט. מאכט עס גאָר גוט. א שאָד, וואָס איר ציט זיך ארויס. ווער וועט איצט אריינקומען צו מיר, מיר צוווארעמען דאָס עסן און זיך זאָרגן וועגן מיר. א שאָד, כלעבן, וואָס מיר ווערן אייך אָן.

און דער אומגליקלעכער שלומפּע האָט אונז נישט נאָר נישט געשטערט זיך ארויסצוציען, מאכנדיק זיך כלא ידיע, נאָר ער האָט אונז נאָך געגעבן אַנ׳עצה, ווי אזוי עס אָפּצוטון, וואָס לייכטער און וואָס קונציקער.

מיר האָבן זיך אריינגעצויגן אין א הינטערהויז אויף דער יאסמונדערשטראסע. אונזער נייע דירה איז געווען אין פּארטער און באשטאנען פון א שטוב מיט א קיך. דער הויף איז געווען א ענגער, הויך און געדיכט ארומגעבויט מיט אָפיצינעס און אנדערע בנינים. דער קלאָזעט האָט זיך געגרענעצט מיט דער וואנט פון אונזער וואוינונג. אין פאָדערהויז האָבן געוואוינט איין און דרייסיק לאָקאטאָרן און אין דער קווער-אָפיצינע הונדערט דריי און זעכציק נפשות, נישט רעכענענדיק די יונגע לייט, וואָס פלעגן קומען בלויז נעכטיקן, און דינסט-מיידלעך. דאָס האָט אונז גלייך צומאָרגנס דערציילט מיט שטאָלץ דער געזעל פונעם זייגערמאכער. און מיר, דריי קינדער, זענען אויך געווען גאנץ שטאָלץ...

* *
*

אין אָט דעם הויז, אויף אָט דער טריבער גאַס, צווישן אָט די מענטשן האָבן זיך איבערגעטראָגן מער ווי פופצן יאָר פון מיין לעבן. אין קיך פלעגן שלאָפן העני און מאַרקוס, וועלכע האָבן, אלס די יינגסטע, זיך מער געגייטיקט אין וואַרעמקייט, ווי איך און די מאַמע. אין שטוב איז געשטאַנען אונזער איינציק בעט, און אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן א מאַטראַץ, אויף וועלכן ס'פלעגן שלאָפן איך און די מוטער. ווען דער פאָטער פלעגט קומען אהיים און בלייבן נעכטיקן, פלעגט ער שלאָפן אין בעט. ווען ער פלעגט אהיים נישט קומען — ער פלעגט לעצטנס אָפט נישט קומען נעכטיקן — פלעגן מיר שלאָפן, איך און די מאַמע זאלבעצווייט, אין בעט און אונז פלעגט דאָרט זיין וואַרעם און באַקוועם.

אָפט פלעגט זיך טרעפן, אז ווען איך פלעג גאַנץ פרי ארויסלויפן אין געוועלב ארויפצוברענגען מילך און ברויט, — אז איך פלעג גע־פינען דעם פאָטער ליגן אין הויז פאַר אונזער טיר און נישט זעלטן פלעג איך אין דער טונקלקייט ארויפטרעטן אויף אים. נישט געקוקט, וואָס ער איז געווען טויט־שיכור, האָט ער דאָך נאָך געהאַט אין זיך כח צו געפינען דאָס הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט און ווי עס איז צו דערגרייכן צו דער טיר פון זיין וואוינונג, אָבער נישט מער. אויפשליסן די טיר פלעגט ער שוין נישט קענען און פלעגט בלייבן ליגן ביי דער טיר. נישט אלע לאָקאַטאָרן פון הויז זענען געווען באַרמהערציקע און גוטע מענטשן. מאַנכעסמאָל פלעגט צו אונז אָנ־קלאַפן עמעצער פון די שכנים אין מיטן דער נאַכט און אונז העלפן אריינטראָגן אין שטוב אריין דעם טויט־שכורן פאָטער. אָבער אנדערע שכנים, די, וועלכע ער פלעגט ליגן איבערן וועג, פלעגן

איבער אים פשוט טרעטן, ווי מען טרעט איבער א כאָדניק. די שפורן פון זייערע פיס פלעגן מיר זען אויף זיינע קליידער. ס׳זענען אויך געווען אזעלכע, וואָס פלעגן אויף אים שפייען, און די אלטע באַלדוווייט פונעם דריטן שטאָק, די פרוי מיט דער צעפּאַלענער נאָז, מיט דער טאָכטער, וואָס איז געווען א גאסנמיידל, מיט זייער ריזנגרויסן שווארצן הונט, פלעגט בכיוון פארהאַלטן איר הונט, כדי ער זאָל משתין זיין אויפן פאָטער, ווען ער איז אזוי געלעגן פארן ארויפגאנג אויף די טרעפּ.

אָבער דאָס שרעקלעכסטע איז אונז נאָך פאָרגעשטאנען איבער־צולעבן און ס׳איז פאָרגעקומען שפּעטער מיט עטלעכע טעג. ס׳איז געמלעך געשען אזעלכס, וואָס האָט אונז אויפגעוועקט אין מיטן דער נאכט פון טיפן שלאָף. מיר האָבן דערהערט א שטארקן קלאַפּ פון עפּיס א קעגנשטאנד, וואָס האָט א שטארקן פאַל געטון אין דרויסן, לעבן אונזער טיר. שטארק איבערגעשראָקן האָבן מיר זיך צוגע־הערט, וואָס פון יענער זייט טיר קומט וויימער פאָר. וואָס־זשע האָט זיך ארויסגעוויזן? דער פאָטער איז עס אזוי שטארק אומ־געפאלן און איצט איז ער געלעגן אין הויז, אין וועלכן ס׳זענען ארייגעדרונגען פון הויף קאלטקייט, פייכטקייט און אן עיפּוש פון קלאָזעט. און דאָ — דאָ האָט מיך די מוטער פעסט ארומגענומען און נישט געלאָזט ארויסגיין אין הויז אריין.

— לאָז אים ליגן! — האָט זי, קוים צו הערן, געפּליסטערט— לאָז אים ליגן, גיי נישט אראָפּ פון בעט, מיין טייערער, זאָל ער... זאָל ער...

און זי האָט דערביי איינגאנצן געציטערט פון צאָרן און פארביטערטקייט.

וואָס אזוינס האָט געקענט געשען, וואָס זי האָט אים אזוי שרעקלעך געהאסט?

און זי האָט מיך איינגעהילט אין דער קאָלדרע, מיך צוגע־טוליעט צו זיך און צערטלעך געגלעט, זשומענדיק אין דער שטיל איר באקאנט לידל, אָבער דאָס מאָל אָן ווערטער, בלויז דעם מאָ־טיוו, כדי מיך איינצושלעפערן. דורכן האלבן שלאָף האָב איך זי נאָך געזען, ווי זי איז געזעסן און זיך צוגעהערט. זי האָט געבעטן

גאָט, אז קיינער זאָל נישט אָנקומען, זיך נישט דערבארעמען איבערן פאָטער און אונז אויפוועקן, כדי אים ארייננעמען אין שטוב אריין. ערשט ווען איך בין אוועק אין שול, האָבן מיר אים ארייגעלייגט אין בעט אריין. ווען ער פלעגט שלאָפן און זיין פנים פלעגט אראָפּווארפן פון זיך אלע ביטערע דאגות און צרות, פלעגט ער נאָך זיין שיין, ווי אמאָל. דאן פלעגט פארקומען, אז די מוטער פלעגט לאנג אָפּשטיין ביים בעט און קוקן אויף אים. אירע אונטערליפּן פלעגן בשעת־מעשה ציטערן... אָ, מוטערל מיינע, וואָס פלעגסטו זיך דעמאָלט טראכטן און פילן?

ס'איז זייער טרויעריק, וואָס איך האָב צו דערציילן וועגן מיין פאָטער בלויז שלעכטס. וואָס זאָל איך טון?

ער האָט מיך פיינט געהאט בתכלית השנאה. שפּעטער האָב איך פארשטאנען, פון וואנען די דאָזיקע שטארקע שנאה האָט זיך צו אים גענומען. אָן מיר זענען דאָך צעשטערט און צעקלאפּט געוואָרן אלע זיינע האָפענונגען אויף דער צוקונפט. ער האָט גערעכנט, אז איך דער בכור זיינער וועל גורם זיין דערצו, אז די מוטערס עלטערן, דערהערנדיק אזא נחת פון זייער טאָכטער, וועלן שלום מאכן מיט זייער טאָכטער און איידעם, אזוי, אז ער וועט שוין באקומען דעם גרויסן נדן און די מיל. און לסוף האָט זיך פון יענע האָפענונגען זיינע אויסגעלאָזט א בוידעם. מיין קומען אויף דער וועלט האָט אויף קיין האָר נישט ווייכער געמאכט מיין מוטערס עלטערן, און זיי זענען אויף ווייטער פארבליבן אויף די זעלבע באדינגונגען צו מיין מוטער און צו אונז אלעמען, ווי פריער.

די מוטער האָט מיר דערציילט, אז נאָכן טויט פון איר מוטער האָט זי נאָכאמאָל אָנגעשריבן צו איר פאָטער. דער בריוו איז נישט צוריקגעקומען און — אין קול ואין עונה. זי האָט נישט באַקומען קיין שום ענטפער אויף איר בריוו. די דאָזיקע שטומקייט, די דאָזיקע אין קול ואין עונהקייט, דאָס דאָזיקע עקשנותדיקע שווייגן, ווי מ'וואָלט אָנגענומען א מויל מיט וואסער, — איז נאָך געווען פיל שרעקלעכער, ווי דאָס אָפּקערן זיך און נישט וועלן וויסן פון איר. דערנאָך האָט זי, נאָכדעם ווי העני איז געבוירן געוואָרן,

אָנגעשריבן צו איר ברודער קיין ברעסלוי, אָבער ער האָט אויך געשוויגן. גאָרנישט געענטפערט.

דעמאָלט האָט די מוטער באַגראָבן אויף אייביק אַלע אירע קרובים און אויף שטענדיק איבערגעריסן מיט אַלע אירע באַקאַנטע. זי האָט קיינעם נישט אָנגענומען בײַ זיך און זיך ווי אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. זי איז געווען שרעקלעך איינזאַם. זי פלעגט וועגן זיך קיינעם אחוץ מיר נישט דערציילן קיין איין וואָרט. אַלס א שטומע און פרעמדע פרוי, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אַזאַ גרויסן צער און ווייטיק, איז זי דורכגעגאַנגען דורך די פופצן יאָר פון איר בערלינער לעבן. אפשר איז דער שווערסטער דרוק איבער איר געווען דאָס דאָזיקע שווייגן. צי האָב איך זי אַמאָל געזען רעדן מיטן פאָטער? דאָס קען איך זיך נישט דערמאָנען.

אויף דער שטראַלזונדערשטראַסע האָב איך אָנגעהויבן גיין אין שול. כ'בין אַלט געווען זעקס יאָר מיט צוויי חדשים, ווען כ'בין אָנגעקומען אין דער קלאַס, וואו ס'האָבן זיך געלערנט צוויי און פופציק יינגלעך.

בײַ דער מוטער האָב איך זיך שוין לאַנג פאַרדעם אויסגעלערנט שרייבן, רעכענען און לייענען. נאָך א כתב האָב איך געהאַט זייער א שלעכטן, אמתע קאָטשערעס מיט לאַפּאַטעס און דער חסרון איז בײַ מיר שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק. שווערלעך זענען מיר אויך אָנגעקומען די פונקטואַציע-כללים. אין רעכענען בין איך געווען נישט קיין שלעכטער שילער. אָבער מיט וואָס איך האָב זיך יאָ אויסגעצייכנט, און אויסגעצייכנט, ווי מ'האָט געזאָגט, גאָר גרויסאַרטיק, איז געווען דאָס ל ײ י ע נ ע ן. צו זעקס און א האַלב יאָר האָב איך געלייענט פּליסיק, געלייענט מיט א גרויסאַרטיקן פּאַטאָס. כ'האָב זיך געלערנט לייכט און וואָס מיר פלעגט געפעלן פלעג איך לייכט זיך אויסלערנען אויסנווייניק. און לידער זענען פאַר מיר געווען דער גרעסטער גײַסטיקער תענוג, כ'פלעג זיך מיט זיי ממש קוויקן. צו זיבן יאָר האָב איך דאָס גאַנצע ערשטע לעזעבוך שוין געהאַט אין קאָפּ און ווען כ'בין אריבער אין דער צווייטער קלאַס האָב איך שוין געקענט כמעט דעם גאַנצן קורס, אַלץ, וואָס מען גייט אַדורך אין אָט דער קלאַס. אין די

אָוונט-שעהן פלעג איך זיצן מיט דער מוטער און זי האָט מיט מיר געאַרבעט, די הענט רויט און געשוואָלן.

זי האָט איצט געהאט עטלעכע שטעלעס אויף צו וואַשן וועש. פיר מאָל א וואָך האָט זי געהאט ,,פעסטע" שטעלעס און צוויי מאָל א וואָך פלעגט זי וואַשן אינדערהיים פאַר פרעמדע צופעליקע באַשטעלער. זונטאָג פלעגט זי וואַשן פאַר אונז גופא. זי פלעגט פאַרדינען לפחות דריי מאַרק א טאָג און פלעגט נאָך מיטברענגען אַהיים פון איר עסן פאַר אונז. זי פלעגט אויך, אַחוץ דעם אָפּגע־רעדטן שכר-טרחה, באַקומען פון די באַלעבאַטים, וואו זי האָט געאַרבעט, אַלס מתנות, קליידער און וועש, ווי אויך קינדער־זאַכן פאַר אונז...

ערשט פיל שפּעטער פלעגט מיר איינפאַלן דער געדאַנק, וואָס פאַר א משונהדיקע ענדערונגען עס קענען פּאָרקומען מיט א מענטש און ווי ווייט מענטשן קענען זיך צופּאַסן צו די אומ־שטענדן. און דער עיקר — וואָס דער גורל קען מיט אונז מאַכן און אין וואָס אונז פאַרוואַנדלען. צי דאַרף מען דען א בולטערן בײַ־שפּיל: פערדיטא לאַכמאַן, די בת-יחידה פונעם רייכן מילנער — אין דער ראָל פון א וועשערין, וואָס באַקומט נאָך דערצו נדבות פון אירע ברויטגעבער... ווען מיין מוטער וואָלט געדעט און פיל זאַכן נישט פאַרשוויגן, אָ, וואס פאַר א טשיקאַווע זאַכן וואָלט אונז דעמאָלט אויסגעקומען צו הערן.

איך בין געווען דער שטאָלץ פון אונזער קלאַס, כמעט פון דער גאַנצער שול און די לערער האָבן זיך פון מיר נישט געקענט אָנלויבן. אָבער די שילער זענען פון מיר נישט געווען באַזונדערס אַנטציקט. אדרבה: כ'בין געוויסערמאַסן געווען פאַר זיי ווי א דאָרן אין אויג... זיי פלעגן מיך רופן ,,מוישל" און ,,איציק", הגם כ'פלעג זיין אויף די לעקציעס פון רעליגיע בײַם גלח און לויט מיין מעטריקע און טויפשיין בין איך געווען אן עוואַנגעליק. כ'בין אָבער געווען מיין מוטערס העסלעך קינד. געירשנט בײַ איר עטלעכע בולטע סעמיטישע שטריכן... אין דער שול בין איך געווען איינזאַם און אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע שילער. צי האָב איך געהאַט צייט זיך צו שפּילן? איך פלעג נישט זיין אויף די רומלפּלעצער,

פלעג זיך קיינמאָל נישט באַטייליקן אין די געהיימע צוזאַמענ־קונפטן פון די שילער אין גייבאוטן אין אָוונט, אונטער די בייגן פון די אייזנבאַן־בריקן. כ׳פלעג עס אַלץ אויסמיידן, ווייל כ׳האָב געהערט, וואָס די שילער פלעגן דאָרט אָפּטון פאַר אַ מיאוסע מעשים און געוואוסט, ווי זיי זענען פאַרדאָרבן, כ׳האָב געוואוסט אַז זיי גיבן שוין אַרוים פון זייער סביבה נישט קיין קליינע פאַר־ברעכער. צו גיין אַהין און מיטמאַכן אַלע זייערע אוואַנטורעס האָב איך נישט נאָר נישט געהאַט קיין חשק, נאָר קיין צייט אויך נישט. כ׳פלעג, ווען די מוטער פלעגט אַוועקגיין וואַשן, מוזן זיך זאָרגן פאַר דעם שוועסטערל און ברודערל. ווען כ׳בין אַלט געווען זעקס און אַ האַלב יאָר, האָב איך שוין געקענט שיילן און קאָכן קאַר־טאָפל, שניידן ברויט, שייערן די פאָדלאָגע, וואַשן די קינדער־וועש. כ׳האָב אָפּט אויך געמוזט, — אַ קלאָג צו מיינע יאָרן! — פאָלגן דעם פאָטער...

ער פלעגט אויף מיר וואַרטן, אַ האַלב ניכטערער, פאַר דער שול. כ׳האָב זיך מיט אים, אייגנטלעך, נישט געהאַט, וואָס צו שעמען. די פאָטערס פון אונזערע שילער זענען געווען נאָך ער־גערע פאַר אים אין זין פון פאַרדאָרבנקייט און מאָראַלישער ירידה. די מוטער פלעגט פון אירע קונדן ברענגען קליידער אויך פאַר זיינעטוועגן. די דאָזיקע קליידער פלעגן אים אָפּט זיין צו קליין, אָבער כ׳זע נאָך איצט גאַנץ דייטלעך, ווי די דאָזיקע מלבושים האָבן אים געמאַכט פאַר אַ לייט און ווי שיין ער האָט אין זיי אויסגעזען, מ׳האָט דאָן געזען, ווי זיינע האַנט־מוסקולן האָבן זיך אָנגעבלאָזן אין די אַרבל, ווי דער אייזערנער רוקן זיינער שפּילט ממש אונטערן אָנגעצויגענעם שטאָף, ער פלעגט שטענדיק גיין גלייך, שטאָלץ. זיינע האָר האָבן געגלאַנצט. אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט. כ׳פלעג דעמאָלט שטענדיק מיט אים מיטגיין. כ׳האָב נישט געוואַגט זיך אָפּצוזאָגן צו גיין מיט אים, ווען ער האָט מיך געוואָלט ערגיץ־וואו מיטנעמען מיט זיך. אָבער נישט אויס מורא פאַר אים, נישט צוליב פּחדנות פלעג איך זיך נישט אָפּזאָגן מיט אים מיטצוגיין. כ׳פלעג עס טון מחמת דעם, וואָס איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך

און וועט אינמיטן דער גאס מאכן דעם גרעסטן סקאנדאל. און פאר סקאנדאלן — אָבער נישט פאר אים גופא — האָב איך שטארק מורא געהאט. פאר דעם האָב איך זיך שטארק געשעמט. כ׳האָב נישט געוואָלט, אז די שול זאָל זען און זיין אן עדות פונעם סקאנדאל, וואָס ער מאכט, אז זי זאָל זען, אז איך באקום פון אים פעטש און קלעפ...

ער פלעגט מיך פירן בעטלען... נאָך אלץ ווי פריער. ביז כ׳בין אלט געוואָרן ניין יאָר. ביז ס׳איז געשען דאָס גרויסע נס. כ׳בין צו ניין יאָר נאָך אלץ געווען קליין און אזוי לעכערלעך מאָגער, אז כ׳האָב דעמאָלט אויסגעזען, ווי א זיבן־יעריק קינד. און איצט, אז כ׳בין שוין אלט זיבן יאָר, זע איך אויך אויס אזוי, אז מ׳האלט מיך פאר א קינד, וואָס דארף נאָכנישט גיין אין שול. מ׳האָט שוין געקענט אויף מיר רחמנות האָבן.

דער פאָטער פלעגט מיר נאָכגיין פון הינטן. כ׳פלעג זיך צו אים אומקערן און וואגן צו זאָגן:

— כ׳מוז דאָך אָבער גיין אהיים! העני און מארקוס האָבן נישט וואָס צו עסן...

— כ׳האָב זיי געגעבן, זאָרג זיך נישט — פלעגט ער א בורטשע טון.

כ׳האָב געוואוסט פון דערפארונג, אז ער זאָגט א ליגן. צי האָב איך אים אָבער דאָס געקענט זאָגן? ער איז דאָך געגאנגען דריי טריט הינטער מיר. כ׳האָב דערנאָך געשפירט זיין שטויס מיטן פויסט אין קארק. ער האָט מיך אזוי אראָפּגעשטויסן אויף דער ברונענשטראסע און דערנאָך — אויף דער ראָזנטאלער, ווייַמייסטער און מינצשטראסע. דאָס זענען געווען גוטע געגנטן אויף צו שנאָרען, באזונדערס פאר אזעלכן, ווי איך, וואָס האָט אויסגעזען ווי א יידיש-קינד. כ׳האָב געמוזט דורכגיין די גרענאדירשטראסע — אך, וואָס פאר א פיקאנטע ריחות דאָ האָבן זיך געטראָגן פון די יידישע שטובן און רעסטאָראציעס: ריחות פון געבראָטענע גענז, געהאקטע, פריש אויסגעקאָכטע, פיש — באזונדערס פרייטאָג — דאָרט, אין געטאָ, האָט מען מיך געמוזט האלטן פאר אן אייגענעם, ווייל, כ׳האָב, ווי געזאָגט, אויסגעזען, ווי א יידיש-קינד, און קיינער

האָט דאָך אין מיין מעטריקע נישט אריינגעקוקט. דאָ האָב איך זיך אויסגעלערנט זאָגן שלום-עליכם און געגמער דערקענט די יידן בכלל.

דער פאָטער פלעגט בלייבן שטיין אין דער מיגצשטראַסע און מיך אָבפּערווירן. צי איך „ארבעט" גוט און צי דאָס „געשעפט" גייט. אויף דער דאָזיקער גאַס פלעגט מיר אויסקומען צו באַגיין גאָר אנדערע מאַכינאַציעס, ווי אין אנדערע גאַסן, כדי אָפּצוגאַרן דעם עולם, פלעג איך אָפּטמאָל זיך מוזן מאַכן פאַר א שטומען. און די דאָל פון א שטומען פלעגט זיך מיר איינגעבן, ווי ס'קען גאָר בע-סער נישט זיין. געמוזט האָב איך עס טון מחמת דעם, וואָס די יידן פון דאָרט האָבן דורכאויס געוואָלט וויסן, וועמענס קינד איך בין, פון וואַנען איך בין אהער געקומען און ווער איז דאָס דער לאָ-יוצלחדיקער פאָטער, וואָס שיקט זיין קינד ארום אויף דער גאַס שנאָרען.

— וואָס זאָגט איר צו דעם ילד, נעביך, — האָבן עטלעכע מוטערס זיך געווענדט צו אנדערע פרויען — א גאַנץ רחמנות אויף אים! גיט אים עפּיס, אהרן, דו וועסט האָבן א גרויסע מצווה.

און ביי די ווערטער האָט די באַרמהאַרציקע פרוי פעסט צו-געדריקט צו איר ברוסט דאָס אייגענע קליינע, קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף די הענט.

— מ'זאָל אָפּגעהיטן ווערן פון אזא אומגליק — האָבן על-טערע מענער געזאָגט און יעדער פון זיי האָט מיר אריינגעלייגט א מטבע אין האַנט אריין.

איינער פון זיי האָט מיך אמאָל מיטגענומען מיט זיך אהיים — פרייטאָג-צו-נאַכטס איז דאָס געווען — אלס אורח. כ'בין ביי אים געזעסן, און אויף די פראַגן פון באַלעבאָס און זיין הויז-געזונט, ווער עס זענען מיינע עלטערן א. אז. וו., האָב איך געמוזט „באַקן פאַרשידענע ליגנס".

כ'האָב זיך דאָ צוגעקוקט צו די יידישע מנהגים, ווי אזוי זיי פּראַווען און היטן אָפּ דעם שבת. געזעסן בין איך אין הימל. אלץ, וואָס כ'האָב דאָ געזען, איז מיר געווען פרעמד און זעלטזאַם,

אָבער צו דעם אלעם האָב איך זיך געקענט גוט צופּאסן, כ'בּין דאָך געווען א שטיקל אקטיאָר!

די יידישע פרויען פון יענער, נאס האָבן געטראָגן שווארצע, זיידענע קליידער, די קינדער זענען רייןּ אויסגעצוואָגן און אויסגעוואשן און גוט געקליידט. בעת די מענער האָבן פלאמעדיק און ליידנשאפטלעך געדאווּנט און געמאכט קידוש, פארנייגנדיק זיך פאר די ליכט, מנורות, האָבן זייערע פאות זיך געבאָמבלט. אלע האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אויגן, וואָס זענען ענלעך צו מיין מוטערס, צו מיינע אייגענע אויגן. אין אלע איז געווען עפּיס פון מיין מוטערס פּיין און ליידן. פארשיקטקייט, אָפּגעשטויסנקייט, א ווייטיק פון א צו שווערן יאָך, שעמעוודיקייט און מורא.

מ'האָט מיך באשאָנקען מיט מתנות. איינע, שוין א באָבע, האָט געהייסן איר טאָכטער מיר צו געבן נאָך א פרויען-מאנטל — פאר מיין מוטער.

— פארשאף איר די פרייד — האָט זי געזאָגט — ווען זי וואָלט עס נישט געדארפט צו האָבן, וואָלט זי דאָך דעם ילד נישט ארומגעשיקט... זיי זענען דאָך געביך, — קלאָר ווי דער טאָג, — גרויסע אביונים. גיב, זשאלעווע נישט. דאָס איז דאָך א מין מצווה פון שלח-מנות. ווערסט דערפאר דערלעבן נחת פון דיינע קינדער און קינדס-קינדער.

— אָמן, רבונו של עולם. פון דיין מויל אין גאָטס אויערן אריין — האָט די טאָכטער זיך אָפּגערופן.

דעם פּאָטער איז געוואָרן שטארק לאנגווייליק צו ווארטן ביז כ'וועל קומען צוריק פון דער פריימאָגדיקער סעודה. איז ער זיך געזעסן ערגיץ אין קנייפּע אויף דער ליגיענשטראסע, געטרונקען און זיך געלאָזט וואויל-גיין. כ'בּין געלאָפן, זיך געאיילט אהיים. איצט האָב איך ווידער געמוזט „באקן ליגנס" פאר דער מוטער, וואו כ'האָב גענומען דאָס קלייד, וואָס מ'האָט מיר געגעבן פאר אירעטוועגן. אָפט פלעג איך נישט וואגן צו קומען אהיים מיט אזעלכע „מתנות", פלעג איך דאן באהאלטן די זאכן, וואָס מ'פלעגט מיר שענקען ערגיץ אין דער הירטנגאס, באשיצט פון דער טונקלקייט פון די אָוונט-שעהן. כ'פלעג זיי באהאלטן הינטער די באראקן,

וואו מען פארקויפט טויבן, גענז און אנדערע עופות. צומאָרגנס פלעג איך די באהאלטענע זאכן צוריק אוועקנעמען. די עופות פלעגן דאָרט קוואָקען, קרייען און פילדערן און פונעם פלאץ האָט געשמעקט מיט מיסט. דערנאָך בין איך אוועקגעלאָפן אויף דער ליניענשטראסע, וואו ס'דרייען זיך ארום פיל הענדלער מיט אלט ווארג און שאכערס, און זיי פארקויפט דעם מאנטל, דאָס קלייד און אלץ, וואָס מ'האָט מיר געשאָנקען. געלט איז מיר געווען לייב־טער ארייגצושמוגלען אין שטוב, ווי געשאָנקענע חפצים.

יאָ, אין דאָזיקן נייעם הויז זענען מיר שוין נישט געווען פון די אָרימסטע שכנים. דאָ האָט אונז אָנגעהויבן צו גיין אביסל בע־סער. כ'געדענק נישט, אז מיר זאָלן האָבן ווען עס איז, דאָ וואוי־נענדיק, געהונגערט. בעת די מוטער איז אמאָל קראנק געוואָרן און האָט געמוזט פארבלייבן אין בעט צען טעג כסדר, נישט פארדינענ־דיק קיין פרוטה, איז שוין געשען דער נס און סטעפאן, סטעפאן דער געליבטער, האָט אונז ארויסגעהאָלפן.

דער פאָטער האָט אונז צו יענער צייט, דאכט זיך, אינגאנצן אויפגעהערט צו געבן געלט. דער פארדרוס אונזערער איז געווען נאָך שטארקער ווי פריער צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געוואוסט, אז דעמאָלט האָט ער דווקא יאָ געהאט געלט. דאן פלעגט ער אָנהייבן קומען אהיים אין נייע קאמאשן, וואָס האָבן אזוי גוט גע־פאסט צו זיינע קליינע פיס, אין העל־ברוינע אָדער גאָר אין לא־קירקעס, מיט א זיידענע קאשנע און אין א פייערדיק־רויטן קראוואט. מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט, מיט וואָס, אויף וואָס פאר אן אופן ער האָט פארדינט דאָס געלט, וואָס ער האָט איצט געהאט נישט ווייניק און אויסגעגעבן. איין איינציק מאָל האָב איך אים געזען אין דער באָדשטראסע אויסלאָדן יונגע אָקסן פאר א שחט־הויז. ער האָט די אָקסן אריבערגעטראָגן אין הויף אריין אזוי לייכט, פונקט, ווי דאָס וואָלט געווען א הינדעלע. ער האָט, אלזאָ, געארבעט. יאָ, פארגעסן צוצוגעבן: צוויי מאָל איז ער אויך געזעסן אין טורמע. ער איז אמאָל געשטאנען אלס שומר בעת צוויי גנבים האָבן זיך אויף דער שיינהויזער־אלייע ארייננבא־קומען אין לאגער פון א גאָלד־שמיד און אים געוואָלט באגנבענען.

דאָס צווייטע מאָל איז ער געזעסן פאר פארוואונדן א מענטש, בעת א געשלעג אויף דער גערמאנשטראסע, פארן לאָקאל פון די ארבעטסלאָזע. דאָרט פלעגט זיך ארומדרייען די יונגע באלדוויים און די ארבעטנולאָ׳ע האָבן זי געקענט האָבן. זי האָט גענומען זופציק פעניק פאר א מאָל. און דער פאָטער האָט געהאט חשק מיט איר זיך צו אמוזירן. זענען אָבער אָנגעקומען צוויי אנדערע בעלנים און אויסגעדוניען דאָס שטיקל סחורה פאר א העכערן פרייז. ער האָט געהאט ביי זיך א מעסער, האָט ער עס א כאפ געטון און פארוואונדעט איינעם פון די דאָזיקע מענער. דערפאר האָט ער באקומען דריי חדשים. דאָס זענען פאר אונז געווען שטילע, גוטע חדשים. מיר האָבן געלעבט, לפחות, רואיק. מ׳האָט געקענט גוט שלאָפן אינעם הויז אויף דער יאסמונדערשטראסע. ערשט פינף אזייגער פארטאָג פלעגט דאָרט אָנהייבן צו ווערן א ביסל לעבעדיק. און דורך דעם טירל אין טויער האָט זיך די באוועגונג אָנגעהויבן פרי. די יונגע באלדוויים האָט ביינאכט געזוכט פארדינסטן. זי פלעגט אָבער אהיים קיין „קונדן“ נישט ברענגען. די מוטער איז טאקי געווען פריי פון פאָראורטיילן און גרויסצוגיק, אָבער וואָס צופיל איז, איז טאקע צו פיל — האָט זי אלעמען דערקלערט. אין איר וואוינונג? חס־וחלילה! קיינמאָל אין לעבן נישט! וואָס מענטשן קען איינפאלן! איז טאקע ביי אונז אין שטוב פון ניין אזייגער אָן געווען שטיל. אלע פענצטער, וואָס זענען ארויסגעגאנגען אין הויף אריין, זענען פון ניין אָן געווען פינצטער, יעדער האָט געשפּאָרט ליכט. נאָר אין די זומער־חדשים פלעגן אלע ליגן אין דער פינצטער ביז שפעט אין דער נאכט אריין און זיך אונטערהאלטן איינער מיטן אנדערן, פירן געמיטלעכע געשפרעכן. איינער פון די שכנים פלעגט שפילן אויף א פידל, וואָס פלעגט קלינגען — אזא יאָר אויף מיינע שונאים! ווי א געשריי פון א מחנה קעץ. אָבער די ווייבער פלעגן זיך צוהערן צו אזא שפילן און מאנכע זענען זאָגאר פון דעם געווען אנטציקט. איין שכנטע, ווידער, האָט געהאט א הייזעריקן גראמאָפאָן מיט אסך טאנץ־ און געזאנג־פליטן. און דאָס כריפען פון אָט דעם גראמאָפאָן איז פאר פיל ווייבער און מיידלעך פון הויז געווען א גאנצער

יום-טוב. די קינדער פלעגן נישט גיין שלאָפן, זי שטופן צווישן די עלטערע, פלעגן קוקן און לאַכן, געערדט איינס מיטן אנדערן. אנ־דערע פלעגן באַגיסן מיט וואַסער זייערע פּאָסאָליעס און דאָס וואַסער פלעגט אראָפּרינען אין הויף אראָפּ, אין שכנותדיקן הויז — און איין הויף האָט זיך אָנגעשפּארט אינעם אנדערן הויף — איז געווען א פאַבריק, וואו מ׳האָט בייגאַכט געאַרבעט. דאָ האָט א גאַנצע נאַכט געקלאַפּט דער מאָטאָר. די מוטער איז קיינמאָל נישט געלעגן ביים פענצטער, זי פלעגט דאָס פענצטער נישט איין מאָל לאָזן אָפן. פון קלאָזעט, וואָס האָט זיך געפונען דאָרט אנקעגן אונזער וואוינונג, האָט זומער זיך געטראָגן א שרעקלעכער עיפּוש. איך פלעג שטיין הינטער די גאַרדינען און זען אין די אָוונט-דעמערן די בלאַסע פּנימער אין די פענצטער. די אַלטע באַלדוּוויט האָט געפירט איר שוואַרצן הונט אויף דער גאַס, אים דאָרט איבערגעלאָזט, זיך צוריקגעקערט אין הויף אריין און האָט פון דאָרטן זיך דורכגעשמועסט מיט אַלע שכנים אין דער הויך, אויף אַלע שטאָקן. אויך די שכנים פונעם פאָדערשטן הויז פלעגן אריין אין זייערע שלאָף-צימערן און קיכן און זיך דורכגעשמועסט צווישן זיך. יונגעלייט פלעגן זיך דאַן צוריקקערן אהיים און זיך ווינצלען מיט די מיידלעך אין דער הויך און זיי, די מיידלעך, פלעגן שרייען און קווויטשען.

— נעם זיך אזוי נישט איבער, טרודע — האָט די באַל־דוּוויט געקריט — דו האָסט דאָך שוין געהאַט צוויי!

— אָליע ליענקאַצע — האָט טרודע געשריגן פונעם דריטן שטאָק און צוגעמאַכט איר פענצטער.

איינער אויפן פינפטן, אָדער זעקסטן שטאָק האָט דעקלאַ־מירט. באַוועגט דערצו האָט אים באַלדוּוויט אויסגעקריע־פישקייט:

איינע אליין
איז נישט שיין
אָבער איינער מיט איינע,
און דאָך אליין —
דאָס איז שיין!

און נאָכדעם האָבן פיל זיך פונאנדערגעזונגען. איצט האָט געזונגען דער זעכצניעריקער בחור מאַקסע:

לאָז מיך אויף דיין בוזעם
נאָך אמאָל זיך דורכשמועסן
דאַן זאָגט זי אונטער טרערן.
כ'וועל דיר עס נישט פאַרווערן.

איצט איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגערמאַן אין מיטן הויף, האָט זיך גראָטעסק פאַרבייגן, אָפּגעהוסט און האָט מיט אַ שענסטן טענאָר-שטים, ריין און לויטער, פאַרגעזונגען:

אַף אַן אָמגיבום
ז'געזעסן אַ מעכאַניקוס,
אין לאַקירקעס אָנגעטאָן,
דאַן איז געקומען אַן אַנדער מאַן
אין שטיוול אָנגעטאָן,
וואָס האָבן געשמעקט מיט טראָן
זאָגט יענער אין די לאַקירקעס:
איר זייט דאָך אין שיך אָנגעטאָן,
פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ ריח פון טראָן!
דאַן זאָגט דער דאָזיקער מאַן:
ס'איז נישט דיין טאַטעס עסק!
ווייל יעדער שטינקט, ווי ער קאָן.

די באַלדוווייט — זי האָט געוואויגן נייַנציק קילאָ — האָט אויסגעשאָסן מיט אַזאַ שטאַרקן געלעכטער, אַז זי איז אומגעפאַלן אויפן מיסטקאַסטן, און זי האָט פאַרגעסן איר הונט אויף דער גאַס. איין יונג האָט זי נישט אַנשטענדיק אַ כאַפּ געטון און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, ווי מ'וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט זודיקן וואַסער. הכלל ס'איז געווען פריילעך און לוסטיק. און אַזוי פלעגט עס פאָרקומען יעדן אָוונט אין די זומער חדשים, ווען די היץ איז אומבאַוועגט געלעגן איבערן הויף און אויבן, אין נעפּל, האָבן געפינקלט די שטערן. כ'האָב געקוקט דורכן פענצטער און בין מקנא געווען די מענטשן, וואָס האָבן זיך געקענט אַזוי לוסטיק מאַכן. כ'האָב אויך געקענט זיך באַטייליקן אין אַזעלכע פאַרוויי-

לינגען און וואָלט געדן דעם עולם געוויזן, ווי איך מאך נאָך מענטשן און חיות—דאָס פלעג איך נאָך שטענדיק גאנץ גערן פּרובירן זייער אָפּט און האָב קיינמאָל נישט גערעכנט דאָס אויפצוגעבן. אָבער וואָס וואָלט געזאָגט די מוטער ווען כ'וואָלט דאָס איצט געטון?... כ'האָב זיי זייער ליב געהאט די דאָזיקע מענטשן אין די פענצטער און אויפן הויף פון אונזער הויז. כ'האָב ליב געהאט זיך צוקוקן, ווי זיי ווילן זיך אייגנארטיק, אויסגעהונגערט נאָך לעבן אין הייטערקייט. זיי האָבן אייגנטלעך שוין נישט געקענט לאכן אָט די דאָזיקע, שטענדיק פארדאגהטע מענטשן. זייער געלעכטער איז געווען נישט מער ווי א קעזיקע גרימאסע אויף די פּנימער. ס'הארץ האָט זיי געווים ווי געטון נאָך אזא לאכן און לוסטיק זיך מאכן. וואָס שייך די קינדער — האָבן זיי ממש געלעכצט נאָך עפּעס א געשעעניש, נאָך לוסטיקייט און שפּילן. זיי זענען פאר דעם געווען גרייט מי יודע וואָס אוועקצוגעבן. דאָס איז פאר זיי געווען בעסער און טייערער, ווי ברויט און עפּל.

כ'בין זיך אזוי געשטאנען און געטרוימט: די דאָזיקע קינדער צו מאכן אביסל גליקלעך דורך פאָרשטעלונגען און נאָכמאכן יענעם, זיי ברענגען דערצו, אז זיי זאָלן לאכן און געזונט לאכן, אויך ברענגען זיי צו וויינען — וואָלט דאָך געווען אן אמתע מצוה, פאר וואָס טאקע נישט זיי ברענגען דערצו, אז זיי זאָלן וויינען? טרערן איידעלן דאָך אויס דאָס הארץ און פארשטארקן די באוואוסטזיניקייט פונעם מענטשן. און האָבן א פילנדיק הארץ — איז דאָך א גליק. וואָס ווייסן, מ'שטיינס געזאָגט, די אָרימע פון זייערע הארצן!...

שטערן אויפן הימל איבערן הויף אויף דער יאסמונדערשטראסע. צי זענען עס נאָך שטערן? דער טשאד און נעפּל, וואָס טראָגן זיך פון די אָרימע הייזער, מאכט זיי אלץ מער טונקעלער, אזוי אז ס'איז שוין קוים זיי צו זען. ווען קוקט דען דער אָרימער אויף זיי? האָט ער דען די דרייסטקייט צו גלויבן, אז די שטערן פינקלען פאר זיינעטוועגן? ס'זענען חוץ שטערן, אויך פאראן ימים, בערג, טייכן, לאָנקעס און וועלדער. און וואָס האָט דער קבצן פון דעם אלעם? מתנות פון דער נאטור? וועט איר זאָגן. נאָר אזעלכע

מתנות באקומען נאָר די רייכע. דעם אָרעמאַן שמעקט די נאַטור נישט אזעלכע מתנות. אפילו דאָס נייטיקסטע, ווי טאָגליכט, גיט זי אים אויך נישט אָפטמאָל אין דער געהעריקער מאָס. ס׳קומט אזוי ארום אוים, אז אָנשטאָט צו געבן אים מתנות, בארויבט זי אים גאָר. אָט למשל, נעמט אַן אנדער הויף: אהין דרינגט זעלטן ווען אריין די זון, זעלטן ווען די לבנה. די זון און די לבנה בלייבן ליגן אויפן דאך פון הויז און האָבן נישט קיין איבעריקן שטראל פאר אונזערע פענצטער...

מיר זענען אינעם הויז, וואו מיר האָבן איצט געוואוינט, שוין נישט געווען די אָרימסטע, ווי אין פריערדיקן הויז, נישט ווייט פון שטעטינער וואָקזאל. אין קעלער אונטער אונז האָט געוואוינט דער סטאָלער הינצע, אן אלמן מיט פינף קינדער פון צוויי ביז צען יאָר. ער האָט ליב געהאט אלע קינדער און איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין לעבן פאר יעדן פון זיי. און אלע האָבן געהונגערט, ווייל ער האָט געהאט קנאפ ארבעט, דערצו פלעגט ער נאָך קריגן פאר זיין ארבעט שלעכט באצאָלט. אלע זענען געשלאָפן אויף זעק פון קארטאָפל, אויף לאנגע זעק, וועלכע זענען געווען אָנגעשטאָפט מיט אלטע צייטונגען. הינצע האָט געהאט איין בעט אָבער דאָס דאָזיקע איינציק בעט האָט ער פארדונגען א יונגנמאַן אויף צו נעכטיקן. און דער דאָזיקער לאָקאטאָר פלעגט מיט זיך אָפט מיטברענגען — מיידלעך... נאָר א ברירה האָט הינצע געהאט? דער יונגערמאַן האָט דאָך אים געצאָלט צען מארק א חודש און צו, מארק פלעגן פארן גרויסן קבצן הינצע נישט גיין צופּים...

פאר צען מארק א חודש האָבן די לאָקאטאָרן קגאָלם פונעם פערטן שטאָק אוועקגעגעבן זייער פונפצניעריק מיידל. ס׳איז געווען א כּוד פאר גאנץ בראָד: לואיזכען האָט אין דער קגייפּע אויף דער אָבערבערגשטראסע, וואו זי פלעגט וואשן די גלעזער.—געהאט אויך אנדערע פליכטן. זי פלעגט דאָך אָבער ברענגען דאָס געלט אהיים. די אלמנה פונעם דראָזשקארזש גאבעלמו, וועלכע פארדינגט איך קיך איבערן טאָג עפּים א מין, וועלכע פירט דאָ א שווינדל-ביוראָ און באקומט אומלעגאל בריוו מיט מארקן — ער אנאָנסירט אין צייטונג א שפאנענדע העכסט אָנלאָקנדע גע-

שיכטע,—פארדינגט אויך איר בעט עפּעס אַן ארבעטער פון דער
עלעקטרישער סטאציע, וועלכער ארבעט ביינאכט און קומט אהיים
שלאָפן האלב זיבן אינדערפרי דאן גייט זי ארויס פון בעט און ער
קריכט אהין אריין, אין דער ווארעמקייט. די דאָזיקע בעטן זענען
קיינמאָל נישט אָן דאָס טאָגליכט און באקומען קיינמאָל נישט
קיין לופט. קעגנאיבער אונז אין פארטער האָט געוואוינט א גע-
וויסער ווילקעס, א טראמוויי-קאָנדוקטאָר, זי, זיין ווייב, א פאפּי-
ראָסן דרייערין, איז געזעסן אין א שויפענצטער ביים ראָזענטאלער-
טאָר און געשלאָסן באקאנטשאפטן... די פאָרהאנגען פון איר
פענצטער זענען שטענדיק געווען אראָפגעלאָזט. דאָס פּאָר-פאָלק
האָט געהאט איין קינד פון דריי יאָר, וואָס קיין איין מענטש פון
אונזער הויז האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געזען. די פענצטער
זענען געווען פארקלאפּט און דאָס קינד איז שטענדיק געווען אין
אזא אימה, אז עס האָט קיינמאָל נישט געוואוסט אויפצוהויבן כאָטש
א שטיקל פאָרהאנג און כאפּן א קוק א[illegible] אריין. דאָס קינד
האָט אויך נישט געשריגן, ווען די מוטער פלעגט עס מיטן פייער-
האקן שלאָגן מכות-רצח. און אָט האָט פּאסירט, אז קינדער וואָס
האָבן זיך געשפּילט אין הויף, האָבן אויסגעבראָכן א שויב אין ווי-
קעס פענצטער. דאן האָט זיך אונטערן פאָרהאנג באוויזן א קליין
קעפּל פון א זקן מיט געקרייזלטע, ווייסע האָר, מיט א ציטערנדיק
אָפן מויל און מיט פארשטארטע אויגן. פון מויל ביז צום אויער
האָט זיך געצויגן א קרומע, גרעבלעכע ליניע פארלאָפן מיט בלוט
און די אנדערע באק איז געווען געשוואָלן. די קינדער האָבן אָנ-
געהויבן שרייען. ס'זענען זיך אָנגעלאָפן פרויען און מ'האָט אראָפּ-
געבראכט פּאָליציי. מ'האָט אויפגעבראָכן די טיר און דאָרט גע-
פונען א קרעטין, א דעגענעראט, אינגאנצן קיין מענטש נישט,
גיכער א חיה, מיט זייער פיל חיהשעס איז זיך. א קרעציקער, א
שמוציקער, אז ס'איז געווען פשוט א שרעק אויף דעם צו קוקן.
ווען די פרוי ווילקעס איז געקומען אהיים, האָט אויף איר דער
סטאָליאר אָפּגעווארט אין א באהעלטעניש און [illegible] א וואָרף געטון
אויף איר מיט די פויסטן. ער איז גרייט געווען ממש זי צו צערייסן
און עוקר מן השורש זיין. זענען אָבער אויף איר געשריי ארויסגע-

לאָפן די פּאָליציאַנטן פון שטוב, וואו זיי האָבן זיך געהאט אויסבאַהאלטן ביז זי וועט קומען, און נישט דערלאָזט דער סטאָליאַר זאָל באַגיין איבער איר אַ זעלבסטגעריכט. זיי האָבן די פרוי אויך באַשוצט פונעם סטיכישן צאָרן און אַ נקמה־אקט מצד די איבעריקע שכנים. הכלל, וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין? ביידע, מאַן און ווייב, זענען אריינגעפאלן אין טורמע אריין. און אין זייער דירה האָט זיך אריינגעצויגן עפּיס אַן אלטער מאַן, וועלכער האָט געהאט אַ משונהדיקע פּראָפעסיע: ער פלעגט כאַפּן ראַטן און מייז פאַר די לאַבאָראַטאָריעס און די דאָזיקע שרצים האָדעווען. די שרצים זענען ביי אים אין שטוב ארומגעלאָפן פריי און זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק געמערט און געפּרוכפּערט, אַז ס'האָט מיט זיי אין גאַנצן הויז געשווירבלט און געגריבלט. און דער סוף איז געווען, אַז דער אַלטיטשקער האָט זיך אין זעקס וואָכן ארום געמוזט ארויסציען פון אונזער הויז. ער האָט געוויינט און געקלאָגט ביים ארויסציען זיך. ער האָט דערציילט, אַז אומעטום, וואו ער ציט זיך אריין, לאָזט מען אים נישט וואוינען און מ'יאָגט אים ארויס. מיר האָבן דערנאָך געהערט, אַז ער האָט אין אַ העלן טאָג ארויסגעלאָזט אויף דער פריי אַלע זיינע הונדערט שרצים און זיי זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן איבער דער גאַנצער שטאָט און דער זקן איז פון פאַרצווייפלונג באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, ארונטערוואַרפנדיק זיך אונטער אַ טראַמוויי.

אין די הונדערט שטובן און קיכן פון אונזער הויז איז געווען צו זען די אָרימקייט פון דער גאַנצער וועלט. און דאָך איז דער דאָזיקער דלות נאָכנישט געווען דער ערגסטער און דער ביטערסטער. דאָ, אין די דאָזיקע געסטן פון ביטערער נויט, האָבן מענטשן כאָטש געהאט אַ שטוב, אַ קיך, אַ דאַך איבערן קאָפּ, בעת אין בערלין זענען געווען זייער פיל מענטשן, וואָס האָבן דאָס אויך נישט געהאט. אַזעלכע אומגליקלעכע האָבן נישט געהאט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּארן, וואו צו נעכטיקן, וואו זיי האָבן געטאָגט, דאָרט האָבן זיי נישט גענעכטיקט. נעכטיקן און צייטנווייז „טאָגן", פלעגן זיי אויף די בענק פון די גערטנער, בולווארן און פּארקן, אונטער די בריקן און צעבראָכענע אלטאַנעס. דערפאַר אָבער, האָבן יענע

גליקלעכע, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל דירה, געווען קראַנק, ווייל אין די שטובן זייערע איז געווען אַ שטענדיק פאַרדאָרבענע לופט און פייכט. די טובלאַקאַטאָרן, וואָס זיי זענען געווען געצוואונגען צו האַלטן, פלעגן אָנשטעקן די קינדער מיט פאַרשידענע קראַנקהייטן און אין יענע שטובן פלעגן פאַר דער צייט אומקומען טויזנטער לעבנס. אויבן, אונטערן דאַך פון אונזער הויז האָבן געוואוינט אַ ברודער און אַ שוועסטער, אַ צווילינג פון ניינצן יאָר אונטער איין אָפּגעצוימט דין ווענטל. קיין אויוון איז ביי זיי אין שטיבעלע נישט געווען און פונקט ווי זומער איז דאָרט געווען אומדערטרעגלעך הייס, אַזוי איז דאָרט ווינטער געווען שרעקלעך קאַלט. ביידע זענען זיי געשלאָפן אין איין בעט און אַהער פלעגט זיך ווינטער אַריינבאַקומען אַ ראַט, וואָס פלעגט וואוינען אין די שפייכלער, געטריבן פונעם שטאַרקן פראָסט זיך אַריינקלייבן צו זיי אין בעט אַריין און שלאָפן צווישן אירע ברוסטן אין דער מחיהדיקער מענטשלעכער וואַרעמקייט. ברודער און שוועסטער פלעגן נישט שטערן דאָרט צו שלאָפן דעם אומרייניקעם שרץ, די מענטשלעכע ליבע איז געווען העכער פאַרן עקל צו אים און האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט. דער ברודער און די שוועסטער האָבן געאַרבעט אין איין און אין דער זעלבער פאַבריק און זענען געווען גליקלעך. זיי האָבן זיך געליבט און האָבן נאָך געקענט אַלזא גוט זיין צו דער ראַט. יאָ צווישן די אָרעמע מענטשן זענען פאַראַן אמתע מלאכים, פונקט ווי ס'זענען צווישן זיי פאַראַן מענטשן־חיות.

אך, ווי שטאַרק מיר זענען, די פיר און פופציק קינדער פון אונזער הויז, געווען באַגייסטערט, און וואָס פאַר אַ סענסאַציע עס איז ביי אונז געווען, ווען אַמאַליע צווילעך, דרייצן יאָר אַלט, האָט געמוזט אוועק אין אַ קינפּעטאָרן־אַנשטאַלט, ווייל זי האָט געבוירן אַ קינד. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויסזאָגן, פון וועמען. אָבער מיר קינדער — מיר האָבן עס געהאַלטן בסוד סודות, קיינעם נישט דערציילט — נאָר געוואוסט פון וועמען. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס קינד איז פונעם פריזער אין דער שטראַלזונדער שטראַסע, וועלכער איז אַ פאָטער פון פיר קינדער. פון אים האָט זי עס באַקו־

מען דאָס פּלידערפּארפּום, וועלכע מיר האָבן, זיצנדיק צו פּערצן קינדער אין א קרייז — אויסגעגאָסן און דערנאָך טיף אריינגאָטע-מענדיק, מיט פארמאכטע אויגן פון הנאה דעם ריח פון אָט דעם פּארפּום, האָבן מיר, ווי אָפּיום-רויכערער געשפּירט אן אמתן טעם גן-עדן. דאָס דאָזיקע פלעשעלע פּארפּום, וואָס מ'קען אומעטום קריגן פאר פינף און זיבעציק פעניק, איז געווען אמאליעם פּרייז. מיט דעם האָט זי דער פריזער געגומען און פאר דעם דאָזיקן קליין פלעשעלע פּארפּום האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן און איז אזוי פרי געוואָרן א מוטער. אירע עלטערן האָבן זיך פון צער און חרפה ארויסגעצויגן פון אונזער הויז ערגעץ אין אן אנדער שטאָט-טייל. אנדערע האָבן מיט אזעלכע זאכן זיך נישט אזוי געשעמט. די שוואַכזיניקע ערנעסטינע, ווען זי פלעגט געבוירן א קינד, פלעגט אליין נישט וויסן, ווער דער פאָטער פונעם קינד איז. און געבוירן פלעגט זי יעדעס יאָר א קינד, וועלכעס די באָבע פלעגט באלד אוועקגעבן אין יתומים-הויז. ערנעסטינע האָט נישט געוואוסט, וויפיל מענער ס'וואָלטן זיך געקענט האלטן פארן פאָטער פון איר קינד, וועלכעס זי האָט, ווי געזאָגט, יעדעס יאָר געבראכט אויף דער וועלט.

ווען אירע קרובים האָבן געוואָלט פאָרט דערגיין וויפיל מענער ס'קענען פּרעטענדירן צו זיין פאָטער פון איר קינד, און איר גע-שטעלט אנטשפּרעכנדע פראגן, פלעגט זי ענטפערן:

— כ'וויים, כ'רעכן, אז עלף שטיק.

בײַ אונז אין הויז האָט געוואוינט א קאטערינזיארזש, וועלכער האָט געהאט אן אינגאנצן פּאראליזירטע פרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט שיידן. דאָס זענען געווען אלטע געשוואָ-לענע שפּילהינט, וועלכע פלעגן שטענדיק זיין פארשלאָסן און קיינ-מאָל נישט ארויס אויף דער גאס, מחמת זייער באלעבאָס האָט נאָך קיינמאָל פאר זיי נישט באצאָלט קיין שטייער (ער איז נישט געווען אימשטאנד). פון זייער וואוינונג האָט זיך געטראָגן א מוראדיקער ריח אויף די טרעפּ און טראָץ דעם האָט בײַ אים געוואוינט צוויי ברידער, גאסנהענדלער מיט שערץ-ארטיקלען. מ'האָט געקענט אָנווייזן אויף הונדערטער שטובן, וואָס אין יעדער פון זיי האָבן

געוואוינט פון פינף ביז אכט מענטשן. — פרויען מיט מענער, קינדער מיט דערוואקסענע. אין פראַנטהויז איז אָבער געווען גרויס־אַרטיק. דאָרט האָט מען געלעבט, ווי ס'געהער צו זיין. דאָ זענען געווען וואוינונגען פון דריי צימערן, און הער בענטהיים, וועלכער האָט געהאט אויף סווינעמינדערשטראסע די גענצן־שעכטהויז, האָט זיך געלאָזט אין זיין וואוינונג מאכן א וואנע מיט אן אויוון. דאָרט אין פראָנט, האָבן געוואוינט גאָר אנדערע מענטשן. אלע פארמעגלעכע, ציכטיקע און געלאסענע. די קינדער זייערע זענען געשלאָפן אין באזונדערע שטובן, וואו ס'האָט נישט געפעלט קיין לופט און קיין ליכט, און געווען ווארעם און טרוקן. אין צוויי שטאָקן פלעגט מען פארדינגען מעבלירטע צימערן. מ'האָט דערציילט, אז ביי בעזעם, וועלכע האָט פארדינגען דאָס באלקאָן־צימער א קאָמירערין פון אַל־האמבראַ, שטייען גאָלדענע שטולן און א סאָפע מיט א שפיגל אין דער ברייט כמעט פון דער גאנצער וואנט און אז פאר דער טיר זאָלן דאָרט הענגען סאמעטענע פאָרהאנגען מיט געשטיקטע וואסערליליען. פרוי בעסע פלעגט מאנכעמאָל אריינרופן די שכנטע, מיט וועלכער זי האָט זיך גוט פארהאלטן, און איר דערציילן די סודות און די לעגענדעם וועגן דער בלומרשטער פראכט און לוקסוס פון דער וואוינונג. און די שכנטע יענע האָט זיך נישט געקענט זאט אָנדערציילן פון דעם, וואָס זי האָט געזען אין בעזעם שיינער דירה. שוין איין מאָל א דירה! דער קייזער קען, דאכט זיך, אין איר וואוינען! אין ווינקל — מיר זענען געוואָרן בלאס, ווען מיר האָבן עס געהערט — זאָל האָבן געשטאנען א פאלמע — אָ, און דערצו נאָך א קינסטלעכע! — יאָ, דאָרט זאָל האָבן געשטאנען א פאלמע און אונטער איר צוויי גרינפלושענע פאָטעלן לעם א גאָלדענעם טישעלע... און אויפן באלקאָן האָבן, פון מאי ביז סעפטעמבער, געבליט וויקן. מאנכעמאָל פלעגן מיר שטיין אונטערן באלקאָן שעהן לאנג, ווארטנדיק, ס'זאָל אראָפפאלן א וויקע... פיל, זייער פיל פון אונז האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאלטן אין זייער האנט א בלומענשטענגל. מאנכע פלעגן אָפלעבן די יאָרן און נישט פילן דעם מחיהדיקן דופט פון א רויז אָדער א כריזאנטעמע. מאנכע פלעגן אלט

און קראנק ווערן, איידער זיי האָבן פאַרזוכט אַ פּאָמעראַנץ אָדער שאָקאָלאַד... מיר פּלעגן זיך אָנרייסן גענז־בלימעלעך און לעווענ־צאַן פון דער באַן־דאַם. די באַן־דאַם איז געווען אונזער גאַטור — זיי זענען דאָך אָבער, אייגנטלעך, געווען פאַרבאָטן. מיר האָבן אייגנטלעך אויף זיי נישט געטאָרט האָבן קיין דריסת הרגל... די ציימונגען פלעגן זיך אפילו אָננעמען פאַר אונזער קזשיוודע — פאַרוואָס מען פאַרבאָט אונז זיך צו באַנוצן מיט דער אייזנבאַן־דאַם — ביז ס'האָט נישט פּאַסירט, אַז אידאַ זאָמער פון ציענס־קירכפּלאַץ איז, בעת זי האָט געפּליקט בלומען אויף דעם דאַם, איבערגעפאָרן געוואָרן פון אַ באַן און געבליבן ביי איין פוס. דאַן האָבן שוין די ציימונגען איינגעזען, אַז מ'דאַרף טאַקע נישט לאָזן, אונז קינדער, זיך אַרומדרייען איבערן דאַם, ווייל — די שעה זאָל נישט זיין — עס קען מיט אונז געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט אידאַ זאָמער.

אין הומבאָלד־וועלדל — יאָ — אהין וואָלטן מיר גערן גיין שפּאַצירן און דאָרט זיך ווילן. דאָרטן זענען געווען ביימער, רויזן און אַנדערע בלומען. איז אָבער די צרה, וואָס אהין האָט מען אויך נישט געטאָרט גיין. פּאָליציי האָט עס שטרענג פאַרבאָטן. איין וועכטער איז דאָרט געווען, וועלכער פלעגט אויפפּאַסן, אַז מיר קינדער זאָלן, חלילה, אהין זיך נישט אַריינבאַקומען.

מיר האָבן געהערט אין דער היים דערציילן, אַז נגידים האָבן זייערע אייגענע גערטנער און קענען דאָרט קריגן אַלץ, וואָס זייער האַרץ גלוסט זיך, נישט נאָר קיין בלומען, נאָר אויך אויבסט: קירשן, באַרנעס, ערדבעערן, פלוימען, עפּל, וויינטרויבן, פּאָמע־ראַנצן א. א. וו. און אונז איז דאָס גאַנצע לעבן אויסגעקומען צו טרעטן נישט איבער ווייכע זאַפטיקע ראָזן, נאָר בלויז איבער דערנער — און מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז ווען מען פּליקט בלומען, זעצט מען דערפאַר איין אין חד־גדיא אריין.

דאָס אַלץ פלעגן מיר הערן, ווען די גרויסע פלעגן שטיין צוזאַמען ביים טויער אָדער הינטער אָפענע פענצטער און געפירט צווישן זיך געשפּרעכן, אָדער ווכוחים. דעמאָלט האָב איך זיך ערשט דערוואוסט וועגן דעם צווייטן מין מענטשן, וועגן די אויסדערוויילטע

וועלכע מיר איז שוין אביסל אויסגעקומען צו דערמאָנען. כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מ'דאַרף זיי פיינט האָבן. ס'וואָלט דאָך געווען נאַריש זיי מקנא צו זיין. ס'וואָלט געווען שיין און גוט צו האָבן אַלץ, וואָס יענע גבירים און די אייבערשטע פון שטייסל, האָבן. אָבער כּדי דאָס אַלץ צו באַקומען, דאַרף מען עס דעם אַנדערן פאַרגינען אָדער גאָר פון אים אַוועקנעמען.

אויך די גרעסערע ייִנגלעך, שוין בחורימלעך, פלעגן וועגן דעם רעדן. איך האָב אויך זיך אַמאָל אַריינגעמישט אין אַ געשפּרעך, מכּוח דעם, געלאָזט פאַלן אַ גיפטיק וואָרט אויפן אַדרעס פון די „אייבערשטע פון שטייסל", כ'בין אָבער באַלד שטיל געוואָרן, ווען די בחורימלעך האָבן זיך אָפּגערופן:

— וואָס זאָגסט איר אויף דעם ייִד? וואָס ווילסטו איבער־הויפּט פון אונז? גיי זיך צו דיינע מענטשן.

— כ'געהער דאָך אָבער צו אייך...

צי האָב איך דעמאָלט געליטן אונטער דעם אַלעם?... אפשר נישט, ווייל איך דערמאָן זיך נישט, איך זאָל האָבן געליטן. מיט פיל פון די ליידן, וועלכע פלעגן אייגנעטוליעט ווערן דעם קינד, פלעגן מיר ערשט שפּעטער זיך באַקענען, נאָכדעם ווי מיר זענען געוואָרן ליידנס־פעיקער, עמפּינדלעכער צו ליידן.

נאָר פאַר אַלץ האָב איך געהאַט איין טרייסט: די שול...

דאָס קלינגט משונהדיק, ס'איז אָבער, דאָך געווען אַזוי. איז דען די שול נישט געווען קיין שטראָף־אַנשטאַלט און קיין הויז, וואו מען דערציט קינדער מיט געוואַלד? און דער שילער — צי איז ער דען נישט געווען קיין פּחדנישער קנעכט פון אַלטע, טרוקענע מיט וויסנשאַפט אָנגעפּראָפּטע מענער־לערער. אָבער נאָר אין די העכערע שולן פלעגן די יונגע מענטשן זיין פאַר־צווייפלט, ביי אונז אין די פאָלקס־שולן זענען די קינדער פאַר־בליבן געזונט, האָט מען זיך טאַקע געפילט פריי און מונטער. פאַר וויפל קינדער איז די שול געווען דאָס איינציקע אָרט, וואו זיי איז געווען וואַרעם, ליכטיק און פריינטלעך. לגבי דעם, וואָס די שילער פלעגן זען ביי זיך אינדערהיים, לגבי יענעם גיהינום, וואָס די היים זייערע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, איז די שול געווען

אן אמתער גן־עדן. אין דער שול פלעגן די קינדער האָבן גענוג זונענליכט, בלומען אויף די פענצטער, זיי פלעגן דאָרט הערן פרייגמלעכע ווערטער און זען א מענטשלעכע באציונג צו זיי — און אינדערהיים איז געווען פונקט דער היפוך. מ'האָט זיך אין דער שול געקימערט וועגן שמוציקע אויערן און צוגעוויינט די שי־לער, זיי זאָלן וואשן און רייניקן די אויערן, מ'פלעגט זיי שיקן צום דאנטיסט און מ'פלעגט זיי אפילו פון צייט צו צייט פירן שפאצירן אין וועלדל און זאָאָלאָגישן גאָרטן, מ'האָט זיי געעפנט די אויגן פאר בוימער און חיות, זיי ארייננעפירט אין נייע וועלטן אריין, וועלכע זענען פריער געווען פאר זיי ווילד און פרעמד. היינט וואו איז דאָס לערנען, דאָס באגריפן, דאָס וויסן! וויפל זענען דאָס ווערט. לאָזט זיך עס דען אָפּשאצן? מיך האָט ווי געפיבערט, מיר האָט זיך שרעקלעך געוואָלט טיפער ארייינדרינגען אין די גע־היימנישן פון דער נאטור, צו דערגרייכן דאָס מיטל, מיט וועל־כע מ'קען תופס זיין די וועלט. כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט אומ־ענדלעכע מעגלעכקייטן. ווען כ'בין נאָך אלט געווען זיבן יאָר, פלעג איך אָפּשטיין לאנג פאר בוכהאנדלונגען, שטודירן די פענצ־טער און מיט א יראת־הכבוד געקוקט אויף די ביכער, וואָס האָבן אנטהאלטן אין זיך אלע שבע חכמות. אין די ביכער איז געווען די שיינקייט, חכמה, דאָרט זענען געווען באשריבן די ווייטע לענדער, די פלאנעטן און אלע שטערן, אין זיי איז פיל געווען דערציילט וועגן די סודות פון ים און דער ערד. מיין הייסעסטער ווּאונש איז געווען, איך זאָל זיך קענען איינגמויערן צווישן בי־כער און זיצן שטענדיק „על התורה ועל העבודה". וואָס גייט דען מיר אָן די אויסערלעכע וועלט? די קאָכעדיקע גאס מיט איר אייביק גערויש און געפילדער? די גאס וועט מיר גאָרנישט געבן, בעת די ביכער קענען מיר געבן אזוי פיל, אזוי פיל באַרייכערן מיין גייסט. כ'האָב געזאמלט שטיקער ציַיטונגען און נישט קע־גענדיק ווארטן ביז כ'וועל קומען אהיים, פלעג איך זיי לייענען אין די טויערן און גייענדיק איבערן טראָטואר. כ'פלעג זיי לייענען אין פרעמדע הויפן, אין די ווארטע־שטובן פון טראמווייי און מיר איז געווען אלץ איינס, גאנץ גלייך, וואָס איך האָב געלייענט.

אלץ האָב איך גוט פארדייעט. אלץ האָט מיר געברענט אין הארץ, אלץ האָט אָנגערירט די בעסטע געפילן. אלץ האָב איך אראָפּשלונגען, ווי א הונגעריקער אָקס, וואָס פרעסט הוי און גראָז.

מאנכעמאָל פלעגט קומען אין קלאס דער רעקטאָר און מיך אויסהערן. כ׳פלעג דעם לערער ענטפערן אויף פיל פראגן, כ׳פלעג לייענען פאר אים מיט געפיל און פאטאָס, כ׳פלעג פשוט רעציטירן.

דער רעקטאָר פלעגט זיך אויסוועקסלען מיטן לערער מיט בליקן, וועלכע האָבן געזאָלט באטייטן: וואָס זאָגט איר אויף דעם חברה־מאן?

— געראָטן אין דער מוטער — האָט אמאָל דער לערער באמערקט נאָך אזא פארהערן מיך, — איר קענט זיין מוטער, הער רעקטאָר?

די מוטער פלעגט פון צייט צו צייט אריינקומען אין שול און פרעגן אויף מיר. זי האָט ממש געגארט צו הערן ווי מען לויבט מיך, צו רעדן מיט מבינים וועגן מיר און, רויט פון גליק און נחת, אויסצוהערן גוטע נביאות וועגן מיר.

דער רעקטאָר האָט זי אמאָל איינגעלאדן צו זיך אין קאבי־נעט.

כ׳בין נאָך דעמאָלט נישט אלט געווען קיין גאנצע גיין יאָר. אין קלאס בין איך געווען דער בעסטער שילער. געלערנט זיך אזוי גוט, אז נאָך פסח האָב איך געזאָלט אריבער אין א העכערע קלאס. אבער איידער איך וועל ווייטער דערציילן מוז איך זיך אויף א ווייל אָפּשטעלן און ווארפן א בליק אויף דיר, רודאָלף ראושער...

ער איז געווען מיין לערער דריי יאָר כסדר. כ׳וואָלט זיך קיינמאָל נישט געלערנט אזוי גוט און מיט אזא התמדה, ווען איך וואָלט נישט געזען צערטלעך רוען דעם גלאנץ פון זיינע אויגן אויף מיר. זען זיינע אויגן רוען אויף מיר, איז געווען תמיד מיין הייסעסטער וואונש, כ׳בין געווען גרייט מי יודע וואָס אוועקצוגעבן, כדי צו פילן ווי זיין ווייכע, ווייסע האנט — די ערשטע נישט מגושמדיקע האנט, וועלכע איך האָב געקענט — גלעט

מיר איבער די האָר. אים צוליב האָב איך געטון אַלץ, וואָס די מוטער האָט מיך געהייסן. ליבע איז גורם דערצו, אַז מען ווערט שעפּפעריש, אַ פּרוכטבאַרער מתמיד און אויך ערעדורשטיק. ס'ווילט זיך אויך האָבן כבוד. מיין לעכצן נאָך וויסנשאַפט בלויז האָט מיך געמאַכט פאַר אַ צוטרוקענעם זאָנדערלינג, פון אַ שטיקל פּורש מן הצבור, אַבער ווייל איך האָב אַלץ געטון לטובת אַגדערע, בין איך געבליבן לעבעדיק און לוסטיק מיט אַ געזונטן געזעלשאַפטלעכן אינסטינקט.

רודאָלף ראַושער איז געווען יונג — איגמיטן די צוואָנציקער האָט ער געדאַרפט דעמאָלט זיין, — אַ באַווייבטער און מאַנכע-מאָל פלעגט זיין פרוי אים קומען אַפּנעמען אהיים. ער האָט מיך אַמאָל צוגעפירט צו איר. זי איז געווען אַ קליינע, רויט-העריקע, עלעגאַנטע פרוי מיט אַ זים ליאַלקע-קעפּל און ווען איך האָב זי אָנגעקוקט, האָב איך מיר געטראַכט, ווי קומט צו הער ראַושער אַזאַ ליאַלקע.

זי האָט מיך אָנגעקוקט, די האַנט האָט זי מיר גישט גע-געבן, און מיט אַ שטילער הארבלעכער שטים האָט זי געזאָגט:

— אַלזאָ, ביסטו עס און אַזוי זעסטו אויס, דו וואונדער-קינד? ביסטו אַ יידיש-קינד, קעניג?

כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן — פאַר רודאָלף ראַושערן. כ'האָב געפילט, ער שעמט זיך. אָבער אָט איז שוין געלעגן זיין לייכטע האַנט אויף מיין פּלייצע, וועלכע ער האָט צערטלעך געדריקט.

— גריס די מוטער, — האָט ער געזאָגט — אַדיע, טעאָדאָר. איצט קענסטו שוין גיין.

ווען ער איז שוין מער גישט געווען מיין לערער, ווען מיר זענען שוין געזעסן אין קלאַס ביי דער גייער לערערין — זי איז געווען אַזאַ ניכטערנע, הויט און ביינערדיקע, זייער פּראַקטישע פריילין — האָבן מיר געהערט, אַז זיין פרוי איז אַנטלאָפן מיט אַ פידלער פון אַ באַר. ער גופא איז געפאַלן אין קריג.

דעמאָלט, איידער ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין פרוי, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— דו מוזט מיך באזוכן, טעאַדאָר, דו זאָלסט אָנקוקן מיינע ביכער, מיינע הערבאַריען און שמעטערלינגען. כ'האָב אויך אַ טעראַריום מיט שלאַנגען, וואָס רינגלען זיך און מיט סאַלאַמאַנדרען. און שאָקאָלאַד מיט קוכן וועסטו אויך ביי מיר קריגן. וועסטו קומען?

איך האָב קיינמאָל נישט געוואַגט פאַר קיין שום מענטש עפענען מיין האַרץ. כ'בין קיינמאָל נישט געווען אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, אין וואָס פאַר א מצב איך זאָל נישט זיין. אָבער מיין האַרץ, באַלד נאָר עם הייבט אָן צו רעדן, מאַכט מיך שטומווידיק און נעמט אַוועק ביי מיר די גאַנצע דרייסטקייט. ווען ער האָט מיך געפרעגט: וועסטו קומען? — וואָלט איך אים געדאַרפט אַרומנעמען, און שטאַרק האַלזן און פאַלן אויף די קני פאַר אים. כ'האָב אים ליב געהאַט גאַנץ אַנדערש ווי מיין מוטער — מיט אומרו, מיט היץ און האַרץ-קלעמעניש. מיינע ציטערנדיקע בליקן אויף אים האָבן געוויס געמוזט זיין קאָמיש, ווי קאָמיש ס'איז געווען מיין איבערגעטריבענער יראת-הכבוד פאַר אים. אָבער אויף זיין פראַגע בין איך נאָר בלאַס געוואָרן און האָב שטום אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

נאָכדעם אָבער, ווי זיין פרוי איז בנוגע מיר געווען אַזוי קאַלט און אָפּשטויסנדיק האָט ער מער מיך שוין נישט איינגעלאַדן צו זיך. אדרבה: ער האָט זיך פון מיר דערווייטערט. אָפט פלעגט זיין האַנט נאָך אַ צו טון מיך צו גלעטן, זיין מויל זיך עפענען כדי מיך צערטלעך צו לויבן. ער האָט עס אין זיך דערשטיקט. ער האָט מיך שוין נישט געלויבט און נישט געגלעט. ווען ער איז שוין מער נישט געווען מיין לערער, פלעגט ער פון דער ווייטנס בלויז זיך קוים אַ נייג-טון פאַר מיר. ער האָט גוט געוואוסט, ווי מיר טוט וויי, וואָס ער איז צו מיר געוואָרן אַזוי קאַלט און דאָס, וואָס ער האָט געענדערט זיינע באַציונגען צו מיר. איך האָב אין מיינע אויגן נישט געקענט אויסלעשן דעם פאַרוואורף און די פאַרוואונדעטע ליבע. ער האָט אָבער פאַר מיין בליק מורא געהאַט. ער האָט אפנים גוט געפילט זיין חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען בנוגע מיר. ער האָט מורא געהאַט פאַר מיין הכנעהדיקייט פאַר אים. דאָס זענען אפשר געווען דערציערישע

מיטלען און טעמים, וואָס ער האָט אויפגעהערט מיך אזוי מקרב צו זיין, און האָט זיך פון מיר דערווייטערט... היינט לאַך איך פון דעם... איך ליב אים נאָך אלץ אין מיין הארץ, ווען איך טראכט וועגן אים, ווערט דאָס קינדער-הארץ פון יענע צייטן אזוי ריין, ווי עס איז שפּעטער אזוי שוין נישט געווען, אזוי יראת-הכבודיק-צערטלעך, ווי ס'קען שוין שפּעטער אזוי קיינמאָל נישט זיין.

פון אים האָב איך צוערשט פארשטאנען אין וואָרט, לערע אָדער דאָקטרין, דאָס, וואָס איך זעלבסט האָב נישט דייטלעך געפילט: מענטשהייט. ער פלעגט זאָגן: ס'זענען דען פאראן מענטשן ארום אייך? ס'זענען דען פאראן א נ ד ע ר ע! ווען דו באַקומסט עפּיס, מוזטו צוערשט עפּיס דערפון געבן דעם ברודער — און ברודער איז יעדער מענטש — איידער דו אליין נעמסט. דערנאָך ערשט קומען אלע אנדערע, דערנאָך, קומסטו. ליבע מוז זיין ט א ט, מ'דאַרף ליב האָבן בפּועל ממש. זי מוז זיין פריינדשאפט, קרבן. דו ווערסט זאטער פון דעם, וואָס דו גיסט אוועק יענעם, ווי פון דעם, וואָס דו עסט. פרייד, וועלכע דו פארשאפסט יענעם, איז מסוגל דיך אליין צו טרייסטן און מאכן מונטער.

פיל פלעגן מאכן חוזק פון אים. „פויקערס", האָט מען א נאָמען געגעבן די לערער און אים אויך: רודי דער מאָראַל-פויקער.

ארייַנקלערנדיק שטענדיק אין די ענינים פון מאָראַל און עטיק, האָב איך געמאכט א טרויעריקע אנטדעקונג, אז איך בין נישט ווי עס געהער צו זיין עטיש און שטיי נישט אויפן געהעריקן מאָראַלישן ניוואָ. מיט אנדערע ווערטער, אז איך באַזיץ נישט קיין גענוגנדע טוגנט. דאָס דאָזיקע וואָרט „טוגנט", פון וועלכן יעדער גראָבער יונג דערלויבט זיך צו מאכן חוזק און עס אויסלאכן, האָט ער אונז לעבעדיק געמאכט און אויפגעקלערט, ווי ס'קען גאָרנישט זיין בעסער, ער האָט גערעדט וועגן זאכן, צייטן, דערלעבנישן וועלכע קיין אנדערער לערער אין פאָלקסשול רירט קיינמאָל נישט אָן. ער פלעגט אונז דערציילן פון די גריכן און איך האָב זיך צוגעהערט. כ'האָב זיך אויסגעלערנט דאָס וואָרט קאלאקאגאטיא... שפּעטער האָב איך בסוד געלערנט גריכיש מיט סטעפאַן פאלקן. ווען כ'האָב זיך אָנגעשטויסן אויף

די וואָרצלען פון אַט דעם וואָרט, ווען איך האָב וועגן „שיין" און „גוט" געלייענט אין זייער שטראַלנדיקער האַרמאָניע, האָב איך געוואוסט: מיין האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן. כ'האָב זיך אין אַט דער רגע איינגעליבט אינעם געליבטן לערער. ס'איז געווען אַ מיסטישע חתונה, דאָס, וואָס איך האָב דאַן איבערגעלעבט. כ'האָב פאַרשטאַנען: ער איז געווען דער אידעאַל גופא. גליקלעך קינד, וואָס האָט געזען פאַר זיך דאָס דערגרייכבאַרע גאָטהייט. כ'האָב געוואָלט זיך צו אים דערנענטערן; כ'האָב נישט געוואַגט צו וועלן: ווערן, ווי ער. אָבער זיין ענלעך צו אים — דאָס איז געווען מיין הייסער באַגער.

ער איז אויך געווען דער, דורך וועלכן ס'איז געשען דער נס...

ווען איך בין שוין געווען אין דער דריטער קלאַס, האָט דער רעקטאָר אַרויסגערופן צו זיך מיין מוטער. זי האָט דעמאָלט געהאַט צייט נאָר אין אָוונט. קוים געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי אין דערגיך זיך איבערגעטאָן, מיך אַרומגענומען און איז אַוועקגעלאָפן צום רעקטאָר איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ס'וועט פאָרקומען עפּיס גוטס...

ס'איז שוין געווען שפּעט, ווען די מוטער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים פונעם רעקטאָר. העני און מאַרק זענען שוין געשלאָפן; העני איז דעמאָלט שוין אַלט געווען אַכט יאָר און מאַרק זיבן.ביידע זענען זיי געווען געזונטע בערלינער קינדער. אין דער שול האָבן זיי זיך געלערנט נישט גוט — געווען פויל — אויף דער גאַס דערפאַר — גרויסע, ווייסע-חברניקעס און אָנפירער פון קינדערישע שטיפער-מחנות. די מוטער איז אַ פאַל געטון אויף אַ שטול.

— קום-נאָר אַהער — האָט זי צו מיר אין דער שטיל געזאָגט — זעץ זיך אַנידער אויף מיין שויס, טעדי גוט? דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור, קיין עין-הרע, אַ קליינער מאַן, אַ פאַרשטענדיקער, טיכטיקער מאַן, אָבער היינט, טעדי, זיי נאָך אַ מאָל אַ קליין ייִנגעלע, מיין טייערער, יאָ? הער-זשע, וואָס כ'וועל דיר זאָגן. כ'מיין, דו זעסט, אַז איך ווייז און דאָס, — אַז איך זאָל וויינען — האָסטו נאָך עד-היום נישט געזען, נישט אַזוי? טעדי,

כ'מיין דיין טובה, מיין טייערער, אז ס'זאָל דיר גוט זיין, דו זאָלסט באַקומען העכערע בילדונג. דיין רעקטאָר קען א גוטן, רייכן הער, וועמען ער האָט וועגן דיר דערציילט. דער הער הייסט פאַלק. ער וואוינט ביי זיין פאַבריק אין דער האַרטשטראַסע. ער וויל מיט דיר רעדן און, ווען דו וועסט מאַכן אויף אים א גוטן איינדרוק און ער וועט מיט דיר זיין צופרידן, וועט ער דיך שיקן לערנען אין א הויכשול און צאָלן פאַר דיר שכר-לימוד. ער וועט דיך אויך באַזאָרגן מיט די נייטיקע ביכער און זען, אז דו זאָלסט זיין אָנשטענדיק געקליידט.

ביי יעדן וואָרט בין איך אַלץ מער פאַרצוויבערט געוואָרן און מיין לייב האָט נישט אויפגעהערט צו פיבערן מיט א פיבער פון פרייד, זיסע דערוואַרטונגען און האָפענונגען.

צוערשט האָב איך מיין מוטער וויניק פאַרשטאַנען. זי האָט אָבער גערעדט און גערעדט און נישט אויפגעהערט. אין אירע ווערטער איז געווען גליק און גלייכצייטיק טרויער. כ'האָב גע-הערט טרערן אין איר טאָן און איך האָב, אַראָפּפאַלנדיק מיט-אַמאָל פונעם דאָזיקן אויפגעגאַנגענעם הימל פון גליק, א שעפּטשע געטון:

— אָבער איך מוז דיך פאַרלאָזן?

— אָ, ניין — האָט זי כמעט אויסגעשריגן — ווי וואָלט איך דאן אָן דיר געלעבט? ניין, דו מוזט, גאַטירלער, בלייבן ביי מיר. וועסטו עס אָבער קענען, טעדי, קענסטו זיך אונטערנעמען?

דאָ האָב איך א לאַך געטון. כ'האָב געלאַכט איבער איר האַרצווייטיק און שמערץ, וואָס האָבן זיך געהערט אין איר שטים. און זי האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, דער הער ראושער האָט יאָ איין, יאָ אויס גע-האַלטן אין איין אַריינגערעדן דעם רעקטאָר אין די אויערן אַריין: מ'מוז פאַר דיר עפּיס אויפטון, דו מוזט אָנקומען אין גימנאַזיע און דערנאָך שטודירן אין א הויכשול. דער לערער און דער רעקטאָר האָבן געהאַלטן, אז אַזעלכע פעיקייטן ווי די, וואָס דו באַזיצסט, טאָר מען נישט פאַרנאַכלעסיקן און מ'מוז זען, אז זיי זאָלן נישט גיין לאיבוד. ער, דער רודאָלף ראושער האָט קיינעם נ'שט

געקענט, ווען ער זאָל קענען פאראינטערעסירן מיט דיר. אָבער דער הער רעקטאָר —

שלימלעך האָט הער פאלק, דער פאבריק־דירעקטאָר, לויט דער מיטטיילונג פונעם רעקטאָר, איינגעלאדן צו זיך אויך דעם לערער ראושער און מיט אים וועגן מיר לאנג גערעדט. כ'בין ממש געווען אויפן זיבעטן הימל פון גליק. אלזאָ, האָב איך עס אים צו פארדאנקען, דעם געליבטן לערער, וואָס אזא אָנגעזעענער מענטש, ווי פאלק האָט זיך פאראינטערעסירט מיט מיין גורל און וויל זיך לאָזן קאָסטן מיר צו געבן העכערע בילדונג און מאכן פאר א לייט.

מיר האָבן גערעדט ביז שפעט אין דער נאכט. כ'האָב נאָך אָט דעם געשפרעך שוין נישט געקענט שלאָפן. גליקלעכערווייזע איז דאָס געווען גראָד אין דער צייט, ווען דער פאָטער איז געזעסן אין טורמע און מיר זענען געווען אליין. ווען כ'האָב שוין געהאט איינגעדרעמלט, האָב איך באמערקט, אז די מוטער איז אייפגע־שטאנען. זי האָט גענומען דאָס ליכט און איז אריינגעגאנגען אין קיך אריין. דאָ האָב איך זי געזען, ווי זי האָט זיך איינגעבויגן איבער די בייד̈ע קינדער. זי האָט זיי באלייכטן און געקוקט אויף זיי און אירע ליפן האָבן זיך בשעת־מעשה באוועגט... זי האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן איר מוחל זיין, פארוואָס זי האָט זיי ווייניקער ליב, ווי מיך, אז איך בין איר לעבן, איר טרייסט און נחמה און זי איז נאָר א טייל פון אָט דעם לעבן...

זי האָט זיך געזעגנט מיט זיי, וועלכע זי קען נישט אזוי ליב האָבן, ווי זי האָט מיך ליב, זי האָט זיי איבערגעגעבן אויף גאָטס גענאָד, ווייל זי האָט אירע בעסטע כוחות אוועקגעגעבן פאר מיר. לאנג איז זי אזוי געשטאנען און געבעטן גאָט פאר די צוויי קינ־דער. זי האָט אָפגערעכט א הייסע תפילה בלחש און, ווען זי איז צוריק אריינגעקומען, בין איך איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס, בעת דער גרויסער פויזע, האָט הער ראושער מיך אריינגעפירט צום רעקטאָר, פון וועלכן איך האָב נאָכאמאָל געהערט, וואָס מיט מיר זאָל געשען.

— טעאָדאָר קעניג, — האָט דער רעקטאָר צו מיר גע־

זאָגט — זאָלסט, אלזאָ, היינט זעקס אזייגער זיין ביים דירעקטאָר פאלק, וועלכער וויל ווערן דיין אפיטרופּוס. כ'וועל מיט דיר נישט מיטגיין. רעד אליין מיט אים. האָב קיין מורא נישט. האלט זיך מיט אים פריי און אָפן, ווי דו פאַרהאַלסט זיך צו אונז. ס'האנדלט זיך אין דיין גליק, אין דיין צוקונפט. און דיין מוטער האָט כשר פאַרדינט, זי זאָל דערלעבן פון דיר נחת. אלזאָ, אין א מזלדיקער שעה, מיין יינגל. ס'קען זיין, אז דיר וועט אויסקומען באלד אונז צו פאַרלאָזן. אָבער מיר וועלן אויף שטענדיק פאַרבלייבן דיינע פריינט.

אין דרויסן איז הער ראושער געבליבן מיט מיר שטיין. דער שול-קאָרידאָר איז געווען אינגאַנצן ליידיק, אלע שילער האָבן זיך אין דער סעמפּטעמבער-זון געשפּילט אין הויף. זייער געפּילדער איז אזוי פרייליך דערגאַנגען צו אונז.

ראושער האָט א נעם געטון מיין האנט אין זיינע הענט פעסט, האָט אויף מיר ווידער געקוקט אזוי פריינטלעך און געזאָגט:

— הער אוים, טעאָדאָר, זאָל איך דיך באַגלייטן? אויב דו ווילסט — בּיטע זייער. גאָר ווינן זאָלסטו, אז איך בין שטענדיק צו דיין רשות. אזוי דריקן זיך אוים דערוואַקסענע מענטשן, ווען זיי זענען איינער מיטן אנדערן באַפריינדעט.

אָ, כ'האָב אזוי לייכט און אזוי זיס געוויינט אין יענער שעה, ווען איך האָב אויסגעהערט די דאָזיקע זיסע רייד. מיין פּנים האָט זיך נישט פאַרצויגן צום וויינען, אָבער הייסע טרערן זענען איבער אים גערונען און גערונען. כ'האָב געשטאַמלט:

— כ'האָב נישט קיין מורא. און איך האלט, אז ס'איז בע-סער איך זאָל אליין גיין. אָבער... ווען כ'האָב פּלוצלינג געזאָגט דאָס, וועגן וואָס כ'האָב גאָר גאָרנישט געהאַט געטראַכט. כ'האָב געזאָגט:

— כ'וואָלט אָבער בעסער געוואָלט בלייבן... און ס'האָט זיך מיר ארויסגעריסן:

— דאָ, ביי אייך!

— טעאָדאָר, האָט ער געזאָגט און ארויסגעלאָזט מיין האנט

פון זיינע. און איך האָב געזען, ווי זיין פּנים איז געוואָרן קאַלט.

— פאַרוואָס? דו ביסט א וואונדערלעכער געמיש פון א קליינעם מאַן און גרויס קינד. גיין, אליזאַ, אליין און קלייב זיך אויס דאָס בעסטע. דו מוזט טון דאָס, וואָס עס קען דיך ברענגען וואָס ווייטער, וואָס מער דו וועסט וויסן און איבערלעבן, אַלץ מער וועסטו געבן די מענטשן. הער פאָלק איז א גוטער און א קרישטאָל-ריינער מענטש, פאַרטרוי זיך אין אים און פאַרלאָז זיך אויף אים. אויף ווידערזען מאָרגן.

ס'איז געווען א טאָג, ווען די מוטער האָט געוואַשן וועש אינ-דערהיים. זי האָט דערציילט העניין און מאַרקן, וואָס מיר און פאַר מיינעטוועגן זאָל געשען. כ'האָב עס באַלד דערפילט, ווען איך בין קוים אין שטוב אריינגעקומען. ביידע קינדער האָבן מיך אָנגעקוקט. זיי האָבן אומבאַוואוסט, איינס נאָכן אנדערן אויסגעשטרעקט די הענט צו מיר און עס באַלד צוריקגעצויגן... זיי האָבן ליב גע-האַט, מיט מיר זיך צו שפּילן, איז פאַר זיי געווען א נחת. ווען כ'פלעג זיי ווייזן מיינע קונסטשטיק, פלעגן זיי ממש מיך פאַרגעטערן. זיי זענען צו מיר געווען נאָך צערטלעכער און צו מיר געהאַט נאָך מער צוטרוי, ווי צו דער מוטער און פּלוצלינג ווער איך פון זיי אָפּגעזונ-דערט, דערווייטער זיך פון זיי און ווער פאַר זיי אומהיימלעך...

כ'האָב געזאָלט אָנקומען אין א העכערע שול, טראָגן א בונט היטע-לע, נייע קליידער, כ'האָב געזאָלט ווערן א האַר, א „פּריץ"... זייערע קליינע קעפּעלעך האָבן שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א מחיצה ס'קען ווערן צווישן זיי און מיר...

כ'האָב זיי שטאַרק דערשראָקן. כ'האָב אויף זיי געקוקט און ווען כ'האָב א לאַך געטון, האָט העני זיך א קער אום געטון און מאַרק האָט זיך מיר נאָכגעקרומט. ס'ערשטע מאָל זענען זיי געווען ביין אויף מיר און זיך בנוגע מיר געהאַלטן נישט אָנשטענדיק...

כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען פון וואַנען דאָס נעמט זיך. אַך, איך זעלבסט האָב זיך שוין געפילט גאָר אַנדערש, שוין נישט אַזוי ווי פריער. אַלץ האָט זיך פון איצט אָן אין מיינע אויגן געענדערט. אַלץ האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען... די אַלט- און גוט-באַקאַנטע קיך איז איצט געשטאַנען ווי גאָר אַן אַנדערע, כ'האָב געזען די טונ-

קעלע ווענט, די טונקעלע פּאָדלאָגע, דאָס ביסל געשיר, דיביידע וואָכעדיקע טעפּ, אין וועלכע די מוטער פלעגט קאָכן קארטאָפל און קרויט... און דערנאָך האָב איך געזען די מוטער...

זי איז געשטאַנען איבער א באליע מיט וועש און אירע הענט האָבן געזונקען אין זייפשוים. א געדיכטע פארע האָט זי ארומגע-הילט, מיין טייערע און ליבע, די געשטירצטע גאָטהייט פון מיין לעבן. זי האָט גערוט אין דער רגע, ווען זי האָט מיך באטראכט, זי האָט מיך באגעגנט מיט א זיס שמייכעלע, — אין די אויגן גליק און צער, שטאָלץ און פּחד...

און דערנאָך... יאָ, דערנאָך האָב איך געזען: זי איז אויך פון מיר דערווייטערט געוואָרן... כ'בין שוין מער נישט געווען נאָר איר קינד, כ'בין שוין געווען דער גימנאזיסט אין נייע קליידער, וועלכער קומט אריין צום דירעקטאָר פאלק אין הויז אריין. כ'בין געווען דער יונגערמאַן, וועלכער רעדט אויף פרעמדע שפּראכן און וועט מיט דער צייט שטודירן אין אוניווערזיטעט. איצט האָט זי שוין דרך-ארץ און אביסל מורא פאר מיר, פאר דער נייער סביבה, אין וועל-כער איך פארקער, פון דער סביבה, וועלכער איז דאָך איר, דעם רייכן מילנערס טאָכטער, אויך נישט פרעמד, ווייל זי שטאַמט דאָך פון דאָרט, האָט אליין אויך געמאכט רייזעס און קען רעדן פראנ-צויזיש און ענגליש... זי האָט איצט עפּיס באשאפן צווישן אונז ביידע, א מין אכטונג, וועלכע א מוטער קען נישט האָבן פאר איר זון, נישט ארויסווייזנדיק דערביי, אז זיי זענען איינער פונעם אנ-דערן פארפרעמדט געוואָרן. זי האָט אויף מיר איצט געקוקט מיט אזא דרך-ארץ, אז איך האָב זיך פאר זיך אליין געשעמט און געפלאַמט פון חרפּה. געשעמט האָב איך זיך אויך גלייכצייטיק פאר איר, וועלכע האָט די מענטשהייט ווייניקער געשעצט ווי בילדונג און בירגערלעכקייט, פאר איר, וועלכע איז זיך אליין פאַרגעקומען אזוי קליין, וועלכע האָט לויט איר אויפפאסונג זוכה געווען צו זען איר קינד אריבערגיין פון א ווירדיקע, מענטשלעכע סביבה אין א הע-כערע, שיינענדע און בירגערלעך גוט-באַפעסטיקטע וועלט.

כ'האָב געברענט פון שאנד פאר מיין מוטער. כ'האָב געליטן אונטער דער פאראכטונג פון מיין שוועסטער און ברודער, ווייל

אַט די ביידע קינדער, געבוירן אין א פּראָלעטארישער פאמיליע און סביבה, זענען שוין געווען פּראָלעטאריער מיט אלע פּיטשעווקעס, מיט אן אנדער אָנשויאונג פון פּראָלעטאריער. זיי האָבן חוזק געמאכט פון זייער ברודער און אים פאראכט. דערפאר, וואָס ער איז באגאנגען א „דעזערציע", וואָס ער איז איבערגעגאנגען צו די בירגער און געוואָלט ווערן א „האר". אָבער די מוטער האָט אין דער רייכער בירגערלעכער פאמיליע און סביבה, וואו זי איז אויסגעוואקסן און באקומען איר בילדונג, איבערגענומען פיל קאָנסערוואטיווע פאָראורטיילן פון יענער סביבה און איז ביי זיי געבליבן איר גאנץ לעבן. זי האָט זיך געהאלטן פאר א מענטש א יורד, ווייל זי, די אמאָליקע נגידישע טאָכטער, איז איצט געווען אָרעם און איר מאן איז געזעסן אין געפענגניש...

די דאָזיקע אָנשויאונג האָב איך פארשטאנען ערשט שפּעטער, אָבער דורך מיינע געפילן האָב איך זי קיינמאָל נישט געקענט תופס זיין. כ'האָב נאָר געוואוסט, אז די איבערלעבענישן פון די קינדערישע יאָרן שמידן אויס די שטארקסטע איבערצייגונגען און די איינדרוקן, וואָס מיר זאפּן אין זיך איין אין יענע יאָרן, ארבעטן איין מאָל פאר אלע מאָל אויס ביי זיי א וועלט-אָנשויאונג און פאָרמירן אויס דעם כאראקטער. פרויען, וואָס זענען געווען נאָך אָרימער פאר דער מוטער, האָבן געהאט אין זיך א געוויסע סאָציאלע ווירדע, וועלכע איז דער מוטער שטענדיק געבליבן פרעמד: זי איז געווען דעקלאסירט, סאָציאל אראָפּגעשטיגן און זיך געפילט שטארק דערשלאָגן. זי האָט נאָך אלץ געקוקט ארום זיך פונעם פערספּעקטיוו פון איר פאָטערס הויז. אויף זיך גופא האָט זי אויך אזוי געקוקט, דערפאר אָבער האָט זי אויף אירע קינדער, וועלכע זענען שוין געבוירן געוואָרן אין פּראָלעטאריאט, געקוקט שוין גאָר אנדערש. יאָ, אין אירע גדאנקען איז די מוטער נאָך געזעסן עד-היום ביים פענצטער פון איר ציכטיקן, ווארעמען און שמעקעדיקן, מיידלישן צימער און אראָפּגעקוקט מיט אויגן פון א נגידישער טאָכטער אויף די דאָזיקע „אוממענטשן" — אויף די דינער, דינסטן און ארבעטער. דער פאקט, וואָס זי גופא געהערט איצט צו די פּראָלעטאריער, האָט דעם אָרימען קלאס נישט געמאכט מענטשנס-ווירדיקער. כ'מיין, אז צו יענער צייט האָט זי

זיך אליין אויך נישט פארשטאנען: אז זי האָט פון איר ווייסן צי־מער געקענט מאכן „א נחות דרגא" — אראָפּשטייגן אין קאמער פונעם מילגער־קנעכט געאַרג קעניג און ווערן זיין ווייב... זי האָט עס דערמאָלט געטון אָן א קאפּעטשקע סאָציאלע עמפּפינדונג, זי האָט אינגאנצן פארגעסן, אז געאַרג קעניג איז געווען א פּראָלעטאריער. די ליבע האָט זי געמאכט אין אלץ פארגעסן. אָבער נאָכדעם, ווי די ליבע איז אוועק און זי האָט אים געזען אזוי, ווי ער איז געווען, אומגעבילדעט, גראָב, א פּשוטער שווארצער ארבעטער, — דאן האָט זי שוין דאָס, וואָס זי האָט אָפּגעטון, געמוזט האלטן פאר א משוגעת, פּשוט ווייל זי האָט עס דאן נישט פארשטאנען, וואָס זי טוט. יאָ, זי האָט געמוזט האלטן פאר אן אומרעכט פון איר זייט, וואָס זי האָט געבראכט קינדער אין דער דאָזיקער וועלט פון עלנט און צרות. זי האָט געהאלטן, אז זי איז שולדיק אין דעם, וואָס מיר ליידן הונגער און נויט. ווען זי וואָלט פארבליבן אין דער סביבה, פון וואנען זי קומט ארויס, וואָלט אונז גענוויס גאָרנישט געפעלט. מיר וואָלטן דאן געפירט א לעבן פון גבירים און מענטשן, וואָס רייסן אָפּ די בעסטע בלומען און געמען אראָפּ די סמעטענע פונעם לעבן.

און איצט האָט זי געקוקט — מיין מוטער אויף מיר! — זי האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף א מענטש פון איר פארלוירענער סביבה. זי איז געוואָרן א פרוי פון א פּראָלעטאריער און איך וואקס אוים צו ווערן א „האר", א שונא פון איר איצטיקער סביבה. דער דרך־ארץ אין איר בליק פאר מיר איז פאר מיר געווען אן אמתער גיהינום... כ'האָב ממש געברענט...

נישט אזוי דאָס, וואָס איך האָב שפּעטער געטון און וואָס איך האָב געמוזט טון, נאָר די דאָזיקע רגע, ווען איך האָב דערזען די ענדערונג, וואָס איז פּאָרגעקומען ביי די מוטער און די קינדער בנוגע מיר—איז געווען איינע פון די ביטערסטע אין מיין לעבן. ס'האָט זיך געשאפן אזא לאגע, וואָס איז פאר מיר געווען אן אומדערטרעגלעכע. פארליר איך מיין מוטער, שוועסטער און ברודער?.. כ'האָב זיי שוין פארלוירן אין מיינע געדאנקען: זיי וועלן שוין מער נישט רעדן, נאַ־טירלעך, ווי מוטער צו זון און ברודער, שוועסטער צו זייער ברודער

האָבן די גאַנצע צייט גערעדט; זיי װעלן זיך איצט פילן עפּיס אין אַ פאַרלעגנהייט, רעדנדיק מיט מיר, װעלכער האָט זיך פון זיי אָפּגע־ריסן, זיי װעלן פאַר מיר מורא האָבן, זיך פילן זשענירט, נישט האָבן צו מיר קיין צוטרוי, קיין דרך־ארץ — אָ, דער דאָזיקער שרעק־לעכער דרך־ארץ! איך װיל לעבן אין אַ װעלט, צו װעלכער זיי װעלן נישט האָבן קיין צוטריט...

באַשטימונג... כ׳האָב דעמאָלט נאַריש געטראַכט און געגלויבט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ באַשטימונג. אַז דאָס װאָס געשעט, מוז געשען, װייל אַזוי איז עס באַשטימט געװאָרן ממעלה... כ׳בין דאָך געװען אַ קינד אָן דערפאַרונג און אָן שום אויפפאַסונגס־פעיקייט. יעדער אַנטשיידט נאָר דאָס, װאָס איז שוין לאַנג אַנטשידן, שטעלט זיך אָפּ אויף דעם און קלייבט אויס דאָס, װאָס איז פאַר אים באַשטימט גע־װאָרן אויבן. ס׳קומט אויס, אַז גיין קענען מיר טאַקע, אָבער נאָר איבער יענעם װעג, אויף װעלכן מ׳האָט אונז אָװעקגעשטעלט...

קיינמאָל בין איך נאָכנישט געװען אַזוי שװייגעדיק, װי אָט דעם טאָג. די מוטער האָט מיך פיל באַאָבאַכטעט, זי האָט אָבער נישט אָנגעהויבן צו װיסן און נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, װאָס אין מיר קעמפט, װאָס אין מיר קומט פאָר, פון װאָס איך לייד און װאָס איך האָב דאָ, אין דער שמערצלעכער שעה, באַשלאָסן.

אַרום פינף אַזייגער האָט די מוטער מיך אַרומגעװאַשן אין איר באַליע פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט מיר געגעבן פרישע װעש, זיך איבערצוטאָן. דער אַנצוג מיינער איז געװען ריין אויסגעפּוצט און מיינע געפּלאַצטע שיך זענען געװען אַזוי אויסגעפּוצט, אַז זיי האָבן אַזש געפינקלט. זי האָט געװאָלט דורכאויס מיך באַגלייטן צן פאַלקן. מיר זענען געגאַנגען פאַמעלעך, ס׳איז נאָך געװען גענוג צייט. זעלטן, זעלטן פלעגט געשען, אַז איך זאָל אַזוי גיין שפּאַצירן מיט דער מו־טער (װען האָט זי געהאַט צייט דערצו?) אויף דער ברונענשטראַסע איז געװען שטויביק און הייס. פון די ביימער האָבן שוין אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן די פאַרװעלקטע בלעטער. דאָס הומבאָלדט־װעלדל איז געװען טרוקן און גראָ, און פון די טיף־איינגעשניטענע שינעס פון דער שטאָטישער באַן האָט זיך געקנוילט אַ דיקער רויך, געמישט מיט דאַמף.

אויפן עק פון דער האָכשטראסע איז די מוטער געבליבן שטיין. אָ, זי האָט נישט געוואגט זיך צו דערנענטערן צום רייכן הויז, צום גבול פון די געזיכערטע און גוט באוואָרנטע, רייכע בירגער און טרעטן מיט די פיס די נחלה פון דעמאָלט נאָך אזוי פעטער מיטל-קלאס. זי, וואָס איז געווען א געבוירענע בורזשויקע, איז געווען הכנעהדיקער, פחדנישער און נאָך מער נישט געשיקטער, ווי יעדער פראָלעטאריער-פרוי. כ'האָב זי פארלאָזן. און אזוי ווי אויף דער הימלפארטסקירכע האָט שוין געשלאָגן זעקס אזייגער, בין איך אוועקגעלאָפן און האָב זי שוין נישט געזען.

איצט איז איבער מיין לייב אריבער דאָ א פראָסט און דאָ א גליענדיקע היץ... און אָט שטיי איך שוין פאר פאלקס הויז. הינטער די רויטע פאבריק-קאָרפוסן מיט א שמאָלן פאָרגאָרטן, איז געשטאנען פאלקס צווייטשטאָקיקע ווילע, גאנץ פשוט, מיט גרויסע פענצטער. און ווען כ'האָב א צי געטון פארן גלאָק, בין איך געוואָרן אזוי רו-איק, אז כ'האָב א לאך געטון. צום ערשטן מאָל האָב איך, קוים בא-וואוסטזיניק, געפילט:

— צי לוינט דאָס מיר אלץ? וואָס איז דאָס? איז עס אפשר דער עסק איינגאנצן א נישטיקער? וואָס האָט עס פאר א זין? דאָס וואָס איך האָב אָנגעוואוירן איז נישט קיין נישטיקס און וואָס וועל איך דאָ געווינען? צי לוינט דאָס גאנצע עסק?...

א מיידל האָט געעפנט די טיר. א שווארץ קלייד, א ווייסער שירץ, א ווייס הייבל אויפן קאָפּ. כ'האָב געשנופּט מיט דער נאָז. דאָ האָט אזוי גוט געשמעקט. דאָס איז געווען מיין ערשטע באגע-געניש מיט דער „אנדערער" וועלט, דער ערשטער שריט אין דער סביבה, וואָס ליגט פון יענער זייט פון פראָלעטאריאט. כ'האָב גע-הערט ווי מען זידלט די „בירגער", ווי מען זידלט די „געזעלשאפט", „קאפיטאל", די „באזיצנדיקע קלאסן". איצט בין איך געקומען אין א דירעקטע בארירונג מיט דער דאָזיקער וועלט און זע זי דאָס ערשטע מאָל.

דאָס שטוב-מיידל האָט שוין געוואוסט, אז מען וואַרט דאָ אויף מיר. און זי האָט צו מיר העפלעך געזאָגט, פונקט ווי איך וואָלט שוין געווען א הער, א יונגערמאן פונעם קרייז פון אירע באלעבאַ-

טים, — אז דער הער דירעקטאָר האָט בײַ זיך אין קאַבינעט אויפ־
גענומען א יונגנמאַן און אז באַלד ווי יענער וועט ארויסגיין, איז מײַן
ריי אויפגענומען צו ווערן. דער דאָזיקער דרך־ארץ, וואָס קיינער
האָט מיר עד־היום נאָכנישט ארויסגעוויזן, האָט מיך אריינגעבראַכט
אין א פארלעגנהייט און גלײַכצײַטיק אריינגעגעבן זיכערקייט אין
זיך.

כ'וואָלט זיך געפילט באַקוועמער, ווען מ'וואָלט מיך דאָ אויפגע־
נומען אלס א קליינעם פראָלעטאריער. גאַנץ זיכער וואָלט איך זיך
געפילט, ווען מ'וואָלט מיך אויפגענומען אין א קליין הײַזל און
נישט בײַ אזא לוקסוס און פראַכט. כ'האָב זיך רואיק ארומגעקוקט
ארום זיך. כ'האָב דאָס אלץ, וואָס כ'האָב ס'ערשטע מאָל געזען,
געפונען נישט פאר אזוי אויסטערליש און פרעמדאַרטיק. כ'האָב
אפילו נאָך קיינמאָל נישט געזען א טעפּיך הענגען אויף דער וואַנט.
כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין בונטע הילצערנע מאַראָנע
און קיין קאַמין פון אזעלכע טײַערע קאַפּלעס.

זיצנדיק דאָ אזוי, האָב איך פּלוצלינג אנטדעקט, אז איין טיר
איז געשטאַנען אָפן און הינטער דער טיר, אין איינעם פון די צי־
מערן, וואָס האָבן נאָך געשימערט פון דער זון, — א קליין מיידעלע,
אין א ווײַס קליידעלע איז זי געווען אָנגעטאָן און אלט האָט זי
אויסגעזען צו זײַן א יאָר זעקס אָדער זיבן. זי האָט געהאַלטן א נאַ־
קעטע ליאַלקע. זי האָט געהאַלטן פארנייגט דעם קאָפּ, און האָט
אויסגעזען, ווי זי האָט זיך צוגעהערט צו עפּיס, נאָר זי האָט מיך
בלויז באַטראַכט. כ'האָב א שמייכל געטון — כ'פלעג דאָך שטענדיק
פארברענגען מיט קליינע קינדער צוזאַמען און זיך פארשטאַנען אויף
דעם, ווי אזוי מיט זיי זיך צו באַגיין — און אויך א וואונק געטון
צו איר. איר פּנים איז אָבער פארבליבן אומבאַוועגט. זי האָט אויס־
געשטעלט אויף מיר א פּאָר אויגן און מיך אומבאַוועגט אָנגעקוקט.
מיטאַמאָל האָט זי זיך מיט א זייער הויך קולכל:

— איך הייס ליליאַן.

— קום אהער, ליליאַן — האָב איך אָפּגעענטפערט — קום
אהער און ווײַז מיר דײַן ליאַלקע. אי, ס'אַרא שיינע ליאַלקע, כ'האָב
נאָך קיינמאָל נישט געזען אזא שיינע!

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און באַהאַלטן די ליאַלקע הינטערן רוקן.

— ווי הייסטו? — האָט זי געפרעגט.

זי האָט עפּיס נאָכגעקלערט נאָכדעם, ווי כ'האָב איר געענט־פערט, ווי איך הייס. דערנאָך איז זי צו מיר צוגעגאַנגען.

— אַזוי, ביסטו עס? דו וועסט איצט קומען צו אונז שפּילן, — האָב איך געהערט. נאַ, קוק זי אָן די ליאַלקע. זי הייסט דיאַנאַ.

— דיאַנאַ? אַ פיינער נאָמען.

—אַזוי? כ'ווייס נישט. אָבער זי הייסט אַזוי, ווייל די מומע דיאַנאַ האָט אַזוי געהייסן. דער פּאַפּאַ איז איצט פאַרנומען מיט אַ גאַסט. ווילסטו מיט מיר שפּילן?

— פאַרוואָס נישט, ליליאַן, דו געפעלסט מיר.

—אַזוי? אָבער דו...

— וואָס ווילסטו זאָגן?

— דו געפעלסט מיר... האָט זי לאַנגזאַם אַרויסגערעדט.

כ'האָב געוואַרט, אַז זי וועט זאָגן „נישט", אַז איך געפעל איר נישט. זי האָט זיך געקווענקלט און מיך אַלץ אָנגעקוקט. אין דער זעלבער רגע איז אַ יינגל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. ער איז צוגע־לאָפן האַרט צו מיר. אַזוי לויפן, שטיפן, שפּרינגען, ווי ער האָט עס געטון, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. כ'האָב אויך נאָך קיינ־מאָל נישט געזען, אַז האַלטן אַזוי פריי, גלייכגילטיק און אַכטלאָז אַ ליאַלקע און מיט דעם אַזוי זיך באַגיין. דאָס איז אפשר געווען דער גרעסטער — ווייל ער איז געווען דער גאַנץ אומגעריכטער — איינ־דרוק פונעם דאָזיקן אָוונט. כ'בין ס'ערשטע מאָל געקומען אין די־רעקטע באַרירונגען און באַציונגען מיט די „אַנדערע", מיט מענטשן פון יענער, נישט פּראָלעטאַרישער וועלט. כ'האָב זיך באַקאַנט מיט אַ נייעם ריטם, מיט אַ נייער, אַד,—מיט דער ערשטער האַרמאָניע פון קערפּערלעכע באַוועגונגען. און ווידער זענען ביי מיינע מאַטאָרישע פעיקייטן אין מיך איבערגעשפּרונגען אַלץ וואָס איך האָב דאָ נאָך־וואָס געזען, און מיינע מוסקולן, בעגדער און אַלץ וואָס איז אין מיר געווען עלאַסטיש, האָבן אין זיך אַרויסגעלאָזט, אַליין נופאַ אומ־באַוועגט, אַלע געזעענע זשעסטן און תנועות.

דאָס דאָזיקע יינגל איז געווען סטעפאַן פּאלק...

ער איז, פּונקט ווי ליליאַן, געווען א טונקל-ברוינער אין הויט. פּונקט ווי ביי איר, זענען אויך זיינע אויגן געווען צו העל-ברוין פאַר אזא טיפ, ווי דער, צו וועלכן ער האָט געהערט. ער איז געווען זייער שיין. כ'מיין, אז כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין שענער יינגל, ווי ער. ער איז געווען שענער פאר זיין שוועסטער. איר פּנים איז געווען ווייך און אזוי צו זאָגן דעמעריק, פאַרשלייערט, אָבער זיין פּנים איז געווען אזוי ריין אויסגעשניטן, אזוי קלאָר אין די פלאַ-בע ערטער. און פון אים איז ארויסגעגאנגען דער אמת אליין...

נאָך איידער ער האָט מיר דערלאנגט די האנט, האָט ער געזאָגט:

אָ, דו ביסט, אלזאָ, דאָס יינגל, וואָס וויל אָנקומען אין מיין קלאַס, אין לעסינג-גימנאַזיע, ווייסטו, וואו דאָס איז? אויף דער פאַנקישטראַסע. א שמעקעדיקע געגנט, ס'וואָר? ס'מאכט נישט אויס! מיר וועלן ארבעטן צוזאמען. גוט. זייער שיין! דו, דאָס איז פּופּע!

— פי! — האָט ליליאַן זיך אָפּגערופן — סטעפאַן, וואָס'ארא דיבורים! ווי אזוי רעדסטו? כ'וועל עס דערציילן דער פריילין, וועסט שוין זען.

— דער אלטער קליאַטשע... כ'האָב זי אין... — האָט דער שיינער סטעפאַן געברומט פון אויבן אראָפּ — גיי, טראָג זיך אָפּ פון דאנען און ווענדנדיק זיך צו מיר: —

— דו, טעאָדאָר, קום-נאָר ארויף צו מיר. כ'וועל דיר אלץ ווייזן. איך האָב...

ליליאַן האָט אים מיט א גרינגשעצונג איבערגעשלאָגן די רייד:

— דאָס יינגל מוז גיין צום פּאַפּא, לאָז אים דאָ בלייבן ביז מ'וועט אים ארייַנרופן צום פּאַפּא.

כ'האָב זיי ביידע אָנגעקוקט. כ'האָב זיי ביידע באַלד ליב באַ-קומען. אך, אזוי פלעג איך שטענדיק די שיינקייט פונעם ערשטן בליק אָן ליב קריגן.

שוועסטער און ברודער האָבן זיך אָנגעהויבן צו אמפּערן און קריגן. און ווידער האָב איך זיך נישט צוגעהערט צו די ווערטער, כ'האָב זיך נאָר צוגעקוקט צו די פּנימער און פיגורן. אפילו דעם

קאַט האָבן זיי געטראָגן גאָר אַנדערש ווי אונזערע מענטשן טוען עס. ליליאַנס האַלז האָט וואונדערבאַר געשפּילט איבער די פּלייצעס; די פויסטן, וועלכע די קליינע ליליאַן האָט געהאַלטן, זענען געבליבן ווייך און ווייס. ס'האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט אָנרירן אין די קינ-דערש הויט. זי האָט מיך געצויגן צו זיך, ווי אַ פּרוכט, וואָס מ'קען גישט דערגרייכן. הייגט אירע גלאַנצנדיקע האָר, אירע קליידער בלויז!...

דאַן איז פון אַ מיר אַרויסגעקומען דאָס שטוב-מיידל, וועלכע האָט מיר געעפנט די טיר, און העפלעך געלאָזט אַרויסגיין פון דאָרט אַ יונגן הער אין אַ העל אַנצוג. זי האָט אים דערלאַנגט זיין הוט און שטאָק און די טיר צו דער גאַס פאַר אים געעפנט. דאָס אַלץ האָט מיך ממש פאַרצויבערט. אָ, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע זיטן! און דאָס וואונדערבאַרסטע איז, אַז די דאָזיקע קינדער מערקן עס גאָר אַלץ גישט, אַז פאַר זיי איז דאָס גישט ניי און אַז דאָס אַלץ איז ביי זיי אַ וואָכעדיקס, געוויינלעכס. ס'איז מיר אויף זיי אַ רחמנות. וויפל פרייד ווערן זיי מחמת דעם אָן!

דאָס ציכטיקע שטוב-מיידל האָט, צוריקקומענדיק, שטיל גע-זאָגט צו די קינדער:

— גייט אַרויף. ס'פריילין זוכט אייך.

און צו מיר:

— נו, מיין יינגעלע, איצט איז דיין ריי. דער דירעקטאָר וואַרט אויף דיר איצט. קום מיט מיר מיט.

כ'האָב זיך אַ גייג געטון פאַר די קינדער. סטעפאַן האָט מיר פעסט אַ דרוק געטון די האַנט.

— קום אַרויף דערנאָך. כ'האָב אַזוי פיל דיר צו ווייזן. איצט וועסטו בכלל יעדן טאָג מוזן קומען.

כ'האָב זיך פאַרנייגט. ליליאַן איז פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט געהאַלטן אַרומגעאַרעמט די ליאַלקע. און מיר דערלאַנגט אַ האַנט פון דער ליאַלקע.

— זאָג דעם יינגל אַדיע, דיאַנאַ.

זי איז אָבער אַוועק אַזוי גיך, אַז איך האָב דעם זין פון אירע

ווערמער און איר תנועה פארשטאנען ערשט דאן, ווען זי איז שוין געשטאנען אויף די טרעפ.

כ'בין נאָכגעגאנגען דעם שטוב-מיידל. מיר זענען געגאנגען דורך א צימער, אין וועלכן ס'זענען געשטאנען צוויי פליגל, א נאטעפולט און א צעלאקאסטן. דאָס איז געווען א טונקל-בלאָ צימער. דערנאָך זענען מיר אריינגעקומען אין א קליינעם לאָקאל, וואָס איז געווען גאנץ גרין. כ'האָב אנטדעקט, אז ווייטער איז געשטאנען א גלעזערן הויז מיט ביימער און בלומען און איך האָב דאָרט באמערקט פרויען אין ווייסע קליידער. דערנאָך האָט דאָס מיידל, וואָס איז, געמענדיק געווים אין באטראַכט, וואָס איך בין דאָ אזוי פרעמד, געגאנגען גאנץ פאמעלעך, געעפנט א טיר. דאָ איז געווען א ביבליאָטעק.

אומעטום איז געווען שטיל, און איצט האָט מיך ארומגעכאפט א שווייגן. דאָ זענען געווען אויסגעשטעלט גרויסע טונקעלע מעבל-שטיק. ביכער-שענק אין דער לענג פון צוויי ווענט. גראָד אקעגן דער טיר איז געווען א ברייט פענצטער, דורך וועלכן מ'האָט געזען דעם הויף און דעם רויטן פאבריק-קאָרפוס. ס'איז שוין געווען פייער-אוונט. ס'איז געווען שטיל. אין הויף איז געשטאנען א מענטש און האָט געוואשן א פאַעטאָן.

ביים שרייבטיש פארן פענצטער איז געשטאנען א הער. ער איז געווען נישט קיין הויכער, נישט קיין דיקער, גיכער א מאָגערער, כ'האָב זיין פנים נישט געזען, ווייל ער איז געשטאנען מיטן רוקן צום פענצטער. כ'בין דרייסט צו אים צוגעגאנגען און מיין, אז כ'בין דעמאָלט געווען זיכער און רואיק צוליב דעם, וואָס איך האָב שוין אלץ ביי זיך געהאט באשלאָסן און האָב גוט געוואוסט, נאָך וואָס איך בין אהער געקומען.

—אלזאָ, ביסטו עס, טעאָדאָר קעניג — איז געווען זיין ערשטער שלום-עליכם.

כ'האָב זיך געוואונדערט, וואָס דער דאָזיקער קליינער, שלאַנקער הער האָט געהאט אזא טיפע, גראָבע שטים.

— קום, זעץ זיך צו — האָט ער ווייטער אָנגעהויבן און ווענדנ-דיק זיך צום שטוב-מיידל:

— ווארט, פרידא, מיט וואָס וועלן מיר מכבד זיין אונזער קליינעם גאסט?

ער האָט צו איר געשמייכלט, און איך האָב אים שוין פון דער ערשטער רגע אָן ליב באקומען. זיין ארט ׳אכן, זיין שטים זענען געווען פול מיט ליבע, ווי אויך די ווארעמקייט פון זיין האנט, מיט וועלכער ער האָט נאָך אלץ געהאלטן מיין האנט.

ער האָט מיך צוגעפירט צו א פאָטעל. אין אזא פאָטעל בין איך אזוי גרויסארטיק געזעסן ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן. אָבער זיך אָנצולענען האָב איך נישט געוואגט. איך האָב זיך — אוים רעטע־גישפולן אינסטינקט — זיך אנידערגעזעצט ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין זיין פאָטעל. ער האָט מיך באקוקט גענוי און אויפמערקזאם און די גאנצע צייט איז דאָס אָנגענעמע שמייכעלע נישט אראָפּ פון זיינע ליפּן.

— דו ביסט געקומען אליין, מיין יינגעלע? כ׳האָב געמיינט, אז דיין מוטער וועט דיך באגלייטן. כ׳האָב דאָך מיט איר פיל צו רעדן וועגן אונזער ענין. נאָר ס׳מאכט נישט אוים. וויבאלד זי האָט דיך געשיקט, הייסט עס, אז זי איז מסכים אויף אונזער ענין. און וועגן עיקר, וועגן דאָס וויכטיקסטע, וועלן מיר שוין ביידע רעדן און זיך פארשטענדיקן. מיר וועלן רעדן גאנץ ערנסט, טעאַדאָר. כ׳זע, אז מ׳קען מיט דיר אזוי רעדן. דו זעסט אוים צו זיין א קלוג יינגעלע.

כ׳האָב א שמייכל געטון און, אזוי ווי ער האָט ווייטער נישט גערעדט, האָב איך זיך אָפּגערופן:

— כ׳בין שוין מער נישט אזוי נאריש, ניין. כ׳וועל שוין פאר־שטיין, וואָס איר וועט צו מיר רעדן, אָבער...

און דאָ בין איך אויף א ווײַלע געבליבן שטיין. ווען כ׳וואָלט איצט געזאָגט, וואָס איך וויל און מוז — וואָלט איך געמוזט תיכף זיך אויפהייבן און אוועקגיין.

אָבער דאָ איז געווען אזוי שיין: די מענטשן, די רו, דאָס שווייגן — אפילו דאָס ליכט. כ׳מיין נישט דעם גלאנץ און פראכט פונעם מעבל און די קליידער, נישט דאָס עשירות, נאָר די אטמאָ־ספער, וואָס דאָ האָט געהערשט. ערשט אין פיל יאָר ארום האָב איך פארשטאנען, אז דאָס רייכטום איז טאקע גיימיק, כדי צו האָבן

שיינקייט און רו און אז דאָס ליכט באַקומט זיין באַזונדערן חן ערשט דאַן, ווען עס ווערט דורכגעבראָכן דורך שפּיצן און זייד און דאָס געלט איז נייטיק, כדי צו שאַפן אַזאַ אַטמאָספער פון פרידן און רו...

דער דירעקטאָר האָט זיך אָנגעלענט אינעם רוקן פון זיין פאָטעל און מיך אויך ווייך א רוק געטון צום רוקן פון מיין רויטן פאָטעל.

— מאַך זיך באַקוועם, טעאָדאָר — האָט ער צו מיר געזאָגט — און איצט וועלן מיר זיך אַביסל דורכשמועסן. אַלזאָ, הער ראושער און דער הער רעקטאָר האָבן איינגעפּונען מ'זאָל דיר געבן אַ בעסערע געלעגנהייט און מעגלעכקייט זיך צו לערנען. כ'וויל דיך נישט פּרוּוון און עקזאַמענירן, אָבער איך זע, אַז דו האָסט גאָרנישט אַקעגן דעם. נעם נאָר אין אַכט, אַז איך בין דיין פריינט. ווילסטו? גייסטו איין אויף דעם?

— אָ, יאָ, הער פאַלק. נאָר אַלטע מענטשן קענען זיין מיינע פריינט. די יונגע ווייסן און קענען אַזוי ווייניק.

— כ'מוז אייך קודם-כל עפּיס זאָגן. איר ווייסט געוויס נישט, אַז מיר זענען זייער אָרעם. דער הער ראושער און דער הער רעקטאָר קענען אייך אַלץ נישט איבערגעבן וועגן דעם, מחמת זיי ווייסן אַליין נישט אַלץ. מיין מוטער איז אַ וועשין און איך האָב שוין אַליין אויך פאַרדינט געלט, כדי צו העלפן דער מוטער. כ'האָב אַמאָל געאַרבעט אין די נאָכמיטאָג-שעהן אַלס טרעגער. פונאַנדערגעטראָגן סחורה צו צען פעניג אַ שעה. חוץ דעם האָב איך פאַרקויפט טאַבאַק פאַרן נאַכט-אַזיל. דעם טאַבאַק האָב איך צוגעגרייט פון ציגאַרן- און פּאַפּיראָסן-אָפּפאַל, וואָס איך פלעג אויפהייבן אויף דער גאַס. און איך האָב... יאָ, איך האָב גע-בעטלט... ניין! כ'האָב נישט געקענט זאָגן: „כ'האָב געמוזט בעטלען!“ דאָס וואָלט געהייסן פאַרראַטן דעם פאָטער און אַרויסווייזן מיין שוואַכקייט. כ'האָב אויסגעבעסערט:

— כ'האָב געבעטן נדבות...

איצט האָט דער טעלער געציטערט אין מיין האַנט, דאָס לעפעלע האָט געקלאַפּט.

ער האָט זיך אַ בייג געטון צו מיר, האָט אַרויפגעלייגט זיין

האנט אויף מיין אייז-קאלטער האנט און מיך אָנגעקוקט. אָ, כּיינע שנעלע טרערן! פון וואנען האָבן זיי זיך צו מיר גענומען? זיי האָבן כ'יר ווידער אָנגעהויבן צו רינען פון די אויגן... און ער האָט זיך געהאלטן, ווי ער וואָלט געווען מיין מוטער. ער האָט מיר אָפּגעווישט די טרערן מיט זיין פאטשיילעכל. דאָס איז געווען אזוי פיין, אזעלכס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געפילט.

— רואיק, מיין ליב קינד — האָט ער געשעפּטשעט — וויין נישט. איך ווייס עס.

ער האָט ביי מיר גענומען דעם טעלער און מיר דערלאנגט דאָס גלאָז.

— טרינק — האָט ער צו מיר צערטלעך געזאָגט, — דאָס קילט אָפּ — שפּעטער וועסטו מיר אלץ דערציילן...

— אלץ? — האָב איך געשטאמלט. — יאָ?

— אלץ, מיין יינגעלע... אזוי, איז עס גוט

זיין האנט אויף מיינע האָר... ער איז מיר דעמאָלט געווען אן אמתע מוטער. אפשר איז עס געווען נאך זיסער, ווי א מוטער, ווייל ער איז געווען נישט קיין קרוב און נישט קיין גואל, נאָר גאָר א פרעמדער?

האָב איך זיך געטראכט, אז איך מוז דערקלערן, בעטן אנט-שולדיקונג, וואָס כ'האָב זיך ארויסגעכאפּט מיט א פּאָר ווערטער, וועלכע כ'וואָלט אפשר נישט געדארפט ארויסלאָזן פון מויל. כ'האָב אין יענער רגע געגוי געשפּירט, ווי העסלעך כ'בין געווען אין זיינע אויגן, נאָך העסלעכער אין דעם דאָזיקן שווייגנדיקן לאָ-קאל, און איך האָב איצט שטיל א זאָג געטון:

— כ'בין דאָך ערשט ניין יאָר אלט...

פּונקט ווי איך וואָלט דערמיט געוואָלט אלץ אויפקלערן, אלץ ענטפערן: מיין העסלעכקייט און שפּלקייט, מיין בלאסע הויט און די געפלאצטע לעדער פון מיינע צו גרויסע שיך...

ער האָט אויף מיר געקוקט. פּלוצלינג האָט ער זיך פון מיר א קער אָפּ געטון און איז צוגעגאנגען צום פענצטער.

ס'האָט לאנג געדויערט ביז ער האָט זיך צוריקגעקערט. ער

האָט זיך אַנידערגעזעצט. זיין פּנים איז געווען אַזוי ערנסט. ער האָט געזאָגט:

— אַמאָל בין איך אויך געווען אָרעם, נישט אַזוי ווי דו, מע־אַדאָר, אָבער כ'האָב אָנגעהויבן אַליין צו פאַרדינען אַלס לערן־ייִנגל, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין ייִנגל. אַלץ, וואָס דו זעסט דאָ, האָב איך אַליין זיך דערוואָרבן, נישט באַקומען בירושה און נישט איבערגענומען פון וועמען עס איז. אַלזאָ, אַלס מענטש, וואָס איז אַמאָל געווען כמעט אין אַזאַ מצב, ווי דו, פאַרשטיי איך דיך גאַנץ גוט. ס'פרייט מיך, וואָס דו האָסט צו מיר צוטרוי. הער־זשע, וואָס כ'וועל דיר זאָגן. דו זאָלסט אין אָקטאָבער צוזאַמען מיט מיין זון אַריינטרעטן אין זעקסטן קלאַס פון לעסינג־גימנאַזיע. כ'וועל פאַר דיר צאָלן די גאַנצע צייט, וואָס דו וועסט זיך דאַרפן לערנען...

דאָ האָב איך אוועקגעשטעלט מיין טעלער אויפן טיש. כ'האָב מיינע ערשטע ליאַרעס נישט אויפגעגעסן. כ'האָב אין די שפּעטער־דיקע יאָרן פיל אַזעלכע איידעלע מאכלים און דעליקאַטעסן געלאָזן שטיין נישט אָנגערירט, ווייל איך האָב דאַן געמוזט רעדן אָדער כ'האָב דאָך געהאַט עפּיס נייטיקס צו דערליידיקן. כ'האָב אונטערגעבראָכן מיין דערוואַקסענעם פריינט:

— כ'מוז אייך עפּיס זאָגן. ניין! כ'מוז אייך טאַקע זאָגן: נ יי ן. איך וויל גאָרנישט און פאַרלאַנג גאָרנישט. כ'האָב נאָך געוואָלט ביז היינט פאַרמיטאָג...

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט העכסט פאַרוואונדערטע אויגן. פונקט ווי איך וואָלט זיך פאַר זיין בליק דערשראָקן און פאַרשוויגן געוואָרן, האָט ער געמורמלט:

— ווייטער. רעד ווייטער. האָב מוט.

— אַך, כ'קען דאָך אָבער דאָס נישט זאָגן. ס'איז צו שווער. כ'ווייס אפילו נישט, צוליב וואָס, אייגנטלעך, ס'איז אַזוי שווער. אָבער כ'וועל אייך דערציילן:

— דאַן, ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אָננעמען אייער פאָרשלאַג בין איך געקומען אַהיים און זיך געפרייט. דאַן איז אינדערהיים געווען מיין מוטער, העני און מאַרק — דאָס זענען

מיין שוועסטער און ברודער — אלע האָבן מיך אזוי מאָדנע אָנגעקוקט, אז איך האָב זיך דערשראָקן. כ'האָב געמיינט, אז זיי זענען פלוצלינג געוואָרן גאָר אנדערע מענטשן, אזוי האָבן זיי זיך געענדערט. זיי האָבן אויסגעזען און אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן מיך אויפגעהערט ליב צו האָבן. אויך די מוטער — זי האָט זיך אויך אינגאנצן אין זעלבן זין געענדערט, דערווייסנדיק, וואָס מיר שטייט פאָר. — יאָ, אזוי האָט מען געשמועסט אויף דער גאס, אלזאָ, איך האָב בלויז געוואוסט: ניין, עס גייט נישט. כ'מוז דאָ בלייבן אינדערהיים. כ'דארף נישט אוועקגיין און לערנען דאָס, וואָס מיין ברודער און שוועסטער וויסן און קענען נישט און וואו עס איז לעבן, וואוהין זיי האָבן נישט קיין דריסת-הרגל. אך, כ'קען עס אפילו נישט דערקלערן, כ'בין צו דום. כ'וויל אָבער דאָך נישט. אָ, איך דאנק אייך זייער פאר אייער איידעלן פארלאנג און פיינע כוונות, וואָס איר האָט בנוגע מיר געהאט. פארשטייט איר מיך, איך ווייס, אז אלץ וואָס איר ווילט, וואָלט איך געלערנט גאנץ שנעל און וואָלט אזוי גערן געלערנט, אָ, אזוי שרעקלעך גערן וואָלט איך געלערנט! אָבער איך וויל נישט...

דאָס איז געווען אפשר די לענגסטע רעדע, וועלכע איך האָב ווען ס'איז אין מיין לעבן געהאלטן. און מיינט איר, אז כ'האָב זי שוין געהאט געענדיקט? כ'האָב געזען דעם דירעקטאָרס פנים, אזוי ערנסט, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט. ס'איז נישט געווען טרויעריק, טרויעריקע פנימער האָב איך דווקא יאָ גוט געקענט. ניין, ס'איז געווען נאָך מער, ווי טרויעריק. טרויעריקייט איז מיר שטענדיק געווען גאָנץ. דאָס איז געווען דאָס סאמע ערנסטע פנים. מאנכעסמאָל איז רודאָלף ראושער מיר אזוי פאָרגעקומען. אין א טרויעריק פנים ליגט געפיל, אין א ערנסטן — געדאנק. און אריינקוקן אין געדאנקען איז זייער שווער און מוראדיק. כ'האָב געזען: ה ע ר פ א ל ק ק ל ע ר ט... כ'האָב אים געזען דענקען איבער מיר. אָ, ווען כ'וואָלט אים עס געקענט דערקלערן!

— כ'ווייס אפילו נישט, — האָב איך געשטאמלט — כ'וויל טאקע אזוי שטארק אלץ צו לערנען, אָבער איך דארף עס באמת נישט. אָבער איך מוז בלייבן אינדערהיים. פארשטייט איר מיך,

ווען כ'וואָלט אפילו נישט געהאַט קיין מוטער און אויך נישט דאָס ברודערל און שוועסטערל, — וואָלט איך עס אפילו דעמאָלט אויך נישט נעדאַרפט טון. כ'קען עס נישט דערקלערן. ווען איר... ווען איר...

כ'האָב פאַרצווייפלט געזוכט ווערטער, ווי אַזוי זיך אויסצו־דריקן. אָבער וואָס האָב איך דען געוואָלט אויסדריקן? האָב איך דען פאַרשטאַנען, וואָס אין מיר איז פאָרגעקומען? וואָס מיך האָט צע־ריסן און געצוואונגען?

— קינד מיינס — האָט דער ערנסטער מאַן געזאָגט — שווייג שוין. ביסטו דען נישט מער ווי ניין יאָר אַלט?

ער האָט אַריינגעלייגט זיין קאָפּ אין זיינע הענט און זיך ווי־טער פאַרטראַכט.

און איצט האָב איך עפּיס געהערט. מוזיק פון אַן אַנדער צי־מער. א פּאָר טענער...

ער האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווידער אויף מיר געקוקט.

— מענטשהייט, מענטשהייט, — האָט ער געמורמלט — אָ, דער מענטש! אָ, די מענטשלעכע אָרדענונג!

ער האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, טעאָדאָר, איך פאַרשטיי דיך: זעסטו, איך וויל דיר נישט מער צורעדן און דיר צוזאָגן הרים וגבעות. כ'גלייב, אַז דו האָסט רעכט. דו האָסט אָנגענומען א ריכטיקן באַשלוס, טעאָדאָר. ווי רופט דיך דיין מוטער, יינגעלע?

— טעדי, רופט זי מיך.

— הער־זשע אויס, טעדי, כ'וויל דיך אָבער וועגן איין זאַך בעטן. ווילסטו מאַנכעמאָל צו אונז קומען? דו זעסט דאָך, מיין סטעפאַן איז אויך א וואויל יינגל. דו קענסט אַריינקוקן אין זיינע ביכער און מיט אים זיך שפּילן. און דו וועסט מיר דערלויבן, ווייל איך בין דאָך דיין פריינט, אַז איך זאָל דיר העלפן, ווען דו וועסט זיך נייטיקן אין הילף, יאָ? דו קענסט איצט אַלץ און דאַרפסט אויף דעם נישט האָבן קיין חרטה. אָבער פון איצט אָן זאָלסטו מער זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין טרעגעריי צו צען פעניק א שעה, און

נישט האנדלען מיט קיין טאבאק און אז. וו. דענק, אַז דיין מומע, דאן וועסטו מיר דערלויבן, איך זאָל דיר קומען צו הילף.

כ'האָב מיט ציטערנדיקע ליפּן געזאָגט:

— אָבער נישט צו פיל...

איצט, איצט שעם איך זיך. געמען ביי יענעם, נישט פארדינענדיק... דאָס איז דאָך אייגנטלעך דאָס זעלבע, וואָס בעטלען, נישט אויסשטרעקנדיק די האנט... גאָט אין הימל איז אן עדות, אז איך וואָלט בעסער און גערנער ארומגעטראָגן און פארקויפט צייטונגען אויף די גאסן, פּאפּיראָסן-אָפּפאל געזוכט און דעם טאבאק פארקויפט ביים נאכטאזיל, איידער צו באקומען הילף אפילו פון אזא איידלען מאן, ווי פאלק...

איצט האָב איך אראָפּגעלאָזט די אויגן.

כ'גלייב, אז אויך די דאָזיקע געדאנקען מיינע האָט דער דירעקטאָר פאלק פארשטאנען.

— קום — האָט ער צו מיר א זאָג געטון, — אויפהייבנדיק זיך פון זיין אָרט און ארויפלייגנדיק זיין אָרעם ארום מיר. ער האָט מיר שנעל אריינגעשטעקט אין מויל א שטיקל קוכן.

— מיין פרוי וויל דיך אויך קענען — האָט ער צו מיר ווייטער געזאָגט — כ'וועל דיר ווייזן איר שטוב, ווען דו וועסט נאָכאמאָל אהער קומען. סטעפאן וועט דיר דערמאָלט ווייזן די שטאלן און די פאבריק. מיר פּראָדוצירן פאפיר. דארפסט א קוק טון, ווי וואונדערבאר דאָס קומט ארויס.

ער האָט געעפנט די טיר און מיך ארויסגעלאָזט. דאָ בין איך אריין אין גרין דעמערנדן צימער. כ'האָב אריינגעקוקט אין שכנות-דיקן לאָקאל. דאָרט איז געשטאנען א ווייס מיידל ביי דער פּיאנע און אויסגעקלאפּט טענער אויף די קלאווישן. זי האָט גערעדט מיט אן אָפיציר, וועלכער איז געווען זייער א הויכער און האָט זיך, רעדנדיק, געמוזט צו איר איינבייגן. אָבער זי האָט אויך געהאלטן דעם קאָפּ אביסל איינגעבויגן און געקוקט אויף די קלאווישן.

אינעם גלעזערנעם הויז — פון סטעפאנען האָב איך זיך דערוואוסט, אז דאָס הייסט ווינטערגאָרטן — איז געשטאנען די אנדערע ווייסע פרוי. זי האָט אויף אונז געווארט, לאכנדיק, און מיט

אויסגעצויגןביידע הענט אנטקעגן. זי האָט אָבער נישט ארויסגע־רעדט קיין וואָרט און איבערהויפּט האָב איך זי זעלטן געהערט רעדן.

—דאָס איז ער, נינא, — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט — כ'בין מיט אים צופרידן, אָבער מיר זענען גאָר אנדערש דורכגע־קומען און אנדערש אָפּגעמאַכט דאָס עסק. כ'וועל דיר שוין שפּע־טער דערציילן. זייַ גאָך אביסל, טעדי. ער הייסט טעדי, נינא.

כ'האָב געקוקט דער פרוי אין בלאַסן פּנים אריין. זי האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין אזוי יונג, זי איז אָבער געווען עלטער פאר מיין מוטער. אזוי — ענגדע דרייסיקער. כ'האָב דאן נאָכנישט גע־וואוסט, אז זי האָט שוין א זון פון א יאָר זיבעצן, וועלכער לערנט זיך אין אן ענגלישער שול. זי איז געווען שטארק בלאַס, דאָס איז געווען א בלאַסקייט, וועלכע איך האָב נאָכנישט געקענט. די בלאַס־קייט פון דרום. זי האָט געשטאמט פון א דאלמאטינישער פאמיליע. כ'פלעג זי שטענדיק זען זיצן אין ווינטערגאָרטן. זי איז פון דאָרטן כמעט נישט ארויסגעגאנגען. זי האָט פיינט געהאט די שטאָט, איר פּנים פלעגט זיך רויטלען ווען זי פלעגט זאָגן:

— ניין, ס'ווילט זיך מיר נישט ארויספאָרן אויף א שפּאציר, כ'וויל נישט אָנקוקן די שטאָט. זי איז מיר דערווידער.

איר שוועסטער, וועלכע האָט ביי איר געוואוינט, דיאנא פּיאָרי, פלעגט יעדער טאָג ארויספאָרן אין דירעקטאָרס פאעטאָן אין שטאָט אריין, וואָס פאר א וועטער ס'זאָל נישט זיין, ס'רוב אין וועסטן. זי, דיאנא, האָט שרעקלעך פיינט געהאט דעם גאָרדן, די דאָזיקע פּראָלעטארישע געגנט, די מענטשן פון דאָרט, די לופט.

דיאנא... קוים האָבן מיר זיך אנידערגעזעצט, איז זי אריינגע־קומען. דער הויכער אָפיציר איז שוין אוועקגעגאנגען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר און ווען איך האָב, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, זי אָנגעקוקט, בין איך ממש געוואָרן פארצווייפעלט. דיאנא איז געווען די ערשטע פרוי, אין וועלכער איך האָב דערפילט: א פרוי...

זי איז געווען אינגאנצן אין ווייס. זי האָט געטראָגן א ווייסע שנור פּערל ארום האלז און ארום דעם האנטלענק א ווייס־זיידע־

גע באַנד, געבונדן אין לאַנגע שלייפן. דאָס דאָזיקע גאַרישע באַנד — דיאַגאַ איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט און זיך געהאַלטן אין איין אַרומדרייען זיך — האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט. ס׳האָט אַרומגעפלאַטערט אַרום איר אַזאַ געשפּענשטיק. זי איז געווען בלאַס, ווי איר שוועסטער, אויסגעזען האָט זי גאָרנישט אַזוי יונג, ווי זי איז דעמאָלט באמת אַלט געווען: ניינצן יאָר... איר האָט געדאַרפט זען, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער חן ס׳איז געווען אויסגעגאָסן איבער איר שיין פּנימל, ווי לעבעדיק אירע מויל-ווינקלעך זענען געווען און ווי אירע דורכזיכטיקע נאָז-לעכער האָבן אונטערגעשפּרונגען... איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי דאָס האָט אויף מיר געווירקט און ווי שטאַרק דאָס האָט מיך פאַרכישופט.

זי האָט ניט זשענירט און שפּאָטיש אויף מיר געקוקט.

— נו, וואָס האָט איר דאָ פאַר אַ צפון-בלימל געפלאַנצט. איז עס דאָס קרייטעכצל, פון וועלכן מיר האָבן גערעדט?

זי האָט ניט זשענירט און שפּאָטיש אויף מיר געקוקט.

כ׳האָב דעמאָלט, שעמענדיק זיך, ווי אַ גנב, געטראַכט וועגן מיינע געפלאַצטע שיך, וועגן די צו קורצע אַרבל פון מיין מאַרינאַרקע, וועגן דעם העמד מיט די לאַטעס. ביי די באַגעגענישן מיט אַנדערע פרויען וואָלט מיר גאָרנישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טון וועגן די חסרונות פון מיין „טואַלעט". כ׳האָב זיך דערשראָקן פאַר איר שטים, וועלכע איז פאַר איר געווען אַ צו העלע און שאַרפע. אַזאַ שטים האָט גאָר פאַר איר ניט געפּאַסט.

— זעט-נאָר, זעט — האָט זי ווייטער געזאָגט און איז צו מיר פאַמעלעך צוגעגאַנגען נענטער — ס׳אַרא אויגן ער האָט.

זי האָט מיט די שפּיצן-פינגער אַ הייב אויף געטון מיין גאָמבע, אָבער דאָ האָב איך אַראָפּגעלאָזט מיין בליק. זי האָט מיר ניט געגעבן די האַנט. לאַנגזאַם האָט זי צוריקגעצויגן די פינגער. אַ שווידער איז איבער מיר אַריבער, ווען זי האָט מיר געגלעט די הויט. כ׳האָב זיך געשעמט, פּונקט, ווי איך וואָלט געווען נאַקעט.

— זעצ-זיך — האָט זי געזאָגט, ווי מ׳זאָגט עס צו די שילער אין דער שולע.

כ׳בין געבליבן שטיין.

דער דירעקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז ארויסגעגאנגען. פריילין דיאנא האָט אויף אים אפילו קיין קוק נישט געטון. נאָר זיין פרוי האָט אים נאָכגעקוקט.

— זעץ זיך — האָט זי איבערגעחזרט.

דאן האָב איך זיך אָפּגערופן:

— כ׳מוז איצט אַוועקגיין.

צום ערשטן מאָל האָט זיך אָפּגערופן די פרוי נינא

— דאָס, טעדי, איז מיין שוועסטער. דיאנא.

— ווייסטו, ייִנגעלע, ווער דאָס איז דיאנא?

כ׳האָב קוים געהערט, וואָס זי האָט גערעדט.

נינאס טיפע, שטילע שטים איז געווען אזא זיסע

— דיאנא... — האָט דאָס פריילין ווייטער געזאָגט — נאַטירלעך, פון וואנען זאָלסטו וויסן? אין אייער שול לערנט מען נישט וועגן שיינקייט. דאָס איז א געטין, די איינציקע יונגפרוילעכע געטין, ייִנגעלע.

— די — האָט זיך נינא אָפּגערופן.

— מיר זענען נאטירלעך שטיפשוועסטער — האָט דאָס פריילין דיאנא מיטגעטיילט.

נינא האָט פיין געלאכט.

— יאָ, זאָג אים נאָר, אז איך בין געווען צוויי מאָל עלטער פאר דיר. און מיט א מאָן פון א צאַרטן פּאָרוואורף, ווענדנדיק זיך ווייטער צו דער שוועסטער:

— אָ, די, אפילו פאר א קינד!

און זי האָט זי ארומגענומען מיט א ליבעפולן בליק.

יאָ, דיאנא האָט געוואָלט ווירקן. אויף יעדן. מאכן אן איינדרוק. מעג עס זיין א קינד, א לייטענאנט, קוטשער, אָדער קעלנער — אליץ איינס. איר האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו ארן, וואָס איר שפּאָס פארשאפט אנדערע יסורים. זי האָט געוואוסט: איר צוויבערע איז געווען שטארקער פון אליץ, אזוי, אז ס׳האָט שוין געלויגנט אביסל צו ליידן... פארוואָס האָט איר צוויבער מיר ווי געטון? אינעם מאָן, מיט וועלכן זי האָט מיט מיר גערעדט, איז געווען כמעט פאראכטונג.

— דאָ בײַ אונז איז גאַנץ גוט, ס'וואָר? — האָט זי מיך אַ פֿרעג געטאָן.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַקעגן מיר און באַרירט מיטן שפּיץ פֿון איר ווײַס שיכל מײַן קני. זי האָט אַרומגעבונדן מיט אַ באַנד אירע האָר, וועלכע האָבן זיך איבער איר שטערן געטיילט אין צוויי שווערע כוואַליעס. די שלײף אויף איר האַנטגעלענק האָט געפֿלאַטערט. כ'האָב נישט געוווּסט, אויף וואָסער וועלט איך בין...

— כ'מוז גײן — האָב איך איבערגעחזרט.

ס'איז מיטאַמאָל כמעט טונקל געוואָרן. ס'האָט זיך אַהער דערטראָגן אַ שאַרפֿער ריח פֿון נאַסער ערד. גרויסע אַסטער-בלומען האָבן אַרויסגעלאָזט פֿון זיך אַ שטרענגן מחיהדיקן ריח. און פֿון דיאַנען האָט זיך אויך געטראָגן אַזאַ זיכער דופֿט.

— אַלזאָ, אַדיע, — האָט זי זיך אָפּגערופֿן — וועסטו טרעפֿן דעם וועג, ווי אַזוי פֿון דאַנען אַרויסצוגײן? דאָ לאָזט זיך עס גוט אײַנגוואַורצלען, וואָס? אָבער, וואָס פֿאַר אַ לופֿט דו האָסט מיט זיך געבראַכט, ייִנגעלע!

— אָ, די! — האָט נינאַ געפּליסטערט און מיך, אַ באַטויבטן, אַ נעם געטאָן פֿאַר דער האַנט.

ווי נישט געשיקט בין איך עס מיטאַמאָל געוואָרן, ווי אומגע-לומפּערט — אַן אמתער גולם! און נאָר דערפֿאַר, וואָס דיאַנאַ האָט מיך אַלס אַזעלכן באַטראַכט און פֿאַר אַזעלכן געהאַלטן!

זי האָט מיר דאָס מאָל אויך נישט געגעבן די האַנט. זי האָט נאָר געקוקט אויף מיר, מיר נאָכגעקוקט, כ'האָב עס געשפּירט, זי האָט כלומרשט מאָדעלירט מיט איר האַרטן בליק פֿון די טונקעלע, ווייכע אויגן מײַן גאַנץ נישטיק גופֿעלע. כ'בין געגאַנגען, ווי גע-שמידט אין קייטן, כ'האָב זיך געפֿילט אַזוי דערשלאָגן, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט, פֿאַרלוירן, אַנטווירדיקט. און איר שוועס-טער האָט אַזוי גוט געהאַלטן מײַן האַנט. אפֿשר האָט זי עפּיס דאָן געלייענט אויף מײַן פּנים און מײַנע אויגן?

אין קאָרידאָר איז געשטאַנען דער דירעקטאָר, ווי ער וואָלט אויף מיר געוואַרט. כ'האָב באַמערקט, אַז ער האָט זיך עפּיס פֿאַר די עטלעכע מינוט געענדערט פֿון דער רגע אָן, ווען פֿרײַלײַן דיאַנאַ

איז אריין אין איר ווייגאַרטן און איר העלע שפּאַטישע שטימע האָט דאָרט אָנגעהויבן צו קלינגען. כ׳בין אָבער געווען אַזוי איבער־ראשט און ס׳האַרץ האָט מיר אַזוי געקלעמט, אַז כ׳האָב נישט געוואוסט, אויף וואָסער וועלט איך בין. פרוי ניגא האָט מער גאָרנישט געזאָגט, אָבער איר מאַן האָט געדערט פון אַלץ. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך מוז צו אים שיקן די מוטער און טאַטע באַלד. אין די שטובן איז דאָ געווען אַזוי טונקל און די לופט — שווער.

און באַלד ווי איך האָב נאָך געעפנט די טיר, בין איך געבליבן דערשטוינט: אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיק, ס׳איז נאָך געווען טאָג. די זון, וואָס האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין, האָט געפאַרבט די וואָלקן פון אַנטקעגן איבער דעם הומבאַלד־וואַלד אין ראָזיקע קאָלירן. כ׳האָב איצט ערשט באַמערקט, ווי שיין אין פאַלקס הויז איז בעת אונטערגיין פון דער זון; אין וואָסערע פּרעכטיקע קאָלירן עס טונקען זיך די טורעמס, קופּאָלן, דעכער און ביימער. אָבער אונטן אין טאָל, וואו ס׳האָבן זיך געצויגן די שינעס פון דער אייזנבאַן, האָט געדעמפּט, זיך געראַויכערט און געראַוישט... בעת דער דירעקטאָר האָט נאָך מיין אַרויסגיין פאַרשלאָסן די טיר, האָב איך נאָך איין מאָל געהערט דיאַנעס לויטערע שטים.

— פאָרט שוין אַרויס דער וואָגן?

און תוך כדי דיבור איז דער פאַעטאָן אַרויסגעפאָרן פון הויף אויף דער גאַס אַרויס. אַ גלענצנדער וואָגן איז דאָס געווען מיט גרינע ווייכע זיץ־ערטער מיט צוויי גראָע ראַסן־פערד. אויף דעם פאָדערשטן זיץ־אָרט איז געלעגן אַ בוקעט רויזן. כ׳האָב דערנאָך געהערט, אַז דער דירעקטאָר פּלעגט לאָזן ליגן אין פאַעטאָן פאַר זיין יינגער שוועגערין אַ בוקעט רויזן און כ׳האָב אויך ווייטער געהערט, — שפּעטער — אַז זי פּלעגט קיינמאָל נישט מיטברענגען צוריק פון איר שפּאַציר אַהיים די רויזן. די קינדער, וואָס פּלעגן זי מאַנכעמאָל באַגלייטן, האָבן דערציילט, אַז זי פּלעגט בעתן פאָרן, שטום און פאַרביטערט צערייסן און צעפּליקן די ראָזיקע בוי־מען רויזן און זיי אַרויסוואַרפן אויפן ברוק.

כ׳האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים דורך דער בין־השמשות

פונקלקיים, וועלכע איז אויך ביי אונז, אין די גאסן, וואו די אביונים וואוינען, געווען זים און מעלאַדיש. כ׳בין איצט געקומען פון אן אנדערער וועלט, כ׳האָב אָבער וועגן איר נישט געטראכט. זי איז איינגאנצן פארטושט געוואָרן און זיך אוועקגערוקט גאָר אויפן לעצטן פּלאַן — פאר דער ערשטער פרוי, וועלכע איך האָב דאָרט געזען...

כ׳בין געגאנגען פאמעלעך דורכן וואלד. ער איז מיר פאָרגעקומען אזוי איינזאם און כ׳האָב די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט ארומ־געדרייט, ווי גאָר נישט באמערקט. ער איז געווען פריש באגאָסן און באשפריצט.פון די קוסטעס האָט געטריפט און פונעם גראָז האָט זיך געטראָגן א פרישער מחיהדיקער ריח. ס׳האָט געשמעקט מיט קיל וואסער און ערד. כ׳האָב מיט יעדן אָטעמצוג געטרונקען און אין זיך אריינגעצויגן די פרישע לופט.

אויפן הארצן איז מיר געווען אזוי זים, אז ס׳האָט מיר אזש אָנגעהויבן ווייצו טון... די פאראכטונג, דער בימול, וואָס דיאנא האָט ארויסגעוויזן צו מיר, האָט מיך געקרענקט ביז גאָר. נאָר דער שמערץ, וואָס האָט מיך דאמאָלט געקלעמט דאָס הארץ, איז געווען עפּיס אזא מחיהדיקער, אזא זיסער... די שפּיצן פון אירע שיכלעך אויף מיין קני... אך, ווען דאָס וואָלט פאָרגעקומען נאָך א מאָל?... כ׳האָב איינגאנצן געברענט אין א מאָדנעם געפיל... איר בליק, מיט וועלכן זי האָט מיך אזוי באצויבערט... אָ, אירע פארשכורנדע לענדן און קנעכלעך, די צימערנדיקע פּלייצעס!...

כ׳בין אלט געווען ניין יאָר...

בלויז איין האלבע שעה בין איך געוועזן אין דער פרעמדער וועלט...

קיינמאָל וואָלט איך נישט געבליבן אין אזא וועלט, וואו די געטין דיאנא האָט ארומגעוואנדלט. אָ, מיך האָט ארומגענומען א גרויל פאר דער דאָזיקער גאָטהייט! דאָס איז געווען מיין ערשטע אנגסט און ס׳איז געווען א קערפּערלעכע אנגסט, יאָ, כ׳האָב זי שרעקלעך געשפּירט אין מיין בלוט און פלייש! נישט מיין הארץ און נשמה זענען געווען געפּייניקט און צערים. — אין מיין גע־ביין האָט געציטערט אן אומדערטרעגלעכע אימה, וועלכע איז מיר ביז דאן געווען לחלוטין פרעמד...

האלב אכט האָב איך פאַרלאָזן דעם דירעקטאָרס הויז און
גיין אזייגער בין איך געקומען אהיים.

כ׳בין אריין אין קיך, די מיר צו די טרעפ איז געווען אָפן, די
מוטער האָט געוואָלט הערן און וויסן, מיט וואָס איך בין פון דאָרט
געקומען. זי איז מיר אָבער, טראָץ דעם, נישט ארויסגעקומען
אנטקעגן. זי איז געזעסן ביי א ליכט אין שטוב אויפן בעט. און אין
קיך איז געשטאנען די לאָמפ, מיר זאָל נישט זיין פינצטער.

העני און מארק זענען נאָך נישט געשלאָפן. זיי האָבן אויף מיר
אויסגעקוקט. און אָט די ביידע קינדער, אזוי טיף נאָך אין אומבאַ-
וואוסטזיין, קוים זיי האָבן מיך נאָר דערזען, — האָבן זיי ווי
אויפגעלעבט. כ׳בין צו זיי צוגעלאָפן, און העני האָט מיך ארומגענו-
מען אין אלטער ליבע, אין אלטערליידנשאפט, ווי צווישן אונז
וואָלט קיין שום „אָפקילונג" נישט פאָרגעקומען.

— טעדי — האָט זי געשעפטשעט — דו גייסט נישט אוועק
פון אונז, ס׳וואָר?

— ניין, העני, איך בלייב. זייט רואיק. שלאָף שוין. א גוטע
נאכט, מארק. מאָרגן וועל איך אייך פאָרשטעלן בלויז נייעס,
א לייטענאנט און א דאמע. און איך האָב געזען א גלעזערנעם הויז.

— אָ, אָ! מארק, דו הערסט? א גלעזערנעם הויז...

העני איז געווען ווי א ביימעלע, וואָס האלט אין מיטן בליען,
ליבלעך ווי בלימלעך פון אן עפלבוים, ווער ס׳זאָל זי נישט האָבן
באגעגנט אויף דער גאס, איז , איבערראשט פון איר שיינקייט,
געבליבן שטיין און געשמייכלט צו איר. די מוטער האָט שטענדיק
מורא געהאט, מ׳זאָל זי, חלילה, נישט אוועקגנבענען און ערגעץ
אוועקפירן.

די מוטער האָט געוואָרט, איך זאָל צו איר אריינקומען און
איר אלץ דערציילן. כ׳בין צו איר צוגעגאנגען און פאר איר אליין
האָב איך אויסגעגאָסן מיין הארץ. פאר איר האָב איך געקענט פאלן
אויף די קני און איר אלץ דערציילן, פאר איר האָב איך נישט געהאט
קיין סודות און איך בין טאקע פאר איר געפאלן אויף די קני, זי
ארומגענומען. זי האָט איינגעגראָבן מיין קאָפ אין איר שויס,
זי האָט זיך אויסגעפוצט — געווען אָנגעטון אין איר אלטן בלאָ-

ען מיידלישן קלייד מיטן זיסן ריח, וואָס האָט זיך פון קלייד קיינמאָל נישט אויסגעוועפּט. זי האָט זיך אויסגעפּוצט פאר איר זון, וועלכער זאָל זיך צוריקקערן אהין, פון וואנען זי איז ארויסגעשטויסן געוואָרן. אָ, א קלאָג צו מיינע יאָרן, איך האָב דאָך טאקע באמת געהאט בדעה דאָס צו טון!...

— מוטער! — האָב וויינענדיק אָנגעהויבן און זי אָנגעקוקט. געקוקט אויף דאָס דאָזיקע טרויעריקע געזיכט, וואָס כ'האָב אזוי געליבט, וועלכעס פלעגט זיך שטענדיק פארקלערן, ווען איך פלעג זיך שפּיגלען אין זיינע אויגן. — גיין! גיין! כ'האָב אים געזאָגט ניין! כ'וויל נישט! מוחל! כ'וויל בלייבן ביי דיר! דו זאָלסט מיך נישט לאָזן גיין אהין. דו טאָרסט בשום אופן נישט מסכים זיין אויף דעם! לאָז מיך דאָ, ביי דיר, כ'בין דאָך דיין קינד...

— שטיל, שטיל, — האָט זי זיך ציטערנדיק אָפּגערופן, — כ'קען עס נישט הערן. מיין הארץ, טעדי. עס שפּרינגט ממש אין מיין ברוסט. דו ווילסט נישט... אָ, דו צעשטערסט דאָך דיין לעבן, מאכסט א תל פון דיין צוקונפט. זע נאָר — האָט זי פּאטעטיש אויסגעשריגן — נעכטן האָסטו געזען מיינע אויגן באגאָסן מיט טרערן, היינט וויין איך אויך.

און אירע טרערן זענען געפאלן אויף מיין געזיכט.

— מיין טייערער — האָט זי ווייטער פאר מיר אויסגעגאָסן איר הארץ, — איך וויין איבער דיר. בין איך טרויעריק? וואָס האָסטו געטון? רעכט פאר מיינעטוועגן און אומרעכט פאר דיינעטוועגן? איך ראט עס נישט. אָ, גאָט! מיר זענען אזוי עלנט. כ'ווייס נישט... האָט דיין הארץ זיך צוגעהערט צו גאָט? זאָל איך וויינען און קלאָגן?...

כ'האָב געלאכט און גלייכצייטיק געוויינט. דאָס איז געווען איינע פון אונזערע הייליקסטע שעהן. כ'האָב פארגעסן, אז איך האָב אין אָט דער שעה אָנגעהויבן א לעבן ווייט פון מיין מוטער, א לעבן, געווידמעט דער געטין דיאנא, דער איינציק ייִנגפרויעלעכער דיאנא. כ'האָב פארגעסן, אז מיטן דאָזיקן אומענדלעכן סוד האָב איך געמאכט דעם ערשטן שריט אין אונזער איינזאם זיין.

מיין מוטער — זי איז דאָ געזעסן פאַר מיר און די וועלט איז אין איר געווען איינגעשלאָסן...

זי האָט זיך באַרואיקט, מיך צוגעטוליעט צו איר ברוסט. אירע האַרטע דאַרע הענט האָבן מיך אַזוי זיס און מחיהדיק גע־צערטלט, געגלעט און אירע טרערן, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף מיינע ליפּן, זענען פאַר מיר געווען טראָפּן פון הימל.

זי האָט לייכט א הייב אויף געטון מיין פּנים:

— ווי שיין דו ביסט, מיין טייערער, — האָט זי מיט א זיס שמייכעלע געזאָגט — ס'אַר וואויל יינגל דו ביסט, מיין טרייסט, מיין נחמה, מיין שוואַרצאַפּל פון אויג! כ'האָב צו ווייניק געליטן, כדי דיך צו פאַרדינען. אַזא יינגעלע צו האָבן איז כדאי צו ליידן נאָך פיל מאָל מער. צוויי מוטערס ביסטו ווערט, מיין טייערער, און ווי שטאָלץ איך בין אויף דעם, וואָס איך בין דיין מוטער. געלויבט און געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס לעבט אייביק, וואָס ער האָט מיר געגעבן אַזא וואויל יינגעלע. געלויבט און געבענטשט זאָל ער זיין, אָמן. אָ—מ—ן.

ס'איז געשען א גליק...

דאָס לעבן איז אויפגעגאַנגען, ווי ס'גייט אויף די זון...

כ'דערמאָן מיך, ווי די מוטער איז אין אָוונט געקומען אַהיים. זי איז געווען ביי רודאָלף ראַושער און ביים דירעקטאָר פאַלק. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און געלאַכט. ווען האָב איך זי — אַמאָל אין א שמחה — געזען לאַכן?

און זי האָט אָנגעהויבן:

— א, וואָסערע שיינע מענטשן! ס'אַרא פיינע מענטשן דאָס זענען!

זי האָט געמיינט: וואָס פאַר א גוטע הערצער זיי האָבן, אין וועלכע זי האָט אַריינגעקוקט.

ווען כ'בין געקומען אין שולע, האָט מיר נישט דער לערער און נישט דער רעקטאָר גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן נאָך דעם זעלבן אָוונט זיך דערוואוסט פון הערן פאַלק, אַז איך וויל נישט אָננעמען פאַלקס טובות, וואָס ער וויל מיר טון. ווען רודאָלף ראַושער האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגערופן אין קלאַס, איז זיין שטים געווען

אויסגעגעווײנלעד ווארעם. ווען ער איז פארבײגעגאנגען פאר דער באנק, אויף וועלכער איך זיץ, האָט ער אויף א רגע ארויפגעלײגט זײן האנט אויף מײן פלײצע און זי א דרוק געטון. ס'האָט מיר א זיסן קלעם געטון בײם הארצן. כ'האָב אים פארשטאנען. פארשטאנען, וואָס ער מײנט, און דער רעקטאָר, ווען ער האָט באַגעגנט מיך אויף די טרעפ אין הויף, האָט פאר מיר א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און מיר געגעבן א פרײנטלעכן לײכטן קלאפּ איבער דער פלײצע. דאָס האָט מיר געזאָגט אלץ. כ'האָב גוט פארשטאנען, וואָס זײ טראכטן וועגן מיר און וואָס זײ וואָלטן מיר געוואָלט זאָגן.

כ'פלעג פון צײט צו צײט גײן אין דער ווילע פון דער האכשטראסע. כ'פלעג זיצן בײ סטעפאנען אין צימער און לערנען מיט אים לאטײן. כ'פלעג זיצן אײנגעבויגן איבער זײנע הומאניסטישע לערן-ביכער און געטרונקען פון זײ וויסן.

כ'האָב געלעכצט נאָך אלערלײ וויסנשאפטס-בראנזשען. כ'האָב אויך געארבעט מיט ליליאן און די גואווערנאנטקע האָט מיך ליב געהאט. בײ דער מוטער האָב איך זיך נאָך לאנג פאר דעם אויסגעלערנט לײענען פראנצויז און ענגליש און דאָס פרײלין-גואווערנאנטין פלעגט מיט אונז רעדן א שעה פראנצויזיש. כ'פלעג אָן אירע ליפּן אָנהענגען מײנע אויערן, וועלכע האָבן אײנגעזויגן און אײנגעזאפּט דעם וואונדערבארן קלאנג פון דער שפּראך. „אונזער געניוש" — האָט זי מיך גערופן... קײנער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, וואָס פארע הויכע געפילן ס'האָבן דאמאָלט געשוואָלן געמאכט מײן הארץ. כ'בין דעמאָלט געווען כמעט האָכמוטיק.

דער דירעקטאָר האָט מיך אמאָל ווידער ארײנגערופן אין זײן שטילן צימער ארײן. און ער האָט מיך נאָך אמאָל געפרעגט:

— טעדי, אפשר וועלן מיר נאָך אמאָל באטראכטן דעם ענין, וואָס מיט דיר צו טון? דו לערנסט זיך אזוי גוט, דו פאסט אויף אזוי לײכט. איז עס דען נישט א שאָד, וואָס דײנע גלענצנדע פעיקײטן גײען לאיבוד?

כ'בין געגן אים געזעסן גאנץ פרײ. כ'האָב אויף אים געקוקט גאנץ מונטער און פרײלעך.

— אָ, ניין, — האָב איך זיך אָפּגערופן — ס'איז נישט קיין שאָד. כ'פאַרלאַנג פאַר מיר גאָרנישט. כ'בין נאָך אַזוי ווי פריער נאַריש און קען אייך נישט דערקלערן, פון וואַנען דאָס גענעמט זיך. מ'האָט אַריינגעקלאַפּט אין טיר. ס'איז אַריינגעקומען פּריי־לין דיאַנאַ מיט בריוו.

— אַ, דאָ געפינט זיך דער געניוש — האָט זי געזאָגט מיט איר געוויינלעכן שפּאָטישן טאָן — און איך האָב גאָרנישט געוואוסט.

און בעת זי האָט מיך אָנגעקוקט, דאָס מאָל שוין נישט לאַכנדיק, — האָט זי זוענדנדיק זיך צום הערן פאַלק פאָרטגע־זעצט:

— כ'האָב ביים בריוולטרעגער אָפּגענומען די בריוו. ביטע.

זי האָט אים דערלאַנגט די בריוו, נישט אַ קוק טוענדיק אפילו אויף די קאָפּערטעס. און איך האָב זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי לאַנגזאַם אָפּגענומען פון איר די בריוו. ער האָט געקוקט אויף זיין יינגע שוועגערין. ער איז געווען ברוינלעך־בלאַס, און איך האָב באַמערקט, אַז זיינע אויגן זענען געווען העלער פאַר זיין הויט. דאָס האָט אים געגעבן אַזאַ זעלטן יונגטלעכן אויסזען. ער האָט אָנגעקוקט דיאַנען אַזוי, פּונקט ווי זי וואָלט געווען אַ געשפּענסט.

צי איז זי באמת געווען שיין? אָבער באַרוישנד איז זי געווען לכל הדעות... אויך פאַר מיר אפילו, שיין פאַר מיר אפילו. איר נאָענטקייט, בלויז דאָס טראַכטן וועגן איר — פלעגט מיר פאַרשאַפן אַזעלכע גליקלעכע, זיסע מינוטן. ווען כ'פלעג נאָך אַריבערטרעטן די שוועל פון עם הויז, וואו איך האָב זי דערקענט, פלעגט מיך באַפאַלן אַזאַ זיס־באַנגע אָפּגעשוואַכטקייט און מיינע קני זענען געוואָרן אַזוי שוואַך, אַז איך פלעג זיך קוים האַלטן אויף די פיס.

אָפט, שפּילנדיק זיך מיט סטעפאַנען און ליליאַנען און טיף פאַרטאָן אין אויסשטעלן די מאַסע שפּילצייג, וואָס זיי האָבן גע־האַט, פלעג איך, אין מיטן ברען פון שפּיל, אָנשפּיצן די אויערן און זיך צוהערן אַהין, אויף די טרעפּ, צי גייט זי אפשר נישט אַראָפּ... כ'פלעג זי אָבער באַגעגענען שטענדיק דורך אַ צופאַל. זי פלעגט קיינמאָל צו אונז, קינדער, נישט קומען. זי פלעגט קיינמאָל נישט

רעדן אליין און ערנסט מיט מיר, און ווען זי פלעגט שוין ווען עס איז יאָ צו מיר זאָגן א פאָר ווערטער, זענען עס אַלץ געווען חוזק און בימול-ווערטער.

איצט האָט זי אויך צו מיר ווי איר שטייגער איז, שפּאָטיש געזאָגט:

— ווי גייט עס דעם ייִנגן הער? ווי געפעלט עס אים ביי די באזיצנדע קלאסן? ווערט עס נישט ברענגען קיין שאָדן זיין נשמה? קליינע מימאָזא, ווי פארטראָגסטו אונזער באָדן?

כ'האָב קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס איר צו ענטפערן.

זי האָט ארויפגעלייגט איר האנט איבער איר נאקן, ווי זי וואָלט געשפּירט, אז הער פאלק לאָזט פון איר נישט אראָפּ זיין העלן בליק. כ'האָב אויף אים געקוקט במעט מיט פּחד. שפּעטער וואָלט איך געזאָגט: ער האָט אויסגעזען, ווי איינער, וועלכער האָט באקומען ארייננעשטאָכן א מעסער אין די ריפּן... ס'איז געווען נישט היימלעך...

דאָס פרייליין איז ווידער ארויסגעגאנגען, זי האָט אויף אים קיין איינאיינציק מאָל אפילו קיין קוק נישט געטון. זי איז געגאנגען זייער לאנגזאם, פונקט ווי זי וואָלט געהאט אין דער מחשבה, זיך אומצוקערן. מיט דער האנט האָט זי געגלעט דעם גאָלדענעם אָדלער, וועלכער האָט אויף א טישל צווישן זיינע ברייט פונאנדערגעשפּרייטע פליגל, געהאלטן א זייגער.

און דערנאָך איז געשען עפּיס מערקווירדיקס. קוים האָט זי אין דער שטיל פארמאכט די טיר נאָך זיך, איז דער דירעקטאָר צוגעגאנגען צו אָט דעם זייגער, האָט ארויפגעלייגט די האנט אויפן אָדלער און זי געהאלטן אויף אים אפשר א מינוט צייט. ער האָט א קוק געטון אויפן זייגער און אים אָפּגעשטעלט. ס'איז דעמאָלט געווען האלב זעקס. און וויפל ס'איז מיר נישט אויסגעקומען אין משך פון די נאָענסטע יאָרן, א קוק צו טון אויפן דאָזיקן זייגער, האָבן ביידע שווזער זיינע אָנגעוויזן די זעלבע צייט: האלב זעקס... זייט דעמאָלט האָט מען דעם זייגער מער נישט [illegible]וויגן און נישט געלאָזט, ער זאָל ווייטער גיין...

איצט האָט דער דירעקטאָר געזאָגט:

— גיי, מיין יינגעלע, און רוף סטעפאַנען. איר קענט דאָ בלייבן און אריינקוקן אין די ביכער.

פאַרוואָס האָט ער איצט נישט געוואָלט זיין אליין? ער האָט דאָך בכלל ליב געהאַט איינזאַמקייט און שטענדיק צו זיין אליין...

ער האָט עפּיס געבלעטערט אין פּאַפּירן, בעת מיר זענען אונטערן פענצטער געזעסן אָנגעלענט אין זיין שרייב־טיש און באַטראַכט ארכיטעקטור־ווערק. סטעפאַן האָט זיך אויסגעזוכט א שלאָס, ווי ער האָט געוואָלט עס שפּעטער לאָזן בויען און באַוואוינען. און איך האָב אויך געזאָלט עפּיס אויסקלויבן פון יענע ווערק א מוסטער און לויט יענעם מוסטער שפּעטער זיך אויסבויען א פּאַלאַץ... אָבער איך האָב וועגן אזעלכע לופט־בנינים קיינמאָל נישט געטרוימט. כ'האָב געוואוסט, אז אויף מיר וואַרטן נישט קיין פּאַלאַצן און איך האָב סטעפאַנען געזאָגט:

— איך קען קיינמאָל נישט האָבן קיין שלאָס. כ'וועל אויסלעבן מיינע יאָרן און דאָס נישט זוכה זיין...

אזא ניכטערער בין איך שטענדיק געווען, אפילו אין די קינדערישע יאָרן, אז כ'האָב קיינמאָל נישט געטרוימט פון קיין פּאַלאַצן. פּראָלעטאַריער־קינדער האָבן נישט קיין שום פאַנטאַזיע. זיי זענען לגמרי רעאַל. ווען מיר פלעגט אמאָל איינפאַלן אין קאָפּ, צו האָבן די אַלע גוטע זאַכן וואָס סטעפאַן האָט, צו ווערן מיט דער צייט א רייך קינד מיט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו געניסן פון כל־ערליי תענוגים, פלעגט מיך במעט שווינדלען פון עקל.

איבער אונז האָבן גערוישט די פּאַפּירן, ביי וועלכע דער דירעקטאָר פּאַלק האָט זיך געפּאָרעט. ס'איז געווען טונקל. מיר האָבן צוגעמאַכט דאָס בוך, אין וועלכן מיר האָבן געהאַט אריינגעקוקט, סטעפאַן האָט, און מיר זיך אָנלענענדיק, דערציילט אין דער שטיל מעשיות פון זיין קלאַס, וועגן די לערער, פון די חברים זיינע. איך האָב זיך אָבער צוגעהערט צום דירעקטאָר, וועלכן איך האָב שטאַרק באַוואונדערט. וואָס בלעטערט ער עס אזוי נערוועיש די פּאַפּירן? ער זעט דאָך איצט, אין טונקלקייט, גאָרנישט.

שליסלעך איז אריינגעקומען זיין פרוי. זי איז געבליבן שטיין

אין טיר, האָט אויפגעדרייט דאָס ליכט און א שמייכל געטון צו יעדן פון אונז לויט דער ריי.

— דאָס פארחלומטע טריאָ — האָט זי פיין באמערקט.

כ'האָב זי קיינמאָל נישט געהערט פיל רעדן. כ'האָב אָבער קיינמאָל נישט באגעגנט נאָך אזא פרוי, ווי פרוי נינא, וועלכע זאָל פון זיך אויסאָטעמען אזוי פיל גוטסקייט, שטילקייט און שיינקייט.

— מאָמאס — האָט זי צום מאן געזאָגט — די פריינט אונזערע קומען שוין באלד.

דאָס מוזיק־צימער איז שוין געווען ליכטיק. איין ראָיאל איז שוין געווען אויפגעדעקט און די נאָטן־פולט אוועקגעשטעלט. און איך האָב דערזען פרויילין דיאנא זיצן, אין א לאנג טונקל־רויט קלייד, דאָס צעלא צווישן די קני. זי האָט פרובירט איר נומער אין קווינטעט.

אין דאָזיקן הויז האָט מען שטארק געהאלטן פון מוזיק...

כ'האָב נאָר געוואוסט, אז אויף ארויסצוגעבן שיינע, הארמאָנישע טענער, איז פאראן א גראמאָפאָן און א קאטארינקע. און אויך די קלאווירן אין די קנייפעס מיט די שניידנדע טענער פון די פידלען. גאָרטן־קאָנצערטן אין דער באָדשטראסע, וואו איך פלעג ליגן אויפן פארקאן און זיך צוהערן. אָט אזא, מ'שטיינס געזאָגט, מוזיק איז מיר געווען ביז דעמאָלט באקאנט.

אָבער איצט האָב איך געהערט די אמתע, די עכטע מוזיק.

סטעפאן האָט זיך מיט מיר ס'ערשטע מאָל אנידערגעזעצט אין גרינעם צימער. ער אליין האָט שוין געשפילט פידל. און נאָר דערפאר האָב איך אים מקנא געווען. פאר קיין זאך: נישט דערפאר, וואָס ער לערנט זיך אין גימנאזיע און איז ארומגערינגלט מיט אזא לוקסוס און אזעלכע באקוועמלעכקייטן, נישט דערפאר, וואָס ער האָט אזא פרעכטיקע וואוינונג, פערד, וועגן און שפילצייג — דאָס זענען אין מיינע אויגן גאָרנישט ווערט געווען. כ'האָב אים אויך מקנא געווען, וואָס ער האָט אזא וואוילן און גוטן טאַטער, אָבער, דערעיקרשט, וואָס ער האָט א פידל און קען שוין אויף אים שפילן.

צווי מאָל אין דער וואָך פלעגט צו אים קומען דער לערער

אין דעם גרינעם צימער, און אלטער הער מיט לאנגע, ווייסע האָר. דאן בעת דער לעקציע האָב איך געמוזט זיצן אין עק צימער און צוהערן. אפילו די דאָזיקע איבונגען, איבונגען אָן א מעלאָדיע, נאקעטע עקזערציעס, פלעגן מיך ממש באצויבערן און מיך אויפהייבן אויפן זיבעטן הימל פון התפעלות. נאָך אין דער בלויזער קווינטע, אין איינפאכן טאָן האָט פאר מיר אָנגעהויבן צו קלינגען עפּיס וואונדערבארס, עפּיס הימלישס.

אלזאָ, צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט א קווארטעט!

כ'האָב נישט געוואוסט, וואָס צו טון, ווען סטעפאן האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל בײַ זײַ בלײַבן, ביז מ'וועט נישט ענדיקן דעם קאָנצערט.

געשפּילט האָבן: דער אלטער לערער, הער פאלק, פרײַלין דיאַנא און דער אָפיציר, וועלכן איך האָב געזען בײַ מײַן ערשטן באזוך. פרוי נינא איז געזעסן בײַ א פארמאכטן קלאוויר און האָט זיך צוגעהערט.

זײַ האָבן אָנגעהויבן. שפּעטער, פיל שפּעטער, האָב איך זיך דערוואוסט און דערקענט, וואָס זײַ האָבן דעמאָלט געשפּילט. דאָס איז געווען בעטהאָווענס א זאך. דאָס ווערק 132. זײַ האָבן עס דעמאָלט אין משך פון פיל חדשים אײַנשטודירט די דאָזיקע זאך און געמאכט איבונגען.

ווען דאָס טשעלאָ האָט נאָר אַרויסגעלאָזט איר ערשטן טאָן און דערנאָך די פּיאַלאָ און ווען די פידלען האָבן אָנגעהויבן צו רעדן אויף זייער הימלישן לשון, אַרויסגעגעבן זייער איידעלן, שטילן הויך — האָב איך דאַן געפילט — כ'קען עס אַנדערש נישט באַצייכענען — גאָט אין זיך.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט ביז איך האָב פאַרשטאַנען, ווי ס'געהער צו זיין, מוזיק, איידער איך האָב נאָך געקאָנט אונטערשיידן בעטהאָווענען פון מאָצאַרטן און שוּבערטן פון שומאַנען; כ'האָב אָבער שוין דאַן שטאַרק געפילט ברוקנערן און בראַמסן...

יאָ, כ'האָב געקאָנט, נישט ווייסנדיק דאָס מהות פון מוזיק,— מוזיק הערן און פילן. כ'בין געווען פעיק איינצוזאַפּן אין זיך די געטלעכע קלאַנגען, מיט זיי צו ווערן דורכגעדרונגען און ווערן פאַרשיכורט פון דער געוואַלדיקער מאַכט, וואָס זי האָט אויף מיר געהאַט.

כ'דערמאָן זיך, ווי איך האָב אין יענעם ערשטן הייליקן אָוונט זיך צוגעהערט צו די פּראָזן, וואָס די שפּילער האָבן געמאַכט, צו דער טאָנלאָזער מוזיק, וועלכע האָט אַריבערגעפירט צום נאָענטסטן זאַץ. כ'האָב אין יענע שווייגנדיקע מינוטן איבערגעלעבט די פאַרוואַנדלונג אין גאָר אַ ניי וועזן. ווען די נייע מוזיק האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי מיך שוין געטראָפן אינעם מצב, אין וועלכן זי אַליין איז נאָר מסוגל צו ברענגען אַ יונגל מיט אַזאַ מוזיקאַלישער עמפּינדלעכקייט, ווי איך.

יענער לאַנגזאַמער זאַץ איי, איז דאָס געווען אַ זאַץ ווען איך האָב שפּעטער איבערגעבלעטערט די נאָטן און זיך צו זיי אָנגערירט מיט אַ יראת-הכבוד, ווי צו אַ הייליקן בוך — האָב איך ס'ערשטע מאָל געזען די אומלעזבאַרע שריפט פון די שוואַרצע פּונקטן און שטריכן, יענע העראָגליפן, פון וועלכע די געזאַלבטע

פייסטלעכע לייענען און לאָזן ארויס געטלעכע טענער, די דאָזיקע סודותפולע פונקטן און שטריכן פון די נאָטן, וועלכע קענען פון סטרונע-אינסטרומענטן אזא לעבעדיק אויפקלינגען ארויסגעבן, אזא הימלישע שפּראַך און ברענגען בשורות פון יענער וועלט... כ'האָב דאָן געלייענט אין די נאָטן:

„הייליקע תהילה ותשבחה פון א קראַנקן, וואָס איז אויסגעהיילט און אויפגעריכט געוואָרן אין גאָטהייט, אין די טענער פון זמירות!"

כ'האָב נישט געוואוסט דערפון, אז איך האָב אים געהערט, דעם דאָזיקן זאָץ! ער האָט אָבער אויסגעדריקט און ארויסגערעדט דאָס, מיט וואָס מיין נשמה איז דעמאָלט געווען איבערפולט: גליק אָן א שיעור און א מאָס צוליבן וואונדער, וואָס מיט מיר איז געשען, מיינע תפילות צום חסדפולן ווען, וואָס האָט מיר געעפנט דעם דאָזיקן הימל.

ווען איך האָב אָט די מוזיק געהערט, איז מיין באַלאַסטעט הארץ לייכט געוואָרן. זיין איבערמאָס האָט אַוועקגעשטראָמט ערגיץ מיט די טענער און ווען איך האָב דערהערט די ערשטע פידל — האָב איך ספּאָנטאַניש אָנגעהויבן צו וויינען...

כ'האָב געפילט, אז אָט-אָט וועל איך דערשטיקט פון איבערמאָס, פון עפּיס זיס-אומדערטרעגלעכס. איצט האָב איך ערשט דערשפּירט דעם אמתן הימלישן טעם פון מוזיק און זיך דערוואוסט, וואָס פאַר א צויבערנדיקע קראַפט מוזיק האָט. אונטערן איינפלוס פון די דאָזיקע זיסע, מחיהדיקע טענער בין איך דאַן געקומען אין א דירעקטע באַרירונג מיט עפּיס דערהאַבנדעס, גרויס, הימלישס און נישט ערדישס... כ'האָב דערשפּירט, אז אין דער מוזיק ליגט דאָס פולקומסטע זיין, דאָס נישט עולם-הזהדיקס, די אייביקע טרייסט. דאָרט, אין די מוזיק-ספערן, איז אַלץ אזוי גוט, שיין און דערהאַבנדיק און ווער עס האָט א געהער פאַר איר, דעם אמתן חוש — דער ווערט אַליין אויך גאָר אַן אַנדער מענטש, — פיין, שיין, איידל און דערהאַבנדיק.

מיר זענען געזעסן אין קליינעם גרינעם צימער. פאַר אונז איז געלעגן דאָס גלאָזהויז מיט זיינע פאַלמען. א לאַמטערנע, וואָס

איז געהאָנגען אין הויף, האָט געוואָרפן איר ליכט צווישן די בלו־מען און פלאַנצן, די שויבן פון די פענצטער און ווענט האָבן גע־גלאַנצט, ס'האָט גערעגנט.

כ'האָב גאָרנישט געהערט, אַז זי האָט שוין אויפגעהערט צו שפּילן. אַרום מיר האָט נאָך אַלץ געשפּילט. כ'האָב נאָר גראָד געזען, ווי פרוי נינאַ איז אַרויסגעגאַנגען און דער אַלטער מוזיקער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיטן אָפיציר, עפּענענדיק דערביי דאָס נאָטן־בוך און ווייזנדיק אים עפּיס דאָרט.

דיאַנאַ האָט אוועקגעלייגט איר טשעלאָ אויף אַ פאָטעל, און ווי זי וואָלט אונז גאָרנישט באַמערקט זיצן אין אונזערע פאָטעלן, איז זי פאַר אונז פאַרבייגעגאַנגען אַזוי נאָענט, אַז איך האָב דער־שפּירט איר רויזן־פּערפום. זי איז אַריין אין ווינטערגאָרטן. זי האָט זיך לייכט אָנגעשפּאַרט אויף דער גלעזערנער וואַנט און אַריינגעקוקט אין העלן מוזיק־צימער.

און פּונקט, ווי דער דאָזיקער בליק האָט אים גערופן, איז אין ווינטערגאָרטן פּאַמעלעך אַריינגעקומען טאָמאַס פּאַלק. אויך ער איז פאַר אונז פאַרבייגעגאַנגען, אונז נישט באַמערקנדיק. איז אַריין אין גלאָזהויז, האָט אַרומגענומען אַ פּאַלמע און איז געבליבן שטיין דריי טריט פון דיאַנען.

כ'האָב געזען זיין געזיכט אין שיין פון דער לאָמטערנע. דאָס פּנים זיינס איז דעמאָלט געווען אַזוי בלייך, אַז זיינע אויגן האָבן אויסגעזען טונקל. ער האָט געשמייכלט.

ערשט ווען איך האָב דערזען דאָס שמייכעלע זיינס, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון יענער זייט, פון די הויכע ספערן, וואו מיין נשמה האָט אונטער דער צויבערנדיקער ווירקונג פון דער מוזיק די לעצטע האַלבע שעה געשוועבט, און זיך צוריקגעקערט צו אונזער דאָ, צו אונזער וואָכעדיקער, זינדיקער וועלט. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז ס'איז געווען שטיל און קיין טאָן האָט מער נישט געזונגען. דאָס איז געווען אַ לאַנגער שווייגן נאָך דער געטלעכער אַנטפּלעקונג... אינעם דאָזיקן קליינעם טונקעלן לאָ־קאַל האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט און באַוויזן דער ענדלאָזער

עולם ומלואה, דער קאָסמישער אין־סוף, די איינזאַמקייט פון די, וואָס אַטעמען אינעם מאָסלאָזן אַטעמצוג פון דער גאָטהייט...

די איינזאַמקייט... זי איז מיר געווען אַביסל פאַרשטענדלעך און נאָענט... כ׳האָב זי געזען... כ׳האָב זי געזען בעת כ׳האָב די דאָזיקע ביידע מענטשן געזען אונטער די קאָקאָספּאַלמען און גומיביימער...

די מוזיק, דאָס גליק און ברכה, וואָס זי האָט געגעבן, די איינזאַמקייט, שיינקייט און די אומגעדולדיקע דערוואַרטונג און לעכצונג, דאָס אוממעגלעכע און די האָפנונג: אַלץ איז פאַר מיר געווען בילד און געשטאַלט... ער האָט געשמייכלט... דאָס האָט מיר ווײ געטון... כ׳האָב שפּעטער געזען, ווי שטאַרבנדיקע שמייכלען אַזוי... אַך, דאָס האָט נאָר אויסגעזען, ווי אַ שמייכל, אָבער ס׳האָט אין דער אמתן גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון מיט שמייכלען... מיט אַזאַ שמייכעלע גייט מען אוועק פון דער זיכערער, רעאַלער וועלט אין די „הרי־חושך" און מען פאַרלירט דעם באָדן אונטער זיך...

ער האָט אויף איר געקוקט און צו איר געשמייכלט און זי— זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

כ׳ווייס נישט, וואָס זי האָט פון זיין שוויַיגן געהערט, און אין זיין שמייכעלע געזען: זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ דריי מאָל, מיט קליינע הפסקות.

דערנאָך האָט זי זיך דערשראָקן, זי איז געשטאַנען קעגן דער גלעזערנער וואַנט און איך האָב נאָר געזען איר סילועט, פון איר פּנים — גאָרנישט. כ׳האָב אָבער געזען אירע פּלייצעס צוקן. זי האָט זיך דערשראָקן.

דאָרט, אין מוזיק־צימער, איז אַריינגעקומען איר שוועסטער...

און שנעל איז דיאַנאַ אַרויסגעגאַנגען. זי איז פאַרבייגעגאַנגען, אַביסל איינבייגנדיק זיך, פאַרן דירעקטאָר, כ׳האָב גוט געזען, ווי איר שמאָלער גוף האָט זיך געבויגן, זי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אונז ביידן און דאָ האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זי האָט אויף אונז געקוקט און אין דער הויך געלאַכט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע גערויש, וואָס האָט צעשטערט דאָס הייליקע שוויַיגן, און עס האָט געקלונגען אַזוי האַרט, אַזוי העסלעך, אַזוי נישט האַרמאָניש און

ס'האָט אַ תּל געמאַכט פון יענער אילוזאָרישער שיינער וועלט, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער פריערדיקער זעלטענער שטימונג.

— אַזוי, — האָט דיאַנאַ זיך אָפּגערופן מיט איר שפּאָטישן טאָן, מיך באַמערקנדיק, — אַזוי, איז דאָ אונזער געניוס אויך פאַראַן — ער קוויקט זיך געווים מיט אונזער מוזיק. טוט זי אים שטאַרק הנאה? געפינען מיר לייטזעליקייט און חסד אין זיינע גע-שפּיצטע אויערן? אָבער וואָס זיצט ער אַזוי דערשראָקן, ווי אַ האָז אויף די הינטערשטע פיסלעך? וואו איז דאָ דער יעגער, יינגעלע, וואָס דו האָסט אַזוי מורא?

יאָ, כ'וועל נישט לייקענען: כ'האָב דעמאָלט טאַקע מורא געהאַט, און שטאַרק מורא געהאַט, פאַר איר טאַקע. אַלץ איז אַרי-בער — די מוזיק איז שוין געוועז אינגאַנצן אויסגעקלונגען, די וועלט, די וואָכעדיקע, פּראָזאַישע וועלט, אין וועלכער די ביטערע ווירקלעכקייט האָט מיך צוריקגעקערט, איז געוועזן אַזאַ קלאָגעדיקע און איך בין קיינמאָל נישט געוועזן גליקלעך...

פרוי נינאַ האָט צו אונז אַריינגעקוקט.

— דיאַנאַ? — האָט זי גערופן — ביסט דאָ?

דער אָפיציר האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— פריילין דיאַנאַ. — האָט ער אין דער שטיל געזאָגט.

— צו אייער רשות, גענעראַל, — האָט זי הייטער זיך אָפּגערופן.

איר שטים איז געוועזן אַזוי העל, אַז זי האָט כמעט געראַזשעט.

— איך שפּיל די ראָל פון אַ ניאַניע און היים די קינדער אין בעט אַריין גיין שלאָפן, גיי אַהיים. — האָט זי צו מיר געזאָגט.

זי האָט ווידער שטיפעריש אַ נעם געטון מיין נאָמבע מיט אירע שפּיצן פינגער און זי אַ הייב אויף געטון צו זיך. כ'האָב אָבער איצט אויף איר נישט געקוקט. כ'האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער פּאָדלאָגע. דאָס העלע פונעם מוזיק-צימער האָט אַרומגעראַנדט איר רויט טוכן קלייד מיט די פלימערנדיקע זוימען. אַרום אירע לענדן האָט זי געטראָגן, שוואַך איינגעצויגן, אַ זילבערנעם גאַרטל.

אין דער זעלבער רגע האָט זי מיר אַרומגענומען דעם האַלז מיט איר גאַנצער האַנט, כ'האָב אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ. אָ, זי האָט מיך ממש געוואָרגן...

דער פראַנק איז בשעת-מעשה אַרויסגעגאַנגען פון ווינטער-גאָרטן און געבליבן שטיין לעם מיר.

— יאָ, טעדי, — האָט ער געזאָגט — כ'מיין, אַז דו דאַרפסט שוין גיין אַהיים. פיין, ס'וואָר?

כ'האָב נישט געוואוסט, וואָס ער האָט מיט דעם געמיינט. כ'בין געווען ווי פאַרטויבט און פאַרשיכורט. צי האָט ער געמיינט דער פריילינס שמערצנדיקע הענט איבער מיין האַלז? כ'האָב זיך נישט גערירט פון אָרט. מיך האָט דאָ דורכגענומען, דורך און דורך, דער ערשטער זיסער חשק. און זי האָט זיך צו מיר איינגעבויגן.

פריילין דיאַנאַ האָט זיך איינגעבויגן און מיט אירע ליפּן זיך אָנגערירט אָן מיינע האָר...

כ'האָב זיך אָנגעצונדן מיט אַ העל פייער. אַ פלאַקערדיק פייער האָט מיך אינגאַנצן אַרומגענומען...

זי האָט אָפּגעטרעטן צוריק. כ'האָב זיך געוואַקלט, זיצנדיק נאָך אין פאָטעל, ווי גערדיכטע וואָלקנס וואָלטן מיך געטראָגן דורכן גאַנצן לאָקאַל. כ'האָב זיך געוואונדערט, וואָס איך בין, אויפהויבנ-דיק זיך פון אָרט, געשטאַנען אויף פעסטע פיס: מיך האָט דאָך אָקאָרשט געטראָגן אין דער לופטן...

דער פאַלק האָט אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט אויף מיינע האָר. זיין האַנט האָט אַביסל אָפּגעקילט דאָס פייער, וואָס האָט אין מיר געבושעוועט. כ'האָב אויף אים געקוקט. אָבער ער איז געווען פאַרטאָן אין נאָכקוקן דיאַנען. ער האָט לייכט געצוקט מיט זיין פנים. דער אָפיציר האָט דערנאָך אַ כאַפּ געטון דיאַנאַס האַנט. זי האָט פון אים די האַנט אַ ציי צוריק געטון. זי האָט זי אָבער אַרויפגעלייגט אויף זיין אָרעם.

— וועסט גיין עפּיס עסן, טעדי. — האָט פרוי נינאַ מיט אַ פיינער שטים צו מיר געזאָגט. — סטעפאַן, זעצט זיך אין עס-צימער. מ'וועט אייך באַלד דערלאַנגען אונטערבּרויט. אַ גוטע נאַכט, טעדי.

כ׳האָב, דאַכט זיך, גענעסן. זיי האָבן שוין ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן פון יענער זייט צימער. דורך די פאַרמאַכטע טירן האָט עס געקלונגען ווי פון אַנדערע וועלטן.

ס׳איז געווען זייער שיין דאָ צו עסן. דאָס פּאָרצעלײַ איז געווען ווייס פון צאַרטן שימער... זילבערנע גאָפּל-מעסער... אַ שיינער שניי-ווייסער טישטעך און די מאכלים, וואָס מ׳האָט דערלאַנגט, זענען געווען אַזעלכע, וואָס כ׳האָב ביז דאַן נאָך נישט טועם געווען. כ׳האָב אָבער פון זיי ערשט קיין הנאה נישט געהאַט. דאָס ביסן איז ווי געבליבן שטיין מיר אין מויל, מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס מ׳האָט דאָ זיך באַנוצט מיט דינסטן, וואָס האָבן דערלאַנגט צום טיש, און מ׳האָט מיך, אַזוי אָרום, באַדינט... דאָס האָט מיך נישט נאָר פאַרדראָסן, נאָר ממש געקרענקט. אַפילו ווען איך בין געזעסן מיט סטעפאַנען און מיר האָבן זאַלבעצווייט געגעסן, האָט אַז אויך באַדינט אַ מיידל אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ ווייסן שירץ. זי האָט אונז אָנגעגאָסן מילך, דערלאַנגט יעדן פון אונז די שיסלען, אונז דערלאַנגט געבעקס און זיך פריינדלעך צוגעקוקט, טאָמער דאַרפן מיר עפּיס.

אויך מיך האָט מען באַדינט.

האָב איך זיך דען געפילט, אַז איך בין נעבווירן, מ׳זאָל מיך באַדינען, מ׳זאָל זיך פאַר מיר בוקן און וואַרטן באַפעלן פון מיר?... איך פיל זיך דאָך אַלס ברודער פונעם דינסטמיידל — און זי באַדינט מיך גאָר...

ביי אָט דעם טיש בין איך געוואָרן עפּיס אַ האַר גאָר, און איך האָב דאַן געפילט, אַז דאָס ברויט, וואָס מ׳האָט מיר ביים טיש דערלאַנגט, איז מיר געווען ביטער. כ׳האָב דאָס ברויט געבראָכן מיט ציטערנדיקע פינגער. כ׳האָב געהאַלטן, אַז איך באַגיי איצט אַ בגידה קעגן מיין שוועסטער, דער דינסט...

יאָ, אַזוי איז דאָס. דערמיט, וואָס איך זיץ דאָ און לאָז זיך באַדינען, באַגיי איך אַ פאַרראַט. פון אָט דעם באַוואוסטזיין פון מיין אומגערעכטיקייט האָב איך שטאַרק געליטן און דאָס ביסן איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלז... כ׳דאַרף עס נישט כ׳בין אָבער אָפּט געווען אַ פּחדן און נישט געקאָנט אַרויסווייזן די געהעריקע קאַנ-

פּעקווענץ, האַנדלען שטרענג אין הסכּם מיט מײַנע אָנשויאונגען און איבערצייגונגען. צי איז דען נישט געווען קיין עוולה פון מײַן זייט דער פאַקט אַליין, וואָס איך קום אַהער אין רייכן הויז, געניס פון אַלע באַקוועמלעכקייטן, בעת מײַן שוועסטער און ברודער ליגן אין דער קאַלטער קיך און שפּילן זיך אין האָלצקלעצלעך און שמאַטעס. צי איז דאָס יושרדיק און שיין פון מײַן זייט, וואָס איך זיץ דאָ אין די ליכטיקע, וואַרימע לוקסוסרייכע שטובן, אָדער אין ווינטער־גאָרטן אונטער אַ פּאַלמע, בעת מײַן איידעלע מוטער האָרעוועט מיטן ביטערן שווייס איבער אירע באַליעס מיט וועש?...

יאָ. כ'האָב דעמאָלט איבערגעלעבט גליקלעכע מינוטן: געטלעכע מוזיק, פרײַנדשאַפט, די ערשטע נישט־דרייסטע אינערלע־כע שטים פון ליבע... אָבער דאָס געוויסן האָט מיך געקוועלט און געפּייניקט און איך, איבערלעבנדיק דאָס אַלץ, האָב זיך געוויסער־מאָסן געפילט פאַר אַ פאַרברעכער...

און ווען איך בין אין אַזאַ צושטאַנד פון געוויסנסביסן צוריק־געקומען אַהיים, האָט לאַנג געדויערט, איידער איך בין געקומען צו זיך, איידער אין מיר האָט זיך אײַנגעשטילט דאָס אינערלעכע גלייכגעוויכט. אין מיר האָט נאָך לאַנג געבושעוועט אַ שטורעם פון כּעס און אויפגעבראַכטקייט אויף זיך אַליין און אַן אינערלעכע שטים האָט מיט אַ שפּאָטישן טאָן מיר פאָרגעוואָרפן: דער וועשע־רינס זון איז געזעסן מיטן זון פונעם האַר און לאָזט זיך אָנגיסן גלאָז און טעלער מיט טײַערע בוליאָנען און טייען, און לאָזט זיך דאָרט וואוילגיין. און דער גאַנצער קלאַס, צו וועלכן ער געהער, ווערט דורך אים פאַרראַטן. יאָ, כ'האָב עס שוין דעמאָלט גוט פאַרשטאַנען. קינדער פון פאָלק צייכענען זיך אויס מיט זייער פריציייטיקן סאָ־ציאַלן באַוווסטזיין. אַזעלכע קינדער ווייסן גענוי, צו וועמען ער געהערט, וואָס איז דערלויבט און וואָס פאַרבאָטן צו טון. אַזעלכע קינדער האָבן שוין זייער קלאַסן־געפיל, פּונקט ווי די אַדלינגער און בורזשויען האָבן זייער קלאַסן־געפיל. נישט ווייניקער, נאָר אפשר אַנדערש. אָבער דעם חילוק פילן עס די קינדער פון פּראָלעטאַריער. נאָר יחידים פילן עס יאָ. איך האָב עס אויך דעם דאָזיקן חילוק

געפילט. כ'האָב געפילט, אַז איך קען זיך נישט גלייכן צו סטעפאַנען, אַז איך האָב נישט אַזאַ ווערט, ווי גבירישע קינדער.

כ'האָב געמוזט האָבן אַ שעה צייט און טיילמאָל מער, איידער איך פלעג קומען צו זיך, צוריקקערנדיק זיך אַהיים פון יענע לוקסוס־רייכע שטובן, איידער כ'האָב זיך ווידער דערפילט אַלס קינד פון אַ פּראָלעטאַריער. אָפט פלעג איך, פאַרלאָזנדיק פאַלקס ווילע, אוועקגיין ווייט, ווייט מיט אַ שטורעם אין מיין נשמה. כ'פלעג אוועק אין וואַלד, גיין, אַ צערודערטער, איבער די גאַסן, גיין קיין ריינינקנדאָרף, קיין פּיאַנקאָוו אַרויף אָדער גאָר צום אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, צום נאָרדהאַפן: דאַן האָב איך געפילט, אַז איך בין שוין ווייט, ווייט פון יענער רייכער ווילע... כ'האָב דאַן שטאַרק געוואָלט זיך באַפרייען פון דער אַטמאָספער, וואָס מיך האָט אַרומגערינגלט און איז אין מיר טיף אַריינגעדרונגען, כ'האָב די לופט פון דאָרטן אַרויסגעשטויסן פון מיינע לונגען און געפילט, אַז דער רעזעדע־ריח פונעם פרייליין פאַרשיכורט מיך נישט מער.

און דאָ איז געשען אַ נייע צרה: דער פאָטער האָט זיך שוין ווידער באַוויזן... ניין, ער פלעגט זעלטן זיין אין דער היים, ער איז שוין אָבער אָפּגעזעסן די דריי חדשים און קאָן צו יעדער רגע זיך באַווייזן ביי אונז אין שטוב.

ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען, ווען די מוטער איז נישט געווען אין דערהיים. ער האָט פשוט מיט זיין שליסל געעפנט די טיר, פונקט ווי ער וואָלט אונז ערשט נעכטן פאַרלאָזן. ער איז צו אונז צוגעגאַנגען. מיר האָבן זיך דעמאָלט געשפּילט אין קיך אויף דער פאָדלאָגע, ביים אויוון, וואָס איז געווען אַביסל וואַרים, איך האָב דאַן געהאַט אָפּגעקאָכט פאַר אונז אַ קרופּניק. און אַזוי־ווי איך בין אים שטענדיק געשטאַנען, ווי אַ ביין אין האַלז און ער האָט נאָך דערצו דערזען זיין ליבלינג, העניין, האָט ער מיך דאָס מאָל שוין נישט אַזוי גראָב ווי שטענדיק אַ שטופּ אָפּ געטון מיט זיין פוס אָן אַ זייט...

כ'האָב דערשפּירט זיין אומפאַרמינדערטע קראַפט, יענע קראַפט אָן אַ מאָס, וואָס לאָזט זיך בייגן און בייקומען, וועלכע איך האָב ליב געהאַט און פאַר וועלכע איך האָב גלייכצייטיק מורא

געהאַט, וועלכע האָט מיך אַזוי געשראָקן און גלייכצייטיק פאַרשיכורט.

העני האָט, דערזעענדיק דעם פאָטער, אַרויסגעלאָזט אַן אויסגעשריי פון איבערראַשונג, געמישט מיט פרייד. זי האָט אַ שפּרונג אויף געטון פון איר אָרט און איז צו אים צוגעלאָפן. ער האָט זי אַ הייב אויף געטון צו זיך און זי אינגאַנצן באַדעקט מיט קושן. זי האָט אַרויסגעלאָזט שוואַכע ווילדע געשרייען, בעת ער האָט זי צו זיך צוגעדריקט. ער האָט איר פונאַנדערגעפלאָכטן דעם צאָפּ און אויסגעברייט אירע גלענצנדיקע ברוינע האָר. ער האָט זי געגלעט, געהאַלזט, געקושט. ער האָט געשיינט פון גליק און ליבע צו איר. דערנאָך האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו מאַרקן.

און מאַרק האָט דעם פאָטערס האַנט אָפּגעשטויסן פון זיך...

— גיי אַוועק, — האָט דאָס קינד געשריען, — מיר דאַרפן דיך נישט האָבן, כ׳ווייס אַלץ. דו ביסט געווען אין קאָזע. פּאָולע האָט עס געזאָגט.

אין אַ רגע איז דעם פאָטערס געזיכט געוואָרן גאָר אַן אַנדערס.

ער האָט זיך אָנגעצונדן... געוואָלט אויספּאַטשן מאַרקן. דאָס פּנים זיינס איז געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט. נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן, ער האָט העניין אַוועקגעזעצט לעם זיך. און מאַרק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דאָ האָב איך מאַרקן אַזאַ שטופּ געטון, אַז ער איז אומגע-פאַלן. און איך האָב זיך אַנידערגעשטעלט, אָנשטאָט אים, פאַרן פאָטער.

— זון — האָט ער געברומט.

— ליבעט דיך — האָב איך געזאָגט — שלאָג אים נישט, ער איז אַ נאַר, ער ווייס נישט, וואָס ער רעדט. ער רעדט נאָך, וואָס אַנדערע רעדן.

— וועמען רעדט ער נאָך? — האָט דער פאָטער אַ ריטשע געטון — דיר מסתמא?

און דאָס ווייטערע, וואָס ער האָט גערעדט, האָב איך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געשאָלטן, זיך געבייזערט... דערנאָך האָט ער מיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאַרק און אַ שטויס אַראָפּ געטון מיך

קאפ צו דער פארלאגע. כ'האב זיך קוים ארויסגעריסן פון זיינע הענט. ער האט מיך געשלאגן מכות-רצח... כ'האב שיער נישט געחלשט.

ער איז געזעסן א פערטל יאר פארשפארט — פארשפארט נישט נאר אין טורמע, נאר אין זיך אליין. און אין אים האט זיך אנגעזאמלט פיל צארן, וועלכן ער האט די גאנצע צייט נישט געהאט אויף וועמען אויסצולאזן. איצט איז זיין צארן אויסגעבראכן און ער האט אים אויסגעלאזן אויף מיר...

כ'בין געווען האלב באוואוסטלאז. כ'האב זיך אויפגעכאפט פון א שטילן וויינען. דאס האבן געוויינט העני און מארק. זיי האבן געמיינט, אז איך בין טויט. זיי זענען ארויסגעלאפן אויף די טרעפ הינטער דעם פאטער, וועלכער איז אויך ארויסגעלאפן פון שטוב, און האבן געשריען און געמאכט א גוואלד. די אלטע באלדו־ווייט האט דערהערט זייער געשריי און איז געקומען צו לויפן. מיט איר ריזיקן, שווארצן, דיקן הונט. זי האט זיך אנידערגעזעצט און מיט גרויס מיטלייד אויף מיר געקוקט. און דער הונט האט מיט הנאה מיר געלעקט דאס בלוט, וואס האט גערונען פון מיינע באקן. דאס האט אויף מיר גוט געווירקט און דאס בלוט האט אויפגעהערט צו רינען.

ווען איך בין אינגאנצן געקומען צו זיך, האב איך זיך צעלאכט. ס'איז געווען צו-קאמיש. די קינדער האבן, זיפצנדיק און קרעכצנדיק, זיך ארומגעדרייט ארום מיר, און די באלדווייט האט אזא ווילדן געשריי געטון, ווען זי האט מיך דערהערט לאכן, ווייל זי האט אויך געמיינט, אז דער פאטער האט מיך דערהרגעט און אז איך בין שוין טויט.

און דער הונט האט נאך אלץ אזוי ערנסט און זאכלעך געלעקט מיינע וואונדן...

כ'האב זיך געוואלט אויפהייבן, אבער דא ערשט האב איך דערשפירט, אז איך האב נישט קיין כוח דאס צו טון... אלץ האט מיר וויי געטון. דער גאנצער גוף. די אפגעריסענע הויט האט געברענט, די פיס האבן געציטערט פון שוואכקייט... כ'האב לעם מיך געזען דעם שאראייזן. צי האט מיר דער פאטער מיט דעם געשלאגן?

כ׳בין געווען אינגאַנצן אויסגעפּאַטשקעט פון זיינע שטיוול, מיט וועלכע ער האָט מיך געטראָטן. די הענט און דער שטערן זענען געווען אָפּגעריבן פון זיינע פאַרשמוצטע זוילן.

די באַלדוווייט איז געווען צו דיק, אום זיך צו קענען איינבייגן צו מיר. די קינדער האָבן געמוזט מיך אוועקלייגן אויף דעם הוילן אויוון. דאָרט האָט זי מיר געמאַכט קאַלטע קאָמפּרעסן.

דערנאָך האָט זי געהערט, ווי איר טאָכטער הייבט זיך אויף אויף די שטיגן. זי האָט אַריינגערופן די טאָכטער צו אונז. און דאָס גאָסן-מיידל איז צו אונז אַריינגעקומען, געקוקט אויף מיר, אַרומגענומען מיין קאָפּ מיט איר אָרים, מיך געקושט אין געטראָטענעם שטערן. פון איר האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון ביר און טאַבאַק און פון זיירע מענער. מיך האָט געשווינדערט פון עקל. כ׳האָב ווידער פאַרמאַכט די אויגן און נישט געהאַט אין זיך גענוג כוח און פאַנטאַזיע, דאָס צו פאַרוואַנדלען אין אַ רעזעדע-ריח...

דער פאָטער איז דערנאָך נישט געקומען אַהיים דריי טעג כסדר. מ׳האָט אונז דערציילט, אַז ער איז געזעסן אין אַ קנייפּע אויף דער סווינעמינדערשטראַסע און די גאַנצע צייט געשיכורט. מענטשן האָבן אויך דערציילט דער מוטער, אַז די דריי טעג, וואָס ער איז נישט געקומען אַהיים, איז ער געשלאָפן ביי לואיזע גרעבערט, וועלכע האָט געהאַט אַ געשעפט אויף דער גרינטאַלערשטראַסע. כ׳בין אַמאָל אין אָוונט בגנבה אַהין צוגעגאַנגען און געוואָלט וויסן, צי ס׳איז טאַקע אמת, וואָס מ׳האָט דער מוטער דערציילט.

טאַקע אמת: אין אַן אַלט הויז מיט אָפּגעריבענע ווענט זענען געווען צוויי געשעפטן. איינס איז געווען אַ רעסטאָראַן און געהייסן האָט ער „צום שפּייקעסטל‟, אויפן פענצטער איז געשטאַנען: „וואַרטן סטאָפּן דאָ איז פאַראַן אַ גוטער טאָפּן‟ און נאָך אַ שילד איז געהאָנגען איבער דער טיר: „דאָ עסט מען, ווי ביי אַן אייגענער מוטער‟.

דאָס אַנדערע געשעפט האָט געהאַט אויף דער טיר אַן אויפשריפט מיט ווייסע פאַרבן, אָבער שוין נישט קיין איינלאַדונגען און ליב-געזאַנגען פאַרן געשעפט, נאָר בלויז דעם נאָמען פון דער אינהאַבערין: לואיזע גרעבער. אויפן שילד, וואָס איז געהאָנגען

אָן אַ זייט, איז געשטאַנען: „פּרימאַ שטעטינער פּעט און וואָלהעריננג" און אין פענצטער איז געלעגן אַ שטיק פּאַפּיר, צווישן אַ שאַכטל שפּראָטן און פּיקלינגען, מיט אַן אויפשריפט: „דאָ ווערן פריזירט דאַמען, מ׳קען אויך צו הויזע".

דאָ, הייסט עס, איז געווען דעם פאָטערס „מקלט", דאָ האָט ער זיך אויפגעהאַלטן.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו קומען אַהיים איין מאָל אין צען און שפּעטער, איין מאָל אין פערצן טעג. ער פלעגט קומען, באַלד אויפרייסן די שופלאָדן, — אויב דאָרט איז נישט פאַראַן קיין געלט, מיטגענומען אַ שטיק ברויט אין טאַש, האָט אויך מיטגענומען דער מוטערס עטלעכע שירצן, אַ קוש געטון העניען — און ווייטער אַוועק־גיין אויף צוויי וואָכן. אַמאָל איז זי אַוועקגעגאַנגען מיט העניען.

ער האָט זי אָבער געבראַכט צוריק, נאָך איידער די מוטער איז געקומען אַהיים.

— שרייערקע — האָט ער געברומט און זי אַריינגעשליידערט אין קיך אַריין.

דאָס ערשטע מאָל איז ער צו איר געווען אַזוי ברוטאַל.

העני האָט דערנאָך דערציילט, אַז ער האָט זי געהאַט אַוועק־געטראָגן צו פרוי גרעבערט און געוואָלט זי דאָרט באַהאַלטן. זי האָט אָבער שטאַרק געשריען. זי וואָלט ביי אים געווים געבליבן, אָבער נישט ביי דער פרעמדער פרוי, וועלכע איז געווען אַזאַ דיקע און אָנגעפּודערטע, געהאַט צוגעברענטע קליינע לאָקן און שרעקלעך שטעכנדיקע אויגן.

העני האָט אַזוי הויך און כסדר געשריען, אַז ס׳זענען זיך צו־נויפגעלאָפן מענטשן פון הויף. און אַדאַנק דעם האָבן מיר צוריק באַקומען העניען.

דער פאָטער איז שוין מער ביי אונז נישט געשלאָפן, האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען נעכטיקן אַהיים, אָבער דעם שליסל פון שטוב האָט ער געהאַלטן ביי זיך.

די ווייבער פון אונזער הויז, די שכנטעס, פלעגן אַריינקומען צו דער מוטער און איר געבן עצות, וואָס צו טון. פיל פון זיי האָבן געזאָגט:

— גט אים אָפּ, קעניג. וואָס קענסטו נאָך דערוואַרטן פון אַזאַ מאַן, מישטיינסגעזאָגט. ער איז דאָך שוין אַ פאַרפאַלענער. סיידן דו ליבסט אים נאָך שלאָג מיט אים כפּרות. אַ סוף זאָל עס נעמען. ווי לאַנג נאָך וועסטו זיך אַזוי מאַטערן און זיך לאָזן פייניקן פון אים?

די מוטער האָט פריינטלעך זיך צוגעהערט צו די רייד פון אירע שכנטעס און יעדע פון זיי מכבד געווען מיט אַ גלאָז קאַווע — פון מאַלץ מיט באָבעס — און צוקער דערצו. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ גרויסער כיבוד, ווייל זיי זענען צו דעם נישט געוויינט געווען... זיי האָבן דער מאַמען געדאַנקט און געזאָגט:

— דו לעבסט דאָך אָבער, קיין עין-הרע, גאַנץ גוט, מעשה גבירטע. זיי אַזוי גוט, גיס צו אַביסל קאַווע אין מיין גלאָז, און ווען „דיינער" וועט קומען אַהיים, — גיי איך אין געוועט, — אַז דו וועסט אים ווידער אַריינלאָזן און אויפנעמען, נישט אַזוי? דער־ציייל מיר נישט קיין באָבע־מעשיות און האַק נישט קיין טשייניק, איך בין נישט פון יענע ווייבער, וואָס לאָזן זיך „קלימפּערן אויף די ווימפּערן", ביסט דאָך, קעניג, אַן אמת שעפּסעלע, אַ ציטער־דיקס און לאָזט יעדן שפּייען אין דיין קאַשע אַריין.

איין איינציק מאָל, ביינאַכט, איז דער פאָטער געקומען אַהיים און אַריינגעדרונגען עפּענענדיק מיט זיין שליסל די טיר, אין שטוב אַריין. מיר האָבן שוין אַלע כמעט געשלאָפן. בלויז מאַרק האָט אים געזען, ער האָט אָבער מורא געהאַט אונז אויפצוּוועקן. אין קיך איז געשטאַנען די באַליע מיט איינגעווייקטע וועש. ס'איז געווען אַלץ פרעמדע וועש, וועלכע די מוטער האָט געבראַכט פון אירע קונדן. זי האָט אָפט געמוזט וואַשן די וועש ביי אונז אין דערהיים, ווייל די געמיינזאַמע וועשערייַ אין אונזער הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויפן בוידעם, איז שטענדיק געווען פאַרנומען פון די שכנים, וואָס האָבן דאָרט געוואַשן זייער אייגענע וועש. האָט מאַרק געזען, ווי דער פאָטער האָט אַרויסגעגנבעט וועש פון דער באַליע...

ער האָט די אַרויסגענומענע שטיקער וועש אין דער שטיל אויסגעקוועטשט איבער דער באַליע. די מוטער איז אָבער געשמאַק געשלאָפן, אויסגעמאַטערט און שטאַרק אויסגעהאָרעוועט נאָך

אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט. איך, לעם איר, בין אויך געלעגן און געשמאַק געשלאָפן.

דער פאָטער האָט אַרונטערגעשטופּט די וועש אונטערן רעקל און איז אַוועקגעגאַנגען...

פינף אַזייגער אין דער פרי איז די מוטער אויפגעשטאַנען און האָט זיך באַלד גענומען צום וואַשן די וועש. מיר זענען נאָך געשלאָפן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר זיך, דערשראָקן, אויפגעכאַפּט פון איר שרעקלעכן געשריי... זי האָט באַלד דערזען, אַז אין באַליע פעלט וועש. — גרויסע שטיקער: ליילעכער, טישטעכער אאַ"וו. און די טיר פון דער קיך איז נישט געווען פאַרמאַכט. ער האָט מיט זיך אין שטוב מיטגעברענגט דעם שמוץ פון די אויפגעטייטע גאַסן, די שפּורן פון זיינע שיך. איז נאָך געווען צו זען און דער ריח פון בראָנפן און ביער האָט זיך נאָך שטאַרק געשפּירט...

מאַרק האָט געוויינט. אים איז עפּיס באַפאַלן אַן אימה.

— אָ, מיין קינד, — האָט די מוטער געיאָמערט — פאַרוואָס האָסטו מיך נישט אויפגעוועקט, ווען דו האָסט געזען, אַז ער נעמט אַרויס די שטיקער וועש?

— ער וואָלט דאָך מיך דערהרגעט, — האָט זיך מאַרק אָפּגערופן, — ווי אַנומלט טעדין. ניין, כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן, בעת ער איז דאָ געשטאַנען און האָט אַרויסגעשלעפּט די וועש.

— שטיל, שוויג. אָ, גאָט אין הימלן שוויג, מיין קינד — האָט די מוטער געזאָגט, — איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, וויבאַלד אַז איך בין דאָ מיט אייך דאַן וועט אייך קיינער גאָרנישט טון און נישט אָנרירן. אָבער וואָס טו איך איצט, וואָס זאָל איך טון? כ'וועל דאָך מוזן באַצאָלן פאַר דער וועש.

און באַלד האָט זי זיך גענומען וואַשן, פונאַנדערגעבלאָזן דאָס פייער, אַריינגעשטעלט קאָכן אין אַ גרויסן טאָפּ וואַסער און האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט אויסצוטשובען די הענט.

— כ'קען דאָך אָבער נישט באַצאָלן, כ'האָב נישט מיט וואָס.

— האָט זי ווייטער געיאָמערט, — וואָס טוט מען? ווי גיט מען זיך אַן עצה?...

ווען איך בין געקומען פון דער שול, האָט זי עס אָפּגעטון: זי איז געווען ביי פּאַלקן אין דער ווילע...

דאָס איז געווען פאַר איר אַ דערנער-וועג, אַ ביטערער גאַנג. זי האָט שוין פאַרשפּאַרט אַהין ווייטער צו גיין. דער איינציקער באַזוך איז שוין געווען גענוג. זי האָט דאָרט געבעטן געלט. זי האָט נישט געקאָנט בעטן אויסצובאָרגן איר. ווען וואָלט זי געקענט דאָס געלט צוריק אָפּגעבן? זי האָט געמוזט איינגיין צו באַקומען דאָס געלט געשאָנקען...

ווען איך בין געקומען אַהיים, איז זי געשטאַנען אין מיטן שטוב און אָנגעקוקט דעם הונדערט-מאַרק-באַנקנאָט. ס'האָט אויסגע-זען, ווי זי וואָלט שוין געשטאַנען אַזוי שעהן-לאַנג און נישט אַראָפּ-געלאָזט די אויגן פון באַנקנאָט און ווי זי וואָלט פאַרגליווערט גע-וואָרן אין שרעקלעך-הערלעכן באַטראַכטן די אַסיגנאַציע. דאָס איז געווען אַ ווידערדערקענונג...

זייט צען יאָר, ווי זי האָט עס מער נישט געזען. און נישט געוואוסט די צורת באַנקנאָט. זי האָט נישט געוואוסט, פון וואָס אַט דער פּאַטאַלער באַנקנאָט באַשטייט, אַז ער האָט אין זיך סם, זיסן סם, וועלכער דרינגט דורך די נערוון, טרייסט דאָס האַרץ, וויגט איין און באַרואיקט די נירן און גיט אַזוי פיל גוטס.

שפּעט אין אָוונט פון אַט דעם טאָג האָט זי ווידער געהאַט מיט מיר אַ לאַנגן געשפּרעך. ווידער האָט זי מיר דערציילט אַ שטיק פון איר לעבן — איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט. זי האָט דערציילט וועגן פאָטער, ווען ער איז איר נאָך פאַרגעקומען אַזוי שיין, גוט און שטאַרק. אפשר האָט זי געוואָלט — אַלץ נאָך — אים דן זיין לכף זכות. אָדער זי האָט אפשר געוואָלט נישט חרוב מאַכן אין מיר דעם געבאָט פון כיבוד-אב. איר וואָלט נאָך איצט אפשר פאָרגעקומען שרעקלעך, ווען עמיצער וואָלט זיך אויסגעדריקט וועגן פאָטער, ווי וועגן אַ גנב און שיכור. זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אים ליב האָבן אָדער שעצן אָדער אפילו האַלטן פון אים. זי האָט עס מיר אָבער געטון צוליב. איך זאָל זיך נישט פילן אומגליקלעך, האָבנדיק אַזאַ פאָטער. און סוף-כל-סוף האָט זי

גענומען אויף זיך די גאנצע שולד, וואס זי האט מיר געגעבן אזא פאטער.

— טעדי מיין טייערער, — האט די דאזיקע פרוי און הערלעכע מוטער צו מיר געזאגט — דו טארסט קיינמאל נישט האבן א טענה צו ווען עס איז, קיינמאל קיינעם נישט פאראורטיילן, ווייל דו קאנסט נאך בכלל פון אלץ נישט אורטיילן. יעדער אורטייל איז אומגערעכטיקייט. דו דארפסט אים נישט... א, טעדי, ניין: דו דארפסט אים נישט ליב האבן, געדענק, איך פארבאט עס דיר. ווען דו וועסט עס טון, וועל איך דיר דערמאנען אין דער פרי און ביינאכט, טאג איין, טאג אויס, וועגן די קארבן אויף דיין באק, וועלכע ער האט דיר איבערגעלאזט, בעת ער האט דיך אזוי מערדערלעך געשלאגן. כ׳וואלט דיר דעמאלט געזאגט: קוק מיך אן מידן קוק מיך אן, ווי איך זע אויס. דאס האט ער פון מיר אזוי געמאכט, און ער האט דאך געהאט אלע מעגלעכקייטן צו זיין א מענטש, גלייך ווי אנדערע, איך אליין האב אים אט די מעגלעכקייטן געגעבן. ער איז אבער געפאלן אלץ נידעריקער און נידעריקער, ביז ער האט פארלארן זיין צלם אלקים. ער האט נישט געוואלט מיר פאלגן, נישט געוואלט אויסנוצן די מעגלעכקייטן צו בלייבן א מענטש. און דאס איז די גרויסע זינד פון די מענטשן: נישט וועלן ווילן איז שטענדיק ווי א מתנה פון גאט און אנטהאלט אין זיך שעפערישעס. אפילו ווילן צו טון שלעכטס שיינט מיר נישט צו זיין פון די גרעסטע זינד. אבער גארנישט צו וועלן, זיך לאזן טרייבן, אין זינד, ווען עס טרייבט גראד צו שלעכטס: דאס איז אן אומרעכט, א חטא קעגן דעם געטלעכן. — טעדי, ניין, דאס וויל איך דיר גארנישט זאגן. כ׳וויל דיר נאר זאגן: זיי נישט טרויעריק און פאל ביי זיך נישט אראפ, וואס ער איז דיין פאטער. זיי אויף אים ברוגז צוליב וואס דו ווילסט נאר, אבער נישט צוליב דעם, וואס ער איז דיין פאטער, ווייל דאס איז מיין שולדן איך האב אים דאך געמאכט פאר דיין פאטער, אזוי האב איך געוואלט, כ׳האב דערצו געשטרעבט. ווען דו, מיין טייערער, וועסט מיך פאראורטיילן...

אזוי האט א מוטער גערעדט מיט איר צעניעריקן זון.

צי בין איך אָבער דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר?

דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך אויך דערוואוסט, אַז די־רעקטאָר פאַלק האָט ווען מיין מוטער איז צום ערשטן מאָל ביי איס פאַר מיינעטוועגן געווען. איר פאַרגעלייגט רעגלמעסיק זי צו שטיצן. ער האָט געוואָלט יעדן חודש איר געבן אַ געוויסע סומע, אַזוי אַז זי זאָל מער נישט דאַרפן גיין וואַשן וועש, אַז זי זאָל נאָר קענען לעבן מיט אונז און פאַר אונז. וועגן פאָטער האָט זי, די שטענדיק פאַרשלאָסענע אין זיך, אים אַלץ אָפן דערציילט.

פון דער שטיצע, וואָס דירעקטאָר פאַלק האָט איר פאָרגע־לייגט, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט מיט שטאָלץ און ווירדע, טיף פאַרשעמט. זי האָט זיך ווידער דערשפּירט אַלס נגידישע טאָכטער, אַלס יידיש קינד פון אַ פיינעם הויז, וואו מ׳האָט אַליין געגעבן פיל צדקה און געטון טובות אַנדערע. זי האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל. זי האָט געוואָלט אירע קינדער דערנערן. דאָס האָט איר געגעבן רעכט אויף דעם. דערמיט האָט זי באַצאָלט. הער פאַלק האָט זי אויך פאַרשטאַנען.

זי, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ווארימע ציכטיקע שטובן מיט שפּיגלען, פּאָטעלן און בילדער, זי, וועלכע איז געווען געוויינט צו לעבן אין איר אייגענעם הויז מיט אַ גאָרטן, מיט אַ ווייסן בעט, מיט באַדינונג, זי, זעענדיק ווידער די סביבה, אין וועלכער זי איז אויסגעוואַקסן, האָט שרעקלעך געליטן... זי, וועלכע איז שוין זייט מער ווי צען יאָר נישט געזעסן אין קיין ווייכן פּאָטעל, האָט דאָ פון אַ קריסטאַלענעם גלאָז געטרונקען פּאָרטווייַן, וועלכן איר האָט דערלאַנגט אַ דינסטמיידל, אָנגעטון אין שוואַרצן מיט אַ ווייסן שירץ. זי, וועלכע איז ביז צו איר פינפאונצוואַנציקסטן יאָר געווען אַרומ־גערינגלט מיט דינער, וועלכע זי פלעגט באַפעלן, האָט דאָ געפלאַמט פון בושה, זיך געשעמט ווי אַ גנבטע, ווען אַ דינסטמיידל האָט איר דאָ געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם מאַנטל. זי האָט פאַרן דינסטמיידל אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער פּאָדלאָגע פון בושה. זי האָט פאַר־לאָזן די גליקלעכע ווילע, ווי אַ גיהנום... פאַרברענט, נישט גערייי־ניקט, אָן אַ האַרץ, האָט זי זיך צוריקגעקערט פון דאָרטן אַהיים, — ווען זי איז געהאַט געגאַנגען אַהין דאָס ערשטע מאָל.

און אַצינד איז זי דאָרט געווען דאָס צווייטע מאָל — אינעם דאָזיקן גיהנום, אין וועלכן איר פֿאַרהאַרטעוועטער שטאָלץ, איר פֿאַרשטיינערטע בושה האָבן זיך ווידער געשמאָלצן און זי אינגאַנצן אָנגעפּילט מיט אַ פֿאַרביטערסטן שמאַרץ. זי האָט דאָרט נאָר דערציילט, וואָס מיט איר איז געשען, נישט געבעטן, אָבער די דאָזיקע דערציילונג איז געווען בעטלעריי... דעמאָלט, דאָס ערשטע מאָל, האָט זי זיך געקאָנט אָפּזאָגן פֿון הילף. דעמאָלט האָט זיך דאָך געהאַנדלט בלויז וועגן דער טובה פֿון איר קינד. יענע הילף האָט בשום אופֿן נישט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס נדבה, אָבער איצט הייסט עס שוין יאָ אַ נדבה... זי האָט די נדבה באַקומען, איידער זי האָט גאָר אויסגעדריקט דעם וואונש וועגן דעם. אָט צוליב וואָס זי האָט אַזוי טיף געפֿילט דעם טעם פֿון דעם.

דירעקטאָר פֿאַלק האָט איבערגעחזרט זיין ביטע, אום צו דערלויבן, איר דערלייכטערן איר אַרבעט: איר סיסטעמאַטיש קומען צוהילף מיט געלט. דאָ האָט זי זיך שוין אַ הויב אויף געטון. זי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן, זי האָט אָנגעהויבן אַזוי צו ציטערן און קאָנוואולסירן, אַז זי האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ענדלעך האָט זי אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— לאָז שוין דערמיט גענוג זיין. נעמט ביי מיר נישט אַוועק דעם לעצטן אָנהאַלט פֿון מיין לעבן. ווען איך זעץ מיך איצט צו, — קען איך שוין ווידער נישט אויפֿשטיין.

כ'מיין, אַז דאָס גאַנצע לעבן אירס איז געווען זעלבסטפֿאַרוואורף, זעלבסטפּייניקונג, — שטראָף, וועלכע זי האָט געהאַלטן, אַז זי מוז אָפּקומען.

אַזוי-אַרום האָט זי געקאָנט באַצאָלן פֿאַר די אַוועקגעגנבעטע וועש.

און דער פֿאָטער פֿלעגט נאָכדעם שוין זייער זעלטן קומען אַהיים. ער פֿלעגט מאַנכעמאָל קומען צו הענים שול, זי דאָרט אָפּוואַרטן, אַוועקגיין מיט איר אין וואַלד, ער פֿלעגט איר קויפֿן קאַרמעלקעס, שאָקאָלאַד, ער האָט איר אַמאָל געבראַכט אַ שאַכטעלע שפּראָטן, זי געקושט און געהאַלזט. דאָס דערציילט העני בלויז מיר—

דער מוטער קיינמאָל נישט. אינסטינקטיוו האָבן מיר נישט געוואָלט מצער זיין די מוטער און וועגן דעם געמאַכט אַ שוויג.

דער פאָטער האָט אָבער ווידער אָנגעהויבן אויפצוטויכן, און אַלץ — כדי אָפּצוטון אַ נייע נבלה.

מיר האָבן אים גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט דערציילט וועגן דעם דירעקטאָר פאַלק. ער האָט נישט געוואוסט, אַז איך קום אַריין צו פאַלקן אין הויז און האָב פון אים טובות. מורא האָבנדיק פאַר עפּיס אינסטינקטיוו, האָט די מוטער פון אים די זאַך געהאַלטן בסוד סודות.

אָבער דאַן... הערט אַ מעשה:

אַמאָל, אין אַן אָוונט, בין איך געקומען אַהיים, מאַרק האָט מיר אויפגעמאַכט די טיר. אין קיך איז געשטאַנען די מוטער און געוואַשן די פרעמדע וועש. און אַ טריט פאַר איר איז אויף אַ טאַ-בורעט געזעסן עפּיס אַ פרוי.

איך בין נבהל ונשתומם געוואָרן...

די דאָזיקע פרוי איז געווען דיאַנאַ פּיאַרי...

זי איז געזעסן רואיק און אַזוי פיין געשמייכלט, ווי איך האָב זי נאָך קיינמאָל שמייכלען נישט געזען, אַזוי זיס, אַז אַפילו די מוטער האָט צו איר אויך געשמייכלט. אויף איר שויס איז געזעסן העני און האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דאָס שיין, בלאַס פּנים פונעם מיידל. איך האָב זי דייטלעך געזען, מיט אירע נאָזלעכער, וואָס האָבן ליידנשאַפטלעך געפלאַטערט, און געשפּירט דעם אַראָמאַט פון אירע שוואַרצע האָר, דעם רויזן-ריח פון אירע קליידער און דעם שוואַכן זייפן-גערוך פון איר הויט. אָ, כ'האָב דאָס אַלץ געקאָנט. כ'האָב עס אַלץ שוין לאַנג אַזוי טיף איינגעזויגן אין זיך, אַז איך בין עד היום פול מיט דיאַנאַס דופט.

כ'בין געבליבן אַ מינוט דערשטוינט שטיין אויף דער שוועל פון דער טיר. מיין האַרץ האָט עפּיס געטראָפן אַ טויטלעכער זעץ, כ'האָב געפלאַמט פון בושה און געפילט, אַז די ערד וואַקלט זיך אונטער מיינע פיס... דיאַנאַ האָט געזען — איז געווען מיין ערשטער געדאַנק — זי האָט געזען אונזער דלות, ווי די מוטער אַרבעט... אָ, ניין, נישט פאַר דעם האָב איך זיך געשעמט. כ'בין

זאָגאַר אויף דעם געווען שטאָלץ. אָבער — וואָס איז זי דאָ, ביי אונז, געזעסן, וואָס איר שיינקייט איז געזעסן צווישן די דאָזיקע אָפּגעדראָפּעטע ווענט, אויף אַ הוילן טאַבורעט, אויף דער פּאַר-פוילטער פּאָדלאָגע.... וואָס זי טראָגט אַריין מיט זיך איר דופּט אַהער, אינעם ריח פון שמוציקע וועש, פון בוראַקעס, וואָס קאָכן זיך אין טאָפּ, אין דאָזיקן הויז מיט גאַסנמיידלעך, וואו מ'קען אָן ערלעך מיידל אַזוי לייכט טיף באַליידיקן...

כ'האָב זי אָנגעקוקט און זי האָט צו מיר אַ נייג געטון דעם קאָפּ, דאָס מאָל שוין אָן שום שפּאָט און גאַנץ פריינדלעך.

— אַזוי, טעאָדאָר, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — כ'בין געקומען צו גאַסט צו דיין מוטער.

אויפן טיש זענען געלעגן האַלב-אָפּגעגעסענע טיטן מיט אויבסט און קוכן. איין מיט האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ שאַרפן ריינע קאַווע-ריח. כ'האָב אויך געזען אַ בלויען צוקערטיט — דאָס האָט זי אַלץ מיט זיך מיטגעבראַכט. און העני האָט געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך אַ ליאַלקע, און אין מאַרקס הענט האָב איך דערזען אַ שאַכ-טעלע פאַרבן און אַ העפט אויף צו מאָלן.

זי האָט באַמערקט מיין בליק און געלאַכט. זי האָט איצט גאָר אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש. איצט האָט זי געשמייכלט און געלאַכט אַזוי פיין און ווייך. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז עפּיס איז אין איר פאַרלאָרן געגאַנגען פון אירע אייגנשאַפטן, און איצט האָט זי זיך געהאַלטן גאָר אַנדערש, ווי דאָרט אין דער ריי-בער ווילע.

— יאָ, יונגערמאַן, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — נאָר דיר האָב איך גאָרנישט מיטגעבראַכט. מיר וועלן אַמאָל מאַכן אַ שפּאַציר און דו וועסט מיר דעמאָלט זאָגן, וואָס דו פאַרלאַנגסט צו האָבן. אָדער אפשר האָסטו קיין שום פאַרלאַנג נישט?

כ'גלייב, אַז אַלע האָבן דאַן געווענדט זייערע בליקן אויף מיר, צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט. זי האָט דערביי אַ הויכן לאַך געטון, דאָס לאַכן אירס איז אָבער געווען אַ גוטס און וואַרימס.

— דעריבער דאַרפסטו מיר געבן די האַנט.

דאָס איז געשען צום ערשטן מאָל. זי האָט מיר נאָך קיינמאָל נישט געגעבן די האַנט.

און איך האָב זיך אַזוי לאַנגזאַם צו איר צוגערוקט, אַז זי האָט מיט דער שיין אויסגעשטרעקטער האַנט, איידער איך האָב זי דערגרייכט, אַרומגענומען העניון, זי אַנידערגעזעצט און זיך אויפגע־הויבן פון אָרט.

זי האָט אַ נעם געטון די מוטערסביידע הענט.

— אַדיע, פרוי פערדיטאַ. — האָט זי געזאָגט.

אָ, כ'האָב שוין געהאַט פאַרגעסן, ווי די מוטער הייסט. ווי זיס עס האָט געקלונגען איר נאָמען, וועלכן זי האָט פאַרלאָרן. זי האָט דאָך נאָר געהייסן מוטער... זייט פיל יאָרן איז נישט געווען קיין מענטש, וואָס זאָל וויסן, ווי זי הייסט.

זי האָט געהאַלטן די מוטערס הענט. — און דאָ האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פון אַ שליסל אין שלאָס פון דער טיר. די טיר האָט אויפגעפראַלט און ויבא פאָטער... ער איז געווען שיכור, נישט שטאַרק, ער האָט זיך נישט געהאַלטן פעסט אויף די פיס. דער באָרד האָט זיך אונטער אים געוואַקלט, זיינע אויגן זענען אָבער נישט געווען אַזוי שרעקלעך גלאָזיק. כ'האָב זאָגאַר געזען, ווי זיי לייטערן זיך אויס אונטער מיינע בליקן און ווערן זאָגאַר שיין, ווי זיי זענען געווען שיין ביי העניון און מאַרקן. ער האָט אָנגעקוקט דיאַנען...

זי האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט און אים געוויזן איר צאַרט, פיין שמייכעלע, מיט וועלכן זי האָט געקוקט אויף דער מוטער. זי האָט געהאַלטן דער מוטערס הענט פעסט אין אירע: דער מוטער איז ווי נישט גוט געוואָרן און זי האָט אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען, גרייט אומצופאַלן. אָבער דאָס יונגע מיידל האָט זי געהאַלטן פאַר אירע הענט, זי נישט אָפּגעלאָזן און געפרעגט:

— אייער מאַן, פערדיטאַ?

דאָ האָט דער פאָטער געלאָזט פאַלן פיל שטעכווערטער:

— אַך, ס'איז אַ פיינער באַזודן אַך, וואָס פאַר אַ גליק און נחת דער אויבערשטער האָט אונז אַראָפּגעשיקטן ס'פרייט מיך זייער, גנעדיקע דאַמע. אונזערע אומווירדיקע פיר ווענט... און דאָ,

אַלטע, קומט איינער אַזאַ אומגעווינשטער און אַזוי נישט צו דער צייט.

ס'איז געווען צו זען באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט.

ער האָט זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן אָנשטענדיק. ער האָט זיך געריסן אין דער הויך און אַראָפּגעהאַקט די האַקען.

כ'האָב אים ווידער געזען אַזאַ שיינעם, ווי אַמאָל, ווען די מוטער האָט אים נאָך געליבט.

ער האָט אויף דער פרייליין דיאַנאַ געקוקט און געקוקט, נישט קענענדיק אַראָפּלאָזן פון איר זיינע אויגן. און אין דער זעלבער רגע, ווען די מוטער האָט שוואַך אַ רוף געטון „געאָרג", האָט ער זיך אַ דריי אום געטון צו דער טיר.

דיאַנאַ האָט נאָך אַלץ געקוקט אין דער אָפענער, ליידיקער טיר. דעם בליק אַהין געווענדט, שוין אָן אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, מיט טרויער אין די אויגן און אַ ביטערקייט אַרום דעם מויל, האָט זי זייער לאַנגזאַם געזאָגט:

— אָ, פּערדיטאַ, כ'פאַרשטיי... איצט ווייס איך... אָ, איר אומגליקלעכע פרוין!

איר פּנים האָט געציטערט. זי האָט זיך געווענדט צו דער מוטער און אויסגעשריגן:

— אָבער, פאַרוואָס קומט עס אייך אַזאַ שטראָף? מיט וואָס האָט איר זיך דען אַזוי פאַרזינדיקט? איז מען דען שולדיק, ווען מען... איז דאָס דען אַ פאַרברעך?...

— גייט נאָך נישט, וואַרט נאָך צו — האָט די מוטער געפליסטערט, זענענדיק, ווי דיאַנאַ קלייבט זיך צו פאַרלאָזן אונזער שטוב, — בלייבט נאָך אַ ווײַלע, ביז ער וועט אַוועקגיין. ווען עס...

— ווען ער וויל, — האָט דיאַנאַ געזאָגט, — ווען אים וועט נאָר איינפאַלן, קען ער נאָך אויף מיר... גיין אַדיעו

זי האָט זיך אומגעקוקט אַרום זיך, ווי זי וואָלט עפּיס געזוכט. דאַן האָט זי מיך דערזען.

קום מיט מיר מיט, טעאָדאָרן ער מעג גיין, פּערדיטאַ? איך

דערלויבט? מיך אביסל באַגלייטן. אַדיע. כ׳וועל איינגיכן נאָך אַמאָל קומען צו אייך.

זי איז שוין אָבער מער קיינמאָל נישט געקומען.

כ׳בין געגאַנגען הינטער איר. אין הויף האָב איך געזען דעם פאָטער. ער איז געשטאַנען הינטערן מיסטקאַסטן, אַנגעשפּאַרט אַן דער מויער. כ׳ווייס נישט, צי דיאַנאַ האָט אים אויך באַמערקט. זי האָט זיך אָנגעטון די ווייסע הענטשקעס און איז געגאַנגען גיך. כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט, — כ׳האָב געהערט, ווי ער האָט זיך גע־לאָזט אונז נאָכגיין.

אויף דער גאַס האָט דיאַנאַ צו מיר געזאָגט:

— נו, יונגער הער, זאָל איך דיך נעמען פאַר דער האַנט, ווי? מיר זענען שוין גאַנץ דערוואַקסענע מענטשן, איך זאָל עס קענען טון. אַלזאָ, געאָרעמט. אָבער דו וועסט מיך פירן און נישט איך דיך. כ׳האָב מורא צו גיין אויף דער דאָזיקער יאַסמונד־ערשטראַסע, זע זשע, האַלט מיך פעסט און זיי אַ מאַנספּאַרשוין.

כ׳בין מער געווען מאַנספּאַרשוין, ווי זי און איך האָבן זיך געקאָנט פאָרשטעלן...

כ׳האָב באַקומען איר האַנט אין ווייכע לעדערנע הענטשקעס אין מיין אייז־קאַלטער, פאַרשטאַרטער האַנט. זי האָט זי פעסט געדריקט.

— ס׳איז קאַלט, טעאָדאָר? — האָט זי געפרעגט.

כ׳האָב גאָרנישט געענטפערט. און אַזוי זענען מיר געגאַנגען, אַ זעלטזאַם פּאָרל, דורך די טונקעלע גאַסן, ביז מיר זענען אַריין אין דער ברונענשטראַסע מיט איר באַוועגטן זיבנאַזייגערדיק לעבן. דער פאַרשטויבטער וואַלד האָט פויל און שטיקיק געדופטעט, ס׳האָט געדאַמפּט פון באַנהויף אין דער הויך. מיר האָבן זיך צוזאַמענגע־גאָסן מיט אַ הייסן שטראָם מידע מענטשן. ס׳האָט געליאַרמט.

פּלוצלינג האָט דיאַנאַ אַ פרעג געטון, אָבער נישט צו מיר, זיך וועגנדיק, נאָר ווי פאַר זיך:

— וואָס דערנקסטו וועגן מיר, יונגע, האַ? זאָג דעם אמת.

זי האָט אָבער נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער פון מיר. כ׳האָב געוואָגט אויפצוהויבן די אויגן און אַ קוק טון איר אין

פנים אריין און האָב געזען: זי האָט געלאַכט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן פנים.

כ׳האָב געוווסט, אַז דער פּאָטער גייט אונז הינטן נאָך...

כ׳האָב זיך נישט אומגעקוקט, כדי זי נישט צו דערשרעקן און נישט אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם.

און אויף דער בריק, ווען די נאַס האָט פּאַר אונז בונט אויפגעלויכט מיט אירע קינאָ-רעקלאַמעס און די העלע פענצטער פון די קנייפּעס, ווען די קאַרוזעלן פון רומעלפּלאַץ האָבן כסדר פאַרטויבט די מענטשן, ווען די שיסקראַמען האָבן געקנאַלט, די קולות פון די גאַסן-הענדלער האָבן פאַרטויבט די גלאָקן פון טראַמווייִ, דאָ, אינמיטן דעם אומבאַשרייבלעכן טומל און געפּילדער — האָט זי צו מיר קלאָר און דייטלעך געזאָגט:

— האָסטו זיך אַמאָל צוגעקוקט צו מיין לייטענאַנט? האָלסטו אים פאַר זייער אַ שיינעם, האָלסטו, אַז ער איז אויסערגעוויינלעך שיין, אַזוי, אַז ס׳איז אוממעגלעך אים בייצושטיין?

זי האָט שרעקלעך געדריקט מיין האַנט.

— דו מוזט מיר ענטפערן, יונגע, דו הערסטן — האָט זי צווישן די ציין געזאָגט.

— איך... אַ, איך...

— יאָ, דו. גראָד דון ס׳איז נישט דיין עסק, פאַרוואָס דווקא דון זאָג, האָלסטו...

דאַן האָט זי זיך צעלאַכט. ס׳איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט צערינען עפּיס, וואָס זי האָט געהאַט פאַרגעוואַלטיקט. איר האַנט האָט זיך אָנטשפּאַנט. ס׳ווייזט אויס, אַז זי האָט געהאַט קראַמפּן, נאָר איצט זיך פון דעם באַפרייט.

מיר האָבן דערגרייכט די האָכשטראַסע און זענען ווייטער געגאַנגען אין דער לענג פון די אַלייען. אָפּגעגאַנגען נאָך אַ צען טריט, איז דיאַנאַ געבליבן שטיין.

— ווי מיינסטו, ער גייט מיר נאָך אַלץ נאָך? — האָט זי געפרעגט.

הייסט עס, אַז זי האָט די גאַנצע צייט געוואוסט, אַז דער פּאָטער איז אונז נאָכגעגאַנגען.

זי האָט געקוקט אויף דער ווילע, וועלכע איז מיט העלע פענצ־טער געשטאַנען אויף דער גאַס. איך האָב אָבער געקוקט ארויף, אין איר שיינעם פּנים און זי ליב געקראַגן הילפלאָז און האָפנונגסלאָז, פארשאָלטן, צו זיין אַ קינד פון צען יאָר... און ווען איך האָב זי שפּעטער באַגעגנט שוין אלס יונגערמאַן, איז זי דאַן געווען...

אָ, כ׳האָב געזען, ווי זי האָט זיך שוין ווידער געענדערט, ווי זי איז ווידער געוואָרן די פריערדיקע פריילין פון דער ווילע. זי האָט שוין ארויסגעלאָזט מיין האַנט פון אירער און...

יאָ, זי האָט אויפגעהויבן די האַנט און זי אָנגעקוקט...

— ביסט דאָך אַזאַ שמוציקער, יונגער הער. — האָט זי געזאָגט.

און איר שטים האָט איצט שוין ווידער געקלונגען אַזוי האַרט, שפּאָטיש און העל.

אָ, און איך, נאַר, האָב געטרוימט...

— דו האָסט זיך נישט געוואַשן — האָט זי ווייטער געזאָגט.

— דו האָסט מיינע הענטשקעס באַפלעקט. אַלזאָ, אַדאַנק, ליבער שוואַן. אַזעלכע פלעקן קען מען אָפּוואַשן. ס׳זענען פאַראַן אַנדערע פלעקן, וועלכע לאָזן זיך נישט בשום אופן אָפּוואַשן, און באַזייטיקן זיי קאָן מען נאָר דורך בלוט... ווייסטו, וואָס בלוט איז אַזוינס? יאָ, דו ווייסט עס, זע איך. דיינע קאַרבן אויפן פּנים זאָגן עדות, אַז דו ווייסט עס. דאָס האָט דיר דיין שיינער פאָטער איבערגעלאָזט לזכרון.

דאָס וואָרט „שיינער" האָט זי ארויסגערעדט אַזוי, אַז מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ ציטער... פונקט, ווי איך וואָלט געזען אַ נאַ־קעטע שיינהייט, אַ לעבעדיקע, פאַר מיר...

— איך ווייס אַלע, דו ערלעך שעפּסעלע. אַדאַנק דיר פאַר דעם, וואָס דו ביסט געווען מיין קאַוואַליער און מיך גענומען אונטער דיין שוץ.

זי האָט נאָך קיינמאָל אַזויפיל צו מיר נישט גערעדט. כ׳האָב געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, פונקט, ווי זי וואָלט מיך געשלאָגן. און כ׳האָב געפילט, ווי מ׳וואָלט מיך טאַקע דאַן געשלאָגן, ס׳האָט מיר מער נאָך וויי געטון, ווי דעם פאָטערס קלעפּ... און מיין האַרץ האָט פון אירע ווערטער באַקומען טיפערע קאַרבן, ווי מיין פּנים פון מיין פאָטערס שטיוול...

— אזוי. איצט לאָז איך דיך איבער דיין שול־מלאך, טעאָדאָר. טעאָדאָר — הייסט אַ מתנה פון גאָט, אָדער: אַ מתנה פאַר גאָט... ביסטו, הייסט עס, אַ קליינער גאָטעסמאַן?... קוק מיך אָן — האָט זי געזאָגט.

און זי האָט ווידער אַריינגעשטרעקט איר וויַיז־פינגער צו מיין גאָמבע, כדי אויפצוהייבן צו זיך מיין קאָפּ, דורך אַזאַ נישט אָנגענעמער „פּריצישער" תנועה.

כ'האָב זיך אָבער אַרויסגעדרייט פון דער דאָזיקער באַרירונג צו מיין גאָמבע, וואָס האָט מיך אַזוי שאָקירט, און אַליין אויפגע־הויבן דעם קאָפּ... כ'האָב זי אָנגעקוקט... איך, אָרעמער יינגל, איך, פאַרוואונדעטער מאַן, איך, הילפלאָז קינד — כ'האָב נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן...

אָבער איידער איך האָב נאָך געכאַפּט איר בליק, איז זי שוין אַוועקגעגאַנגען. פּונקט, ווי זי האָט עס גאָרנישט אָנגענומען פאַר ערנסט, פּונקט, ווי זי האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס זי האָט געזאָגט און וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. זי האָט שוין נישט געזאָגט קיין אַדיע. שנעל, גוט אויפגערוימט, איז זי געגאַנגען איבער דער גאַס.

איידער זי האָט נאָך דערגרייכט די ווילע, בין איך שוין גע־לאָפן צוריק. כ'בין פאַרביינעלאָפן פאַר מיין פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען נישט ווייט פונעם אָרט, וואו דיאַנאַ האָט מיך אָפּגעלאָזט. ער האָט מיך נישט אָפּגעשטעלט. כ'האָב געכאַפּט אויף אים אַ קוק.

כ'האָב איצט געטראַכט, אַז ווי איך וועל אַ גאַנצע נאַכט מוזן ליגן שטיל אין בעט ביי דער מוטער, — נישט וויינען, ליגן רויק און שווייגן, זיך נישט קיין ריר טון פון אָרט, — בעת אַלץ שרייט אין מיר, בעת אַלץ יאָגט און טרייבט מיך קאָכעדיק און שטראָמיק.

כ'בין אַוועקגעלאָפן אין די אַלייען. שטויב. מענטשן. ליבעס־פּאָרלעך. אַ פּייפעריי, אַ גערויש און וואָלקן דאַמף פון דער אייזנבאַן. פאַרגעסענע קינדער, וואָס שלאָפן אויף די בענק. אַ שוצמאַן שטייט שטיל און וואַכזאַם.

ווייטער, ווייטער, אַ, ביז דער ענדע פון דער וועלט, איבער זיי אַריבער. פון יענער זייט וועלט. און די דערלייזנדיקע נירוואַנע... וואָס פאַר אַ זיס פורכטבאַרער רעטעניש און סוד טרייבט עס

מיך אזוי?... כ'האָב שוין איינגנטלעך געוואוסט אַלץ. פון די שלע־געריייען און מחלוקות צווישן מאַן און ווייב ביז זייער חתונה־נאַכט, פון די געמיינע שפּילן פון די קינדער ביז צו די זינד פון די האַלב־דערוואַקסענע. כ'האָב געקענט די שטאָט־טייל פון בערלין, וואו ס'וואוינען די אָרימע לייט און וואו דער דלות הערשט אזוי מעכטיק, מיט די קעלערן און קאַמערן. כ'האָב געקענט מער ווי די מענטשן — כ'האָב געקאָנט דעם מענטש...

אָבער ווער איז געווען דיאַנאַ? וואָס איז געווען דיאַנאַ? די יונגפרוילעכע געטין?

און וואָס, וואָס איז געווען מיט מיר?... ווי האַלט עס מיט מיר?...

פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע מורא, וואָס האָט קיין נאָמען נישט? דער דאָזיקער געוואַלדיקער פחד פאַרן גאַנצן לעבן?

מורא און פחד אין אַ גלייכן אָטעמצוג, אזוי זיס און אומ־ווידערשטעגדלעך, אַז מ'דאַרף זיי זוכן, ווען זיי וואָלטן אויפגעהערט...

כ'בין אַלט געווען צען יאָר און געליטן די זיסע ווייטאָגן, וואָס עס ברענגט מיט זיך די ערשטע נאַכט פון בחורשאַפט...

*

איצט האָב איך געפירט גאָר אַן אַנדערן אַרט לעבן אין דער רייכער ווילע, אַלס פּריינט פון אַ רייכן יינגל, אַלס פאַוואָריט פון אַ בירגערלעכער פאַמיליע, פאַרליבט אין אַ דאַמע, געזעטיקט מיט מוזיק...

און אָפּט בין איך געווען סטעפאַן פאַלקס פריינט...

ווי האָט עס געקאָנט געמאָלט זיין, אַז איך זאָל זיין זיין פריינט? ער איז דאָך שטענדיק געווען אַ זון פון אַ בירגער און איך פון אַ פּראָלעטאַריער. שפּעטער, ווען מיר זענען שוין געווען דער־וואַקסענע בחורים, האָבן מיר וועגן דעם גערעדט און ער האָט מיר געזאָגט:

— איך בין דער בעסערער פריינט, טעדי. ווייל דאָס גרויסע פאַרטרויען, וואָס איך שענק דיר, גיסטו מיר נישט. דו צאָלסט מיר

ניט מיט דער זעלבער מטבע, וואָס איך. דו האָלסט זיך שטענדיק צוריק, ביסט נישט גענוג אָפנהערציק מיט מיר. דו בלייבסט ביי דיר אינדערהיים זיצן און קומסט נישט צו מיר אַזוי אָפט.

— ווי קען איך עס טון! — האָב איך אים געענטפערט (כ׳האָב שוין דאַמאָלס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און זיך אָריענטירן אין סאָציאַלע פראַגן) — מיר זענען דאָך מענטשן פון פאַרשידענע צוויי וועלטן, אָבער דאָס קען נישט שטערן דערצו, אַז איך זאָל דיך ליב האָבן. אָבער פריינטשאַפט? קיין פריינטשאַפט קען צווישן אונז נישט זיין צוליבן טיפן סאָציאַלן אונטערשייד פון די סביבות, אין וועלכע איך און דו זענען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. דו האָסט קיינמאָל נישט געהונגערט, דו האָסט קיינמאָל נישט געזען, ווי פאָטער שלאָגט די מוטער, ווי ער פאַלט אַריין, טויט שיכור, אין דער טיר אַריין און די מוטער בריט זיך אָפּ אירע הענט אין דער באַליע וועש. דו האָסט קיינמאָל נישט געקליבן קיין פּאַפּיראָסן-אָפּפאַל אויף דער גאַס, כדי צו פאַרקויפן דעם טאַבאַק פון זיי, דו האָסט קיינמאָל נישט געבעטלט... דו קאָנסט מיך נישט פאַרשטיין. און טראָץ דעם, קען איך קיינמאָל קיין אַנדערן אַזוי נישט ליב האָבן ווי דיך, דו ביסט פאַר מיר ווי אַ קינדער-טרוים.

סטעפאַן האָט געזאָגט:

— טיילמאָל קלער איך זיך: ליבע איז נישט גענוג... ס׳מוז נאָך עפּיס אַנדערש, פיל מער זיין, דאָס, וואָס דו האָסט מיר פאַר-געהאַלטן...

אָבער דאָס איז געווען, ווען מיר זענען שוין אַלט געווען זעכצן, זיבעצן יאָר. איצט אָבער, ווען מיר זענען ערשט אין עלפטן יאָר פון אונזער לעבן, — האָב איך נאָך נישט אַזוי גוט געקענט פאַרשטיין, וואָס מיר טיילט אָפּ פון מיין חבר סטעפאַן.

ס׳איז געווען אַ ווילע, אין וועלכער איך האָב געהערט קוואַר-טעטן און געגעסן טייערע מאכלים. און ס׳איז געווען אונזער וואוי-נונג, אַ שטוב מיט אַ קיך, וואו די וואַנצן פון הויז האָבן זיך געלאָזט שפּירן און די מייז פון קאַלטן קעלער פלעגן אַרומלויפן. און טראָץ דעם האָבן מיר אין אונזערע פיר אָפּגעדראַפּעטע ווענט געלעבט

בשלום, אין ליבע און גוטסקייט, הגם ארום אונז האָט געפלאַקערט דער גיהנום פון אָרימקייט און נויט.

די גוטסקייט פון די אָרימע לייט, זייער אכזריות, זייער רחמנות און צערפולקייט: — אין זיי בין איך געווען היימישער, ווי אינעם דופט פון די גבירים. דאָ, אין אונזער וועלטל, זענען געווען אַזעלכע מענטשן, ווי די לעמקעס. ער האָט פּרעפּארירט חיות און זי, זיין ווייב, האָט געטראָפן אויף קאָרטן און פון אַן איי און וואַסער פלעגט זי פאָראויסזאָגן די צוקונפט. ביי איר איז געווען אַ מין מקלט, אַ היים פאַר אַלע עלנטע און היימלאָזע. די קבצנים האָבן גוט געקאָנט די לעמקעס און מ׳פלעגט צו זיי קומען, ווען מ׳האָט נישט געהאַט וואו איבערצונעכטיקן, ווען מ׳האָט זיך מיט עפּיס פאַרזינדיקט און זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, מ׳פלעגט צו זיי קומען נאָך אַ געהיימער קימפּעט — אויף דעם האָט די פרוי לעמקע זיך אויך פאַרשטאַנען און געוואוסט, ווי אַזוי נישט צו דערלאָזן, אַז ס׳זאָל קומען דערצו. דערפאַר איז די לעמקע געווען מפורסם. פון ווערדיק ביז פּיאַנקאָוו. הונדערט פאַבריק־מיידלעך, דינסטן און פאַרקויפערינס אין קראָמען זענען איר געווען דאַנקבאַר, פאַר דער טובה, וואָס זי האָט זיי געטון. די לעמקעס האָבן דערפאַר פון יענע גאָרנישט פאַרלאַנגט, געטון מענטשן טובות פאַר אַ נישטיקע פאַרגיטיקונג און ווען יענע האָבן נישט געקאָנט באַצאָלן, איז זיי אויך געווען ניחא. די לעמקעס צוויי שטובן זענען שטענדיק געווען פול מיט מענטשן, בייטאָג און ביי־נאַכט, — שטענדיק זענען עטלעכע געשלאָפן אין זייערע בעטן און די ביידע אַלטע זענען געלעגן אויף דער פּליטע און געשלאָפן, כדי צו לאָזן די קראַנקע שלאָפן אין זייערע בעטן. אָפטמאָל פלעגן די לעמקעס זיך לייגן אויף דער פאָדלאָגע, אונטערבעטנדיק אונטער זיך שטאָסן פון „פאָרווערטס״ און „מאָרגנפאָסט״, כדי די שוואַכע צו געבן די מעגלעכקייט צו שלאָפן אויפן וואַרעמען פּליט־אויוון.

אַזעלכע מענטשן זענען געווען די לעמקעס. דערנאָך האָט זיי עמיצער געמסרט. ווער, האָט מען נישט געקאָנט דערגיין. מ׳איז זיך אָבער משער געווען, אַז דאָס איז געווען די יונגע האָוועמאַן, וועלכע האָט איר מאַן, אַ גאַסנקערער, פאַרראַטן מיט יעדן, ווען ס׳האָט

גאָר געוואָלט. אָנהויבנדיק פונעם פערצניאָריקן פריזירער-ייִנגל ביז זיין פאָטער.

די לעמקע האָט אַמאָל גערעדט מיט דער האַוועמאַן און איר געזאָגט, אַז זי און אַלע אירע באַקאַנטע האָבן ליב איר יונגן מאַן, וועלכן דער פאָטער האָט פאַריאָגט פון זיך און פון אים נישט געוואָלט וויסן צוליב זיין אויסגעלאַסענע פרוי. שפּעטער האָט מען קעגן דער פרוי לעמקע פאַרפירט אַ פּראָצעס און זי, צוזאַמען מיט איר מאַן, פאַרמשפּט. זייער ווירטשאַפט האָט דער באַלעבאָס געלאָזט אַרויס־טראָגן אויפן הויף, און פון אַלע זאַכן זייערע איז איבעריקן געוואָרן אַ תל-עולם. זיי האָבן שוין מער זיך קיינמאָל נישט געזען מיט זייער האַב-און-גוטס. קיינער האָט זיך נישט דערוואוסט, וואָס מיט זיי איז געוואָרן.

אין זייער וואוינונג האָט זיך אַריינגעצויגן אַ גייסטיק-קראַנקע פרוי מיט איר זון, אַן אמתן אידיאָט, וועלכער פלעגט אַ גאַנצן טאָג זיצן ביים פענצטער, געהירזשעט, און גערעדט ניבול-פה.

די דאָזיקע פרוי האָט געהאַט צוויי קעץ, וועלכע זי פלעגט אויפהענגען יעדן טאָג פון צוועלף ביז צוויי מיט אַ שטריק איבערן האַלז אויפן פענצטער... אַזוי זענען געהאָנגען די בונטגעפלעקטע קעץ און זיך געצאַפּלט, זיך שטיקנדיק, אָבער דערשטיקט אויף טויט זענען זיי קיינמאָל נישט געוואָרן... און דעם נאָענטסטן טאָג פלעגט די משו־גענע איבערחזרן איר עקספּערימענט איבער די קעץ און אַזוי יעדן טאָג. כ'האָב עס נישט געוואוסט, ביז כ'האָב אַמאָל געפונען העניען אויף אונזער פענצטער אין שריי-קראַמפּן. כ'האָב אַרויסגעקוקט אַרויף און דערזען די קעץ אין זייער טאָג-טעגלעכן קאַמף מיטן טויט.

— וואַרט, העני — האָב איך געזאָגט — זיי שטיל. איך לויף באַלד מעלדן וועגן דעם דער פּאָליציי.

כ'בין אַוועקגעלאָפן אין פּאָליציי-צירקל און דאָרט וועגן דעם געמאָלדן, זיי האָבן דאָרט געלאַכט. כ'האָב גענומען אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיך געווענדט אין דער געזעלשאַפט צו באַשיצן חיות. שפּעטער אַביסל איז געקומען צו פאָרן אַ דאַמע אין אַן אויטאָ. זי האָט געקוקט אויף די קעץ, וועלכע זענען געהאָנגען און שוין געוואָרן

שטיל, און מיר זאָלבעדריט, באַגלייט פון אַלע שכנים, האָבן געשטו־רעמט די וואוינונג פון דער משוגענער פרוי.

דער פּאָליציאַנט האָט געפּועלט, אַז מ'זאָל עפענען די טיר...

די פרוי איז צוגעלאָפן צום פענצטער און איך האָב געוויינט, ווען כ'האָב זי געזען, ווי זי האָט זיך צעוויינט איבער די קוים לע־בעדיקע קעץ, צודריקנדיק זיי צו איר ברוסט. אירע שוואַרצע אויגן האָבן אויסגעזען שרעקלעך און האָבן שטום געיאָמערט און געוויינט.

צומאָרגנס איז די אַלטע אַרויף אויפן בוידעם און פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען אין הויף...

מ'האָט געהערט איר זון דעם אידיאָט ווילד לאַכן און אַרויס־רעדן דעם שמוציקסטן ניבול־פה, און ווען מ'האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער, האָט מען געזען, ווי ער האָט ווילד געלאַכט איבער דעם קליידער־בינטל, וואָס איז געווען זיין מוטער...

צו דער זעלבער צייט איז איבערהויפּט דער מלאך־המות גע־וואָרן אַ שרעקלעך נישט געוואונשענער גאַסט אין אונזער הויז. אין פּאַרנט האָט זיך די זעבעציניעריקע טאָכטער פונעם זייגערמאַכער נאָכליכט פאַרליבט אין עפּיס אַ עלעגאַנטן יונגנמאַן, וועלכער איז געווען קעלנער אין באַלטיק־האָטעל. אין איין העלן טאָג איז ער אָבער פאַרשוואונדן געוואָרן און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט אַ גאַסט, אַ שווער, אַרויסגעגנבעט פון מאַנטל זיין טייסטער און מיט דעם — אין טייסטער איז געווען צוואַנציק טויזנט מאַרק — אַנטלאָפן. די יונגע רעזי — אַזוי האָט געהייסן דעם זייגערמאַ־כערס טאָכטער — האָט זיך פון פאַרצווייפלונג אין זונטאָג־טאָג דערטרונקען אין טעגעלערזע, בעת אירע עלטערן האָבן געטרונקען זייער ביר. איבערן וואַסער האָבן זיך בשעת מעשה אַרומגעטראָגן הין און צוריק שיפלעך. מ'האָט די זעלבסטמערדערין באַלד אַרויס־געצויגן פון וואַסער, מ'האָט זי אָבער שוין נישט געקאָנט ראַטעווען פון טויט.

ביי אונז אין הויז האָט געוואוינט דאָס שטילע יונגע פּאָר־פאָלק ווריגאַלייט מיט צוויי קינדער פון דריי און פינף יאָר. מ'האָט פון זיי אין הויז נישט געוואוסט, ווער און וואָס זיי זענען. אין דער

פרי פלעגט דער מאַן אװעקגײן און שפּעט אין דער נאַכט צוריק־קומען אַהײם. און אָפט האָט מען געהערט די קינדער װײנען.
די מוטער האָט געזאָגט:
— זײ גײען־אױס פון הונגער...
זי האָט זיך אױף דעם פאַרשטאַנען.
אפשר האָט זי אונז אַמאָל געהערט װײנען פון די זעלבע טע־נער. זי האָט גענומען אַביסל מילך, זיך אױפגעהױבן אױף די שטיגן און אָנגעקלאַפּט צו די גריגאַליײטן. און די מוטער האָט זיך צוריק־געקערט מיטן פולן טעפּל מילך. די גריגאַליײטן האָבן געעפנט די טיר, אַ קוק געטון אױף דער מילך, זײ האָבן אַ קוק געטון אױף דער מוטערס אױסגעשטרעקטע האַנט און די טיר צוריק פאַרמאַכט.
פון אינעװײניק האָט מען אױף דער מוטער געשריגן און זיך געבײזערט:
— װאָס פאַלט אײך אײַן האָסטו געהערט אַזױנסן אָדער איר מײנט, אַז איר דאַרפט אונז באַלײדיקן? באַהאַלט אײער מילך פאַר אײַערע ממזרים, װאָס האַלטן שױן נאָענט קראַנק צו װערן אױף הונגער־טיפוס. גײט אַװעק!
צומאָרגנס האָבן די שכנים אױף די טרעפּ זיך עפּיס באַ־שעפטיקט און געפליסטערט. ס'האָט זיך געטראָגן אַ שרעקלעכער ריח פון גאַז און דער ריח איז געגאַנגען פון די גריגאַליײטערס טיר.
די פּאָליצײ איז אַרײנגעדרונגען אין װאױנונג. אַלע זענען געװען טױט. פרידלעך זענען זײ דאָ געלעגן אױפן אײנציקן בעט. דער פּאָטער האָט געהאַלטן זײַן װײַב, דאָס מײדעלע און ײנגעלע אין אָרים. די פּנימער זײערע זענען געװען אַזעלכע מילדע. ליבע האָט נאָך געלעבט איבערן דאַזיקן שװידערלעכן קאַטאַפּאַלק.
אין שטוב איז נישט געװען קײן ברעקעלע ברױט.
אַלע פיר זענען געװען שרעקלעך אָפּגעמאָגערט. הױט און בײנער...
דער באַלדװײטס הונט איז, להבדיל, אױך געפּגרט...
ער איז געלעגן אונטן בײַם אַרײנגאַנג אין װינקל. ער האָט טיפער נישט געקאָנט פאַרקריכן. די באַלדװײט איז אַװעקגעגאַנגען און איר הונט געלאָזן אױפן הױף. זי איז אַװעק אױף אַ גאַנצן טאָג,

ס׳איז געווען איינער פון די זעלטענע טעג, ווען דער פאטער איז געקומען אהיים. כ׳בין דאן געשטאנען אויף די קני פאר׳ן הונט און געוויינט און אים צוגעשעפטשעט, ער זאל נאך כאטש אביסל לעבן.

דא איז אנגעקומען דער פאטער. ער האט אויף אונז א קוק געטון און זיך צעלאכט. ער איז צוגעגאנגען צום מויערווינקל און געוואלט דארטן משתין זיין.

— אוועק פון דאנען!— האט ער א געשריי געטון און א שטויס געטון מיטן פוס די שטארבנדיקע חיה.

דא האב איך א הויב אויף געטון די האנט... כ׳האב ארויס-געלאזט א יללה. כ׳הער עס נאך היינט. דאס איז געווען א נישט-מענטשלעכער קול, וואס איך האב דעמאלט פון זיך ארויסגעלאזט. מיין הארץ האט א געשריי געטון פון ברוסט. כ׳האב געביילט דעם פויסט, כ׳האב געזיפצט און געאכצעט. אלץ האט זיך אין מיר גע-בונטעוועט. כ׳בין אויפגעקאכט געווארן פון דער גרעסטער עמפע-רונג און יעדעס טראפן בלוט, יעדער איבר האט מיך געווארפן און געשטופט קעגן דעם אכזר, דעם שיכור און דעם אוממענטש...

ער האט א כאפ געטון מיין פויסט, זי א שליידער געטון פון זיך און דערמיט מיך א שטופ אפ געטון פון זיך. און נאכאמאל, מיט א טייוולאנישע כוונה, מיר אויף צולהכעיס צו טון, האט ער א טרעט געטון אויפן הונט...

איבער די לעפצן פונעם הונט האט געשלאגן א שוים, א רויט-לעכער שוים, ער האט געזיפצט, זיך אויסגעצויגן און איז געפגרט אונטער דעם ברוטאלן טריט פון א מענטשן...

פון דעמאלט אן האב איך שוין מער נישט געהאט קיין פאטער, ער האט פאר מיר שוין נישט עקזיסטירט. אלץ, וואס מיט אים האט געטראפן, איז מיר שוין נישט אנגעגאנגען. דער פרעמד-סטער מענטש האט מיך מער אינטערעסירט און גערירט, איידער ער. פונקט ווי ער האט קיינמאל נישט געלעבט אויף דער וועלט...

כ׳זאג: כ׳האב שוין מער נישט געהאט קיין פאטער, אבער, ליידער, פלעג איך אים נאך זען, ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט באווייזן ביי אונז אין שטוב און יעדעס מאל אלץ אין א פירכטער-

לעבן געשטאַלט. ער איז געווען אַ שרעקלעך אַנשיקעניש, אַ האַרבע שטראָף פון זיין ליבן נאָמען. ער האָט אונז פאַרביטערט דאָס לעבן, צעשטערט די האָפנונג.

אַמאָל אין אַן אָוונט בין איך געגאַנגען דורך די אַלייען און דאָ האָב איך פון דערווייטן געזען שטיין, באַלויכטן פון אַ לאַטערנע צווישן געדיכטע ביימער, — אַ געשטאַלט פון אַ פרוי... דאָס איז געווען דיאַנאַ פיאַרי און געשטאַנען איז זי פאַר מיין פאָטער...

ער איז פאַר איר געזעסן אויף אַ באַנק, האָט געוויכערט אַ פאַפיראָס און געלאַכט. כ׳האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי לאַכן. אַזוי לאַכן מענער צו פרויען, וועלכע זיי זעען, אַז זיי ווערן שוואַך פאַר זיי...

כ׳האָב נישט געוואוסט, צי זיי האָבן צווישן זיך געשמועסט. דיאַנאַ איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון אים אויף דריי טריט. אויף איר געזיכט איז געווען אַן אויסדרוק פון עקל און נאָך עפּיס אַזעלכס, וואָס איז פאַר מיר נישט געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, און זי האָט אויף אים געקוקט.

און ער האָט, מיך באַמערקנדיק, צו מיר געלאַכט, ווי צו אַן עדות פונעם דאָזיקן אומדערהערטן פאַל. דערנאָך האָט ער זיך גע־מאַכט, ווי ער זעט מיך גאָרנישט.

מענטשן זענען פאַרביי זיי פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי וואָלט איך עס אַ״ז ווי אַזוי געדאַרפט באַגרייפן...

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. יעַר האָט ער האָט אַ שפּיי געטון, אַזוי ווי ער וואָלט עס געטון צוליב דער מאָד־נער סיטואַציע, וואָס דאָ איז באַשאַפן געוואָרן, ווי ער וואָלט דאָ באַ־גאַנגען אַ מיסטישע עובדא, וואָס האָט געדאַרפט אַנטציקן זיין קרבן. אָבער דער דאָזיקער זשעסט זיינער האָט אויסגעזען צו ווירקן אויף דיאַנען. ער האָט זיך דורכגעריסן, זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אַן אַ זייט און זיך געלאָזט אַנטלויפן. און ער נאָך איר.

איצט האָב איך געזען: ער האָט צו איר גערעדט און איר עפּיס איינגערעדט, האַלטנדיק זיך די גאַנצע צייט הינטער איר.

ס'האָט אויסגעזען, אַז ער האָט נישט געוואָגט זיך אויסצוגלייכן מיט איר און גיין מיט איר פּלייצע צו פּלייצע.

אָ, דער רוח זאָל עס נעמען, ווי שיין ער איז דאַמאָלט געווען צי האָב איך איצט אויף אים געקוקט מיט דיאַנאַס אויגן? כ'האָב געזען זיין שטאַרקן, שלאַנקן וואוקס, די דאַזיקע יוגנטלעכע מוס-קולן, די דאָזיקע געקרייזלטע בלאָנדע האָר, דעם מענלעכן פּראָפיל. די הויזן פון אַ געמיינעם מאַנשעסטער-שטאָף און די לייוונטענע מאַרינאַרקע האָבן אַרומגענומען זיינע איידעלע פאָרמען.

פּלוצלינג האָט דיאַנאַ פון הינטן אַרום אויסגעשטרעקט איר האַנט...

כ'האָב זיך זיי נאָכגעגנבעט, מיך האָט געפיבערט. כ'האָב מער אויף דער וועלט קיינעם און גאָרנישט געזען, ווי נאָר זיי ביידע, זי האָט אים געגעבן געלט...

ער האָט איר אָבער אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט...

און דאַן האָב איך געזען, ווי צווישן זיי איז אַ האַלבע מינוט צייט פאָרגעקומען אַ קאַמף...

דיאַנאַס געזיכט האָט געלויכטן ווי די לבנה...

דאָס געלט האָט אַ קלונג געטון: די מטבעות זענען אַראָפּ-געפאַלן אויף די שטיינער. אין דער רגע, ווען דער פאָטער האָט זיך אָנגעבויגן זיי אויפצוהייבן, האָט זיך דיאַנאַ פון אים אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן.

אָבער נאָך איידער ער האָט אויפגעהויבן דאָס געלט, האָט ער זיך אַ לאָז געטון זי נאָכיאָגן...

זי האָט שוין אָבער דערגרייכט די סטעזשקע, וואָס פירט צו די באַן-שינעס. דאָ זענען געווען גאַנצע מחנות מענטשן און ער האָט מורא געהאַט צו מאַכן ווייטערע אַוואַנטורעס. ער איז דאָ געבליבן שטיין און אין אַ רגע אַרום זיך געלאָזט לויפן צוריק — איצט האָט ער געוואָלט אויפזוכן דאָס געלט אויף דער ערד.

ער האָט מיך נישט באַמערקט, ווען ער איז פאַר מיר פאַר-בייגעגאַנגען. ער האָט געשטשירעט מיט זיינע ציין, מיט זיינע ווייסע שטאַרקע ציין... ניין, זאָגט, וואָס איר ווילט, נאָר כ'האָב אים קיינמאָל

נישט געקאַנט האַסן. קראַפּט, וואָס איז נאָך רוי, איז שיין. און ווער עס האָט ליב די שיינקייט...

כ׳האָב קיינמאָל נישט געוואָנט זיך אַזוי צו זאָגן. אויסצו־מיטשן די דאָזיקע סצענע, וועלכע איך האָב בגנבה בייגעוואוינט און דערגיין איר אמתן כאַראַקטער.

אָבער ווען איך בין אַמאָל, דריי וואָכן נאָכן דאָזיקן אָוונט, געווען ביי סטעפאַן פּאָלק, האָב איך דערהערט פון אונטן דעם פאָ־טערס קול...

דעם פאָטערס הייזעריקע שיכורע שטימן

כ׳האָב אָנגעשפּיצט מיינע אויערן. כ׳בין געוואָרן ווייס, ווי לייוונט. כ׳בין שוין געהאַט צוגעגאַנגען צו דער טיר, כדי זיך אַראָפּ־צולאָזן אין פּאַרטער אַראָפּ. האָט מיך אָבער סטעפאַן אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט און נישט געלאָזט אַרויסגיין.

— בלייב דאָ — האָט ער געזאָגט — ס׳איז נישט דיין עסק, וואָס דאָרט קומט פאָר.

— אָ, סטעפאַן, וואָס איז דאָס? וואָס וויל ער דאָ? וואָס טוט ער דאָ? ווי קומט ער אַהער? לאָז מיך, כ׳בעט דיך, זאָג מיר, דערצייל מיר...

כדי מיך נישט אַרויסצולאָזן אַראָפּ, איז סטעפאַן איינגעגאַנגען מיר אַלץ צו דערציילן.

— ער קומט אַהער טיילמאָל נאָך געלט, טעדי, אָבער מאַך פון דעם נישט קיין ווענז. דער פּאַפּאַ וועט שוין מיט אים יעדעס מאָל פּאַרטיק, קומט שוין ווי עס איז דורך מיט אים און ווערט פון אים פּטור.

— פון וואַנען זשע ווייסט ער? — האָב איך געשטאַמלט — אַך, ווען די מוטער וואָלט וועגן דעם געוואוסט...

— פאַרמאַך ס׳פּיסק, טעדי. שווייג. ער וועט דאָך דערהערן דיין שטים. האָב קיין מורא נישט. אַנומלט האָט ער דאָ געמאַכט אַ סקאַנדאַל, — אויב שוין אַלץ דערציילן, — ער האָט געוואָלט רעדן מיט דער טאַנטע דיאַנאַ. דאַן האָט דער פאָטער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט עפּיס וועגן פּאָליציי. כ׳בין דאַמאָלט געשטאַנען אויף די טרעפּ. זעסטו, איך דערצייל דיר אַלץ, אָבער, כ׳בעט דיך, גיי נישט אַרונטער.

אַ טיר האָט אונטן אַ קראַך געטון. ווי שרעקלעך דאָס אַלץ איז געווען. און איך האָב זיך געטראַכט: ער איז געווים געקומען אויפ־פרעסן געלט, ער האָט גערראָט און איך האָב זיך נאָך מי יודע וואָס פאַר אַ שרעקן פאַרגעשטעלט.

זיכער איז: דער פאָטער האָט געוואוסט וועגן אונזערע באַציאונגען צו דער ווילע און די דאָזיקע באַציאונגען אָנגעהויבן אויסצונוצן אויף זיין מיאוסן שטייגער. ער האָט געקאָנט דיאַנען... און...

און דיאַנאַ? פאַרוואָס האָט זי־ געפירט אַ געשפּרעך מיטן פאָטער אין אָוונט אין די אַלייען, בעת ער איז זיך געזעסן אויף אַ באַנק, זיך גערייכערט אַ פּאַפּיראָס און זי איז פאַר אים געשטאַנען, — ווי אַ פאַבריק־מיידל, וואָס האָט אַ ראַנדקע מיט איר בורשע, וועלכער רייכערט איר אין פּנים אַריין, נעמט ביי איר געלט און שפּילט אַ ראָל פון איר האַר... זי איז געשטאַנען און ער איז געזעסן... אַ, דו אומענדלעכער סוד פונעם לעבן!

און דאָס אַלץ איז אייגנטלעך געווען מיין גאַנץ לעבן. דאָס אַנדערע, דאָס שיינע, גוטע און ריינע איז נאָר געווען אַ חלום, אַ מעשהלע, אַ אויפאַטעמען. די מוזיק... כ'האָב געמוזט זיין אַנוועזנדיק אין די אַלע מוזיקאַלישע אָוונטן אין דער ווילע. שטענדיק בין איך מיט סטעפּאַנען געזעסן אין קליינעם גרינעם צימער, אין וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן אַ מחיהדיקער ריח פונעם ווינטערגאָרטן. ביי די קווינטעטן האָט נינאַ פּאַלק געשפּילט דעם קלאַוויר־טייל. דאַן פלעג איך זיך צוהערן בלויז צו איר. די טענער פון די איבעריקע אינסטרומענטן האָבן פאַר מיר געהאַט נאָך פיל עולם־הזהדיקס, מענטשלעכס. זיי האָבן אין זייער קלאַנג די שפּראַך פון אונזער אינערלעכן וועלט. זיי האָבן גערעדט, צייטנווייז טאַקע ווי מלאכים, פון דער ערד, פון אונזער וועלט. אָבער דער קלאַוויר דערפאַר האָט מיט אונזער וועלט קיין שום שייכות נישט געהאַט, זיין קלאַנג, זיינע טענער זענען שוין נישט געווען קיין מענטשלעכע, נאָר געטלעכע. דער קלאַוויר האָט געקאָנט ריידן מיט פיל קולות, עס האָט צוגלייך געקאָנט דונערן אין די באַסן און פון אַ הויכקייט, וואָס אונזער אויער קען נאָרנישט אויפכאַפּן, אַרויסלאָזן אמת געטלעכע מעלאָדיעס. עס האָט אין זיך געהאַט די פאַרפאָלקאָמענקייט, וואָס קיין שום אַנדערער אינסטרו־

מענט האָט עס נישט. אַלע אַנדערע רעדן נאָר מיט איין שטים — אָבער פונעם קלאַוויר טראָגן זיך טענער פונעם קאָסמאָס, פונעם אוניווערזום...

נינאַ פאַלק האָט געשפּילט שטאַמלענדיק — ווען איך נעם אין באַטראַכט די גרויסע מייסטער, וועלכע איך האָב שפּעטער געהערט. אָבער ביי קיינעם האָב איך נאָך אַזוי נישט געהערט, אַז דאָס קלאַוויר האָט אַ האַרץ, דאָס האַרץ פון מוזיק, ווי ביי איר שפּילן.

כ'בין אַמאָל מיט סטעפאַן פאַלק געגאַנגען אויף אַ קאָנצערט. מיר האָבן אַמאָל אין ריזנזאַל פון דער פילהאַרמאָניע געזען ניקישן דיריזשירן. בראַמס און טשאַיקאָווסקי האָבן מיר דאַמאָלט געעפנט זייערע אומבאַגרייפלעכע הימלען און דאָ, אין מיטן, האָט געשפּילט דיאַלבערט ליסט. ס'פעלן מיר ווערטער אויסצודריקן, וואָס פאַר אַ גן-עדן איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט. צום ערשטן מאָל האָב איך דאַמאָלט געזען שאַפונג... מיט מיינע אייגענע אַנטציקטע אויגן אַריינגעדרונגען אינעם דאָזיקן סוד און געזען דעם וואונדערבאַרן פּראָצעס פון שאַפן.

אָבער דאָס איז אַלץ נאָך געווען צו גרויס, צו געוואַלדיק, צו טיף און צו שווער תופס צו זיין פאַר אַ ייִנגל פון עלף יאָר. נינאַ פאַלקס מוזיק האָב איך פאַרשטאַנען, ווען זי האָט געשפּילט באַכס פּאַרטיטן און פוגן, זיי האָט זי זייער אָפט געשפּילט, כ'האָב פון איר געהערט כמעט בלויז באַכן. שאָפּענען שפּילן האָט זי קיינמאָל זיך נישט אַנטשלאָסן. כ'מיין, ווייל זי האָט פאַר אים מורא געהאַט, ווייל אין שאָפּענען האָט איר אייגן האַרץ געשטראָמט, ווייל זי האָט זיך אין אים געפונען שרעקלעך פאַרלאָזן און איינזאַם... זי איז געווען זייער אַ דעליקאַטע פרוי... אין באַכן קען מען זיין כאַאָס איינפאַסן אין געזעץ און געשטאַלט.

אָבער ליב האָבן באַכן האָב איך קיינמאָל נישט געקענט. מיר האָט ביי אים געפעלט דער פּאַטאָס, כ'האָב נאָר ביי אים געפונען פּאַטעטיק. זיין מוזיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַן אויפבריוז און דראַנג צו די הערלעכסטע טעמפּלען, עס בלייבט אָבער נאָר פון איר רושטאָוואַניע, קאָנסטרוקציע פון דער אַרכיטעקטור, — נישט קיין לעבעדיקע אַרכיטעקטור. דאָס זענען — ווי מיר זאָגן — גאָטי-

שע קירכן. אָבער גאָטיק מיט ליבט, די דאָזיקע קירכעס פעלט, וואָס די נשמה קען נאָר מאַכן: די בין־השמשות, די דעמערונג. זיי האָבן העלע פענצטער און אַ אומברחמנותדיק ליכט נעמט ביי זיי צו דעם צויבער. באַכס ווערק איז איינע פון די גיגאַנטישע ווערק, וואָס אַ מענטש האָט נאָר געקענט אַרויסגעבן. דאָס איז אַ געטערבורג פון עפּיש ערדישעס. יאָ, באַך האָט גדאַוונט און געבעטן גאָט, זיך צו אים געווענדט מיט תפילות, ער איז אָבער נישט געווען פול מיט גאָט. נאָך פיל ווייניקער איז ער אַליין געווען גאָט, ווי בעטהאָווען. בעטהאָווענס מוזיק איז נישט בלויז קיין געשפּרעך מיט גאָט, נאָר דאָס געטלעכס גופא. איז אַזעלכע פאַרהעלטענישן שטייען די מוזיקער צו גאָט. אָבער בעטהאָווען איז צווישן זיי די גאָטהייט גופא. ער דערציילט אין ערגיץ נישט וועגן אים, ער דערציילט וועגן זיך אַליין. זיך אַליין — און דאָך הערט מען נישט ביי בעטהאָווענען, אַז צו אונז רעדט אַ מענטש. אונזער קאַמף איז ביי אים שוין דערליידיקט, דורכגעמאַכט. איצט האַנדלט זיך אום העכערס, ערהאַבנדיקס. מאַנכמאָל הויבט זיך זיין ווערק אָן מענטשלעך, אָבער ענדיקן ענדיקט עס זיך שטענדיק געטלעך.

אָך, איך דערלויב מיר צו רעדן וועגן מוזיק. כ׳בעט אייך, לאָזט מיך וועגן דעם רעדן. איך ליב זי ווי מיין לעבן, — העכער פון אַלץ אויף דער וועלט...

כ׳פלעג ניגאָן הערן אָפט שפּילן. איך פלעג דאַמאָלט מיט סטעפאַנען אוועקוואַרפן די אַרבעט אָדער די שפּיל, מיר פלעגן זיך אַרויסגנבענען פון צימער, ווען אונטער אונז האָט זיך דערהערט דער ערשטער טאָן. מיר פלעגן זיך איינביינן פאַר דער טיר פונעם מוזיקצימער און אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף דער טיר פונעם טעמפּל.

איך, — איך האָב ליב געהאַט בלויז מוזיק, זי פלעגט מיך שטילן, גיבן אָן אויסערגעוויינלעכן נחת־רוח, פלעגט מיך אויפהייבן אין די הימלען אַריין. און סטעפאַן — סטעפאַן איז געווען שטענדיק אונטער איר אומבאַגרענעצטער מאַכט. זי האָט אים קיינמאָל נישט באַפרידיקט, זי פלעגט אים אויפרעגן אָן אַ שיעור, פלעגט אים קווילן און מאַטערן. כ׳פלעג אים זען זיך קאָרטשען פון שרעקלעכע יסורים. דעם צעניאָריקן.

ער איז געבליבן שילער, גימנאזיסט, ער פלעגט יעדן טאג מאכן איבונגען גאנצע דריי שעה אויפן פידל. און ס'איז אמאל געשען, אז ער האט געזאגט:

— הער זיך צו.

און דאן האט ער געשפּילט.

— וואס איז דאס געווען, סטעפאן? — האב איך געפרעגט— פארשטאנען האב איך עס נישט, אבער שיין איז דאס געווען.

— דאס איז געווען מיינס א זאך,—האט ער געפליסטערט.— עס הייסט: „אן אווגוסט אין מאיי".

אדער ער פלעגט זאגן:

— דאס איז נאר אן עסיי.

אדער:

— א לאנגזאמער וואלץ.

דאס זענען געווען די געהיימע, נישט-דרייסטע קאמפאזיציעס פון א צעניעריקן יינגל.

פידל האט ער געשפּילט גוט. אין לייכטע היידן-קווארטעטן האט ער געקאנט שפילן דעם צווייטן פידל, אנשטאט דעם שיינעם לייטענאנט, זיין לערער האט געשפילט די ערשטע פידל, זיין פאטער די דראנטשע און דיאנא — טשעלא.

דיאנא האט געשפילט מיט פיל וויניקער היץ, ווי אנדערע, געשפילט מעשה שילערין. זי האט זיך געשעמט, נישט געהאט אין זיך די נייטיקע דרייסטקייט. זי איז געווען צו פארשלאסן אין זיך. זי האט נישט געוואנט צו לאזן אין מענער אויסשטראמען איר גע-פיל — זי האט זיך נאך אליין געהאלטן אויף די לייצעס. זי האט אליין קנאפ געהאלטן פון זיך, אלס א שפילערין.

אבער טאמאס פאלק, נינא פאלק, דאס דאזיקע שוויינעדיקע פארפאלק, זענען בעתן שפילן געווארן און געווען ריידעוודיק. די דאזיקע קאלטבלוטיקע און געלאסענע מענטשן האבן געשפילט ליידנשאפטלעך און מיט היץ.

ס'איז געווען אין חודש יוני פונעם יאר נייננצנהונדערט פערצן, ווען סטעפאן האט מיר אומגעריכט מיטגעטיילט, אז מארגן דארפן פארקומען די תנאים פון זיין טאנטע דיאנא מיטן שיינעם לייטע-

נאַנט. די תנאים זאָלן געפּייערט ווערן גאַנץ גרויס, מיט פּערציק פּערזאָן און אַ קלײנער מוזיק-קאַפּעליע. ס'זאָל פּאַרקומען אַ פּײער-לעכע מיטאָג זעקס אַזײגער און אַ באַל אין אָוונט. און פאַר אונז, קינדער, זאָלן סערווירט ווערן אויבן, אויפן ערשטן שטאָק, דער קלײנער אָרקעסטער וועט שפּילן אויפן פּלעצל צווישן די טרעפּ, אויף אַ הייך פון אַ האַלבן שטאָק און מיר וועלן, ווי אין עסצימער, הערן געדעמפּט די מוזיק.

— פּאַפּאַ האָט צוזאַמענגעשטעלט דאָס פּראָגראַם. אַלץ פּיעסן און זאַכן, וועלכע די טאַנטע האָט ליב. פון אַלטע אָפּערן און סימ-פאָניעס. די מוזיקאַנטן וועלן שפּילן אַ שערצאָ פון מאַלער פון דער זעקסטער סימפאָניע און די דריי נאַכטמוזיקער — פון דער זיבעטער סימפאָניע. דו האָסט זײ נאָך קײנמאָל נישט געהערט. ס'איז זיי כדאי צו הערן טיפער גייט עס נישט אין דער מוזיק, ווי אין די שטיקן די מוטער האָט געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַן אומפּאַס-לעכע מוזיק פאַר אַ געזעלשאַפט, וואָס קומט אויף אַ שמחה. פּאַפּאַ האָט אָבער געזאָגט, אַז מ'וועט צוויי שעה זיצן ביים טיש און וועמען וועט דאָ אָנגיין די מוזיק? יחידים אפשר. דאָס מעניו — האָט מיר סטעפאַן ווייטער דערציילט — איז אַ גרויסאַרטיקע. הכלל, ס'וועט זיין אַן אמתער יום-טוב און אַן אמתע שמחה.

אַזוי בין איך געגאַנגען צו דיאַנאַ פּיאַרים תנאים...

כ'בין געקומען צו-פרי. אין סטעפאַנס אַ מאַטראָסאַנצוג. אויף מיר זענען צו עלף יאָר געווען גאַנץ גוט די קליידער, וואָס ער האָט געטראָגן, ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר, אַזוי מאָגער בין איך געווען: כ'האָב געטראָגן לאַנגע טונקל-בלאָע הויזן און אַ ווייסע בלוזע און זיך געהאַלטן, אַז איך זע אויס אין די קליידער העסלעך. יעדער האָט געמוזט זען, אַז דער דאָזיקער פּיינער אַנצוג איז נישט געניײט געוואָרן פאַר מיר. באַוואוּגן האָב איך זיך יאָ געקענט אין אים. כ'בין אויסוואַקסנדיק, קײנמאָל נישט געווען נישט געשיקט און נישט פּירעוודיק. אדרבא, מיינע גלידער זענען געוואָרן אַלץ לייכטער מיט דער צייט און איך בין אַלץ מער געוואָרן פרייער אין מיין האַלטונג. אָבער וואָס וועט זיין, ווען פרײלײן דיאַנאַ וועט מיך אָנקוקן.

כ׳בין געקומען צו גיין אזוי פרי, אז סטעפאן איז נאך געהאט געזעסן איבער זיינע שול-לעקציעס און ליליאן האט זיך געהאט נאר-וואס אנגעטאן. כ׳בין געשטאנען אויבן אויף די טרעפ און אראפגעקוקט. אראפ, ווו די מוזיקער האבן שוין געהאט אויסגע-שטעלט זייערע פולטן, — ניין מאן זענען זיי געווען. אומעטום זענען געשטאנען קובלען מיט פלאנצן, בלומען, ארום די לאמפן זענען געהאנגען ראנקען. ס׳האבן זיך ארומגעדרייט לאקייען אין פראקן. ס׳האט אביסל אויסגעזען, ווי אין טעאטער הינטערן פארהאנג.

דאן האב איך דערהערט:

— טעאדאר.

כ׳האב זיך א דריי אום געטון. דאס איז געווען דיאנאס שטים.

— טעאדאר, קום נאר אהער.

איר שטים האט מיך ארומגעכאפט, ווי א האנט און מיך שמערצהאפט צוגעצויגן צו זיך. כ׳האב זי נישט געזען, כ׳בין גע-גאנגען אין א נעפל, ווי אין וואלקנס, וואס האבן געשמעקט מיט פערזעדא...

כ׳בין צו איר אריינגעגאנגען. און מיטאמאל האט זי מיך א רוק געטון הינטער א וואנטשירעם און איך האב געהערט, ווי זי האט ווייטער גערופן:

— נינא, וועסט קומען מיך אנקוקן? נו, ביסטו צופרידן, ניי?

— אבער, דין נאט איז מיט דירן — האב איך געהערט נינאס שטים. — אזוי קענסטו נישט גיין אנגעטון. דו ביסט פאר א כלה צופיל דעקאלטירט. דו מוזט זיך איינהילן אין א שאל, דו מוזט דיר ארייננטון בלומען אינעם אויסשניט. דאס איז אומ-פאנגלעך, קינד מיינס.

— אוממעגלעך טאקע באמת? דו האלטסט עס פאר פארשייט, ניין?

— דאס האב איך נישט געזאגט, כ׳האב נאר געוואלט דיר געבן אן עצה...

— גוט. איך פאלג דיר, כדי דו זאלסט זיך נישט דארפן

שעמען פאַר מיר. כ׳נעם באַלד א שאַל. נו, ביסטו צופרידן, מיט עס דיר הנאה, ני?

— א שאַלע אַביסל אויך איך בין היינט צופרידן און גליקלעך. דו ביסט דאָך...

— יאָ, די כּלה, כ׳ווייס, אָבער כ׳פרעג ד י ך, ני, ד י ך, ביסטו גליקלעך, וואָס איך האָב זיך אַנטשלאָסן...

— איך האָף, די, דו וועסט זיין און בלייבן גליקלעך.

— דו ווילסט קיינמאָל נישט מיט מיר רעדן, נינאַ.

— וואָס טו איך דען איצט, דיאַנאַ? כ׳רעד דען נישט מיט דיר?

— דו רעדסט מיט מיר. סתם אַזוי, דו...

— ווי שיין דו ביסט, די.

— זעסטו?

— דיינע פּלייצעס זענען הערלעך. כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט אַזעלכע שיינע פּלייצעס.

— שטענדיק האָב איך זיך געוואונשן, איין איינציק מאָל באַטש מיט דיר אָפן צו זיין...

— דו האָסט געדאַרפט אַביסל, א קאַפּיטשקע שמינקע באַנוצן.

— מיר האָבן געהאַט דעם זעלבן פאָטער, נינאַ.

— יאָ, דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן. די מוטער איז דאָס אַנטשידענע. דו ביסט אַזוי בלאַס.

— דו פאַרהאַסט מיך שטאַרק, נינאַ? זעסט, איך בין זיך מקריב...

— אַט איז צוגעפאָרן א קאַטש. נעם א שאַל, דיאַנאַ.

ס׳האָט א פּראַל געטון א טיר.

צי האָט דיאַנאַ אָן מיר פאַרגעסן?

מיט אַכט טעג צוריק האָט זי זיך צוריקגעקערט מיטן הערן פאַלק און איר שוועסטער פון דאַלמאַציען. זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט פינף וואָכן אויף די אינזלען, דערנאָך איז דער לייטענאַנט, אַרויסגערופן דורך א דעפּעשע, אַוועקגעפאָרן קיין ווין, כּדי צו באַגעגענען זיי אויף זייער צוריקקער קיין בערלין. און דאָרט האָט

דיאַנאַ, נאָכדעם, ווי זי האָט אין משך פון צוויי יאָר נישט געוואָלט ווערן דעם לייטענאַנטס כּלה, אים ענדלעך געגעבן איר הסכּם אויף דעם. וועגן דעם אַלעם האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער. דאַן האָט זי פאַרלאַנגט די זאַך מאַכן אָפיציעל. און זי האָט באַשטימט די חתונה אין מיטן מאָנאַט אויגוסט.

די קינדער פלעגן אויף אָט די נסיעות קיין דאַלמאַציען, וועלכע די עלטערן מיט דיאַנען פלעגן מאַכן יעדעס יאָר, נישט מיטפאָרן. מ'האָט געהאַלטן, אַז פאַר זיי איז עס נאָך געווען צו-פרי. די קינדער פלעגן יעדעס יאָר מיטן שווייצער און דער גובערנאַנטקע מאַכן אַ קליינע רייזע צום ים. פאַראַיאָרן האָבן זיי פאַרלאַנגט, איך זאָל מיט זיי מיטמאַכן די רייזע...

דער ים האָט אויף מיר — נאָך נישט זעענדיק אים — געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט די גרויסע שוימיקע כוואַליעס, דער אומענדלעכער לייִדיקער האָריזאָנט, די איינזאַמע פינען. כ'האָב דאַן געהערט די שטים פון דער אומענדלעכקייט, כ'האָב אָבער דעמאָלט געזאָגט:

— יאָ. און וואָס וועט זיין מיט העני און מאַרקן?...

— דאָס — האָט גינאַ פאָלק געזאָגט — וועט זיך קוים לאָזן מאַכן. אָבער אפשר וועט מען עפּיס קענען אויפטון פאַר זיי ביידן, דאָ, אויפן אָרט.

— יאָ, כ'דאַנק אייך, — האָב איך זיך אָפּגערופן, — ניין, כ'וואָלט בעסער געוואָלט נישט מיטפאָרן, בעסטן דאַנק, פרוי דירעקטאָר.

זי האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ און זיך פאַר מיר פאַרנייגט. זי האָט מיך פאַרשטאַנען.

יאָ, דיאַנאַ איז אין ווין אַ כּלה געוואָרן. זי האָט איצט אויסגעזען צו זיין אומגעדולדיק. די פאַמיליע פאָלק איז געווען דאַן שטאַרק פאַרטון אין הכנות צו די תּנאים. און אָט בין איך געשטאַנען הינטערן פאַראַוואַן אינעם רעזעדאַ-גרינעם צימער, וואָס האָט מאַקע אַזוי פיין געשמעקט מיט רעזעדן, און דיאַנאַ, די כּלה, האָט מיך אינגאַנצן פאַרגעסן.

ניין, זי האָט מיך אַ רוף געטון...

זי איז געשטאַנען אין מיטן גרויסן לאָקאַל. די פאָרהאַנגען זענען געווען צוזאַמענגעצויגן. גרינע זייד קעגן דער זון, וואָס האָט אַהין אַריינגעשיינט. און ס'האָט געהערשט אַ וואַרימע, טריבע דעמערונג. זי איז נאָך אַזוי געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע, אין וועלכער איר שוועסטער האָט זי פאַרלאָזן, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. אינגאַנצן אין ווייסע שפּיצן, מיט אַנטבלויזטע הענט, מיט אַ פּרעכטיקער שנור פּערל איבערן האַלז. אין די האָר האָט זי גע־טראָגן אַ ווייסע בלום — אַ גאַרדעני.

דיאַנאַ איז געווען ווייס מכּף רגל ועד ראש. אינגאַנצן ווייס. און אירע שוואַרצע האָר זענען צוגעקעמט אין דער הויך. דאָס האָט זי געמאַכט גאָר נישט פאַר די, ווי זי האָט געוויינלעך אויסגעזען.

— קום אַהער, טעאָדאָר, נעענטער.

איצט איז אין איר שטים נישט געווען קיין שום חוזק־טאָן.

כ'האָב אויף איר אַ קוק געטון.

מיר האָט זי זיך איצט אויסגעוויזן, ווי איך וואָלט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען...

כ'האָב איצט דיאַנען געזען דאָס ערשטע מאָל...

— טעאָדאָר — האָט זי געזאָגט מיט אַן אומבאַוועגלעכן בליק אויף מיר — ליבער, קליינער טעאָדאָר, מ'האָט בדעה מיך צו ראַטעווען, דיר טון אַ גרויסע טובה. דו לעבסט דאָך צווישן אַזעלכע געמיינע מענטשן...

דאָס האָט דעצידירט מיין ווייטערדיקן גורל. כ'האָב זיך באַפרייט פון דער פאַרצויבערונג, אין וועלכער כ'האָב זיך געהאַט געפונען אין אַנוועזנהייט פונעם דאָזיקן וואונדערבאַרן מיידל. כ'האָב זיך אָפּגערופן:

— אָ, זאָגט עס נישט געמיינע מענטשן!... כ'האָב זיי ליב, די דאָזיקע מענטשן, וועלכע איר האַלט פאַר געמיינע, איך געהער צו זיי, איך דאַרף זיי.

— יאָ, יאָ, דאָס איז דיין וועלט... די וועלט פון דער צוקונפט, זאָגן מיינע סאָציאַלאָגן. ווער ווייסט?... כ'וויל דיר עפּיס זאָגן. ווילסטו נישט דיגען דעם לעבן, טעאָדאָר? טאָ הער זשע,

וואָס כ'וועל דיר זאָגן: מען מוז אײַנגאַנצן רעזיגנירן אויף דאָס לעבן, ווען מ'וויל אים דינען.

זי האָט זיך דערבײַ צעלאַכט.

— זאָך, זעסטו — האָט זי ווײַטער גערעדט — איך קען אויף קיין זאַך נישט רעזיגנירן. ס'גייט נישט און לאָזט זיך נישט רעזיגנירן. כ'האָב עס געפּרוווט, אָבער — גיין: ס'האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן. שיין זײַן איז בעסער, ווי זײַן מיאוס.

זי האָט אַ ציטער געטאָן און פון איר פּלייצע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט די באַנד, וואָס האָט געהאַלטן די שפּיצן און איין מאָל האָב איך זי געזען נאַקעט...

מיך האָט אויפגעטרייסלט. מיך האָט דורכגענומען אַ קעלט.

און איך האָב געטרונקען מיט די אויגן איר אַנטבלויזטע פּלייצע, דאָס ריטמישע אויפהייבן און דאָס אַראָפּלאָזן זיך פון איר ברוסט, איר צאַרטע הויט, ווײַס, ווי די גאַרדינען, קאַלט, לעבלאָז ווײַס, — שטיין. און דאָך האָט דערפון געשטראָמט אַ לעבן, וואָס האָט מיך ממש פאַרכאַפּט.

איצט האָט זי אויף מיר געקוקט אַזוי אויפמערקזאַם, זי האָט סודותפול געלאַכט, און ווידער נישט אַראָפּגערוקט די באַנד.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט בכיון געהאַלטן אַנטבלויזט איר פּלייצע, כדי איך זאָל זיך מיט איר קענען קוויקן. זי, די אומפאַרשטענדלעך-יונגפרוילעכע דיאַנאַ, האָט מיר דערמיט געטון אַ חסד און געטון האָט זי עס מיט אַ בייז-אומשולדיק שמייכעלע...

זי האָט צו מיר געזאָגט:

— הער אויס, ייִנגל, מײַן לערזאַץ. געדענק, וואָס איך זאָג דיר: דו זאָלסט קיינמאָל נישט פאַראַכטן דעם גוף. איז דען אפשר נישט דער קערפּער די טיפסטע אַנטפּלעקונג פון אונזער גייסט? אַלץ, וואָס איז ערדיש, וואָס עקזיסטירט נאָר אויף דער ערד, איז אַן אָפּנבאַרע דערשיינונג פון דער געטלעכער אידעע.

און ווײַטער. שוין ווידער איבער מיר:

— ווען איינער זעט אין מײַן קערפּער גאָט דערשײַנען, דאַרף איך אים נישט בעטן אָפּריכטן קיין תפילה און ברענגען אַ קרבן?

איך בין דער לויב פון גאָט — דאַרף איך דען שטערן, אַז דער גלויביקער זאָל פאַר אים דאַווגען?

און דאָ, תוך כדי דיבור, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף די קני אַזוי גיך, פּונקט, ווי זי וואָלט אַ פאַל געטון. כ׳האָב אַ שפּרונג אָפּ געטון צוריק. זי האָט מיך אָבער אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און געפּליסטערט:

— הער נאַר, דו ליבסט אים, נישט אַזוי? איז ער נישט וואונדערבאַר?

אָ, איר שמייכעלען מיטאַמאָל איז די געטין, צו וועלכע ס׳איז אוממעגלעך געווען זיך צו דערנעענטערן, געוואָרן אַ מענטש — אַ בשר-ודם. די נשמה איז מגולגל געוואָרן אין שטיינערנעם גוף. דיאַנאַ איז געווען אַ פרוי. זי האָט ליבלעך געשמייכלט.

— כ׳וועל דאָך אַמאָל שטאַרבן און אויפהערן צו זיין. דאַן — ווען איך וועל מער שוין נישט זיין — גיב אים איבער אָט דעם קוש פון מיר.

און די ערשטע פרוי האָט מיר אַ קוש געטון... מיט אייזיקע ליפּן, אָבער גליעדיק. מיט האַרטע צניעותדיקע ליפּן, ווייך.

אָבער דער קוש איז דאָך נישט געווען פאַר מיר...

זי האָט דורך מיר געקושט דעם געליבטן.

דער אויסדרוק פון אַלע לעבעדיקע און די איבערגעגעבנקייט — דער קוש, איז פאַר מיר געווען נאַר אַן עמבלעם. כ׳האָב דערהאַלטן די פאָרם, און דאָס, וואָס עס האָט אָנגעפילט די פאָרם, איז גע- קומען דעם אַנדערן, דעם, וועמען זי האָט מיר געהייסן עס איבערגעבן.

און דאָך, דאָך... זי האָט מיך געקושט.

מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

דאָס איז געווען איר חתן.

זי האָט מיך ווידער אַ רוק אָפּ געטון הינטערן פּאַראַוואַן, איין רגע — איצט האָט זי אויפגעהויבן דעם אַקסלבאַנד אויף איר פּליי- צע, האָט אַראָפּגעצויגן דעם גאַזע-שאַל, וואָס איז געהאַנגען איבערן פּאַראַוואַן, און געעפנט די טיר.

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — גיי נישט אַריין, ערווין. איך גיי שוין, אייער אָרעם, מיין שיינער אַפּיציר.

איצט האָב איך ווידער דערקענט איר שטים.

יאָ, דאָס איז געווען זי...

און אין אָט די לעצטע צען מינוטן האָב איך געטרוימט...

די טיר האָט אַ פּראַל געטון און זיך פאַרמאַכט. און אַביסל שפּעטער האָב איך געהערט געדעמפּט די מוזיק.

מ'האָט געשפּילט אַן אַלטן מאַרש פון הענדעל, בשעת חתן־כלה האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די שטיגן פון דער האַלע, וואו די פּערציק געסט האָבן אויף זיי געוואַרט.

הינטער דעם דאָזיקן שירם בין איך געבליבן שטיין אָן שום באַוועגונג, ביז סטעפאַן האָט מיך אַ רוף געטון.

כ'האָב דיאַנען שוין מער נישט געזען, קיין לעבעדיקע — מער שוין קיינמאָל נישט...

צומאָרגנס איז זי אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, אין אַ האָטעל אויף די גלעטשערן. כ'האָב געזען די אַנזיכטס־קאַרטן, וואָס זי האָט צוגעשיקט. — אַלע בלויז מיט דריי ווערטער צוגעשריבן מיט איר האַנטשריפט. פון די דאָזיקע אַנזיכטס־קאַרטן האָב איך זיך דערוואוסט וועגן די וואונדער פון דער נאַטור און כ'האָב אפשר ליב געהאַט די דאָזיקע שפּיצן בערג און גלעטשערן, ווייל זיי האָבן געבראַכט די לעצטע ידיעות און גרוסן פון דיאַנען.

כ'האָב אויף אירע אַנזיכטסקאַרטן דעם מעריעלענזע און די קאָנקאַרדיא־שטיבלעך אויף דער שניי־פּלאַטאַ, דעם אַלטגלעטשער און די שטיינערנע הערנער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם אייז־כאַאָס, כ'האָב געקוקט דעם אייז־ים מיט די, קיינמאָל נאָך נישט געמאָסטענע, שפּאַלטן און די אייגערוואַנט, דאָס זילבער־האָרן און דעם שפּיץ פונעם באַרג יונגפרוי, די פאַרגליווערטע שטראָמען פונעם פינצטערהאָרן און מענך. דאָרט אויבן, אויף אַ הייך, וואו ס'איז, קען מען זאָגן, נישט געווען קיין לעבעדיקע נשמה, האָט זי פאַרבראַכט גאַנצע זעקס וואָכן. אהין, וואו אַלץ, וואָס לעבט, ווערט פאַרגליווערט, האָט זי אַוועקגעטראָגן איר האַרץ. זי האָט אַרויפגעשטיגן צו גאָטהייט, אַזוי הויך, ווי נאָר אַ מענטשן איז עס געגעבן געוואָרן צו דערגרייכן און זיך אויפצוהייבן. זי האָט אָבער נישט דערגרייכט, דאָס, צו וואָס זי האָט געשטרעבט און נאָך וואָס

זי האָט אַזוי געלעכצט און איר נשמה איז געבליבן ריין און נישט פאַרלעצט. זי האָט זיך צוריקגעקערט אַזוי, ווי זי איז אַהין אַוועק־געפאָרן, דער גוף, וועלכער איז אפשר געווען די אידעע פון גאָט, אין געשטאַלט, האָט זי אַוועקגענומען ביי דעם, וועלכער האָט צו אים פאַרגעטערט און פאַר אים אָפּגעריכט תפילות. זי האָט אים פאַרמיאוסט און אַוועקגעוואָרפן.

דיאַנאַ פיאַרי איז געווען די ערשטע, וואָס איז געשטאָרבן אין דער גרויסער מלחמה.

* * *

נאָר צוליב איין טעם קען איך נישט פאַרגעסן די נאַכט, ווען ס׳איז פאָרגעקומען דיאַנאַס תנאים.

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען פון דער ווילע, ווען ס׳האָט זיך אָנ־געהויבן דער באַל. דער עולם האָט געטאַנצט אין פּאַרטער און אין מוזיק־זאַל. איצט האָט די געשפּענסטישע, טונקעלע און טיף־נאָגנדיקע נאַכט־מוזיק פון מאַלער שוין לאַנג אָפּגעקלונגען און אַ נישט קיין געוואוינטער ריטם האָט אָנגעפילט דאָס שטילע הויז.

כ׳בין פאַמעלעך געגאַנגען אינעם וואַרעמען אָוונט, ס׳האָט גאָרנישט געוואָלט פינצטער ווערן. כ׳האָב געטראָגן אַ קוישל פאַר דער מוטער און די קינדער. אין קוישל זענען געלעגן אויסגעצייכנטע זאַכן, אָנהויבנדיק פון קאַלטן הינערבראָטן ביז קרעמטערטלעך און פּירשיכן. כ׳בין געגאַנגען דורך די אַלייען, וואו אַלע האָבן זיך אָפּ־גערוט. ס׳איז געווען שיין און צערטלעך. ס׳האָט געהערשט אַ רו־איקייט. דער זשאַסמין האָט געשמעקט מחיהדיק און אויפרייצנדיק.

היינט די גאַסן, — זיי זענען געווען ראַזיק, גאָלד־שימערירנ־דיק און דער הימל איבער זיי — אַ מין געשטעל פון בונטע פאַרבן, שמעלצפאַרבן. קינדער האָבן זיך געשפּילט פאַר יעדן טויער.

יענע נאַכט האָב איך נישט געקענט שלאָפן. אין שטוב איז געווען היים און דושנע. מאַרק האָט זיך אויף זיין געלעגער גע־וואָרפן אַהין און אַהער, און העני האָט מיט אַ געוויין גערעדט פון שלאָף:

— זיי זשע שטיל. לאָז מיך שלאָפן. מאמען

די מוטער איז געשלאָפן. זי איז שטענדיק געשמאַק געשלאָפן. דאַן בין איך אויפגעשטאַנען און אָנגעצונדן אַ ליכט און עס אוועקגעשטעלט צווישן מיר און דעם שפּיגל און דאַן...

יאָ, איך בין נאָך אַלץ געווען באַהערשט פון דער געוואַלדיקער ליידנשאַפט און מאַכט פונעם דאַזיקן שטומען שפּיגל. פונעם דאַזיקן דראַנג נאָכצומאַכן אָדער אַליין צו שאַפן נייע געשטאַלטן, מיט איין וואָרט, פון אַרטיסטישן דראַנג.

בין איך אַזוי געשטאַנען נאָכן אָוונט פון דער אַנטפּלעקונג און נאָכגעקוקט, ווי איך בין געווען און ווי אַזוי איך האָב אויסגע־זען פאַרן שפּיגל, האָב איך ווידער איבערגעלעבט דיאַנאַס אויפ־גאַנג אַלס פרוי, אַלס נאַקעטקייט און האָב געזוכט אויף מיין פּנים די אָפּשפּיגלונג פון יענע איבערלעבענישן און די אויפרעגונג פון דעמאָלט...

כ'האָב געשמייכלט, ווי זי האָט דעמאָלט געשמייכלט צו מיר פון ווייטן, זיך באַמיט איר געניי אין דעם נאָכצומאַכן, ווי זי האָט געשמייכלט סודותפול, שליסלעך, אַזוי ליבלעך. כ'האָב זיך אַ וואָרף געטון אויף די קני, ווי זי האָט עס געטון, און באַוועגט די ליפּן. כ'האָב געקוקט מיין פיגור אין שפּיגל, גלייך אין די אויגן אַריין, פּונקט, ווי דאָס וואָלט געווען דיאַנאַ גופא מיט דער גרעסטער הנאה און אַנטציקונג, מיטן העכסטן געלוסט האָב איך געקוקט אויף זיך גופא. כ'האָב אין זיך געשפּירט אַ שטאַרקע התרוממות...

עס האָט אַן אָכץ געטון הינטער מיר...

די מוטער איז געזעסן אין בעט און אויף מיר געקוקט. זי האָט מיך געוויס געהאַלטן פאַר אַ קראַנקן. זי האָט געוויס געמיינט, אַז מיך פיבערט, אָדער אַז איך בין געררירט געוואָרן פון זין און בין נישט מיט אַלעמען.

ווי שוין איין מאָל, האָט זי זיך ווידער דערשראָקן, פאַר מיינע אומפאַרשטענדלעכע העוויות און תנועות, און מיך אָנגעקוקט, ווי אַן עפּיס אומהיימלעכס, פרעמדס, ווי עפּיס אַ פאַרזעעניש. און זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קומט עס אַזעלכעס צו איר זון,— אַז ער זאָל עס האָבן אפשר געירשנט פון איר.

— איך שפּיל דאָך, כ׳מאַך נאָך, — האָב איך זיך אָפּגערופן פון מיין הימל, פאַרשעמט ווערנדיק פאַר איר, — מוטער, איך שפּיל דאָך, ווי מען שפּילט אין טעאַטער. כ׳קען נישט שלאָפן. ס׳איז אַזוי הייס.

— דו שפּילסט... — האָט זי געזאָגט און איז געבליבן אומבאַוועגלעך אונטער מיין לאַסקע. — דו שפּילסט... יאָ, מיט וואָס?... ווען דו וועסט אַמאָל זען, ווי איך שטאַרב, וועסטו אויך...

— אָ, מוטערן — האָב איך אויסגעשריגן.

כ׳האָב נישט פאַרדינט, זי זאָל אַזוי מיינען וועגן מיר און מיך האַלטן פאַר פּעאַיק אויף דעם, וואָס זי האָט געמיינט.

נאָר באַלד איז זי ווידער געוואָרן אַזוי ליבלעך צו מיר, האָט מיך גענומען צו זיך און מיך געצערטלט, ווי איך וואָלט געווען אַ פּיצעלע קינד, אָן שכל, און ריין פון זינד...

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה... מיט דיאַנעס צוריקקומען פון דער שווייץ...

זי איז געקומען, אַרויסגערופן דורך אַ דעפּעשע פון איר חתן, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד נאָך פאַר דעם, כדי צו וויסן, וואָס עס הערט זיך אין בערלין און וואָס עס איז דעמאָלט אים פאַרגעשטאַנען. דיאַנאַ האָט תחילת זיך נישט געוואָלט נאָך צוריקקערן קיין בערלין, דאַן האָט זי דרינגנד אַרויסגערופן איר שוואָגער. זי איז צוריקגעקומען אין דער נאַכט פונעם דרייסיקסטן יולי קיין בערלין.

דעם ערשטן אויגוסט, ווען די שטאָט האָט שוין געקאָכט, ווי אַ קראַטער און די באַוועגונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקע, האָט מיך סטעפאַן געזוכט. ער האָט געהאַט מיר מיטצוטיילן זייער וויכטיקע נייעס: נאָכמיטאָג האָט זיין טאַנטע דיאַנאַ גענומען חופּה מיט איר חתן דעם לייטענאַנט, שוין אין צושטאַנד פון קריג. דער לייטענאַנט האָט געמוזט די זעלבע נאַכט אַוועק מיט זיין פּאָלק אין די וואָגנס.

ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל צו זיי נישט קומען, ווייל ביי זיי איז איצט נישטאָ קיין לעבעדיקע נשמה.

דאָס האָט מיר — כ׳ווייס נישט פאַרוואָס — דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ, נאָך האַרטער און טיפער, ווי די קריגס־דערקלערונג, וואָס איר זין און באַדייטונג האָב איך אַלס עלפיעריק יינגל נישט פאַרשטאַנען.

כ׳האָב זיך דערמאָנט, בעת סטעפאַן האָט צו מיר גערעדט, איר אויסדרוק:

— גיב אים איבער אָט דעם קוש פון מיר... ווען איך וועל שוין מער נישט זיין אויף דער וועלט...

כ׳האָב נישט געפרעגט דיאַנען: ווען? וועמען איבערגעבן איר קוש? כ׳האָב נישט געפרעגט, מחמת כ׳האָב עס באַלד געוווּסט...

צי האָב איך אין דער טיפקייט פון מיין נשמה ערגיץ געפירט אַ געמיינזאַם לעבן מיט דיאַנאַ פיאָרי? צי האָב איך, געטריבן פון אַ פאַרגעפיל, מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער ווילע אָן ווערטער און תנועות?...

שפּעט אין אָוונט האָב איך זיך ארומגעדרייט איבער דער האַכשטראַסע. כ׳האָב געוואָלט זען דאָס הויז, פון וואַנען זי איז אוועקגעפאָרן, כדי צו ווערן אַ פרוי פון אַן אַנדערן. כ׳האָב נישט געוואוסט וועגן די געשעענישן פון טאָג, וואָס האָבן אויפגעקאָכט די גאַנצע שטאָט. זי האָט דאָס הויז פאַרלאָזן, אָבער נאָר כדי צו פייערן די אייביקע האָכצייט.

נינאַ פאַלק איז געווען ביי דיאַנאַן בשעת זי האָט זיך אָנגעטון. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ קלייד און די שוועסטער האָט געזאָגט:

עס זעט אויס צו טונקל, די, יאָ, טונקל, אָבער דאָך נישט טרויעריק.

— ס׳איז ווי צוגעפּאַסט און אַנטשפּרעכנדיק — האָט דיאַנאַ קאַלט זיך אָפּגערופן. — וואָס עס וועט נאָך זיין... אָבער איצט, נו, בעט איך דיך, לאָז מיך אַליין. גיב מיר נאָר אַ קוש.

און מער האָט זי איר שוועסטער שוין קיינמאָל נישט געזען.

אין אַ שעה אַרום איז געקומען דער לייטענאַנט.

הער פאַלק האָט געזאָגט:

— כ׳וועל זי אַראָפּברענגען. איין רגע, ליבער ערווין.

און ער איז אַרויף צו דיאַנאַן...

דערנאָך האָט מען אים געזען שטיין אויף די טרעפּ.

— זי איז נישטאָ — האָט ער פּאַלק געזאָגט.

ער איז געווען אַזוי בלייך, פּונקט ווי ער וואָלט געזען אַ מת. נינאַ האָט אַ געשריי געטון. אויך זי האָט פּונקט ווי ער, גע־וואוסט, אַז מיט איר שוועסטער איז געשען עפּיס שרעקלעכעס.

מ׳האָט זי בחינם אַרומגעזוכט אין גאַנצן הויז. און ערשט, ווען מ׳האָט זעקס אַזייגער אויף יענער זייט הויז באַמערקט אַ צו־זאַמענלויף, אויף דער ראַזענגעלענדע, האָט מען שוין אַלץ פאַר־שטאַנען: דאָרט איז זי...

דיאַנאַ האָט איבערגעשניטן די גאַס, איבערן פאַרבאָטענעם באַרג־אַראָפּ, צו די שינעס פון דער אײַזנבאַן און דאָ, אויף די שי־נעס, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט... צוויי צוגן זענען איבער איר אַרי־בערגעפאָרן און ס׳זענען אין אַלע זײַטן געלעגן טיילן פון איר, אַוועקגעטראָגן ווייט מיט די רעדער... איר שיינער גוף איז געוואָרן צעשניטן אויף שטיקלעך.

אין דער שרעקלעכער צורודערטקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען דעם טאָג צוליב די געשעענישן פון קריגס־אויסברוך, האָט קיין מענטש נישט געזען, ווי דיאַנאַ איז געגאַנגען אַקעגן דעם מלאך־המות. די מאַשיניסטן פון די לאָקאָמאָטיוון, אויך שטאַרק צעררו־דערט פון די קריגס־געשעענישן, האָבן נישט באַמערקט, ווי זי איז געלעגן איבער די שינעס. ערשט איין וועג־וועכטער, וועלכער איז געגאַנגען אין דער לענג פון די שינעס, כּדי צו זען, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט געפונען דיאַנאַס קאָפּ, פיס און ריפּן...

זי האָט נאָך זיך גאָרנישט איבערגעלאָזט, קיין וואָרט נישט אָנגעשריבן, נישט איבערגעלאָזט קיין שום צעטעלע, פאַרוואָס זי באַ־גייט זעלבסטמאָרד. זי האָט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט. נאָר געבעטן נינאַן:

— דו זאָלסט מיר געבן אַ קוש...

און נינאַ פּאַלק האָט זיך געקלאַפּט אין ברוסט פאַרן מאַן און קינדער און אונז מיט פּחד דערציילט:

— און איך האָב זי נישט געקושט... אָ, ניין, כ׳בין אַרויס־געגאַנגען און איר דעם קוש נישט געגעבן... דיאַנאַ! דיאַנאַ!

צום ערשטן מאָל האָט מען די פרוי ניניאַן געזען צערודערט, צעטראָגן און פאַרלאָזן.

דערפאַר האָט זי זיך גאָרנישט פאַרלאָרן, ווען איר מאַן האָט אויף מאָרגן זיך פרייוויליק געמאָלדן. מ׳האָט אים נישט געוואָלט אָננעמען אין די אַרמיי.

— דער קריג וועט זיך ענדיקן איידער איר וועט ענדיקן אייערע הכנות — האָט מען אים אין קאָמענדאַטור געזאָגט — גייט געזונטערהייט אהיים און זעט צוצוגרייטן טריאומף-טויערן.

הער פאָלק האָט אָבער געהאַט באַציונגען, און גרויסע באַקאַנטשאַפט און אים איז געלונגען צו פועלן, אַז מ׳האָט אים אין פינף טעג אַרום אָפּגעשיקט קיין בעלגיע אין לאַזאַרעט-צוג אַלס ליסטןשרייבער.

ער האָט געלאָזט מיך רופן, כדי מיט מיר זיך צו געזעגענען.

— דאָס דאָזיקע הויז, מיין יינג, — האָט ער געזאָגט — איז צו דיין רשות. פאַרגעס אָן אים קיינמאָל נישט. דערמאָן מיך נישט צו שלעכטס.

כ׳האָב אויף אים געקוקט מיט פאַרוויינטע אויגן. ער האָט זיך געזעגנט, ווי אויף שטענדיק.

אַצינד וואָלט איך עס געקענט טאַקע אים זאָגן:

— כ׳האָב פאַר אייך אַ קוש — פון איר...

וואָלט עס דען נישט געווען קיין באַלזאַם אויף זיינע פאַרבאָרגענע וואונדן?

אָבער אַלע זענען געשטאַנען אַרום אונז און איך האָב עס אים נישט געקאָנט זאָגן. כ׳האָב געשוויגן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג.

פיר יאָר האָט זיך געגאָסן בלוט פון דער מענטשהייט. כ׳האָב נאָך ווייניק פאַרשטאַנען. אָבער כ׳פלעג דאָך זען די זונענשיין זיך ליינען אויף דער ערד, כ׳פלעג קוקן אויף דער זילבערנער לבנה, אין די שטערן. אָ, ווי געלאַסן, ווי געמיטלעך, ווי שיין אַלץ איז געווען אינעם קאָסמאָס... און אויף דער ערדן... כ׳האָב געקוקט אויף דער לבנה מיט יראת-הכבוד און שרעק. און זיך געטראַכט: איז אונזער לעבן נאָר אַ חלום אויף דער ערד, אַ שפּיל פון איר פייער?

די ווינטערן און זומערן זענען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, די טייכן זענען נישט אויסגעטרוקנט געוואָרן און זענען נישט איין מאָל באַפאַרבט געוואָרן רויט. ביימער האָבן געבראַכט זייערע פּירות און אין וועלדל האָט געזונגען די נאַכטיגאַל הינטער דער קירכע... דערנאָך איז דער קריג געוואָרן אַ געשפּענסט און קאָשמאַר. און כ'האָב אָנגעהויבן עלטער צו ווערן, ווערן אַ מאַנסביל און האָב זיך געטראַכט:

— וואָס טרוים איך דאָ אָן אַ סוף און אַזוי שווערן...
און דער פאָטער...

ס'איז שוין געווען אַכט טעג, זינט דער קריג האָט אויסגעבראָכן און איבער דער שטאָט האָבן געפּלאַטערט פאָנען און ס'האָבן געהילכט זעלנערישע געזאַנגען. דאַן האָט די מוטער אין דער נאַכט צו מיר געזאָגט:

— מיר מוזן אים אָפּזוכן. וואו איז ער? ער איז דאָך געווען אַ סאָלדאַט, אַ קיראַסירער אין ברעסלוי. ער וועט דאָך מוזן מאָביליזירט און אַרויסגעשיקט ווערן אויפן פראָנט, אָדער אפשר האָט ער זיך נישט געמאָלדן אין קאָמענדאַנטור און באַהאַלט זיך אויס?... מיר מוזן אים אָפּזוכן.

איך האָב געזאָגט:

— מיר וועלן פרעגן הענין. דו ווייסט עס נישט, מוטער, אָבער דער פאָטער פלעגט אויף איר אָפט טשאַטעווען און זי האָט מיט אים גערעדט. אפשר ווייסט זי.

— אַ קלאָג צו מיינע יאָרן, מיינע קינדער האָבן פון מיר סודות און ווילן מיר זיי נישט אויסזאָגן. — האָט זי געפליסטערט און מיך פון זיך אָפּגערוקט.

— ניין, מוטער, — האָב איך זיך אָפּגערופן — דיינע קינדער מיינען דיין טובה. זיי ווילן דיר פאַרשפּאָרן עגמת-נפש.

— אָ, טעדי, זאָלסט וויסן זיין, אַז נאָר דער אמת איז לייכט. מיטן אמת איז מען גובר דאָס לעבן, מיט ליגן פאַרזינקט מען אין אים און דו ביסט מיטן שקר געווען אין בונד.

— אַ בונד פון דיינעטוועגן, מוטער. מיר האָבן דיך ליב מער, ווי דעם אמת.

— דו קליינער סאָפּיסט — פון וואַנען האָסטו אַזאַ פאַרשטאַנד? מיין טייערער!

— איך בין דיין זון.

— דו גרויסער שמייכלער... וואָס ווילסטו ווערן, טעדי?

דאָס האָט זי מיך פּלוצלינג געפרעגט אין דער נאַכט פון די שלאַכטן. און איך האָב געענטפערט:

— גוטן... ווען איך וואָלט געקענט...

— אַ, שלאָף שוין! — האָט זי געזאָגט און מיך אַ צי געטון צו זיך.

אויף מאָרגן פאַרמיטאָג האָט די מוטער אָנגעהויבן אויספרעגן העניו. צוערשט האָט זי געלייקנט, אַז זי זאָל האָבן די לעצטע צייט גערעדט מיטן פאָטער.

— פריער יאָ, — האָט דאָס צעניאָריקע מיידעלע זיך מודה געווען, און איר זיס פּנימל, שמאָל אונטער די צוגעקעמטע ברוינע האָר — איבער דער פּלייצע אַ לאַנגער צאָפּ — האָט אויסגעזען עזותדיק און טראָציק.

— איצט אָבער נישט — האָט העני פאַרזיכערט — איצט האָב איך אים שוין לאַנג נישט געזען. פרעגט ביי די גרעבערטן.

זי האָט אַ וואָרף געטון מיט איר צאָפּ און גענומען לייענען דאָס עקסטראַבלאַט מיט די ידיעות וועגן די נצחונות אויפן פראָנט.

מאַרק האָט מיר צוגעוואונקען. ער איז געווען אַ וואוילינגעלע, אַ רירעוודיקער און פלינקער, גוטמוטיק, שיין און קרעפטיק. דאַן האָט העני שליסלעך זיך מודה געווען אין אַלץ. זי האָט טאַקע געקענט זאָגן אַ ליגן, אָבער דערנאָך האָט זי זיך געמוזט מודה זיין. זי האָט, אַלזאָ, דערציילט, אַז דעם צווייטן אויגוסט האָט זי געזען דעם פאָטער. זי איז צוזאַמען מיט אַלגאַ רעשקע געגאַנגען צו דער גרעבערט. דאָרט איז ער געשטאַנען אָנגעטון אין אוניפאָרם און האָט אויסגעזען גרויסאַרטיק, אַרומגערינגלט פון אַלע שכנים. אַלע האָבן פון אים געקוואָלן, ווער שמועסט, די פרויען, — זיי זענען ממש פאַר אים גרייט די ניכפּה איינצונעמען. אויף מאָרגן, פריר אין דער פרי, האָט ער געזאָלט אָוועקפאָרן אויפן פראָנט.

ער האָט געוואָלט קומען צו אונז — האָט ער הענין דער-
ציילט. אָבער איצט, ווען ער קען נעמען אָפשייד מיט הענין ביי דער
פרוי געבערט, דאַרף ער אונז נישט האָבן.

— דאַרפסט קיינעם נישט איריסן*) — האָט ער צו איר
געזאָגט, — נישט די מוטער, נישט טעאָדאָרן און נישט מאַרקן.
בלויז דיך האָט פאָטער ליב. קום אַהער, מיין מלאך. ווען כ'וועל זיך
צוריקקערן פון דער מלחמה... נו, וועל איך דיר שוין מיטברענגען
אַ מתנהן שוין איינמאָל אַ מתנה וועט עס זיין! דעם שענסטן
פאַריזערן

איבערן דאָזיקן וויץ האָט די גאַנצע גאַס זיך געהאַלטן ביי
די זייטן פון געלעכטער. דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט און גע-
הירזשעט. די פרויען זענען געקומען אין אַזאַ התפעלות, אַז זיי
האָבן אַראָפּגעריסן פון זיך די פילצענע פאַנטאָפל, האָבן זיך גע-
קאַטשעט איבער די לענדן און זיך געקייקלט פון געלעכטער.

— פאַריזער האָט'ר יעזאַכטן וואָס זאָגט איר אויף אימן ער
פילט זיך שוין אין פאַריז, ווי ביי זיך אינדערהיים.

אָבער דער שיינער געאָרג האָט איצט אָפגעשטופּט פון זיך
אַלע, אַפילו הענין אויך, האָט אַ נעם געטון זיין לואיזע אונטערן
אָרעם און איז מיט איר אַוועק.

— נו יעבט רוהען**) — האָט ער צו אַלע געזאָגט, נע-
מענדיק אַזוי-אַרום מיט אַלע אָפשיד — לאָזט מיר נאָך אַמאָלן
ווער ווייסט, ווי לאַנג ס'וועט דויערן, ביז כ'וועל ווידער...

און העני האָט געניי דערציילט אַלע עקלהאַפטע זאַכן, אַלע
מעשים-תעתועים, וואָס דער פאָטער האָט אָפגעטון. די מוטער האָט
פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט פון בושה...

טאָג און נאַכט פאַרטון אין דער שווערער פראַצע, — וואָס
האָט זי געוואוסט פון דער גאַס, פון אונזער לעבן אויף דער גאַס,
ווי אַזוי די גאַס ווירקט אויף די אומשולדיקע קינדער, וואָס פאַר
אַ ניבול-פה זיי הערן דאָרט און וואָס פון זיי ווערט דאָרט. העני

---

*) גערימן.

**) לעבט רואיק! ד. ה. זייט געזונט.

איז געווען צו אומשולדיק, כדי אַזעלכע ניבול־פּה און אַזאַ אָרט רעדן צו האַלטן פֿאַרבאָרגן און צו פֿאַרשטיין זייער צווייִדייטיקייט. זי האָט כמעט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען פֿון יענע גראָבע, מיאוסע ווערטער, ווערטלעך און „חכמות". מ׳איז מיט דעם אַלעם אויסגעוואַקסן, מ׳האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, ווען מ׳האָט עס ס׳ערשטע מאָל געהערט.

אין אָוונט האָט די מוטער זיך אָנגעטון, צו גיין צו לואיזע גרעבערט. זי האָט פֿונדעסטוועגן געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך מיטן פֿאָטער. ערשט אין דער באָדשטראַסע האָבן מ׳ר געזען, אַז העני איז אונז נאָכגעגאַנגען. די מוטער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זי באַגלייטן. און אָט איז העני אויך אָנגעקומען.

די מוטער איז מיט אַזעלכע זיכערע טריט געגאַנגען איבער דער גאַס און איז אַזוי זיכער צוגעגאַנגען צום הויז, אַז איך האָב באַמערקט: זי איז שוין דאָ געווען, און אפֿשר נישט איין מאָל, נאָר... מעגלעך, אַז זי איז שוין מאַנכעסמאָל, צוריקקערנדיק זיך פֿון דער אַרבעט, בגנבה צוגעגאַנגען אַהין, כדי צו זען, וואו איר מאַן, וועלכן זי האָט אַמאָל אַזוי ליב געהאַט, איר „אויסגעקעמפּטער" און אַוועקגעגנבעטער מאַן, זי פֿאַרראַט?

מיר זענען געגאַנגען דורכן הויף און באַלד דערזען, אַז גרעבערטס פֿענצטער איז העל באַלויכטן. דאָס ברייטע פֿענצטער פֿון איר בערלינער שטוב. זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט דעם פֿאָרהאַנג, כדי מ׳זאָל זען די פּראַכט פֿון איר וואוינונג, ווי ליכטיק און געמיטלעך דאָרט איז. — די סאָפֿע מיט גאָבעלינען, די פֿאָליצעס, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען אַלע זאַכן, וואָס זי האָט געוואונען אין די זונטאָג־טעג אין די ווירפֿלקראָמען. אַ וואַזע מיט אויסגעמאָלטע לאַנדשאַפֿטן, אַ טאָפּ מיט קינסטלעכע בלומען, אַ מאַרמאָרזייגער א. א. וו. דורך דאָס באַלויכטענע פֿענצטער האָט מען אויך געקאָנט זען דעם „סאַלאָנטיש" מיט פֿיר געדרייטע פֿיס און מיט אַ גרינעם פּליושענעם טישטעך, דעם וואַנטזייגער אין אַ געשניצטן קעסטל און דעם קרעדענץ מיט די האַלבקרישטאָלענע טירלעך, מיט די טייערע סערוויזן הינטער זיי, די ענגלאָמפּ אויף זעקס גאַזפֿלאַמען. מ׳האָט דורך דעם פֿענצטער אויך געקאָנט זען

אין גרויסן צימער די צוויי בעטן מיט ווייסע שפּיצקאָלדרעס און אַן איילבילד אויף דער וואַנט: דריי בלאָנדע מלאכים, וואָס האָבן געשוועבט אין די ראָזיקע וואָלקנס, מ'האָט אויך געקענט זען די ביידע נאַכטטישלעך מיט די פּאָרצעלייענע לייכטער און ראָזע זיידנשירם איבער זיי, דעם שראַנק מיט דער שפּיגלטיר, וואָס האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע הערלעכקייט פון צימער, די זעקס שטולן יעדער מיט אַ לעדערזיץ און דעם געפלאָכטענעם קאָרבפּאָטעל מיט אַ ניי-מאַשין ביים פענצטער; דאָס אַקוואַריום מיט די גאָלדענע פישלעך, אַן אייל-בילד, אַן איטאַליענישער לאַנדשאַפט מיט צוויי ראַמען אין פאָרדערגרונד.

די מוטער האָט שטאַר אַריינגעקוקט אין גרעבערטס ריינע און ציכטיקע שטובן, העני אָבער האָט אַהין אַריינגעקוקט מיט אַ כמעט גאַוותדיקן פּנים.

,כ'האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַ קינד זאָל קענען אַזוי אויסזען.

'אָ, כ'האָב אַזעלכע פנימער שוין געזען, ביי די מיידלעך, וועל-כע גייען טאַנצן אין די לאָקאַלן פונעם גאַרטן אויף דער באַד-שטראַסע, כ'האָב אַזעלכע פנימער אויך געזען ביי די יונגע-לייט, ווען זיי קומען פון די קנייפּעס אויף דער הוסיטנשטראַסע, ווען זיי רעדן אין אָוונט מיט די מיידלעך אויפן ראָג פון דער פּרינצנאַלייע, בעת זיי פאַרלאָזן געאַרעמט די קינאָס, אויף די קאַ-רוסעלן, אָדער ווען זיי זיצן אין די הוידזעווקעס אויפן רומפּלפּלאַץ.

אַזוי פונקט האָט העני אויסגעזען, ווען זי האָט אַריינגעקוקט אין גרעבערטס שיין-מעבלירטע שטובן.

'זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פּראַכט, ווי דאָ, אַ פּראַכט, וואָס האָט אויף איר געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם. זי איז געוואָרן באַגערלעך, האָט אָנגעהויבן נאָך עפּיס צו לעכצן. אין יענער רגע האָט זי באַקומען איר אידעאַל...

די מוטער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

קיינער איז נישט געווען אין דער היים...

פרוי גרעבערט האָט געלאָזט ברענען דאָס ליכט, כדי אַלע,

וואָס גייען פאַרביי, זאָלן קענען זען, וואָס פאַר אַ שיינע דירה זי האָט און וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע מעבלשטיק און זאַכן.

און מ׳מוז מודה זיין, אַז אין די שטובן ביי איר איז טאַקע געווען זייער זויבער און געמיטלעך. אַלץ האָט דאָרט געבלאַנקט און געבליצט פון ריינקייט. אַפילו די אויגן פונעם אויסגעפּאַשעטן הינטל האָבן געפינקלט פון רשעות און ס׳האָט אויסגעזען, ווי איִם וואָלט הנאה געטון, וואָס מיר זענען אהער געקומען פון פאָטערס גלענצנדיקער היים און קוקן מיט התפעלות אויף דער הערלעכקייט פון גרעבערטס וואוינונג.

העני האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען איר פאָטער...

קען מען דען זיך וואַקלען און שלאָגן מיט דער דעה, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אויסוועלן צווישן אונזערע נאַקעטע, געטינקטע ווענט און די דאָזיקע רויט-טאַפּיצירטע מיט זאַפּ-אומבוי און שראַנקען מיט טירן פון שפּיגלגלאָז און צוויי בעטן מיט נאַכטטישלעך און געפּלאַכטענע פאָטעלן? און גאָז, גילדענע פישלעך און... אָן אַזעלכס האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען... אָן איין טעפּיך וויפיל איז ווערטן אַזאַ בונטער טעפּיך אָן אַ שטויבעלע, אָן אַ שפּרינקעלע. ריזיקע רויזן אין אַלע פאַרבן אויף אַ געלבן גרונט. און פאַר יעדן בעט אַ פעלן איין פעל, וואַרשיינלעך, לאַנגהאָריק, שניי-ווייס...

אויף העניס געזיכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַלץ, וואָס זי האָט דעמאָלט איבערגעלעבט און אַלע פאַרלאַנגען און השגות, וואָס האָבן זיך ביי איר דערוועקט. כ׳האָב עס דייטלעך געזען אויף איר פּנים. זי האָט דעם פאָטער אַלץ מוחל געווען, אַלע עוולות, וואָס ער איז קעגן אונז באַגאַנגען. און זי האָט פאַראַכט די מוטער. פאַר־וואָס האָט זי דעם פאָטער נישט געקאָנט באַזאָרגן מיט אַזאַ וואוי־נונג? ווי קאָן זי שעלטן און פאַראורטיילן דעם פאָטער, פאַרוואָס ער האָט בעסער געוואָלט לעבן מיט דער דאָזיקער פרוי, איידער מיט איר?

אָ, זי גופא, די קליינע העני, איז געווען גרייט מי יודע וואָס צו געבן, כדי צו קענען דאָ וואוינען, אין די דאָזיקע הערלעכע שטובן. כדי דאָ צו קאָנען שלאָפן, זיך שפּילן. וואָס שפּילן צי איז דען

נישט גענוג דאָ צו זיצן און טרוימען און מיטן טרוים זיך פּשוט אומזען, שטענדיק קוקן אַרום זיך, — אַזוי פיל איז דאָ פאַראַן, וואָס צו זען, אַזוי פיל, אַז אַ גאַנץ לעבן קען מען מיט דעם נישט פאַרטיק ווערן... יאָ, דער פאָטער איז נישט קיין נאַר.

און דאָ האָט זיך העני צעוויינט, דאָ, פאַרן דאָזיקן פענצטער,— וואָס דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן.

זי האָט זיך געטראַכט, אַז ווען ער וועט צוריקקומען, וועט זי אים דאָ באַזוכן. זי האָט אָבער געהערט, אַז נישט אַלע קומען צוריק פונעם פראָנט...

בינ־לבינו איז די מוטער געקומען צו זיך. און אין דער זעלבער רגע איז פאַרן פענצטער געבליבן שטיין עפּיס אַ פרוי.

— איר דאַרפט האָבן צו גרעבערט? — האָט יענע געפרעגט.

— זי איז אַוועק מיט איר נייעם. אין די לינדן. ביי איר איז קיינער נישטאָ. יאָ, נישט קיין גרויסע צנועה איז די דאָזיקע גרעבערט. דאָס בעט איז נאָך נישט אָפּגעקילט געוואָרן פון איינעם, ווי זי האָט שוין געפּאַקט אַן אַנדערן... אַ יונגערמאַן עפּיס מיט אַ קורצן פוס, וועלכן מ׳האָט נישט געקאָנט מאָביליזירן. דאָ האָט ער נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, אַז מ׳זאָל אים ביי איר אַוועקנעמען...

די פּלוידעריי און רכילות זענען געפלאָסן פון אירע ליפּן, ווי אייל, רואיק, און פּאַמעלעך און פריינטלעך. זי האָט אונז באַגלייט ביז דער גאַס. די מוטער האָט זיך אַ נייג געטון פאַר איר מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע אויף די ליפּן. און דאַן האָט די פרוי ווייטער גערעדט מיט די שכנטעס, — וואָס קען עס זיין פאַר אַ שלימזלניצע, וואָס איז נאַר־וואָס פון דאַנען אַוועק, וועלכע האָט זי אַזוי אויסשפּיאָנירט און געטריבן רכילות אויף אָנשטענדיקע מענטשן?

וויפיל זאַכן אין מיין קליינעם לעבן שוין פאָרגעקומען און שטייען שוין לאַנג הינטער מירן גאַסן, הייזער, אַזוי פיל מענטשן, גורלות. אַזוי יונג און אַזוי פיל שוין איבערגעלעבטן כ׳בין מיר אָפּט פאָרגעקומען אַזוי אַלט, ווייל מאַנכעמאָל, עלף יאָר אַלט, האָב איך זיך שוין געפילט אַזוי מיד, ווי איך וואָלט שוין געווען באַלאַסטעט מיט מי יודע, וויפיל צענטליקער יאָרן. יאָ, כ׳האָב זיך געשפּירט

מיך צו דער פרייַנטשאַפט מיט סטעפאַנען, צום שפּילן זיך מיט מייַן ברודער און שוועסטער, צום גיין נאָך ברויט. יאָ, מיך אַפילו צו שלאָפן... כ'בין געווען צו מיד אויך צו מוזיק... ווייַל איצט האָט שוין בכלל די מוזיק אויפגעהערט... די בראַטשע איז איצט געזעסן אין לאַזאַרעט-צוג, די צווייטע פידל האָט געשאָסן אין די וואָגנען, דאָס טשעלאָ איז דורך צוויי צוגן צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיקלעך...

צי בין איך געווען מרה-שחורהדיק? צוליבן טויט פון דער וואונדערבאַרער דיאַנאַ, צוליב דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס האָט דאָן אויסגעבראָכן?

כ'בין געווען צו מיד דערצו, צו מיד צו זייַן טרויעריק. כ'בין געווען מיד און אומבאַוועגלעך.

נאָר אין איין זאַך בין איך קיינמאָל נישט מיד געוואָרן, ביז איבער דייַן טויט: דיך, מוטער, צו ליבן...

*

מיטן אויסברוך פון קריג האָט זיך פאַר אונז, אָרימע, אָנגעהויבן די גוטע צייַט: מיטאַמאָל זענען אַלע, אָרים און רייַך, געוואָרן גלייַך. אַלע האָבן געמוזט עסן מאַרגאַרין און שלעכט ברויט, קאַלריבן און גרויפּן. אַלע האָבן געמוזט אָפּקומען די קללה פון שטיין אין דער ריי, כדי די הונדערט גראַם פלייש אָפּצונעמען. און פון דעם פראָנט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פּאַקעטן מיט לעבנסמיטל. אונז האָט קיינער גאָרנישט צוגעשיקט. צו אונז האָט קיינער נישט געשריבן. איין מאָל נאָר האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון מייַן אַלטן לערער רודאָלף ראַושער. און ווען דער דירעקטאָר פאַלק פלעגט שרייַבן צו זייַן פרוי און קינדער, פלעגט ער אונז לאָזן גריסן.

ס'איז אים געלונגען אָנצוקומען אין אַן אָפּטיילונג פון רויטן-קרייַץ. מ'האָט עם אַ געוויכטע צייט צו דעם צוגעגרייט און, וואָס מ'דאַרף אויסגעלערנט און ער האָט געוואָרט אויפן פראָנט, אַרייַנצוטרעטן אין דער אַקטיווער דינסט.

פרוי נינאַ איז אינגאַנצן אַוועק אין זיך. ביז אויף דעם קלאַ־ וויר זאָגאַר. זי האָט מער נישט געשפּילט. פון גאַנצן דינער־פּער־ סאַנאַל האָט זי געלאָזט בלייבן נאָר איין שטובמיידל און די קעכין. דער גוואווערנאַנטקע, דעם קוטשער און דאָס צווייטע שטובמיידל האָט זי אָפּגעזאָגט פון דער שטעל. און זיך באַגאַנגען אָן זיי. די פערד זייערע האָט מען ועקוויזירט. אין ווינטערגאָרטן זענען אַלץ מער פאַרשוואונדן געוואָרן די בלומען, בלויז די פּאַלמען האָבן זיך גע־ האַלטן אין דער דרומדיקער זון. פרוי נינאַ איז שטענדיק געווען באַשעפטיקט. אין מאַנס צימער האָט קיינער די גאַנצע צייט כמעט נישט איבערגעטרעטן די שוועל. בלויז מיר האָבן דאָס צימער עט־ ליכע מאָל אויפגעשלאָסן, ווען איך האָב אָפּגעבראַכט ביכער צוריק און גענומען נייע. דאַן פלעגט פרוי נינאַ זיך אַוועקשטעלן אין מיטן צימער און זיך אַרומקוקן, ווי אַ פרעמדע.

אויך אין דיאַנאַס צימער איז קיינער שוין מער נישט אַריינ־ געגאַנגען.

מאַנכעמאָל האָב איך זיך צוגעדריקט צו דער טיר און אַריינ־ געצויגן אין זיך דורך די שפּאַרונעס דעם שטענדיק אַלץ שוואַכער געוואָרענעם רעזעדע־ריח און זיך פאַרלאָרן אין בילדלאָזע חלומות, וועלכע זענען איצט שוין נישט געווען אַזעלכע שווערע און ביטערע, ווי פריער.

כ'האָב געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז מ'קען האָבן אַ חשק צו טרויעריקייט און רעזיגנאַציע קען זיין אַ זיסע פאַרשיכורטקייט.

פאַלקס בכור, טאָמאַס, וועלכער האָט זיך געלערנט אין אַן ענגלישער שול, האָט שוין מער נישט געקאָנט קומען אַהיים. איצט איז ער געווען אין אַן ענגלישן קאָנצענטראַציאָנסלאַגער, און פון צייט צו צייט פלעגט פון אים קומען אַ בריוו דורך דער פאַר־ מיטלונג פון רויטן קרייץ. ער האָט געשריבן, אַז עס גייט אים גוט, נאָר, ס'ווייזט אויס, אַז ער האָט געמוזט אַזוי שרייבן...

נינאַ פאַלק פלעגט שעהנלאַנג אָפּזיצן, איינגעבויגן, איבער די בריוו פון איר מאַן און זון — זיי נישט לייענענדיק, — אַזוי איז זי געווען צעמישט און צערודערט.

מיר פלעגן פון צייט צו צייט מוזן באגלייטן די פרוי נינא צו דיאנאס קבר.

מיר זענען שוין נישט געפארן, זי און דריי קינדער, ווי פארן קריג, אין זייער אייגענער קאטש, נאר מיטן טראמוואי.

יא, אויף איר צלם איז געשטאנען דיאנא פיארי, זי איז געבליבן א כשרע און צניעותדיקע בתולה ביזן טויט.

פאר איר קבר איז געשטאנען א באנק. מיר זענען אויף איר געזעסן אין א געדריקטן און שמערצלעכן שווייגן. בלויז ליליאן האט נישט געקאנט איינזיצן אויפן ארט און געקוקט אויף די קברים. זי האט פאר קיין זאך נישט מורא געהאט, העכסטנס איך, דער יונגע פון נאר אן אנדער וועלט און סביבה. זי האט פאר מיר מער מורא געהאט, ווי פאר די טויטע...

דאס איז געקומען גאנץ שנעל. פון דער ערשטער פלוצלעכער צוטרויללעכקייט, מיט וועלכער זי האט מיר דערציילט אלע סודות פון אירע שמערצן און איר קינדערשפיל. מיר איז אייגנטלעך דאס דאזיקע קינד גארנישט אנגעגאנגען, זי האט אבער געהערט צו די מענטשן, וועלכע איך האב ליב געהאט, און פאר מיר האט זי געהאט א באדייטונג און ווערט אלס טייל פונעם גאנצן.

דער פאטער איז געבליבן שטום. ער האט אונז די גאנצע צייט גארנישט געשריבן. אין יאנואר ניינצנהונדערט זעכצן איז אנגעקומען די ערשטע ידיעה וועגן אים. ער איז אויך די גאנצע צייט נישט געקומען אויף אורלויב. לפחות, נישט צו אונז. די דאזיקע ידיעה איז באשטאנען פון א קארטאנענעם שאכטל, וואס האט אנטהאלטן אין זיך זיין גאלדענעם זייגער, וועלכן מיר האבן נאך, אגב, קיינמאל ביי אים נישט געזען, אביסל געלט, פאטאגראפיעס פון לואיזע גרעבערט און פון עפיס אן אנדערער פרוי מיט א ברוסט-קינד אויפן שויס — זיין קינדן — און דעם אייזערנעם קרייץ פון ערשטער און צווייטער קלאס, וועלכע ער האט באקומען אויפן פראנט אלס אויסצייכענונגען... דערביי איז געלעגן א בריוו פון פאלק-אדיוטאנט. ער האט אויסגעדריקט אין בריוו דער מוטער זיין אויפריכטיקן ביילייד, האט איר אין ווארימע אויסדרוקן מנחם-

אבל געווען און געליבט דעם פאטער אלס דעם מוטיקסטן און בעסטן פעלדפעבל פון פאלק.

די מוטער האט אונז פארגעלייענט דעם בריוו.

יהעני האט ארויסגעלאזט א געשריי פון פארצווייפלונג, און אויסגעבראכן מיט א שרעקלעכן געוויין. זי האט ווילד געשלוכצט, קראמפהאפט, זי האט זיך א ווארף געטון אויף דער פאדלאגע און אין דער גרעסטער פארצווייפלונג געוויינט און געיאמערט — און זיך נישט געקאנט באַרויקן.

אָבער אין א שעה ארום האט זי א כאפ געטון דעם פאטערס „האב און גוטס", אויך דעם גאלדענעם זייגער זיינעם, און דער־קלערט, אז דאס געהער איר, ווייל נאר זי האט אים ליב געהאט און מיר האבן קיין רעכט אויף זיין אנדענקן.

קיינער האט גארנישט געזאגט. אפילו די מוטער, וואס איז געשטאנען ביים ברעט, מיטן פלעט־אייזן, אויך נישט. ביינאכט האב איך זיך אויפגעכאפט פון דעם, וואס די מוטער האט זיך אויפגעהויבן פון בעט. כ'האב געזען, ווי זי האט מיט צונויפגע־לייגטע הענט היים געדאוונט, איר פנים איז אבער געווען לויטער, כמעט פריילעך. כ'האב זי נאך קיינמאל נישט געזען מיט אזא געזיכט. און איך האב געפילט, אז זי האט אפגעריכט פאר גאט א תפילה און אים היים געדאנקט, וואס זי איז ענדלעך פריי גע־ווארן פון איר וויסטן מאן.

וואס דער לעבעדיקער פאטער האט אונז געטון רעות, האט דער טויטער אביסל פארריכט אט די רעות און אונז געטון א שטיקל טובה: די מוטער האט אנגעהויבן באקומען אונטערשטיצונג, א פעסטע רענטע. פון איצט אן פלעגט זי יעדן שבת בלייבן אין דער היים און נישט גיין ארבעטן, א האלבן זונטאג איז זי אויך ארומגעגאנגען ליידיק. צום ערשטן מאל איז זי מיט מיר געגאנגען שפאצירן, האט זיך צוגעזעצט מיט אונז קינדער, און די אלייען, האט אונז געקויפט א שטיק קרינגסקוכן. זי האט איצט געטראגן דעם קאפ העכער, האט באקומען מער ווירדע און מאנכעמאל האט זי געלאכט...

נאָר העני האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַרויִקט נאָכן פּאָטערס טויט און האָט ווי געפירט מיט אונז אַ ברוגז.

זי פלעגט אָפּט פאַרשוואונדן ווערן, נישט וועלנדיק זאָגן, וואו זי איז געווען. זי איז איצט אַלט געווען צוועלף יאָר און אויס־געזען האָט זי, ווי זי וואָלט אַלט געווען פערצן. זי איז געווען אַ מיידל פון אַ זיסער, ווייכער שיינקייט. די גראָע אויגן צו די ברוינע האָר האָבן איר צוגעגעבן אַ וואונדערבאַרן רייץ. זי האָט אָבער אין זיך געהאַט נישט קיין קינדישעס און עפּיס אַ מאָדנע פאַרשטיינערטקייט.

דער מוטער האָבן אירע אייגנשאַפטן פאַרשאַפט פיל זאָרג און עגמת נפש. און זי האָט מיט מיר גערעדט וועגן העניִן. און אַ מערקווירדיקע זאַך: זי האָט ווי עפּיס מורא געהאַט פאַר העניִן און מאַרקן. זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט זיין אַזוי שטרענג מיט זיי, ווי מיט מיר: זי האָט זיי נישט גענוג ליב געהאַט.

פאַר זיי, וואָס זענען געווען אינגאַנצן געראָטן אין פּאָטער, האָט די מוטער געהאַט אַ שלעכט געוויסן. זי איז בנוגע זיי געווען הילפלאָז און אָן פאַרשטענדניש. זי האָט נישט געוואַגט זיי צו ליבן. זי האָט זיי געלאָזט אויסוואַקסן אָן איר געהעריקער אויפ־מערקזאַמקייט און השגחה.

און אַזוי־אַרום זענען זיי ביידע געוואָרן אַזעלכע, ווי אַלע קינדער פון אונזער גאַס זענען געווען. זיי האָבן גערעדט ניבול־פה און נישט פּאָרזיכטיק, געטריבן אַפּשוילעכע שפּילן און אין אַלעמען נאָכגעמאַכט די דערוואַקסענע.

אומעטום האָט זיך געפילט, אַז עס פעלן די פּאָטערס און אַז עס פעלט די מורא פאַרן פּאָטער. ס׳איז געווען באַשיינפערלעך צו זען, אַז די קינדער ווערן אַדאַנק דעם שטאַרק פאַרדאָרבן.

די קינדער זענען איצט, אין מיטן ברען פונעם קריג, גע־וואַקסן אָן אַ שום השגחה פון די מוטערס, וועלכע האָבן איצט אַלע געמוזט אַרבעטן און אַ גאַנצן טאָג נישט זיין אינדערהיים. נאָך צוויי יאָר קריג, ווען מ׳האָט שוין געהאַט צוגענומען די לעצטע מענער, האָבן די פרויען פאַרנומען זייערע שטעלעס.

אין די פאבריקן, אויף די טראמוואיען און באנען, אויף די קוטשבעקן פון די קערמאשינען — אומעטום האבן געארבעט פרויען.

בערלין איז ליידיק געווארן פון מענער. מ'האט נאר געזען בלויז אוניפארמען און די בייכער פון די קריגס-שפעקולאנטן און אפאר ציטערנדיקע רעקווייזירטע, וואס האבן אויף דער אלגעמיינער ביטערער לאגע מאסף-ממון געווען.

ווייטער איז אלץ געווען פרוי און קינד.

די ארימע פרויען איז געווען נישט שלעכט. אמת טאקע, אז ס'האבן זיי געפעלט די מענער און פאטערס פון זייערע קינדער, דערפאר אבער האבן זיי געהאט די רענטע.

די רענטע איז פאר פיל פרויען געווען מער געוואונטשן, ווי די מענער זייערע.

זי פלעגט דאך קומען אהיים נישט שיכור און נישט פון די גאסן-מיידלעך, — שטיל און רואיק.

א, די פרויען איז געווען נישט שלעכט, דערפאר אבער איז די מוטערס געווען ביטער און שלעכט ביז גאר...

אין אונזער געדיכט-באוואוינטן הויז, מיט זיינע אפיצינעס, ביי די שטובן און פאציאטן, קעלערן און קאמורקעס פלעגן מיר אפט אויפציטערן פון די ווילדע געשרייען פונעם פארצווייפלטן יאמער און געוויין, וואס פלעגן זיך צו אונז דערטראגן פון אלע זייטן. דאס האבן אויסגעבראכן מיט א ביטערן געוויין די מוטערס און די קינדער נאכן איבערלייענען די לעצטע ליסטעס פון די געפאלענע אויפן פראנט, אדער ווען די פאסטטרעגערין פלעגט זיי מיט א ציטערנדיק מויל איבערגעבן א פאקעטל... דעמאלט האבן מיר שוין געוואוסט, ווער פון אונזערע שכנים וועט זיך שוין נישט צוריקקערן פון פראנט.

אבער אזוי, נישט רעכענענדיק די פארלוסט, וואס מיר האבן געהאט, פארלירנדיק אונזער פאטער — ליידער קען איך וועגן אים נישט זאגן: אונזער שפייזער, — איז אונז איצט בכלל געגאנגען נישט שלעכט, — אפילו ווען ס'האט זיך אנגעהויבן דער גרויסער הונגער. זענען מיר דען צו דעם נישט געווען געוואוינט?

די רייכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך איצט אויך געקלאַגט אויף די שלכטע צייטן און וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון זיי האָבן טאַקע געפילט דעם ביטערן טעם פון די צרות, וואָס דער קריג האָט מיט זיך געבראַכט, — זיי פלעגן איצט קומען צו פאָרן אין זייערע אויטאָס אין אונזערע גאַסן און ביי אונז אָפּקויפן אונזערע ברויט- און פעט-קאַרטן. זיי פלעגן אונטערקויפן די פרויען, וואָס האָבן גע- אַרבעט אין די אַפּראָוויזאַציע-אַמטן און די פאַרקויפערינס אין די געשעפטן און אַזוי-אַרום פלעגן די גבירים אונז שטאַרק באַוואָלהנען.

„אונטערנערונג" — דאָס איז געווען דער טריאומף, וועלכן די געזעלשאַפט האָט אויסגעפּילט. נישט קעגן דעם קריג, נאָר קעגן די שונאים. אַ, קריג איז קריג. מאַכט אַ סוף צום קריג און עס גיבן דאַן קיין שונאים די סיבה פונעם גרויזאַמען קריג האָט איר נישט געוואָלט באַזייטיקן (און דערמיט, נאַטירלעך, דעם קריג גופא) און איצט זענט איר מאָראַליש אויפגעבראַכט איבער די פאָלגן פון אָט דער סיבה.

אונטערנערונג, נישט עסן צו זעט — מ י ר קאָנען עס פון לאַנג אָן. פאַר אונז, אביונים, איז דאָס נישט קיין נייעס. אָבער איצט איז די אונטערנערונג שוין אַוועק צו ווייט...

מ'האָט פאָטאָגראַפירט זויג-קינדער, הויט און ביינער, אמתע סקעלעטעלעך, — ביי די ליידיקע ברוסטן פון זייערע מוטערס. מיט אַמאָל גאָר האָט מען זיי דערזען און וואו איז מען געווען פריער, נאָך פאָרן קריג, אַזעלכע עופעלעך צו פאָטאָגראַפירן? וואָס איז מען עס מיטאַמאָל געוואָרן אַזעלכע „צער-בעל-חימניקעס"? ווייזט זיך אַרויס, אַז איצט דאַרף מען עס האָבן צוליב פּראָפּאַגאַנדע-צוועקן. אצינד נוצט מען אויס די עלנט און נויט פון די אביונים, כדי צו דערוועקן מיטלייד אין דער וועלט. פאַר וועמען מיטלייד? פאַר יענע אומ- גליקלעכע מוטערס און עופעלעך? ניין! אַ נעכטיקער טאָגן נישט פאַר זיי, נאָר פאַר זיך כדי די וועלט זאָל אויף זיי, אויף די דאָ- זיקע מענטשן, נאָך איצט, אין ברען פון הונגער, נאָך זאַטע, רחמנות קריגן.

ווען די דאָזיקע מענטשן, וואָס ווילן אויסנוצן די שווערע לאַגע פון די קבצנים פאַר זיך גופא, וואָלטן אַריינגעקוקט אין די דאָזיקע

געסטן פון עלנט און נויט נאָך פאַרן קריג, וואָלטן זיי דאָך דאַן געמוזט קומען צו הילף די אביונים און זיך לאָזן עפּיס קאָסטן אויף צו לינדערן יענע שרעקלעכע נויט. און טאַקע מהאי טעמא האָבן זיי דאָס קיינמאָל נישט געטון און טוען עס ערשט איצט, כדי צו האָבן נוצן פון דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט געפירט צוליב די פאָטאָגראַפיעס מיט עופּהלעך פון הויט און ביינער ביי די פּוסטע ברוסטן פון זייערע מוטערס. און אַזוי־אַרום איז פּלוצלונג אַנטדעקט געוואָרן דער פּראָלעטאַריאַט, מיט זיין אָפּגעצערט געזוכט, זיינע פאַרקריפּלטע קנאָכן און זיין ליידיקן טאָפּ...

און די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַ פּעולה. ס'איז געקומען הילף אין לאַנד אַריין. אָבער די דאָזיקע הילף איז געקומען צו אונז, פּראָלעטאַריער, איז זי שרעקלעך צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן. דאָס פלייש און פעטס האָבן באַקומען אַנדערע און מיר, — גראָמסקע און ביינער.

מיר זענען נישט געווען אויפגעבראַכט צוליב אָט דער אומגערעכטיקייט, מיר האָבן זיך נישט געקאָכט און געבייזערט און זיך נישט באַקלאָגט, ס'איז דאָך קיינמאָל נישט געווען אַנדערש. קיינמאָל האָט מען אונז בעסער נישט באַהאַנדלט, טאָ צוואָס דאָס קלאָגן זיך און דאָס ברוגז זיין?...

דער מוטער איז איצט אויסגעקומען שווער מיט איר וועש. ס'האָט אויסגעפעלט זייף. אַ שטיקל זייף איז נישט געווען צו קריגן אויף קיין רפואה. מ'האָט געמוזט וואַשן מיט טאָן און זי האָט זיך אָפּגעריבן די הויט פון די הענט; כדי די לייוונט זאָל אַרויסקומען ווייס פון אונטער אירע הענט. דאָס גאַנצע ביסל קוילן, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט געמוזט אַוועקגיין אויף צו הייצן צום וואַשן די וועש. און ביי אונז איז געווען וואַרים אין קיך נאָר צוויי טעג אין דער וואָך, ווען זי האָט געוואַשן וועש און געפּלעט.

מאַרק האָט גענזאַמלט פערד־אָפּפאַל, וועלכע ער האָט געטרוקנט אויף אונזערע פענצטער־ברעטער. דערמיט פלעגן מיר מאַכן פייער. ער האָט געבילדעט אַ חברה פון צען ייִנגלעך, וועלכע פלעגן זיך דורכשלייכן אין די וואָקזאַלן און גנבענען קוילן. זיי פלעגן מאַכן אויספלונן אין טעגלער וואַלד און דאָרט גנבענען האָלץ. פון דאָך פון

אונזער הויז האָבן אומבאַקאַנטע אָפּגעריסן די צינדלען איינצוהייצן דעם אויוון. פון די פּאַרענטשעס אויף די טרעפּ האָבן געפעלט גאַנצע טיילן. אייגענע שכנים און פרעמדע האָבן אָפּגעריסן פון הויז אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט רייסן און געקאָנט באַנוצט ווערן אַלס הייץ-מאַטעריאַל.

אין גאַנצן הויז איז שוין כמעט נישט געווען קיין איין מאַן, בלויז געלעגנטלעך איינער, וואָס איז געקומען פון פראָנט אויף אורלויב. אַ, דאַן, ווען אַזעלכער פלעגט קומען אויף אורלויב, איז דער „יום-טובֿ" סירוב שוין געווען אַ צעשטערטער. דאַן פלעגן זיך פון די שטובן דערטראָגן געוואַלד-געשרייען און אַ שרעקלעכער געוויין. דאָס האָט דער אורלויבער געשלאָגן מכות-רצח זיין ווייב, וועלכער האָט נאָך צען אָדער צוועלף חדשים פון זיין אָפּוועזנהייט געטראָפן אָדער מעוברת אָדער מיט אַ פּיצעלע קינד אויף דער האַנט, וואָס זי האָט געהאַט פון אַן אַנדערן, וועלכער האָט פאַרן אוועקגיין אין קריג מיט איר געזינדיקט.

מענער, וואָס זענען נאָך נישט געווען מאָביליזירט איז געווען אין דער הינזיכט זייער גוט. די פרויען פלעגן זיך ממש רייסן צוליב זיי און זיך שלאָגן צווישן זיך, אום זיי אויסצוקעמפן. נאָך נישט קיין דערוואַקסענע שנעקן האָבן דאַן, ביי דעם דאַזיקן דוחק אין מאַנסבילן, אַוואַנסירט צו דער מדרגה פון ליבהאָבער. ס'איז אויף זיי געוואָרן אַ אומגעהויער גרויסע נאָכפראַגע. יינגלעך האָבן „ממלא מקום" געווען דערוואַקסענע מאַנספּערשוינען. אין דער ברונענשטראַסע זענען פאַרגעקומען בעלער, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתע אָרגיעס. די באַאורלויבטע האָבן דאָרט געווילדעוועט צווישן די עקזאַלטירטע פרויען.

ווען די מענער פלעגן דאַן, נאָך אַ פינף-אַכט טאָגיקן פאַנטאַסטיש-פאַרבראַכטן אורלויב, זיך צוריקקערן אויפן פראָנט, פלעגט מען הערן אַ ווילדן, משוגענעם יאָמער און געוויין. פרויען פלעגן זיי אומקלאַמערן, קינדער האָבן געשריען, ווי געפייניקטע, אויף די וואָקזאַלן פלעגט מען הערן הינטער די אָפּפאָרנדיקע צוגן פאַרצווייפלטע געשרייען:

— פאול... עמילן — יוסטאוו... קארלן אויף וועמען לאָזט מיך איבערן...

צוויי יאָר, דריי יאָר פון בלוט און שמאַרץ, פון פאַרוויסטונגען און פאַרקריפּלונגען, פון בלינדהייט און פאַרצווייפלונג...

מ׳האָט שוין אויפגעהערט צו שרייען, מ׳האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו שרייען.

די, וואָס זענען געקומען אויף אורלויב, זענען צוריק אַוועק אויפן פראָנט. נאָך פיר וואָכן — אַ גרעסערן יאָמער, אַ גרעסערער קלאָג: די פרויען זענען שוואַנגער געוואָרן, די מיידלעך קראַנק געוואָרן... פון די עטאַפּן האָט זיך דער סיפילים אַריינגעפרעסן ביזן האַרץ פון דער היימאַט. פראַנצויזישע מיידלעך און ווייבלעך האָבן געבוירן זין פון דייטשע מענער און ענגלישע געפאַנגענע האָבן געגעבן זייער בלוט דייטשע קינדער. אויף די אינזלען פון מיטלמער האָבן די דאַרטיקע איינגעבוירענע פרויען געהאַט קינדער פון דייטשע סאָלדאַטן, אין די בראַנדעבורגישע דערפער האָט דער רוסישער פויער איבערגעלאָזט אַ ירושה זיין אייביקע מעלאַנכאָליע די דאָרטיקע פויערן...

אַזוי האָט אָנגעהויבן אין קריג און דורכן קריג די וועלט זיך דורכזעצן און פאַרמישן. דאָס, וואָס עס האָט דורך בלוט און שמאַרץ געזאָלט אָפּגעשיידט ווערן, האָט חתונה געהאַט און זיך פאַראייניקט אין בלוט און לוסט. די רוסן האָבן באַזיגט זייער אָפּזונדערונג און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער מיש-מאַש.

פאַלקס ווילע האָט איצט גאָר אַנדערש אויסגעזען. אין דער פאַבריק האָט מען אויסגעאַרבעט קריגס-מכשירים; אַפּיצירן האָבן דאָרט באַלעבאַטעוועט און מיט איר אָנגעפירט. און פון דער ווילע האָט מען געמאַכט אַ לאַזאַרעט.

סטעפאַן איז געווען דאַן אין דריטן קלאַס. כ׳האָב מיט אים איצט געלערנט גריכיש, פּונקט ווי פריער לאַטיין און אַלגעברע, כ׳האָב מיט אים געלייענט שילערן און מיגנעט איבערגעזעצט.

דערנאָך האָט אים די מוטער זיינע אַוועקגעשיקט אין אַ דאָרף צו אַ באַפריינדעטן גלח, וואו ער האָט געקאָנט האָבן בעסערע קעסט און פריי זיין פון דער פעסט-לופט, וואָס הערשט אין דער שטאָט.

און זי מיט ליליאן זענען ארויסגעפאָרן אויף א זומערוואוינונג, וועלכע די פאמיליע האָט געהאט אַן אייגענע אין דער היימאָט פונעם דירעקטאָר פאלק אין אַ קליין שטעטל פון שווארצוואלד.

פון דאָרט האָט פרוי נינאַ אונז יעדן חודש צוגעשיקט אַ פּאַקעט מיט חזיר-פלייש, אייער, עפּל א. א. וו. זי האָט אָן אונז קיינמאָל נישט פארגעסן.

אזוי האָב איך אַנגעוואוירן אויך דאָס הויז.

איצט זענען ביי די פענצטער פון אָט דעם הויז, וואָס איז מיר געווען אזוי ליב און טייער, געזעסן מיט באַנדאַזשירטע קעפּ און געקוקט פון דאָנען אין די אַלייען פון ווייט אַנטקעגנאיבער. פאר דער טיר אין גערטנדל זענען געזעסן מיט פארוואונדעטע פיס און צעבראָכענע הענט. דער ווינטערגאָרטן איז פארוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּעראַציע-שטוב... די פּאַלמען זענען געשטאַנען אין הויף און ווען מ׳האָט זיי צום צווייטן ווינטער אהין ווידער אריינגעטראָגן, זענען זיי שוין געווען פארפראָרן און פארגעלבט, פארדאַרט מיט הענגענדיקע ווײדלען און פעכערן, — דערבארמונגסווירדיקע מתים, ארום וועלכע ס׳האָבן זיך אומברחמנותדיק געפּאָרט מייז און שטשורעס, וועלכע האָבן זיך אין יענע צייטן אין די קעלערן פון בערלין אזוי סודותפול געמערט און געפרוכפּערט.

איצט האָב איך גאָרנישט געהערט פון הערן פאלק. צו יעדן פּאַקעט, וואָס פרוי נינאַ פלעגט אונז צושיקן, איז געווען בייגעלייגט אַ קליינער בריוו. אין אים איז שטענדיק געווען געשריבן בלויז:

„מיין מאַן לאָזט אייך גריסן".

איין מאָל האָט סטעפאַן געשריבן, אַז זיין פּאָטער איז לייכט פארוואונדעט געוואָרן, ער איז שוין אָבער ווידער אויפן פראָנט. ער איז שוין געוואָרן אָבערלייטענאַנט. און דיאַנאַס חתן — ער איז נאָך אין די ערשטע וואָכן פון קריג געפאַלן אין די וואָגעזן.

עפּאַלן... אָ, די ליסטעס פון די פארלוסטן זיי זענען ביי אונז געהאָנגען אין די לײדיקע פענצטער פון די קראָמען, ביי די פאפירהענדלער. און שטענדיק איז ארום געשטאַנען אַ געזעמל ווייבער, זקנים און קאַליקעס צווישן זיי, קינדער אויף די הענט פון זייערע שטאַמלענדיק לייענענדיקע מוטערס. ווער האָט געהאַט

געלט צו אבאנירן די ליסטעס פון די פארלוסטן? יא, ס'איז א שרעק צו זאגן. ס'איז געווען איין אבאנענט אויף די דאזיקע טויטע ליסטעס און מיליאנען פרויען האבן זיי געלייענט מיט איבערנדיקע אויגן און געקוועלטע הערצער.

פון צווישן דעם דאזיקן געזעמל פלעגט זיך מאנכעמאל דער-הערן א ווילדער געשריי און אן אויסברוך פון א שרעקלעך געוויין. מאנכע מיידלעך פלעגן דא פאלן חלשות, מאנכע אלטע פאטערס פלעגט נישט גוט ווערן. קינדער פלעגן אראפפאלן אויף דער ערד פון די נאר-וואס געלייענט-געווארענע הענט פון זייערע מוטערס... בייגאכט פלעגט עס שרייען אין די וואוינונגען און מ'פלעגט הערן, ווי א פרוי פלעגט זיך שלאגן מיטן קאפ אן דער וואנט: אלע, אלע טויטן דער מאן, צוויי זין, דער דריטער פארפאלן געווארן און מ'ווייסט נישט, וואו זיין געביין האט זיך אהינגעטון...

אמאל איז דעם זייגערמאכערס פרוי געקומען אהיים ווילד-לאכנדיק: זי האט אין א פענצטער אויף דער אקערשטראסע איבער-געלייענט, אז איר מאן איז געפאלן. זי האט נישט באקומען קיין שום ידיעה פון פאלק. און איר צווייטע טאכטער, אכצן יאר אלט, גייט שוין לאנג אין די קאשארן און שלאפט מיט די ניי-צוגענומענע רעקרוטן.

אנדערע פרויען זענען געגאנגען אין די קאשארן, כדי פלעגן די רעקרוטן און האבן באגראבן זייער איינזאמקייט אין די לאזארעטן אלס בארמהערציקע שוועסטערן.

נאך אנדערע פלעגן אויך אהין גיין, אבער כדי דארט שוין א לעב צו טון, — כדי מיט די פארוואונדעטע צו געניסן די זיסע און איינציקע לוסט פונם דאזיין.

ס'איז געווען שווער אויף דער נאס צו כאפן מענער אין דער אינטעקע. איז מען דערום געגאנגען און זיך אנגעשטעלט אלס מיידלעך צו וואשן די פארלאגעס, די טעלער און די קליניקעס און אין די דערהאלונגס-היימען.

קיין פאגען האט מען שוין ביי אונז אין די טריבע נאסן נישט געזען. מ'האט שוין אויפגעהערט צו פראווען די פאראדן צו-ליב מכלומרשטע נצחונות. מ'האט נאך אבער אלץ נישט אויפגעהערט

„צו האקן א טשייניק" און אויסצוהערנגען פאלשע מעלדונגען וועגן נצחונות, וואס דאס דייטשע מיליטער האט כלומרשט אפגעהאלטן, אויף דעם אדער יענעם פראנט. פאנען אבער האט מען זיך שוין אנשעמט ארויסצוהענגען.

ווען מיר זענען אריינגעטרעטן אין פירטן יאר פונעם אונטער-גאנג, האבן מיר שוין אינגאנצן אויפגעהערט צו גלייבן...

אבער אנשטאט דעם פארלארענעם גלויבן אינעם נצחון פון דייטשן געווער, איז אנטשטאנען א נייער גלויבן.

א מיסטישע בשורה איז אנגעקומען פון רוסלאנד... דארט האט מען איבערגעדרייט די ארדענונג, די רעגירונג איז געפאלן און פארן פאלק איז געקומען די גאולה. עפיס ווי א זון פון האפענונג איז פאר אונז אויפגעגאנגען. ס'האבן אנגעהויבן וויען נייע פרישע און מחיהדיקע ווינטן...

בין איך אמאל געקומען אהיים מיט א פעקל רוסישע בשורות, פון דער שולע, וואו די לערערקעס איז געווען פארבאטן אונז צו דערציילן וועגן דעם רוסישן שרעק און גרויל. ס'זענען אבער געווען שילער, וואס פלעגן אריבערשמוגלען ידיעות אהין, זיי זענען שוין געווען טעטיק אין דער פארטיי, וואס האט זיך דאן געבילדעט, און זיי האבן געוואוסט צו דערציילן אומגעהויערע מעשים. און מיט די אלע נייעס בין איך געקומען צו לויפן אהיים.

אריינגעקומען אין שטוב אריין, בין איך געווארן שטארק איבערגעשראקן און איבעראשט: די מוטער איז געלעגן לעם איר באליע מיט וועש אויף דער נאסער פאדלאגע, צוזאמענגעקארטשעט, מיט א ווייס פנים, דאס מויל פארקרימט... זי האט געקוקט מיט שטארע, לעבלאזע און פארצווייפלטע אויגן אויף דער טיר, דורך וועלכער איך האב געזאלט קומען...

זי האט נישט גערעדט. ס'האט ביי איר אפגענומען דאס לשון. אירע ליפן האבן זיך נאר אביסל באוועגט און געגלעט. ווען איך האב זיך צו איר אנגערירט, האט זי געאטעמט... זי האט גע-אטעמט אזוי שרעקלעך, פונקט ווי דער אטעמצוג וואלט איר געקאנט אפשוואכן די יסורים. כ'האב פארשטאנען, אז אומדערטרעגלעכע יסורים האבן זי געמוזט אנידערוואַרפן...

כ׳האָב זי אויפגעהויבן און ארומגעכאַפּט דעם געליבטן גוף...
כ׳האָב זי נישט געלאָזט פאַלן. אַ קראַמף האָט געשלאָסן מיינע אָרעמס ווילד ארום איר...
האָט זי נאָך געלעבט?...
זי איז געווען לייכט, ווי אַ קינד.
זי איז געווען אַזוי מאָגער, אַז כ׳האָב אירע ביינער געשפּירט אין די פינגער.
בעת איך האָב זי אויפגעהויבן, איז מיר אויסגעקומען, אַז כ׳האָב דאָ צו טון בלויז מיט נשמה, מיט אַן אַנטקערפּערטן וועזן, צו וועלכן איך ריר זיך אָן מיט אַ חילול־הקודש...
זי האָט נאָך נישט געקאָנט רעדן. אין אירע אויגן איז אויסגעלאָשן געווען עפּיס אַ פּחד. אפילו דער דאָזיקער בליק אַליין האָט נאָך געזאָגט, אַז זי איז געווען ערדיש און האָט געליטן...
וואָס איז געשען? וואָס האָב איך די קיינמאָל נישט געזען? וואָס האָט זיך אונטער מיינע אויגן צוגעגרייט און איך בין געווען בלינד?...
כ׳האָב זיך עס נישט פאַרגעשטעלט, כ׳האָב פון דעם נישט געטראַכט, אָבער אַ גרויל איז אַריבער איבער מיין לייב, ס׳האָט מיך געשווידערט און געמאַכט קאַלט, ווי אייז: טויט...
שטאַרבט זי אָפּ?
דאָס איז מיט מיר פאַרגעקומען, בעת איך האָב געמינטערט די מוטער. בשעת איך האָב אַריינגעגאָסן פאַר איר מילך אין אַ טאָס, האָב איך געטראַכט:
— גוט, וואָס מיר זענען דאָ אַליין. גאָט זיי דאַנקן זי איז אינגאַנצן איצט מיינע. קיינער קוועסטיאָנירט זי מיר נישט...
כ׳האָב איר אַריינגעגאָסן מילך אין מויל אַריין.
אַזוי האָב איך אָפט, פאַרזאָרגט, געגעבן עסן העניען און מאַרקן, ווען זיי זענען געווען קראַנק.
ווען די מוטער האָט מאַנכעמאָל, נאָך צען שעה כסדרדיקער שווערער אַרבעט איבער די וועש, נישט געקאָנט אויפהויבן די הענט, פלעג איך איר אויך אַזוי געבן עסן אָדער טרינקען, און זי פלעגט דעמאָלט לאַכן און זאָגן:

— טעדי, טייערער, ס'קומט דאָך אויס, אַז איך בין דיין שוּפעלע, וועלכע דו קאָרמעסט. אָך, איצט גיסטו מיר אַף הונדערט מאָל אַזוי פיל, וואָס איך האָב דיר געגעבן.

און אַצינד האָב איך געבעטן גאָט, און דאָס איז געווען מיין ערשטע תפילה, זייט איך בין געוואָרן אַ באַוואוסטזיניקער מענטש:

— אָ, נאָך אַמאָל נאָר נאָך איין מאָל זאָג: טעדי, טייערער... מוטער, איין איינציק מאָל

דערביי האָב איך צו איר געשמייכלט.

כ'בין געווען אַזוי שטאַרק, כ'האָב גערעדט צו איר. ווי צו אַ קינד.

— אָט אַזוי. נאָך איין שלונג, מוטין איין קליין שלונגעלע. איז עס שוין בעסער, יאָ? איז שוין איצט גוט? טוט עס נאָך וויי?...

און איך האָב געוואָגט. מיין האַרץ האָט זיך אַליין געטרויט. כ'האָב געפליסטערט:

— טייערען...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט שוין אויסגעהויכט איר נשמה... אַז זי איז געשטאָרבן, בשעת איך האָב זי אונטערגעהאַלטן מיטן לינקן אָרעם און מיט דער רעכטער האַנט געהאַלטן די מילך איבער אירע בלאָע ליפּן...

אָבער דאָ האָט זי אַ שמייכל געטון.

און זי האָט געזאָגט, זי האָט געהויכט:

— ס'איז גאָרנישט. האָסט זיך דערשראָקן? ס'האָט נאָר אַביסל וויי געטון און דאַן האָב איך זיך אַנידערגעזעצט. און גראָד האָסטו געמוזט אָנקומען.

כ'האָב נישט מורא געהאַט. כ'האָב געפרעגט, בעת איך האָב זי, וואָס איז געווען לייכט ווי אַ פעדער און האָט גאָרנישט געוואויגן, אַריינגעלייגט אין בעט אַריין:

— מוטער, איז דאָס שוין אָפט פאָרגעקומען? האָסטו אָפט שמערצן?

— ווי פאַלט עס דיר איין! — האָט זי גיך אַ זאָג געטון און האָט שוין ווידער געשמייכלט.

זי האָט עס אַרויסגעזאָגט צו שנעל, צו ערגערלעך

און איך האָב געפרעגט, אויף איר קוקנדיק...

כ'האָב זי אָבער גאָרנישט געזען. כ'בין געהאַנגען אין נעפּל און זיך געוואַקלט.

— וואו טוט עס דיר ווי, מוטער?

— וואָס זאָגסטו אויף אים — האָט זי געפּליסטערט — ער זעצט זיך דאָ ווי אַ דאָקטאָר. גיי, טעדי, ס'איז גאָרנישט. אַביסל בויכשמערצן. כ'הייב זיך שוין אויף.

איך האָב זי פעסט צוגעהאַלטן.

— ניין, דו טאָרסט זיך נאָך נישט אויפהייבן. מוזט נאָך ליגן. קוק זיך צו, כ'וועל טון דיין אַרבעט, — כ'וועל וואַשן די וועש...

— אָ, טעדי.

זי האָט אויפגעשיינט פון נחת.

— אָ, טעדי, דו פאַרשאַפסט מיר עגמת-נפש. טו עס נישט, ווי גאָט איז דיר ליב, שטעל זיך נישט פאַר דער באַליע וואַשן, כ'בעט דיך. כ'קען עס נישט צוזען.

— אָ, מוטי, כ'וואָלט עס געטון אַזוי גערן. ס'וועט מיך אַזוי אַמוזירן און פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

— און מיר וועט עס ווי טון, מיין טייערער. זיץ אַביסל ביי מיר. קום, לייג דיין האַנט אויף מיין פּלייצע, דאַן וועט מיר אויפהערן וויי צו טון. אָט אַזוי, זעסטו...

איר געזיכט האָט זיך געענדערט, ווען כ'האָב מיין קליינע האַנט אַרויפגעלייגט אויף איר פּלייצע. זי האָט מיך געטראָגן און גענערט און איך האָב איר גוף באַרירט ווי אַ זאַך, וואָס איז שטאַרק הייליק.

זי האָט ווידער געשמייכלט. כ'האָב געזען, ווי אירע יסורים זענען איר לייכטער געוואָרן און באַלד פאַרלאָזן איר לייב, איר פּנים האָט אויפגעשיינט.

— גוט טוסטו מיר, מיין קינד. כ'דאַנק דיר, מיין קינד.

כ'האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. ס'האָט אויסגעזען, אַז זי גרייט זיך צו שטאַרבן.

כ'האָב זיך איבער איר איינגעבייגט, כ'האָב געפּליסטערט:

— מוטער, כ׳גיי איצט נאָך אַ דאָקטאָר, בלייב נאָר פינף מינוט אַליין...

זי האָט זיך אָנגעטון. זי האָט פּלוצלינג ווידער באַקומען אירע כּוחות פונקט ווי ס׳וואָלט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן געלט, באַלעבאַטישקייט און לעבנסבאַדאַרף.

— בשום אופן נישטן — האָט זי נישט געוואָלט אויף דעם איינגיין — כ׳וויל פון דעם נישט וויסן! וואָס גייט עס מיך אָן! לאָז צו רו... מיר זענען דאָך נישט פאַרשריבן אין דער קראַנקן-קאַסע. מיר קענען נישט באַצאָלן דעם דאָקטאָר פאַרן וויזיט. טעדי, וואָס דענקסטו! דו מוזט דאָך אָבער שוין גיין זיך שטעלן אין אָנגאַנעק. אַך, דו קומסט שוין אַזוי שפּעט. וועסט שוין גאָרנישט באַקומען, אונז קומט הונדערט און פופציק גראַם מאַרגאַרין און אַכציק גראַם קעז. טו אַ קוק אין שופלאַד. דאָרט ליגט געלט.

יאָ, כ׳האָב געוואוסט, אַז איך מוז לויפן און זיך שטעלן אין דער ריי, אפשר שוין דער הונדערטסטער און צוליב וואָס? צוליב אַכציק לומפּיקע גראַם מאַרגאַרין, וואָס כ׳האָב נאָר געקענט באַקומען... העני איז נישט געווען אינדערהיים. מאַרק אויך נישט. כ׳האָב געמוזט זי לאָזן אַליין און לויפן.

אירע אויגן האָבן נאָכגעוואַנדערט נאָך מיר...

זי האָט שוין אפשר מי יודע ווי לאַנג געליטן אויף בויכשמערצן און די גאַנצע צייט פון מיר עס געהאַלטן פאַרבאָרגן ערשט איצט האָב איך געזען דאָס גאַנצע בראָך: איר שרעקלעכע אָפּמאָגערונג — און דאָס האָט זיך נישט גענומען בלויז פונעם זאַמדיקן קריגסברויט, פון די פערד-וואורשט, פונעם טאַלג אָן שום פעטס.

איצט האָב איך שוין געוואוסט, אויף וואָס זי איז קראַנק. צווישן די פיל מכות און אָנשיקעניש, אויף וועלכע עס זענען פאַרורטיילט די אביונים, פאַרנעמט דער קרעבס נישט דאָס לעצטע אָרט.

יאָ, מיין מוטער איז קראַנק געווען אויף אַ קרעבס...

ווען אַ פרוי פלעגט ביי אונז אין לעצטן הויף קראַנק ווערן און געהאַט יסורים, פלעגט מען הערן צווישן די שכנים זיך שעפּטשען:

— קרעבס... איצט האָט עס זי געפּאַקט. דער קרעבס...

אין אַזעלכע פאַלן פלעגט די קראַנק־געוואָרענע פרוי זיך לייגן־צו בעט און די בלוטלאָזע קראַנקע, קאַרטשענדיק זיך פון יסורים, פלעגט פליסטערן:

— איך וועס שאַנט, ס'איז קרעבס. ער פרעסט מיר דעם מאָגן. איך שפיר דייטלעך. ווי גיט מען זיך אַן עצה, ווי אַזוי פון אים פטור צו ווערן?

אויף אַזאַ „פאַראורטיילטע" פלעגן די שכנים קוקן שטום: אירע לעצטע האָפענונגען פלעגן גיך פאַרשוואונדן ווערן. דער קראַנקן־זואָגן פלעגט זי אוועקפירן אין שפּיטאָל אַריין און זי האָט דאָן גע־נומען אָפּשייד מיטן הויז מיט אַן אומבאַשרייבלעכן בליק... אַלע קינדער פון דער גאַס פלעגן שטיין אין שפּאַלירן און קוקן אין אויטאָ מיטן טראָגבעט און סאַניטאַרן. דאָס איז דאָס לעצטע הייסע געפיל פון דער שטאַרבנדער. ס'פלעגט אויסקומען אַזוי, פונקט ווי זי האָט דערלעבט צו זען דעם כבוד, וואָס מ'האָט איר אָפּגעגעבן בעת איר קבורה. פון אַזאַ קראַנקע רעדט די גאַנצע גאַס...

די קבורה... דאָס איז דאָס איינציקע, פאַר וועלכן מ'פלעגט מאַכן אָפּשפּאָרענישן. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע לעבצונג נאָך „כבוד": אַ פיינער מתן ס'איז אויסגעקומען, ווי די דאָזיקע מענטשן וואָלטן געהאַלטן, אַז אויב דאָס לעבן איז געווען מיאוס און קלאָג־לעך, טאָ זאָל כאָטש דער טויט זיין אַ שיינער...

מ'האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ: פון אַ דאָקטאָר און מעדיצין, פון גיין אין קינאָ, פון מאַכן אַן אויספלוג קיין טעגל אָדער טרעפּאָוו. אָבער אין דער טויטן־קאַסע האָט מען געצאָלט פּינקטלעך, כדי צו זיין פאַרזיכערט „איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר" מיט אַ שיינער לוויה. מ'זאָל קומען צו קבורה לויט דער „צווייטער קלאַס", ד. ה. ווי דער מיטעלער קלאַס מענטשן זענען עס זוכה: מיט גרינס אויף דער טרומנע, מיט אַ פּאַסטאָר און הארמאָניום. און וואָס עס וועט פונעם מת ווערן שפּעטער אין ארון, ווי אַזוי ער וועט דאָרט פוילן און זיך פונאַנדערפאַלן — דאָס איז געווען „גאַנץ עגאַל".

כ'האָב געלאָזן די מוטער אַליין. כ'בין געלאָפן, ווערנדיק פלוצ־

לינג אוראַלט, ס׳איז מיר קיין זאַך אויף דער וועלט גאָרנישט אָנגעגאַנגען, אחוץ דער מוטער...

וואָס וועט זיין, ווען זי וועט שטאַרבן..

כ׳האָב געמוזט האָבן געלט

אפשר וועט זי שוין מער נישט אויפשטיין און דאַן... אָבער ווין פונוואַנען קריגט מען געלט? קיין שום אויסזיכט. מיר זענען געווען עלנט און אַליין... קיין קרוב און קיין גואל.

כ׳האָב זיך אַנידערגעשטעלט אין דער ריי פאַרן ליידיקן פוטער־געשעפט. דאָס געשעפט פלעגט מען עפענען ערשט פיר אַזייגער און איצט איז געווען צוויי. אָבער טראָץ דעם, וואָס איז נאָך געווען צו וואַרטן גאַנצע צוויי שעה, זענען שוין דאָ געשטאַנען מענטשן. מאַנכע זענען געזעסן אויף פעלד־שטולן, שווייגנדיק און אָנגעבלאָזן. זיי זענען געווען טעמפּ, אָפּגעשוואַכט און האָבן בכלל אויסגעזען ווי אויטאָמאַטן. לעבעדיקע שאָטנס. אַ אַלטמוטיקער אַלטעטשקער האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס ציטער איך אַזוי. און איך האָב געשטאַמלט:

— מיין מוטער איז שטאַרק קראַנק...

איז צווישן עולם געוואָרן לעבעדיק. מיינע ווערטער האָבן אַלעמען געעפנט מיילער. פיל פון נייגעריקייט, מאַנכע פון רחמנות. אַ יונגע פרוי האָט זיך אָפּגערופן:

— גיב מיר נאָר דיינע מאַרקן, טעאָדאָר, כ׳וועל אייך ברענגען דעם מיסט. און דו לויף תיכף ומיד צו דער מוטער, לאָז איר נישט אַליין. ווער ווייסט, אפשר...

אָ, דער מלאך...

כ׳בין געלאָפן...

די מוטער איז געשלאָפן. שטאַרק. גאַנץ בלאַס, הויך אָטעמענדיק, דערנערווירט פון די יסורים.

כ׳בין געשטאַנען ביים בעט, כ׳האָב אויף איר געקוקט און האָב נאָר געוואוסט: ס׳טוט וויי... אַז עס טוט מיר וויי, ווי נאָך קיינמאָל ביז איצט... ס׳האָט מיר געקלעמט ביים האַרצן ביז שמערצן.

אָבער די וועש האָט געוואַרט, מ׳זאָל זי וואַשן. און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. כ׳האָב אין דער שטיל אָנגעהויבן וואַשן,

כ'האָב געריבן די וועש, ביז כ'האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו שוויצן.

אַזוי האָב איך, צו שפּעט, אָנגעהויבן לעבן דער מוטערס לעבן.

אַלזאָ, אַזוי איז עס: וואַשן... פינף טעג אין דער וואָך האָט די מוטער געוואַשן פרעמדע וועש, האָט געוואַשן שווייס, פאַרפּום און געשטאַנק, קראַנקהייט און ליבע פון פרעמדע וועש און אויפן זעקסטן טאָג האָט זי זיך גענומען צייט צו וואַשן אונזערע אייגענע וועש.

כ'האָב געוואַשן מיט אַ הייסן חשק, מיט אַ שמערצלעך גליק: כ'האָב געטון דער מוטערס אַרבעט...

זי איז געשלאָפן. אַ, געלויבט דער אייבערשטער, זי איז געשלאָפן. זי האָט זיך בעתן שלאָף אָנגענומען געזונט. זי איז אייגנטלעך גאָרנישט געווען קראַנק. אַ צופעליקער שמערץ איז דאָס נאָר געווען, אפשר האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס זי איז געווען הונגעריק... אַזוי האָב איך זיך באַמיט זיך אַליין איינצורעדן און אָפּצונאַרן, בעת כ'האָב געריבן און אויסגעקוועטשט די וועש.

דאַן איז מיר עפּיס איינגעפאַלן אין קאָפּ. כ'האָב געמוזט ווידער האָבן געלט און מיר איז איינגעפאַלן אַ פּלאַן.

די מוטער האָט זיך פאַרנאַכט אויפגעהויבן, האָט מיך אוועקגעיאָגט פון דער באַליע און געטון איר אַרבייט, פּונקט ווי זי וואָלט גאָרנישט קראַנק געווען. העני און מאַרק האָבן זיך צוריקגעקערט פון שטענדיק-פאַרשווייגענע אונטערנעמונגען און געשעפטן. זיי האָבן שטענדיק געהאַט נאַשוואַרג, שאָקאָלאַד, אַ טיטל צוקער און נאָך אַזעלכע זאַכן.

— פון סאָלדאַטן — האָבן זיי געזאָגט — פון אורלויבער.

כ'האָב דער מוטער געזאָגט אַ ליגן, אַז כ'האָב זיך אָפּגערעדט מיט מיינע שול-חברים צו גיין אין שטאָט אַריין. זי האָט מיך אָפּגעלאָזט, נישט גלייבנדיק, אַז דאָס זאָל זיין אמת. ווייל, מ'קען זאָגן, אַז כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין חברים. כ'פלעג שטענדיק זיצן אין דערהיים און לייענען. זייט די ווילע איז פאַר מיר פאַרלאָרן געגאַנגען, האָב איך שוין מער נישט געהאַט קיין ביכער צו לייענען, — האָב איך אָנגעהויבן צו נעמען ביכער אין דער פאָלקסביבליאָטעק. כ'האָב אָנגעהויבן כמעט פון ערשטן בוך, וואָס

איז געשטאַנען אין קאַטאַלאָג און איבערגעהיפּט נאָר יענע ביכער, וואָס דער טיטל זייערער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט צוגעזאָגט. כ'האָב אפשר נאָך קיינמאָל נישט געלייענט קיין קינדער־בוך, נאָר רק אַזעלכע, וואָס זענען באַשטימט פאַר דערוואַקסענע. ערשט אַלס דערוואַקסענער מענטש, האָב איך געלייענט אַנדערסען און גרים. כ'האָב לייכט געלייענט פראַנצויזישע און ענגלישע ביכער, אין די אָוונטן, צוזאַמען מיט דער מוטער. סטעפאַן האָט מיר איבערגעלאָזט זיין לאַטיינישע און גריכישע גראַמאַטיק, און כ'בין איבער זיי געזעסן און זיי קוים מיט צרות דורכגעמאַכט. פאַר מיר איז נאָך אַלץ געווען ווייניק. כ'האָב געוואָלט קאָנען וואָס מער. מיר האָט זיך נאָך געוואָלט לערנען כינעזיש און אַראַביש. די העברעישע געדרוקטע אותיות האָט מיך די מוטער אויסגעלערנט.

כ'האָב אַלזאָ געהאַט מיין פּלאַן פאַר יענעם אָוונט.

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי, און היות כ'האָב נישט געהאַט קיין געלט אויף אַ טראַמוואַי־בילעט, האָב איך געוואַנדערט איבער דער גאַנצער שטאָט. ס'איז געווען טונקל און ס'האָט געברענט גאָר ווייניק לאַמטערנעס. וואָס איז דעמאָלט געווען פאַר אַ צייט: זומער, ווינטער, פרילינג אָדער האַרבסט?...

דאָס האָבן מיר, פּראָלעטאַריער, בכלל גאָרנישט געוווּסט.

ווען מ'האָט אונדז אומגעריכט געפרעגט וועגן דעם, האָבן מיר זיך פריער ערשט געמוזט אַרומקוקן אַרום זיך: שיינט די זון? רעגנט עס? בליט עס? זענען די בלעטער און גראָזן געל און איינגעשרומפּט?

אַזוי טעמפּיק זענען מיר געווען, פאַרמשפּט פון דער נאַטור אַליין.

ווען מיר פלעגן אין אונזערע שטובן פאַרפרוירן ווערן, האָבן מיר געוווּסט, אַז ס'איז ווינטער... ווען מיר פלעגן ביינאַכט שוויצן אויפן שטרויזאַק, — איז דאָך קלאָר, אַז ס'איז זומער...

איצט — יאָ, ס'איז געווען אַ דושנער אָוונט. שטויב איז געשטאַנען אין דער אומבאַוועגלעכער לופט, אין שטאָט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אַפילו אויפן קאָבעדיקן אַלעקסאַנדערפּלאַץ אויך, ס'איז געווען זומער.

זומער פון ניינצן הונדערט אכצן.

דאָס אומגליק איז שוין געלעגן אויסגעגאָסן אין דער דאָזי-קער טריבער לופט. ס׳האָט פאַרשלייערט די פּאָר לאַמטערנעס, וואָס האָבן נאָך געברענט און געזאָלט באַלד אויסגעלאָשן ווערן. דאָס געשפּענסט פונם אומגליק, וואָס האָט געשוועבט אין דער לופטן, האָט די מענטשן אויף די גאַסן געבויגן נאָך טיפער צו דער ערד.

די שטאָט איז געווען פאַרזונקען אין אַ דערשטיקטן שווערן עלעמענט...

מאַנכעמאָל איז פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען, הינקענדיק, אַן אָפיציר, אָדער אַ זויבערע פרוי: דאַן האָב איך אויסגעשטרעקט מיין האַנט נאָך אַ נדבה און געמורמלט.

כ׳האָב פאַר זיך געמורמלט:

— אָ, מוטער, זיי מיר מוחל...

אָבער פאַר מיר האָבן שוין זייער פיל מענטשן אויך אַזוי אויסגעשטרעקט זייערע הענט — צו די גוטגעקליידעטע, אָנגעזויענע רייך-געבליבענע מענטשן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די גאַס...

יאָ, איך בין נישט געווען דער איינציקער, וואָס איז אַזוי פרי אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס בעטן נדבות...

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין געקומען צו שפּעט און איך האָב דאָ שוין נישט געהאַט וואָס צו טון...

כ׳בין געבליבן שטיין ביים באַנהויף אויף אַלעקסאַנדער-פּלאַץ. דאָ, איבער די שטיגן פון באַנהויף, האָבן געשטראָמט צעטראָגענע און כמורנע סאָלדאַטן. אַלץ נאָך אַהין, אויפן פראָנט... פרויען, וואָס האָבן שוין אויסגעוויינט דאָס גאַנץ ביסל טרערן, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט, האָבן באַגלייט די סאָלדאַטן — זייערע מענער און זין, און האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים שוין אויסגעוויינט דאָס לעצטע טרערעלע. די קינדער אויף זייערע הענט האָבן געוויינט. צום באַנהויף זענען צוגעפאָרן אויטאָס און פון זיי זענען אויסגעשטיגן דיקע, אויסגעפאַשעטע מענער.

דאָס זענען געווען די שיבער, די שפּעקולאַנטן, וואָס זענען געפאָרן אין אַנדערע שטעט, אין די הויפּט-קוואַרטירן, כדי עפּיר

אויפצוטון פאַר די געשעפטן מיט מענטשנפלייש, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו גיין נישט אַזוי גוט.

הויכע אָפיצירן זענען געקומען, סקריפּנדיק מיט זייערע שטיוול און קלינגענדיק מיט די שפּאָרן. זיי זענען אַלע געווען אַזוי זויבער און ציכטיק: אויף זייער אוניפאָרם איז נישט געווען צו זען קיין טראָפּן בלאָטע פון די אָקאָפּעס, קיין טראָפּן בלוט פון זייערע דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, קיין ברעקלע ערד פון אונטער די געפּלאַצטע שראַפּנעלן.

דאָ האָב איך עטוואָס באַקומען.

די אַלמנות, אָדער, וואָס קענען אַ ליאַדע רגע ווערן אַלמנות, האָבן זיך דערבאַרעמט איבער מיין בעטנדיקן בליק; די שפּעקו־לאַנטן האָבן באַרואיקט זייער געוויסן, אַריינרוקנדיק מיר אין האַנט די קלענסטע קריגס־באַנקנאָט. גענעראַלן האָבן זיך אָנגענומען פאַרן פאָלק, פאַר די קינדער פון זייערע קרבנות און מיר געשאָנקען אַ פּאַפּיר־מאַרק.

אַ נדבה, וואָס פאַר איר קען מען קויפן אַ פּאַפּיראָס...

כ'האָב אָנגעשטופּט פול מיינע טאַשן...

דער מענטשן־שטראָם האָט זיך אויסגעשעפּט און איז אויס־געטרוקנט געוואָרן. דאָ איז שוין אויך געוואָרן ליידיק. בלויז האַלב־פולע טראַמוואַי־וואַגאָנען האָבן זיך פאַר מיר פאַרביי־געטראָגן אין דער ריכטונג צום באַנהויף.

כ'בין געלאָפן ווייטער.

די קעניגשטראַסע איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן, נאָר פונעם באַלויכטענעם ראַטהויז איז געווען לעבהאַפטער.

דער שלאָספּלאַץ איז געלעגן ווי אַ טויטנפעלד.

אינעם ריזן־בנין פונעם שלאָס איז קיין איין פענצטער נישט געווען העל.

די קייזערין האָט אָפּגעריכט תפילות אין פּאָטסדאַם.

אָבער אונטער די לינדן דאָרט איז געווען לעבעדיק און לוסטיק. דאָ האָבן געבלישטשעט די פּרעכטיקע צוקערנעס און די האָטעלן זענען געווען איבערפולט.

אָרלויבער האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין, ווי זיי וואָלטן

מקיים געווען דעם פסוק: אכול ושתה כי מחר נמות... ווער ס'איז נאָר געווען געזונט און האָט פאַר קיין זאַך נישט מורא געהאַט, האָט אַרומשפּאַצירט איבער די אַלייען און גאַסן.

כ'בין שוין אָבער נישט געווען אַליין. אַהער זענען געקומען בעטלען הונדערטער קינדער, פרויען און זקנים. די זקנים האָבן געז האַלטן אויסגעשטרעקט זייערע הענט, ציטערנדיק, נאָך אַ נדבה. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי וואָלטן אונז קיינעם פון די שנאָרערס נישט געזען.

זיי זענען איצט ים פון אוממענטשלעכקייט געוואָרן מענטש-לעך.

איך בין געווען אַ פלינקער און געשיקטער יונג.

איך בין שטענדיק געווען דער ערשטער, וואָס פלעגט אויפ-רייסן די טיר פון עם אויטאָ, וואָס איז צוגעפאָרן צום האָטעל, די אַנדערע יונגען פלעגן מיך אָפּשטויסן פון אויטאָ, מ'פלעגט מיך אַרויסרייסן דאָס פּאַפּיר-געלט פון צווישן די פינגער.

כ'בין צוגעלאָפן צום טעאַטער, האָב דאָרט געשיקט אויפגע-ריסן די טיר פון אַן אויטאָ און אויפגעהויבן פון דער ערד אַן אומ-געפאַלן בייטעלע. די געשמינקטע און דופטנדע פרוי, וועלכע האָט עס פאַרלוירן, האָט מיך אפילו נישט באַדאַנקט, ווען כ'האָב דאָס ביי-טעלע איר אָפּגעגעבן.

— אוועק, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען — האָט אַ געשריי גענומען אַ הער, וואָס איז צוזאַמען מיט דער פרוי אַריין אין אויטאָ, און מיר נישט געוואָלט געבן אפילו קיין פעניג.

דאָס פּאַרפאָלק איז אוועקגעפאָרן אין אַ רעסטאָראַן, וואו זיי האָבן געפרעסן און געזויפן: געבראָטענע גענז, סמעטענע, מאַקאַ א. א. וו.

מיט דעם פלעג איך זיך פאַרנעמען אין די אָוונט-שעהן.

די מומער פלעגט, ווי פריער, גיין צו דער אַרבעט אין פרעמדע הייזער. אָבער איר ביטערן שכר טרחה פלעגט זי איצט אָפּנעמען זייער נישט פּינקטלעך, אין עטלעכע וואָכן נאָך איר אָפּאַרבעטן, אַזוי אַז דאָס געלט פלעגט אין יענער אינפלאַציע-צייט, שוין אַנט-

ווערטעט ווערן. און ס׳וואָלט אויסגעקומען ווידער צו הונגערן, ווען איך וואָלט נישט געבעטלט.

די שול האָב איך שוין פאַרלאָזן. כ׳האָב באַזוכט די קלאַסן, וואו מ׳לערנט שוין פיל זאַכן, וואָס מ׳גייט דורך אין די מיטל־שולן. אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָב איך זיך דאָרט אויסגעלערנט. דערווייל איז נאָך נישט געווען קיין רייד, וואָס איך זאָל ווערן און צו וואָס איך זאָל זיך נעמען. דערווייל האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט און געבעטלט. כ׳פלעג אָפּטראָגן פעקלעך די פּאַסאַזשירן פון די וואָקזאַלן צום טראַמוואַי אָדער צו דער אונטערערדישער באַן. כ׳בין אָבער נישט געווען קרעפטיק און האָב געהאַט ווייניק כחות אין זיך. צו פופצן יאָר בין איך נאָך אַלץ געווען אַ שטשופּלער, מאָגער, ווי אַ הונט, בלאַס.

— דיין גאַנץ פּנים זענען די אויגן — פלעגט די מוטער זאָגן, האַלטנדיק מיין קאָפּ צווישן אירע קרום־געוואָרענע, קנאָכיקע פינגער און קוקנדיק אויף מיר מיט אַזאַ הייסער ליבע. איצט פלעגט זי עס טון אָפטער, ווי ווען ס׳איז. פונקט ווי זי האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז די צייט איז אַן אויסגעמאָסטענע און די טעג, וואָס זי וועט מיך קענען זען, זענען געציילטע... וואָס מער איר לייב איז אָפּגעפאַלן, אַלץ נאַקעטער און מער אַנטשפּאַנען איז געוואָרן איר חאַריע. זי פלעגט מיך אַזוי צודריקן צו זיך, אין איר סקעלעט אַריין, אַז איך האָב געשפּירט, אַז זי וויל מיך נישט לאָזן אַליין, כ׳האָב געשפּירט, ווי זי וואָלט מיך געוואָלט צוריקנעמען אין איר לייב אַריין, אפשר דערפאַר, — זי זאָל נישט זיין אַזוי שרעקלעך איינזאַם, ווען דער שמערץ וועט זי באַפאַלן, ווען זי — הונדערט מאָל איידער זי איז געשטאָרבן — האָט זיך מכין געווען צו שטאַרבן.

זי פלעגט מיך פרעסן מיט די לעצטע כחות, וואָס זי האָט נאָך געהאַט אין זיך, פאַרגעסנדיק, וואָס זי טוט, און בלייבן אַזוי אַ האַלבע שעה אַן שום באַוועגונג, און קיין ריר זיך נישט טון, — אין אַ הימלישן טרוים פאַרכישופט:

איך בין געווען אין איר.

אינמיטן דער נאַכט, ווען איך און זי זענען שטאַרק געשלאָפן, פלעגט זי מיך פלוצלינג אַרומכאַפּן און איינגראָבן אין איר לייב.

אפשר האָט זי עס געטון, כדי צו באַטויבן אירע יסורים?...
זי פלעגט קושן מיינע הענט.
— זיי מיר מוחל, טייערער, וואָס איך קוועל דיך אַזוי.
כ׳האָב זי געזען אָפּשטאַרבן...

און איך האָב זיך אַליין אַן עצה געגעבן, אַליין זיך געהאָלפן, ווי איך האָב נאָר געקאָנט איר זאָגן אַ ליגן, און פאַרברענגען די טעג און נעכט אויף דער גאַס.

כ׳בין אַוועק אין וועסטן, צום קורפירסטנדאַם, דאָרט וואוינען די גבירים. אָבער דאָ איז געווען ווייניק וואָס צו באַקומען. דאָ זע־נען שוין ביי אַלע שטאַכעטן פון די גערטנער געווען בעטלער און אינוואַלידן. פידלער האָבן געשפּילט אין די הויפן און קינדער האָבן פאַרקויפט זאַפּאַלקעס.

מיט איין וואָרט, אַ שרעקלעכע קאָנקורענץ.

אויפן באַנהויף פון זאָאָלאָגישן גאָרטן וואָלט געווען בעסער צו בעטלען, אָבער פון דאָרטן האָבן מיך יונגען פאַרטריבן. זיי האָבן שוין געהאַט אַ „חזקה" אויף יענע פּלעצער צו קלייבן נדבות.

כ׳האָב זיך מיט די יונגען פונאַנדערגערעדט, געהערט און געלערנט פיל זאַכן. כ׳האָב דאָך געקאָנט אַרבעטן, פאַרוואָס עפּיס נאָר בעטן נדבות?

כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרקויפן עקסטראַ־בלעטער. כ׳בין אַוועק אין אַ גרויסער צייטונג, און מ׳האָט מיר געזאָגט, ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַ באַדינגונגען, איך קען באַקומען די צייטונגען צו פאַר־קויפן. כ׳האָב איבערגעלאָזט אַלס משכון דאָס היטל מיט דער מאַ־רינאַרקע און באַקומען הונדערט בלעטער. חוץ דעם האָב איך זיך אָפּגעזוכט אַנדערע פאַרדינסטן. כ׳פלעג יעדן טאָג, פינף אַזייגער אין דער פרי, גיין אין אַ האָטעל לעבן שטעטינער באַנהויף און דאָרט געפּוצט שיך ביז זיבן אַזייגער און דערנאָך פלעג איך אַוועקלויפן אין דער פאָרבאַרייטונגס־שול.

מיטאָג־צייט פלעג איך וואַשן אין שלאַכטהויז פון פערד אויף דער קאָלאָניענשטראַסע, דעם פאַרבלוטיקטן לאָקאַל, אָדער דאָס געוועלב, וואָס איז אין די מיטאָג־שעהן געווען געשלאָסן, און גע־

מאכט ריין די טישן — דאָס איז געווען אַ ביטערע אַרבעט. בלוט און ביינערשפּליטער און דאָס צעשטיקלטע פערד...

זומערצייט פלעגט דאָס פלייש אַזוי גיך פאַרדאַרבן ווערן, אַז ס׳פלעגט זיך פון אים אַנהויבן טראָגן אַ שלעכטער ריח. אַ פערדישער קאָפּ האָט אַמאָל ביים שעכטן, אויף מיר אויסגעשטשירעט זיינע ציין, רופנדיק שטום נאָך הילף.

אָבער פאַר מיין שווערע אַרבעט האָב איך דאָ קיין געלט נישט באַקומען, נאָר אַ שטיק פלייש, פערדלעבער און וואורשט.

כ׳האָב עס קיינמאָל נישט געקאָנט עסן. דאָס פערד אין זיין טויט זענען מיר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן, ווייל איך פלעג אָפּט בייוואוינען, ווי מ׳שעכט עס, צעהאַקט און טרייבערט עס. אויך די מוטער האָט קיינמאָל דערפון גאָרנישט געגעסן. דערפאַר אָבער האָבן העני און מארק עס געגעסן מיט אַן עכט וועלפישן אַפּעטיט.

איך פלעג שרייען פון שלאָף:

— אָ, פערדן אָ, פערדן

און מיך האָט געשווינדערט.

די מוטער האָט מיך אַמאָל אויפגעוועקט.

— זיי מיר מוחל, מיין טייערער, זיי מיר מוחל. ס׳איז מיין שולד, וואָס איך לאָז אייך הונגערן. אָ, טעדי, מיין טייערער, זאָלן מיר...

זי האָט ווייטער נישט געקענט רעדן. זי האָט מיך צוגעדריקט צו איר פאַרדאַרטער ברוסט און מיר געפּליסטערט אין די האָר:

— מיר האָבן דאָך אַפילו נישט קיין גאַז... זאָלן מיר גיין אין וואַסער אַריין?... אָדער איז קויל-טשאַד... טעדי טייערער, זאָלן מיר..

זי האָט עס געפּליסטעט, ווי אַ געטלעכן סוד...

כ׳האָב זיך נישט גערירט, אָ, ניין כ׳האָב נישט געוואָלט...

אָבער ווען זי וואָלט געוואָלט, וואָלט איך מיטגעגאַנגען מיט איר. כ׳וואָלט זי קיינמאָל נישט געלאָזט אַליין, קיינמאָל נישט.

אָבער העניו און מאַרקן וואָס וואָלט געווען מיט זיי?

און איך האָב זיך אויפגעהויבן און אַרומגעכאַפּט איר לאַנג פּנים.

— הענני... און מאַרק... — האָט זי געהויכט — ווי פרעמדע נעמען, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געמוזט וועגן דעם זיך פאַרטראַכטן — הענני... און מאַרק...

נאָכמיטאָג האָב איך זיך געשטעלט אין דער ריי נאָך פּראָדוקטן בעוונותינו הרבים. הענני און מאַרק האָבן זיך אויך געשטעלט אין דער ריי. נאָך ברויט, נאָך שפּעק, נאָך מעל, טאָלג.

ניין, אין פירטן יאָר פונעם בלוטיקן קריג איז די אָרימעלייט שוין געגאַנגען גאָרנישט גוט.

מיר זענען אָבער געשטאַנען אין די רייען און איצט געהאַט געלט, די קאַרטן צו קויפן. כ'פלעג אויך ברענגען געלט אַהיים.

אין אָוונט, צען אַזייגער, האָב איך געמוזט זיין אין אַ צוקערניע ביים אָראַניענבורגער טויער. דאָרט פלעגן זיך טרעפן די בעסערע אַלפאָנסן און וואַרטן אויף זייערע מיידלעך, כדי מיט זיי זיך אָפּצורעכענען און אָפּנעמען די פאַרדינסטן פון דער נאַכט. זיי פלעגן דאָרט זיצן, די דאָזיקע חברה-לייט, טרינקען און דרעמלען. איך פלעג דאָרט וואַשן די גלעזער און גריבן די בלעכענע לעפל ביז בלאַנק. כ'פלעג דאָרט באַקומען קוכן, כ'האָב אָבער דעם קוכן געמוזט אויפעסן אויפן אָרט און נישט געטאָרט מיטנעמען אַהיים, אַנישט האָט די קעכין מיר נישט געוואָלט געבן. זי האָט געמיינט, אַז איך וועל דעם קוכן פאַרקויפן, און זי האָט געהאַלטן, אַז דעם קוכן דאַרף איך אויפעסן, ווייל כ'בין געווען אַזוי דאַר. כ'פלעג אויך דאָ באַקומען דאָס, וואָס דאָ איז אָנגעגאַנגען פאַר קאַווע, און שלייסלעך, געלט.

די קעכין, פאַני, איז געווען אַ גוטהאַרציקע פרוי. ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די מוטער מיינע איז אַזוי עלנט, פלעג איך פון איר אָפּט באַקומען אַ טאָפּ קאַווע פאַר דער מוטער. אָבער דעם טאָפּ קאַווע פלעגן מיר אָפּט, אויפן וועג אַהיים, אוועקנעמען שכנער, פרויען און יונגען. זיי האָבן געשמעקט מיט אַזאַ אַפּעטיט דעם מאַלץ, פון וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן אַזאַ מחיהדיקער פּאַרע און האָבן פשוט אַרויסגעכאַפּט ביי מיר דעם טאָפּ און מיך

דערבײַ געגעבן אַזאַ שטויס, אַז איך בין אומגעפאַלן. ווען די דאָזיקע לײַט, וואָס פלעגן מיך באַגעגענען אויפן וועג מיטן טאָפּ קאַווע, זענען געווען אָרנטלעכע מענטשן (נישט יעדן טאָג זענען געווען די זעלבע), פלעגן זיי אים אויסטרינקען אויפן אָרט און דעם טאָפּ אוועקשטעלן לעבן מיר.

אָבער מאַנכעמאָל פלעגן זיי אויך מיטנעמען דעם טאָפּ און מיר שוין נישט געבן קיין שטויס, איך זאָל אומפאַלן.

כ׳בין געווען אַ שטיקל פּחדן, שוואַך, וויינענדיק און שטענדיק הילפלאָז פאַר געמיינהייטן... וואָס האָב איך מיט אַזעלכע געמיינע מענטשן געקענט טון?...

אַלזאָ, איך האָב פאַרדינט געלט. דאָס שווערסטע איז נאָך אַלץ געווען, וואָס שנעלער דאָס געלט צו פאַרטון, איידער די פּאַפּיר-מאַרק איז געפאַלן. און פאַלן האָט זי נישט אויפגעהערט מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט. וואָס זשע קויפט מען? נישט געווען וואָס צו קויפן. אַלץ איז געווען אויף קאַרטן. מיר האָבן דאָך אָבער נישט געקאָנט לאָזן פאַרפאַלן גיין די מאַרקן. וויפל פון אונזערע מענטשן פלעגן לויפן אין שטאָט אַרײַן מיט זייערע באַנעם און זיי אָנבאָטן די רײַכע, וועלכע ס׳האָט דעמאָלט נאָך אויך נישט אויסגעפעלט. די אָרימע פלעגן קריגן גוט באַצאָלט פאַר זייערע קאַרטן. אָבער וואָס האָבן זיי געטון מיטן געלט? צוואָס האָבן זיי געדאַרפט מאַכן אַזעלכע מסחרים?

און אַזוי איז אַלעמען באַפאַלן אַ משוגענער באַגער, דאָס אויסצוגעבן. יעדן פעניק פון הויז. בעסער פאַרשווענדן, איידער לאָזן, עס זאָל פאַרפוילט ווערן.

און מיר איז אויך געלונגען איבערצורעדן די מוטער, נישט צו שפּאָרן. זי האָט זיך געפילט אַזוי עלנט, אַז זי האָט מיר אַלץ איבערגעלאָזן. זי האָט אַרײַנגעלייגט דאָס דאָזיין אין מײַנע קליינע הענט, זי האָט דאָס לעבן איבערגעלאָזט מיר. זי האָט נאָך נישט אויפגעאָטעמט, ס׳איז איר נאָר אַ קאַפּעטשקע לײַכטער געוואָרן, אפשר איז זי גאָר געווען אומגליקלעך, וואָס זי האָט מיך, נאָך גאָר אַ קינד, שוין געמוזט באַלאַסטן מיט די זאָרגן ווי אַזוי דעם טאָג איבערצולעבן. זי האָט אָבער נאָך געאַרבעט און זיך מער נישט גע-

קומערט ווענן דער פאַרוואַנדלונג פונעם געלט אין ברויט און זאַלץ, איר איז באַפאַלן אַ שרעקלעכע גלייכגילטיקייט. זי פלעגט מיך אָפט פרעגן:

— וואו ביסטו געווען?... וואָס האָסטו היינט געטון? און וואַנען האָסטו דאָס געלט?

זי האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּשיידן זיך פון אונז... איר איז שוין מער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. בלויז איך אַליין נאָר. זענען מיר געווען צוזאַמען, — איז איר בליק געהאַנגען אויף יעדן שרים מיינעם, אויף יעדער באַוועגונג מיינער. געהאַנגען איבער מיינע אויגן, איבער מיין מויל.

— עס, — האָט זי ביי מיר זיך געבעטן — טרינק. דו זעסט דאָך אוים אַזוי בלאַס. כ׳בין נישט הונגעריק, כ׳קאָן נישט עסן...

כ׳האָב געזען, אַז זי קאָן ווירקלעך נישט עסן. זי פלעגט קוים פאַרטיק ווערטן מיטן קייען אַ ביסן. זי פלעגט אים קענען ווילן קוים אַראָפּשלינגען. און אָפט פלעגט איר דאָס ביסל, וואָס האָט אַראָפּגעשלונגען, ווידער אַרויפשטייגן, זי פלעגט עס אויסברעכן, זיך וואַרגנדיק און אָכצנדיק און די קני פלעגן זיך ביי איר דעמאָלט צונויפקאָרטשען.

— אַ דאָקטאָר, — האָט זי געבעטן.

זי האָט אָבער מיך אָנגעקוקט אַזוי פאַרצווייפלט, אַזוי ענערגיש, אַז איך האָב אָן איר ווילן נישט געוואָלט ברענגען אַ דאָקטאָר.

— אַ דאָקטאָר — האָט זי מיט פאַראַכטונג געזאָגט — וואָס קאָן ער דאָ אויפטון? אין בעסטן פאַל קאָן ער קאָנסטאַטירן, אויף וואָס איך בין קראַנק. אָבער העלפן?... ווײ צו דיר, מיין יינגעלע.

זי האָט אויף מיר געקוקט דראָענדיק.

קיינמאָל האָט זי אַזוי אויף מיר נאָך נישט געקוקט.

— עסט קינדער, עסט — האָט זי געבעטן העניך און מאַרק.

זי איז צו זיי געווען אַזוי צערטלעך. זי האָט געמוזט זיי שטענדיק אָנרירן. אָבער איך — איך האָב געשפּירט די אָנשטרענגונג פון אירע פינגער, כמעט דעם ווידערווילן אין די נערוון.

זיי זענען לעצטנס אין אירע אויגן אַלץ מער און מער גע

וואָרן דעם פּאַטערס קינדער. זיי זענען איר אַלץ מערער און מערער געוואָרן פרעמד, אפשר שוידערלעך, וואָס דריקט ווי אַ קאָשמאַר...

און וואָס אנבאַלאַנגט מיך, האָב איך זיי, אַלס פּאַטערס קינדער, שטאַרק געליבט.

איך האָב אין זיי געליבט דעם קיינמאָל געוועזענעם אומגליקלעכן פּאַטער. אין זיי איז ער געקומען צו מיר, אין זיי האָט ער זיך באַוויזן מענטשלעך גרייפבאַר, אָן שום שולד, ווייל ער איז געווען אַ קינד.

מיר זענען געווען שטאַרק עלנט. כ'האָב דעמאָלט אויפגעהערט זיך צו קאָרעספּאָנדירן מיט סטעפאַנען און פרוי נינאַ האָט גאַנץ זעלטן אונז אריינגעשיקט אַ פּאַקעט. אויך אין די בערג, וואו זיי האָבן געוואוינט, איז אויך געווען שלעכט.

— ווען דער ווינט טראָגט זיך פון מערב, — האָט פרוי נינאַ אונז געשריבן — הערט זי שטענדיק די דונערן פון די קאַנאָנען און זי קען זיי מער נישט הערן.

— מיין מאַן שרייבט זעלטן, — האָט זי צום סוף געשריבן, — ער זעט נישט אוים פויגלדיק ביי אונזערע. שלעכט... דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין.

שלעכט, ביטער, ווי דער טויט...

פאַר אונז איז שוין אַלץ נישט געווען וויכטיק. אפילו דער קריג האָט שוין קיין שום ראָל פאַר אונז נישט געשפּילט.

מיר האָבן געהאַט דעם טויט אין דער היים.

דעם ביטערסטן, וואָס כאַפּט זיך אריין בגנבה — און טוט זיך אָפּ זיין פאַרניכטנדיקע ארבעט שטיל, זיך נישט איילנדיק.

אין פעלד איז דאָך דער טויט געווען גאָר אַן אנדערער: אַ שנעלער, אַזעלכער, וואָס קומט פּלוצלינג...

אָבער דאָ האָב איך געטראַכט פון די לאַזאַרעטן, פון וועלכע איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט.

פון אונזער הויז איז אַ יונגע פרוי געפאָרן קיין קעלן. מ'האָט איר מיטגעטיילט, אַז איר מאַן ליגט דאָרט אין לאַזאַרעט.

... איז שוין קיינמאָל נישט געקומען צוריק.

שפעטער האָבן מיר געהערט: זי האָט אים קוים מיט נויט אָפּגעזוכט און זיך מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין לאַזאַרעט, ווייל מ׳האָט זי אַהין בשום אופן נישט געוואָלט אַריינלאָזן. אַ גוטמוטיקע פלעגערין האָט זי אַהין אַריינגעשמוגלט, ווייל דער מאַן האָט זי טאָג און נאַכט געטופן. זי איז אַהין געקומען ביינאַכט. אין גרויסן זאַל זענען געשטאַנען דרייסיק בעטן אין צוויי רייען. און אין די בעטן זענען געלעגן דרייסיק לעבעדיקע מתים, וואָס האָבן נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר, אַחוץ דעם אויג. זיי האָבן נאָך גע־קאָנט בלויז זען.

דרייסיק לעבעדיקע מתים.

און צווישן די דאָזיקע דרייסיק אומגליקלעכע איז געווען איינער — דער אומגליקלעכסטער אפשר פון זיי אַלע. דאָס איז געווען דער מאַן פון יענער פרוי.

ער האָט זיין פרוי נישט געזען — ער איז געווען בלינד. בלינד געוואָרן פון אַ קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין ראיה־נערוו. ער האָט נאָך בלויז געהערט — ווייטער איז פון אים געוואָרן אַ תל־עולם: אַלץ, וואָס איז פון אים געבליבן, איז געווען ברוסט און בויך.

זי האָט די קאָלדרע צוריק אַראָפּגעלאָזט, נאָכדעם, ווי ער האָט זי, זיין פרוי, וועלכע ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, נישט אַרומגענומען...

אונטער דער קאָלדרע איז געלעגן עפּיס אַ ווייס בינטל, אַ ליאַלקע, וואָס קינדער מאַכן זיך פון שמאַטעס, — אין ווייסע בינדן, אַ לייב אָן גלידער...

די פרוי איז באַלד אַראָפּ פון זינען. און מ׳האָט זי שוין מער נישט געקאָנט צוריקשיקן אַהיים...

אַזוי האָב איך איבערגעלעבט דעם קריג, אָבער אַלע זיינע שרעקן זענען פאַר מיר געווען גאָרנישט, לגבי דער מוטערס ערשטן ווײ־געשריי.

ס׳איז געקומען דער וואָפנשטילשטאַנד, דער שלום, דעם קייזערס אַבדיקאַציע און זיין ויברח, ס׳איז געקומען די רעוואָלוציע.

מיר האָבן געהערט דאָס קנאַקן פון די פולעמיאָטן פונעם שלאָספּלאַץ... טראַנספּאָרט-אויטאָס מיט מאַטראָסן האָבן זיך אין אונזער אָרימען קוואַרטאַל אויך דורכגעטראָגן.

אונזערע גאַסן זענען ווי אויסגעשטאָרבן. אַלע זענען געלאָפן אין די רווישיקע און בלוטנדיקע שטאָט. אַלע פרויען זענען געווען אין וועג.

דערפאַר, וואָס מ'האָט זיי נישט געלאָזט זיך באַטייליקן אין קריג, האָבן זיי געוואָלט כאָטש מיטמאַכן די רעוואָלוציעס און אין איר זיך באַטייליקן ווי ס'געהער צו זיין.

פיל פון זיי האָבן נאָך נישט געזען קיין בלוט פאַר די אויגן, קיין מויער, וואָס איז צעשפּליטערט געוואָרן אונטער גראַנאַטן, קיין דאַך אין פלאַמען.

פון דער שטאָט דומפּע קנאַלן.

זקנים און זקנות האָבן זיך אַריינגערוקט אין טויער אַריין און געהאַלטן, אַז די וועלט גייט אונטער...

מער האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען און אַנדערש האָבן זיי נישט געקאָנט אויסטייטשן די געשעענישן פון טאָג...

מיט הילכיקע יובל-געשרייען פון אַזאַ אָפּגעהאַלטענעם נצחון האָבן זיך אומגעקערט אַהיים צוגן פון מענער, אַרבעטער, אָפּגעריסענע סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וואָס האָבן ממש געברענט פון צאָרן קעגן די שונאים פון פאָלק.

מ'האָט געטאַנצט און געשאָסן אויף די פלעצער. מ'האָט געזונגען און אָנגעצונדן שייטערהויפנס. מ'האָט געראַבעוועט קראָמען און זיך לוסטיק געמאַכט, דערציילנדיק וויצן פון די אָקאָפּעס. מ'האָט געפּאַכעט מיט קינזשאַלן, אַלס טראָפּייען, און געקנאַלט פון אָפיצירישע רעוואָלווערן אין דער לופטן, אין די פרידלעכע שטובן...

מ'האָט דערציילט פון געפאַלענע, פון דער שלאַכט אויפן מאַרשטאַל און פון די באַריקאַדן אויף דער יערוזאַלימער-שטראַסע.

— גיי, טערי, — האָט די מוטער געפּליסטערט — פּאַס אויף חענען און מאַרקן. וואו זענען די קינדער? הער, זע, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. כל-זמן מען לעבט נאָך... מוז מען דאָך וויסן. גיי, טו אַ קוק, וואו זענען זיי. איך פיל זיך איצט גוט.

זי האָט גאַנצע טעג געהאַט שמערצן, און איך האָב געזען זייערע פּאַלגן, ווי זיי האָבן זי ממש געפרעסן, צעבּרעקלט און געמאַכט פון איר אַ תל.

איר פלייש איז פון איר אָפּגעפאַלן, ווי די הויט אירע האָט זיך געשפּאַנט אַרום די קנאָכן, ווי דאָס לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אין אירע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן געפלאַמט און געגליט און זענען אויסגעלאָשן געוואָרן נאָר דאַן, ווען די יסורים זענען איר אינעווייניק אָפּגעפאַלן...

און צומאָרגנס, גאַנץ פרי, ווען איך בין געלאָפן אין האָטעל פוצן שטיוול, איז זי אויפגעשטאַנען פון בעט.

ווען איך האָב זיך צווישן דער צייט, וואָס איך האָב געאַרבעט אין האָטעל, און דער צייט, ווען כ'האָב באַזוכט די פאַרבאַרייטונגס־שול, זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע אַהיים, צו זען, וואָס די מוטער מאַכט, — איז זי נישט געווען אינדערהיים. זי איז אַרויסגעגאַנגען ערגיץ פון שטוב. אפשר איז זי געגאַנגען ערגיץ וואַשן. און אין אָוונט, איידער איך בין אָוועק אין דער צוקערניע צו וואַשן דאָרט די בלעכענע לעפל פאַר די שכורע סאָלדאַטן און זייערע מיידלעך, וואָס גיבן זיך זיי אָפּ אומזיסט, און צו באַדינען די פּילדערנדיקע אַלפאָנסן, — איז די מוטער צוריקגעקומען אַהיים מיטן פאַרדינטן פּאַפּיר־געלט אין פויסט.

זי האָט זיך נישט אָניהערגעזעצט, כדי מיר צו ווייזן, ווי קרעפטיק זי איז...

העני און מאַרק זענען מיטגעלאָפן מיט דער רעוואָלוציע.

אָ, איר וואָלט געדאַרפט זען, ווי מאַרק איז געווען שטאָלץ דעם דרייצנטן נאָוועמבער, קומענדיק ביינאַכט אַהיים.

ער האָט געהאַט אַ שטרייף־שאָס אויף דער באַק.

לײדער איז די לייכטע וואונד פאַרהיילט געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיק אויף דער באַק קיין פאַרב און קיין שום שפּור.

שפּעטער האָט אים קיינער נישט געגלייבט, אַז ער איז אין די דאָזיקע גרויסע טעג לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן.

ער איז געווען אזוי שיין, דער דאַזיקער דרייצניעריקער יונג. בלאָנד, גראָ-אויגיק, ווייס, שטאַרק, קרעפּטיק, — אַ נחת, ממש, געווען צו קוקן אויף אים.

העני האָט מיר איינגערוימט אַ סוד.

אַלע מיידלעך זענען פאַר אים די כפּרה. זיי לויפן אים נאָך. ער קען האָבן, וועלכע ער וויל פון זיי. אַלע גיבן אים מתנות. זיי נאָר נאָך, ווען ער וועט שלאָפן, זיינע קליידער — ער האָט פולע טאַשן מיט געלט.

כ׳האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. כ׳האָב, אינערלעך ציטערנדיק, גערעדט צו מיין פערצניעריקער שוועסטער, דאָס דאַזיקע זיסע ברוינ-האָריקע ווייס-הויטיקע מיידל:

— און דו, העני, — האָב איך געפרעגט, מאַכנדיק זיך שטאַרק תמעוואַטע, — און דו? דיר לויפן נישט נאָך די יונגען?

— אָן — האָט זי זיך אָפּגערופן — וואָס דענקסטו איך מיט די יונגען פון דאַנען? ווי קען עס דיר איינפאַלן? איך פייף אויף זיין נייץ, טעדי, דו דאַרפסט וויסן, אַז דער, אויף וועמען איך וועל וואַרפן אַן אויג, דאַרף זיין גאָר אַן אַנדערער. מיט אַזאַ שמאַרקאַטעריע וועט דיין שוועסטער נאָך לאַנג נישט האָבן קיין שום מגע ומשא. כ׳האָב ציימן יונג און שיין וועל איך נאָך בלייבן לאַנגן

אָבער דאָס, וואָס העני האָט געזאָגט, כדי מיך צו באַרויקן, האָט מיר אַרויסגעוויזן ערגער צו קלינגען, ווי יעדער סוד, אין וועלכן זי האָט מיר געקאָנט פאַרטרויען, ערגער, ווי זי וואָלט מיר מודה געווען, מי יודע וואָס.

וואונדערבאַר: ס׳האָט אויסגעזען אַזוי, ווי די מוטער זאָל זיך האָבן אויסגעהיילט.

זי האָט אָנגעהויבן אַביסל צו עסן און עס אויפגעהערט צוריק אַרויסגעבן פון זיך. איר אָפּגעפאַלענע הויט האָט זיך אַביסל אויסגעשטייפט. אָבער איך בין שטענדיק געווען מיד און אויסגעמאַטערט און בין צו-שטאַרק געשלאָפן, כדי צו קענען ביינאַכט וואַך זיין און זען צי זי שלאָפט, אָדער נישט. אפשר האָט זי בייטאָג מיר געזאָגט ליגן, כדי ביינאַכט דערפאַר אָפּצוקומען מיט יסורים, אפשר האָט זי בייטאָג זיך אָנגענומען ביי דער וואַש-באַליע דעם שמערץ, כדי

ביינאַכט אַרויסצוגעבן פון זיך? וואָרים ווי האָט דען, אויב נישט אַזוי, געקאָנט אין איין טאָג פּלוצלינג קומען די קאַטאַסטראָפע?

אָבער אין דער אילוזיע, אַז זי ווערט געזונט האָב איך ווידער ערוואַרט און פאַר מיר האָבן זיך געהאַט געעפנט גוטע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט.

דער קריג האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט און די גרעסטע בויט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. ס'איז אַנטשטאַנען די רעפּובליק און די האָפענונג פון די אָרימע מענטשן האָט אויפגעבליט, אויפגעריכט צו ווערן. כ'האָב זיך נאָר דערוואָרבן דאָס, וואָס איך האָב געהאַט פאַרזוימט צו וויסן: וואָס עס איז אייגנטלעך געשען.

כ'האָב געלייענט אַלע צייטונגען, אין די לעז-האַלע פאַרן פאָלק — אַלע בראָשורן. מיין טאָג פון זיבעצן שעה איז געווען איבערפולט ביז גאָר.

ווען כ'האָב, נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה, ווידער געעפנט דעם גריכישן סינטאַקס, — האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ געוואַלדיקער באַגער און חשק צו לערנען...

כ'האָב געשריבן צו סטעפאַנען. כ'האָב געשריבן צו פרוי נינאַ, און נינאַ האָט ווידער געשריבן.

גאָר אויפן סוף זענען געשטאַנען פינף שטילע ווערטער:

— מיין מאַן וועט שוין נישט צוריקקומען.

*

יאָ, מיין לעבן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שיקזאַלן פון אַנדערע מענטשן. כ'האָב מיך אַנטוויקלט, ענג דורכגעפלאָכטן און פאַרבונדן מיטן לעבן פון אַנדערע. איך—דאָס זענען די אַנדערע. איך — דאָס איז די גאָרטנשטראַסע, די יאַסמונדשטראַסע, שטעטינער באַנהויף און דער הומבאָלד-וואַלד. איך — דאָס זענען די הינטער-הייזער, הויפן מיט די קלאָזעט-שטיבלעך; די ווילאַ און דער האָב-שטראַסע, דער לערער, דער דירעקטאָר פאָלק, וואָס האָט מיך אַזוי מקרב געווען, פריינט, שוועסטער. איך — דאָס איז דער שיכורער פאָטער און די מוטער, וואָס שטאַרבט ביי דער באַליע מיט וועש,

וואָס דעם מאָגן אירן האָט אויפגעפרעסן דער קרעבס, בעת זי האָט אונדז געזונגען אין שלאָף. איך—דאָס זענען אַלע הונגערנדיקע, ליידנדיקע, ליבנדיקע. איך — דאָס זענען די גנבים, זעלבסטמערדער און גאַסנמיידלעך און רויבער. איך — דאָס איז דיאַנאַ און די אַלמנה גרעבערט, וואָס איר בעט קען נישט קאַלט ווערן פון אַלץ נייע געליבטע. איך — דאָס איז די משוגענע, וואָס פלעגט הענגען אירע קעץ און יענע גוט-האַרציקע שכנטע אונזערע, וואָס פלעגט באַפרייען די דינסטמיידלעך פון זייערע זינד.

כ'האָב נאָר דערציילט אַביסל פונעם לעבן, וואָס ווערט געפירט אין אַ הויז פון בערלינער צפון-טייל. אָבער דאָ שטייען טויזנטער מענטשן און אין יעדן פון זיי זעט דער דלות אויס אַנדערש, ביי מאַנכע איז דער שמוץ שמוציקער, דאָס עלנט טונקעלער און ביטערער, ווי ביי אַנדערע. ניין, איך דערצייל אייך נישט דאָס ערגסטע און שלימסטע, איך דערצייל אייך ווייט נישט אַלץ, וואָס איך האָב געזען, מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט.

איך דערצייל אייך נישט פון די ליבע-ערלעבענישן פון אַ פּראָלעטאַריש קינד...

אפשר מיינט איר, אַז איך בין געווען אַ קליינער „צדיק אין פּעלץ" און אַ שטיקל מלאך, בראַוו, ווי אַ העלד פון ניעריצס אַ מעשה און ביישפּיל פאַר שלעכטע ייִנגלעך.

אָך, איך בין נישט געווען אַנדערש ווי די אַנדערע ייִנגלעך פון מיין סביבה. און איך זאָג:

— כ'בין, געלויבט דער אייבערשטער, געווען אַ ייִנגל צווישן ייִנגלעך מיט אַלע זייערע חסרונות און מעלות, מיט אַ היפּשע פּאָרציע רשעות אין זיך און אַ שטיק טויגעניכטס.

כ'האָב נישט אַרויסגעוויזן קיין געהעריקן ווידערשטאַנד די קליינע מיידלעך, כ'האָב נישט אויסגעמיטן, וואו ס'האָט זיך נאָר געלאָזן, עטוואָס צו דערפאַרן דאָרט, וואו ס'האָט געברויזט דאָס לעבן. אָבער איך וויל ווייטער נישט זאָגן. נישט פון בושה, נאָר — ווייסנדיק גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אומניצלעך און צוועקלאָז.

מיר, קבצנים... אפשר האָט אונזער זינד און פאַרדאַרבנקייט מיר אויסגעוויזן צו זיין ריין און הייטער, נאָך נישט אינגאַנצן אָן

גאָט פֿאַרגעסנדיק. דאָס זענען נישט געווען קיין זינד און פֿאַרדאָרבנ־קייט פֿון דער „אַנדערער וועלט“, פֿון יענע, פֿון וועלכע עס טיילט אונדז אָפּ אַ גאַנצער אָפּגרונט. קיין שום פֿאַרגלייכן די זינד און פֿאַר־דאָרבנקייט פֿון די, וואָס געהערן צו אונזער סביבה, איז געווען אַ פֿיל ערגערע, — אַ ראַפֿינירטע, אַ גאָט־לעסטערישע. און אונדז פֿלעגט נישט זעלטן אויסקומען צו זיין אַריינגעמישט אין יענער שמו־ציקער זינד...

צי האָבן מיר דען אַלע נישט געוואוסט, מיר יינגלעך פֿון פֿערצן יאָר, אַז מיר קענען פֿאַרדינען געלט, ווען מיר וועלן אַוועק אין וועסטן, אין אַ קליינע באַשיידענע צוקערניע, וועלכע עס פֿלעגן דורכשניידן עלטערע פֿרויען, כדי איינעם אָדער צוויי פֿון אונדז אַוועקנעמען צו טון מיט אַ געווויסן מיין?...

מיר האָבן געוואוסט, אַז בעסער איז אַהינצוגיין אָן אַ הוט, אָן אַ העמד, מיט נאַקעטע קני, מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ...

דאָס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט פּרובירט.

כ׳בין געווען אַזוי קליין, דאַר, און אַזאַ כמורנער, בלאַס און העסלעך, אַז ווען כ׳וואָלט יאָ געהאַט חשק דאָס מיטצומאַכן, וואָלט איך אויך פֿון דאָרט אַוועקגעגאַנגען מיט גאָרנישט. כ׳האָב קיינ־מאָל נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די אַנדערע יינגלעך, וואָס זענען געגאַנגען אַהין, וואו זיי האָבן געמאַכט געשעפֿטן מיט זייער ווייסן פֿוכיקן פֿלייש. כ׳האָב אַגב נישט געגלייבט אינעם רייץ פֿון מיין פֿלייש.

מיר זענען געווען אומשולדיק אין זינד. ווען מיר האָבן גע־זינדיקט, האָבן מיר עס נישט געהאַלטן פֿאַרבאָרגן.

ווען מילי בעטכער, למשל, איז מעוברת געוואָרן צו פֿערצן יאָר, האָט זי צווישן אונדז, קינדער, געטראָגן מיט שטאָלץ. זי האָט איר שוואַנגערשאַפֿט נישט געהאַלטן פֿאַרבאָרגן, נישט געמאַכט פֿון דעם קיין סוד. מיר האָבן געמוזט פֿילן און אונטערזוכן און מיר האָבן געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ פֿאַר איר.

די דערוואַקסענע, די גרויסע — פֿון זיי האָט מען פֿיל פֿאַר־שוויגן. זיי זענען דורך און דורך געווען פֿאַלשע מענטשן. זיי האָבן גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, וואָס אין אַזעלכע זאַכן איז אויפֿריכטיקייט.

זיי פֿלעגן פֿון די אײַנפּאַכסטע און נאַטירלעכע זאַכן מאַכן אַ מלוכה־אַפּערע.

צו פֿופֿצן יאָר בין איך געווען אַ קינד, וואָס האָט פֿיל געוואוסט. מיר איז שוין קיין זאַך נישט געווען פֿרעמד. איך פֿלעג — טראָץ פֿאַרשידענע אַנלאָקונגען און אויפֿפֿאָדערונגען — פֿאַרגוואַלטיקן די נאַטור און דערשטיקן אין זיך די נידעריקע אינסטינקטן צו זינדיקן, ווי אַנדערע יינגלעך אין מײַנע יאָרן פֿלעגן עס טון.

יאָ, כ'האָב נישט מיטעמאַכט אַלע אַוואַנטורעס פֿון מײַנע חברים, אויף טונקעלע פּלעצער, אין באָבע־אַנשטאַלטן, מיר איז אָבער קיינמאָל נישט אײַנגעפֿאַלן זיך קעגנצושטעלן די געוויסע באַדערפֿעניש פֿון מײַן נאַטור.

ניין, ס'איז נישט פֿאַראַן קיין אויסוואַל אין ליבע.

ליבע... ליבע איז אַן ערהאַבענער ענין. ליבע האָט נישט צוטון מיטן בלויזן גוף.

ס'איז פֿאַראַן ליבע... און ס'איז פֿאַראַן תאווה. און זיך אָפּזאָגן נאָכצוגעבן דער תאווה, ווען דאָס איז געווען מעגלעך...

זי האָט דאָך גאָרנישט געקאָסטן

*

„כ'האָב נאָר אַ פֿרײַנט: דאָס עכאָ".

ווי טרויעריק איך בין אָפֿט נישט געווען, ווי אײנערלעך אײַנזאַם כ'זאָל נישט געווען זײַן, פֿלעג איך מיט די דאָזיקע ווערטער באַפֿוצן מײַן אײנזאַמקייט און זי מאַכן, וואָס שענער.

איך גלייב, אַז איך האָב די דאָזיקע ווערטער קיינמאָל נישט געלייענט בײַ קירקעגאַרדן, אין אײנעם פֿון די הונדערטער ביכער, וועלכע איך האָב זיך מיטגענומען פֿון פֿאָלקס ווילע און זיי געלייענט מיט דער פֿאַרצווייפֿלטער זשעדניקייט פֿון אַ וואַנדערער איבער דער וויסטע.

דו זעסט דאָ קיינעם נישט פֿאַר די אויגן — האָב איך זיך געטראַכט. — דו הערסט גאָרנישט, אַחוץ דעם בענקשאַפֿטספֿולן ווידערקלאַנג פֿון דײַן אייגענעם רוף אין ליידיקן חלל.

די מוטער איז געווען מיט מיר און איך האָב זי געליבט, און שפּעטער, ווען זי האָט שוין נישט געלעבט, האָב איך געוואוסט: זי האָט זיך אין איר לעבן גענוג אָנגעמאַטערט און אָנגעליטן, כּדי צו ווען, אַז אַזאַ ביטער לעבן זאָל זיך נאָך ציען ווייטער. דעמאָלט האָב איך נאָך געוואָלט עפּיס אַנדערש: ס'האָט זיך מיר אַזוי שטאַרק געגלוסט צו רעדן מיט איינעם, וועמען איך וואָלט ליב געהאַט...

מוטער...

אין נײַנצן נײַנצנטן יאָר האָב איך זי פאַרלאָרן.

זי איז נאָך אַלץ געגאַנגען פינף מאָל אין דער וואָך אין פרעמדע הײַזער וואַשן וועש און די שטיינערנע קיכן, אין קעלער, אָדער אויף אַ בוידעם. איין מאָל אַ וואָך האָט זי געוואַשן אין דער היים — אויך פאַר פרעמדע.

כ'דערמאָן זיך, אַז זי האָט איין איינציק מאָל — זונטיק איז דאָס געווען — פאַרלאָזן די שטאָט, כּדי אַרײַנצואָטעמען אין זיך די פרישע לופט פון די וועלדער און פעלדער.

זונטיק פלעגט זי אַרבעטן פאַר אונז און פון צײַט צו צײַט פלעגן מיר בײַדע אויף אַ פּאָר שעה אַוועקגיין אין די אַלייען און דאָרט זיצן לוסטיק און גאָרנישט רעדנדיק.

אַמאָל, אין אַ מאָנטיק, איז זי געקומען אַהיים פרי. באַלד נאָך מיטאָג. כ'בין דעמאָלט געזעסן בײַם פענצטער און געשריבן אַדרעסן. ס'איז געווען אין חודש מאַי און אַפילו אין אונזער פאַרעיפּושטן הויף אַרײַן האָט אַביסל אַרײַנגעשטראָמט די זיסע מחיהדיקע מאַי-לופט.

זי איז געקומען און אַ פאַל געטון אויפן בעט.

די יסורים האָבן זי אַזוי אַ כאַפּ געטון און אַזוי פאַרקראַמפּט, אַז ס'האָט בײַ איר ווי אָפּגענומען ס'לשון. זי האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. זי האָט אָבער געוואָלט צו מיר צושמייכלען. די אויגן אירע האָבן אָבער געברענט פונעם פײַער, וואָס האָט אין איר געפלאַמט אינעווייניק.

אין אָוונט האָב איך אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר. דאָס איז געווען דער ערשטער וויזיט פון אַ דאָקטאָר בײַ אונז אין שטוב.

קיינער איז ביי אונז קיינמאָל נישט ערנסט קראַנק געווען, אחוץ דער מוטער. אפילו ווען מיר, קינדער, האָבן געפּאַקט און געמאַזלט, זענען מיר אויך נישט אָנגעקומען צו אַ דאָקטאָר. די מוטער אַליין האָט אונז דעמאָלט קורירט.

דער דאָקטאָר האָט אויף איר געקוקט. זי איז שוין געלעגן ווי אַ רעשטל הויט און ביינער אין בעט, אויפגעפּרעסן אינגאַנצן פונעם קרעבס.

כ'האָב געזען, ווי דער דאָקטאָר האָט זי אויסגעטון. כ'האָב צום ערשטן מאָל געזען מיין מוטערס לייב, דעם שויס פון מיין לעבן, און איך האָב דאַן געזען די גאַנצע אומגערעכטיקייט פונעם דאַזיין, דעם בוראס אָפּגעווענדעטן בליק, זיין דערהאַבן פאַרגעסן אָן זיינס אַ באַשעפעניש, זיין דערבאַרעמלאָזיקייט און טויבקייט. איך האָב דאָ געזען דעם מענטשן אויפן צלם, די מוטער אויפן זשאַווער פון איר ליבע, דעם יאָמער פון דער גאַנצער מענטשהייט.

— איך פאַרשטיי דאָס נישט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — ווי איז עס געווען מעגלעך, פרוי, וואָס איר האָט זיך ביז היינט געשלעפּט וואָס איר האָט נאָך ביז היינט געקאָנט אַרבעטן ס'איז ממש צו שטוינען. אָבער איצט — שלום. נאָך היינט וועט איר אָנקומען אין שפּיטאָל אַריין. כ'וועל טעלעפאָנירן נאָך אַ וואָגן...

ער האָט אויפגעהערט רעדן, ווען ער האָט דערזען איר בליק.
אויך איך האָב אין איר בליק געלייענט איר לעצטן וואונטש:
זי האָט געוואָלט שטאַרבן ביי מיר, — ביי זיך אינדערהיים.
איך זאָל ביי איר בלייבן ביזן סוף...
זי האָט אויף מיר געקוקט...
— נו, גוט, — האָט דער גוטער דאָקטאָר געזאָגט.
ער האָט זי פאַרשטאַנען.

ער האָט געהאַט זיינע פּאַציענטן אינעם ראַיאָן צווישן דער באָדשטראַסע און דעם שטעטינער באַנהויף און האָט זיי געקאָנט.

— בלייבט אינדערהיים. אָבער ווער וועט אייך באַדינען, ווער וועט אייך באַזאָרגן? מ'דאַרף דאָך האָבן דערצו אַ מענטשן,

ער האָט נאָכגעקוקט איר בליק און באַמערגט, ווי זי האָט אים אָפּגעשטעלט אויף מיר, זאָגנדיק שטום, אַז איך וועל זיין יענער מענטש, וואָס וועט זי, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר, באַזאָרגן און באַדינען.

— איך — האָב איך זיך אָפּגערופן — איך וועל די מוטער באַזאָרגן.

— יינגעלע — האָט דער דאָקטאָר אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן — דו מיט דיינע דרייצן יאָרן און די שולע?

— זעכצן, — האָט די מוטער געפּליסטערט, — ער פאַרדינט שוין. ברענגט שוין אַריין געלט אין שטוב.

— זעכצן וואָס? ער איז שוין אַלט זעכצן יאָר? כּימעט דאָך דיך אויך אונטערזוכן, העי? קום נאָר אַריין צו מיר... אַדיע, פרוי, זעט נאָר צו זיין מוטיק. איר פאַרשטייט זיך דאָך דערויף!

און ווענדנדיק זיך צו מיר:

— קום גלייך מיט מיר, יינגעלע, מיר וועלן עפּיס נעמען אין אַפּטייק, די מוטער זאָל מער נישט האָבן קיין שמערצן.

איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער איר געמאַכט אַן איינשפּריצונג.

די מוטער האָט די גאַנצע צייט פון מיר נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

פּלוצלינג האָט זיך איר געזיכט אָנטשפּאַנט. זי האָט זיך אויסגעצויגן, ווי אַרויסגעלאָזן פון אַן אייזערנעם פויסט, און איך האָב שוין געזען, ווי זי שטאַרבט אָפּ...

אָבער די איינשפּריצונג, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געמאַכט, האָט געווירקט.

ס'איז איר געוואָרן לייכט און די שרעקלעכע שמערצן האָבן אויפגעהערט. פון איר ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ לייכטער זיפץ. צום ערשטן מאָל האָט זי אין אַ זיסער גדאַנקלאָזיקייט פאַרמאַכט די אויגן און איז אַריין אין אַ זיסן דרעמל.

זי האָט געמוזט שטאַרבן, כדי צו קענען אָפּעטעמען...

אָבער אַזוי שטאַרבן נאָר אונזערע מוטערס...

דאָס לעבן — אַ שווערע קייט פון אַרבעט און שמערצן, און דער טויט באַדייט פאַר זיי — אויסרוען זיך און לוסט...

זי איז שוין געשטאָרבן דאַנערשטיק, איידער איך בין מיד געוואָרן איר צו באַדינען, איידער איך האָב נאָך געוואָלט שלאָפן.

איך האָב זי, אין די לעצטע דריי טעג פון איר אומגליקלעכן לעבן, קיין מינוט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. כ׳בין שטענדיק געווען אין גבול פון איר בליק, פון איר פּליסטערן.

זי האָט נאָך קוים גערעדט.

איינמאָל איז איר איינגעפאַלן אויף דער מחשבה, ווי אַזוי זי וועט קומען צו קבורה.

— קבורה-געלט, — האָט זי געשעפּטשעט, — אַך, גאָט...

זי האָט נאָך געהאַט אָפּצונעמען געלט ביי איינעקע קונדן.

און אין אירע לעצטע מינוטן האָט זי מיר וועגן דעם געפּליסטערט, מיר אויפגעבנדיק, וויפיל און ביי וועמען עס קומט איר.

— און איר? — האָט זי געפרעגט אין חלל אַרויס, זענדיק שוין איצט זיינע גרענעצן, אין לאָקאַל, וואו מיר האָבן געוואוינט. — העני דאַרף מיך נישט מער און מאַרק אויך נישט, אָבער דו, מעדי מיין טייערער, אויף וועמען לאָז איך דיך איבער?...

אַ, דו...

זי האָט נישט געזען קיין טרערן אין מיינע אויגן. און איך האָף, און עס ווילט זיך מיר נאָך עד היום שטאַרק, אַז זי זאָל נישט האָבן געזען, בעת איר אָפּשטאַרבן, דאָס ציטערן פון מיינע הענט, וואָס האָבן זי באַדינט און אַז זי זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען מיין דעמאָלסטיקן שטומזיין.

קען איך דעמאָלט רעדן,—וואָלט איך געווען אַ פאַרלאָרענער...

אין יענע דריי טעג פון איר גסיסה בין איך דערגאַנגען, וואָס אַזוינס איז דער הימל פון דאַזיין. אַזאַ וועזן צו זיין אַזוי איבערגעגעבן און אים בלייבן אַזוי טריי — איז אַן אמתער חסד. די הכנעה, מיט וועלכער איך האָב געהאָלפן מיין מוטער און איר באַדינט אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן, איז געווען עפּיס הערלעכס און אַ ברכה, אין וועלכער איך האָב געוואַנדלט.

אַט די דריי טעג זענען געווען פאַר מיר אייגנאַרטיק גליקלעכע.

מיר האָבן געהערט איינער דעם אַנדערן, ווי איך האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז מענטשן זאָלן איינער דעם אַנדערן אַזוי קענען געהערן.

איר לעבן איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געטון.

און מיין לעבן האָט מען געקאָנט אַרויסזען און פאַרשטיין בעת איר אָפּשטאַרבן.

זי איז נישט געשטאָרבן אַליין. ביזן לעצטן אָטעמצוג בין איך געווען אין איר. ערשט ווען זי איז געווען אַ מת, האָב איך זיך צוריק גענומען אין די הענט אַריין און געלעבט ווייטער.

כ'האָב געוואוסט, אַז זי שטאַרבט. כ'האָב עס קיינעם נישט געזאָגט.

ס'איז געווען אַ מאַי־מיטאָג. די הערלעכע מאַי־זון האָט גע־שיינט אין אונזער הויף. דאָ האָבן זיך, לוסטיק און לעבעדיק, גע־שפּילט זאָרגלאָזע קינדער. העני און מאַרק האָבן זיך אויך מיט זיי געשפּילט. כ'האָב זיי נישט אַרויפגערופן. אינדערפרי איז ביי אונז געווען דער דאָקטאָר. אינדרויסן האָט ער מיר געזאָגט:

— ווייסטו, יינגעלע, ווי עס האַלט? ווייסטו, אַז אירע שעהן זענען געציילטע?

— איך ווייס — האָב איך רויק געענטפערט.

— דו זאָלסט וויסן זיין, אַז זי איז אַ העלד, דיין מוטער. זי האָט אויך אַ מלחמה הינטער זיך. זי האָט געזיגט, ווען דו קענסט זיך האַלטן אַזוי מוטיק. דו ביסט איר זיג, ווייסטו דאָס? זע־זשע, זי זאָל נישט האָבן געקעמפט אומזיסט.

— ניין — האָב איך זיך אָפּגערופן.

— דערנאָך, יינגעלע, דערנאָך... וועסטו צו מיר קומען? מיט מיר רעדן? כ'מוז אויך אונטערזוכן דיינע לונגען.

— יאָ, הער דאָקטאָר.

— אַדיע. גיי צו איר. דו וועסט זיך באַלד קענען אויסרוען. זי איז געלעגן אין שטוב, פאַרהונגערט... זי האָט נישט געקאָנט

געניסן אפילו קיין טראָפּן מילך. זי האָט שוין זינט וואָכן מער גאָר־נישט געגעסן.

דער קרעבס האָט זי אויפגעפרעסן.

מיטאָגצייט האָבן זיך איר צוגעמאַכט די אויגן.

כ׳האָב געזען, ווי זי האָט געוואָלט אויפהייבן די אויגן־לעפּע־לעך, כּדי מיך צו זען, נאָך איין מאָל צו זען, ביז אין יענער זייט אַריין... מיך.

זי האָט נישט פאַרלאַנגט, מ׳זאָל אין איר לעצטער שעה אַריינ־רופן צו איר הענען און מאַרקן.

מיר זאַלבעצווייט זענען געווען גאַנץ אַליין אויף דער וועלט...

זי האָט שוין מער נישט געקאָנט זען. דאַן האָב איך זיך איבער איר איינגעבויגן, כ׳האָב אַרונטערגערוקט מיין אָרעם אונטער איר און געשעפּטשעט:

— מוטער, כ׳בין דאָ... מוטער... מוטער...

כ׳האָב עס זייער לאַנג געפּליסטערט

מיין רעכטע האַנט איז געלעגן אויף איר האַרצן, און איך האָב געפילט ווי איר האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּן אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער, ווי עס ווערט אַלץ שטילער...

זי איז אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן אין מיין אָרעם.

כ׳האָב געשעפּטשעט:

— מוטער... מוטער... כ׳בין דאָ׳ מוטער, כ׳גיי דאָך נישט אַוועק פון דיר, מוטער... דאָ, ביי דיר, שטיי איך... מוטער... מו־טער...

די דאָזיקע ווערטער האָב איך נאָך לאַנג געפּליסטערט, ווען איר האַרץ איז שוין פאַרשטומט געוואָרן און די קאַלטקייט פון איר גוף האָט מיך שוין געהאַט שטאַרק דורכגענומען.

פון דער דאָזיקער קאַלטקייט האָט מיך שטאַרק געשווידערט.

כ׳האָב זי פאַרצווייפלט גערופן, אָבער זי האָט מיך שוין נישט געהערט...

פאַר מיר איז געלעגן אַ הייפעלע פון אַ מענטש, אַ ווינציק געוואָרענער גוף בלויז פון הויט און ביינער, אַ קאָפּ, וועלכער איז

פון שטום געליטענע יסורים איצט שרעקלעך פארקריפּלט געוואָרן און האָט אויסגעזען שוידערלעך.

פון איר איז גאָרנישט געבליבן, אחוץ סימנים פון ליידן און יסורים אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס, אחוץ אַ צעפּאַלענעם פּרצוף, אַ פארקרימט געעפנט מויל, גרויע בינטלעך האָר, הויט און ביינער... מוטער?

קיינמאָל אין דער וועלט נישטן...
כ'האָב פארצווייפלט גערופן.
זי האָט מיך שוין אָבער מער נישט געהערט...
אין דער גאַנצער וועלט איז נאָר פאַר מיר געווען בלויז מיין עכאָ...

*

כ'האָב נאָך פיל אין מיין לעבן געהונגערט. אַלס קינד, גע־וועזן זשעדנע נאָך אַ שטיקל ברויט... כ'האָב געהונגערט און בין געווען זשעדנע נאָך דער באַשיידנקייט און פשטות פון מענטשן, כ'האָב געלעכצט נאָך אַ פאָטער, נאָך דער טרייקייט און פארטרויען פון אַ געליבטער, נאָך דער פעאיקייט, זיך צו קענען באַטייליקן אין אַ קליינער הנאה, לפחות נאָך דער נאַטור.

די נאַטור האָב איך בכלל גאָרנישט געקאָנט און דאָך האָב איך אַזוי שטאַרק נאָך איר געלעכצט.

די נאַטור, די אמתע נאַקעטע נאַטור האָב איך קיינמאָל אפילו נישט געזען. כ'האָב געזען בלויז בוימער אויף די גאַסן (אויך מיר בוימער, מ'שטיינסגעזאָגט), אָבער וועלדער?

אין שטאָט האָב איך אויך געזען אין די גערטנער דאַרע קוסטעס. אָנרירן זיך אין זיי איז געווען שטרענג פארבאָטן. אָבער לאָנקעס און פעלדער — וואו האָב איך, אַ קינד פון דער גרויסער שטאָט, געקאָנט זען? כ'האָב געגעסן ברויט און נישט געזען קיין תבואה-פעלדער, וואו דער קאָרן און ווייץ וואַקסן. פון די טייכן האָב איך נאָר געקענט די שמוציקע שפּרע. אָבער שטראָמענדיקע דופּטי־קע טייכן?...

ווען מיר פלעגן מאַכן אין דער שולע אַן אויספלוג, איז אויך נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו קומען אין אַן ענגער באַרירונג מיט דער זיסע נאַטור. מיר פלעגן זיך דעמאָלט סירוב שפּילן און לאַנדשאַפט איז נאָר ביי אונז געווען אַ קעגנשטאַנד פון געאָגראַפיע און באָטאַניק. אָבער נאַטור אַלס אַזעלכע?...

אַממייסטן האָב איך געהונגערט און געלעכצט נאָך איין זאַך: נאָך מוזיק...

ווען די קוואַרטעטן און דאָס קלאַוויר זענען פאַר מיר פאַרשטומט געוואָרן, איז דאָס פאַר מיר געווען אַ פיינלעכער פאַרלוסט.

כ'האָב אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די רומלפּלעצער, כדי צו הערן זייער מוזיקאַלישן ליאַרעם, כ'פלעג אָפּשטיין שעהן-לאַנג פאַר די קנייפּעס, ווען אינעווייניק האָבן אָנגעריסן געקלונגען די מענער פונעם אייגנאַרטיקן אָרגל, אָדער ווען דער קלאַווירשפּילער האָט געהאַמערט. איך פלעג זיך צורוקן האַרט צו די פענצטער פון די גרויסע צוקערניעס, וואו ס'האָבן זיך געהערט די אַריעס און מאַרשן פון אַ קליינעם אָרקעסטער און דאָרט אָפּשטיין לאַנג, ווי צוגעשמידט צום אָרט.

אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען קיין מוזיק אין אמתן זין פונעם וואָרט. דאָס איז געווען אַ קאַריקאַטור פון מוזיק, אָדער בכלל עטוואָס פון איר. מיין אויער האָט פאַרוואַנדלט דעם ליאַרעם אין שיינע קלאַנגען און איך האָב איבערגעטראָגן דאָס גערויש אין מענער.

כ'האָב אַזוי משוגע ליב געהאַט מוזיק, אַז ביי מיר איז רעכט געווען אָפּצושטיין זייער לאַנג ביי פענצטער, וואָס הינטער זיי האָט עמיץ זיך געאיבט אין שפּילן אויפן פידל.

ווען ס'האָט ערגיץ-וואו אָנגעהויבן צו קלינגען אַ גראַמאָפאָן, פלעג איך זיך באַלד צודריקן צום מויער, כדי דורך די שפּאַרעס איינצוזויגן אין זיך די מוזיק.

כ'פלעג שפּעטער אָפּשפּאָרן אַ פעניק צו אַ פעניק, כדי צו קענען גיין אויף די גרויסע קאָנצערטן. ציטערנדיק און שעמענדיק זיך, וואָס איך גיי אַזוי שלעכט געקליידעט. פון מיר האָט זיך אָבער, ווייניקסטנס, נישט געטראָגן קיין ריח פון אָרימקייט. אין די מיטערס

באַליעס איז געווען גוט זיך צו באָדן. זויבער זענען מיר שטענדיק געווען, וואָס פאַר אַ ווילדע, ענערגישע און גרינדלעכע אויפרוימע־נישן בײַ אונז פלעגט פאָרקומען, ווען ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז העני האָט פון דער שולע מיטגעבראַכט לײַז, איך אַ פלוי אָדער מאַרק וואַנצן פון די שכנים.

כ׳האָב געהאַט דעם בילעקסטן בילעט אין מײַן טאַש צום קאָנצערט, כ׳פלעג זיך אָבער אין זאַל אַרײַנשלײַכן, ווי אַ גנב.

ס׳איז געווים לעכערלעך, וואָס איך רעד פון מוזיק, זי איז אָבער אַ טייל פון מײַן לעבן, זי איז דאָס ליכט פון מײַן לעבן...

כ׳האָב געהערט ד׳אַלבערטן און נאָכן קריג בוזאָנין, וועלכער האָט שוין צו יענער צײַט אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן, דעם דעמאָן און דעם געניוש.

ד׳אַלבערט האָט געשפּילט ווי אַ משוגענער און בוזאָני ווי אַ דורכגעלײַטערטער, ווי אַ מענטש, וואָס האָט דערגרייכט די איידעלסטע שלמות אויף זײַן געביט.

ווען ד׳אַלבערט האָט געשפּילט בעטהאָווענען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳האָב בײַגעוווינט די געבורט פון דער סאָנאַטע. זי איז אַנטשטאַנען אין יענער רגע, גאָט האָט זי אַרויסגעריסן פאַר זיך פון דער קאָסמאָס־נשמה.

ד׳אַלבערט האָט קיינמאָל נישט רעפּראָדוצירט, שטענדיק האָט ער געשאַפן. מ׳האָט זיך געוואָלט פאַרהילן, פאַרשטאָפּן די אויערן, ס׳איז געווען ווי אַ חילול הקודש, ווי אַ צוהערן זיך צו דער פּראָדוצירנדיקער גאָטהייט.

בוזאָני האָט געשפּילט מאָצאַרטן. די מוזיק איז דאָ געווען געמאַכט, געגאָסן, גערייניקט און דורך זײַן גייסט האָט זי אין אונז אַרײַנגעשטראָמט. דאָס איז געווען די הויכע שלמות, די בעסטע דערפילונג, וואָס קאָן נאָר געבן.

כדי בוזאָנין תופס צו זײַן און אים צו ליבן, דאַרף מען שוין נישט צו זײַן יונג. חכמה איז דאָ זייער נויטיק, חכמה, וועלכע קיין יונגער מענטש קען נישט האָבן אין דער געהעריקער מאָס. ער איז געווען די העכסטע פאַרוואַנדלונג פון מענטש און געניוש, צו וועלכער נאָר רייפע יחידים זענען זוכה.

איך. יאָ, איך בין אויך געווען אַלט געגוג פאַר בוזאָנין. כ'האָב אים געקאָנט פאַרגעטערן, בעת ד'אַלבערטן האָב איך געקאָנט ליבן.

ד'אַלבערט האָט מיך פונאַנדערגעבונדן. ער האָט מיך געמאַכט פאַר פאַרשיכורט מיט גאָטהייט, ער האָט מיר געגעבן די פרייהייט, זיך אַרייַנבאַקומען אין דאָס אוממעגלעכס. און בוזאָני האָט מיך אויפגענומען אין די גרויסע פאַרוואַנדלונג. ס'איז נאָך זיין מוזיק נישט געבליבן מער וואָס צו ווינטשן. די וועלט האָט שוין גע-האַלטן ביים סוף, מ'איז אַרייַנגעטרעטן אין גאָר אַ נייע וועלט, וואָס עס פעלט אַ נאָמען, ווי זי אָנצורופן.

כ'האָב געהערט אונזער אָרקעסטער. און דאָס איז פאַר מיר געבליבן אַלס די לעצטע ערדישע פרייד. אין די דאָזיקע קלאַנגען פון די קאָסמישע געזעצן און געשעענישן האָט זיך אין מיר אויפגע-לעזט אַלץ, וואָס דאָס ערדישע האָט אין מיר געהאַלטן פעסט.

אין קיין איין שעה און קיין איין האַנדלונג פון מיין לעבן האָב איך נישט פאַרגעסן מיין מוטער. זי האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו שוועבן פאַר מיינע אויגן. אָבער אינעם קלאַנג פונעם אָרקעסטער איז זי אויך געוואָרן אַ זעלישער טייל פון דער מוזיק, און וואָס איך האָב מיט איר צו זעכצן יאָר געליטן, איז געוואָרן אַ תענוג.

כ'האָב גאָט נישט געקענט, כ'האָב אים גאָרנישט געוווסט, אָבער זיין נאָמען האָב איך געגעבן דעם, וועלכער איז מוזיק און מאַכט מוזיק.

מיט סטעפאַנען פלעג איך זיצן איבער די פּאַרטיטורן און געלייענט די הערלעכע טענער פון די שוואַרצע נאָטן. ער האָט עס מיר געלערנט. פאַר דעם אַליין האָב איך אים שוין ליב געקראָגן. דאָס אַליין מיר צו געבן וואָלט מיך געמאַכט קאַפּאַבעל צו ווערן זיינער אַ דינער. אַזוי טייער האָב איך געשעצט דאָס קענען לייענען יענע וואונדערבאַרע צייכנס.

סטעפאַנס מוזיק איז געווען נישט מיין מוזיק. אים איז אין „ליד פון דער ערד" דאָס אומזעבאַרע נישט געווען אינגאַנצן פאַר-שטענדלעך און אין די פראַגמענטן פון די „צענטע" איז פאַר אים געווען הערבאַר דער דיאַלאָג צווישן דעם מענטש אינעם קאָסמאָס.

אָבער מיר האָט דער ליבער סטעפּאַן אין דעם געהאָלפן, געהאָלפן
איך זאָל קאָנען פאַרשטיין אַלץ און אַלזייטיק.

ער איז דאָ ווידער געווען, אין בערלין...

ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים מיט זיין מוטער.

צו שפּעט פאַר מיר.

ס'האָט מיר זיך אויסגעוויזן — און אַזוי איז טאַקע געווען באמת, — אַז כ'האָב שוין אַלץ געהאַט הינטער זיך, אַלץ — אין טויט פון מיין מוטער.

די פאַלקס האָבן מיר מער נישט געקאָנט העלפן. כ'האָב אָבער אַליין זיך געהאָלפן, ווייל איך האָב געלעבט ווייטער, אָן שום הילף פון דער זייט.

און לעבן אָן דער מוטער, האָט שוין פאַר מיר געהייסן: וועגעטירן, זאָגאַר אַפּקומען עפּיס אַ שטראָף...

די פאַלקס האָבן זיך, צוריקקומענדיק קיין בערלין, נישט געקאָנט אַריינציען אין זייער ווילע און דאָרט ווייטער וווינען, ווייל דאָרט איז נאָך אַלץ געווען אַ מיליטערישער לאַזאַרעט. דאָרט זענען סאָלדאַטן מיט ווונדן אין די קעפּ. מ'האָט זיי נישט געקענט אויסשרייבן פון לאַזאַרעט.

אַזוי אַרום האָט פרוי נינאַ גענומען אַ וווינונג אין דער געגנט פון קייזערדאַם. די דאָזיקע וווינונג איז שוין נישט געווען אַזאַ גרויסע, זי איז באַשטאַנען פון זעקס צימערן. מ'האָט פון די פענצטער דאָ געקענט זען דעם נישט-אַרומגעצוימטן ליצענזע.

ס'איז געווען דער שיינער האַרבסט פון יאָר ניינצן.

די פאַבריק האָט אָפּגעשטעלט אירע קריגס-אַרבעטן און האָט אָנגעהויבן אויסאַרבעטן דעם פריערדיקן אַרטיקל. דער אַלטער פּראָקוריסט האָט זיך צוריקגעקערט און זי געפירט ווייטער.

און איך בין אָנגעקומען אין דער בוכהאַלטעריע-אָפּטיילונג פון געשעפט אַלס לערניינג...

נאָכן טויט פון מיין מוטער זענען פאָרגעקומען פיל אומגעווינלעכע זאַכן און געשעענישן.

מיר זענען געבליבן אַליין און פאַר די יתומים האָט געמוזט באַשטימט ווערן אַן אַפּטרופּוס. דער אַלטער פאַרשטייער פון די

אָרימע אין אונזער רעוויר, וועלכן איך האָב שוין געקאָנט, האָט איבערגענומען דעם דאָזיקן אַמט.

כ'האָב געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: מיר, שוועסטער און ברידער, זאָלן לעבן צוזאַמען און מ'זאָל אונז נישט שיידן.

— ס'לאָזט זיך אָבער אַזוי נישט מאַכן — האָט דאָס גע־ריכט געזאָגט — ס'איז נישט דערלאָזבאַר, אַז די פּופּצניעריקע העני זאָל בלייבן וואוינען צוזאַמען מיט אונז, נאָך האַלבוויקסיקע ייִנג־לעך. אונזער אַפּיעקון האָט נאָר אויסגעפּועלט, אַז אונזער דירה זאָל בלייבן ביי מיר און מאַרקן. אַגב איז אויך אויסגעקומען ביליקער צו באַצאָלן דירה־געלט בלויז פאַר צוויי שלאָפשטעלן. און די קיך, די מוטערס קיך, — ווי שווער דאָס איז פאַר אונז נישט געווען צו טון — האָבן מיר געמוזט באַפרייען און דער באַלעבאָס האָט זי פאַרדונגען אַן אַנדערן שכן.

דער אַפּיעקון, דער פאָטער פון די אביונים, האָט מיך גע־קאָנט און מיר אָנגעטרויט די אָרדנונג און השגחה איבער מיין ייִנגערן ברודער.

אָבער העני. וואוהין וועט העני גיין וואוינען?

און דאָ האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל זיך באַזעצן ביי דער פרוי לואיזע גרעבערט און אַז יענע איז מרוצה זי צוצונעמען אַלס סובלאָקאַטאָרקע.

און די אַלמנה גרעברט איז געקומען צו די יתומים־אַפּיעקונעס און זיי אויסגעדריקט איר האַרציקן וואונטש, צוצונעמען צו זיך העני'ן.

מ'האָט געמאַכט אויסקונפטן וועגן דער גרעבערט. קיין שום קאָמפּראָמיטירנדיקס איז מען נישט דערגאַנגען, און העני האָט זיך באַזעצט אויף דער גרינטאַלערשטראַסע...

העני האָט קנאַפּ מיט מיר גערעדט וועגן איר נייעם וואוין־אָרט און ווי זי פילט זיך דאָרט. פון אירע קאַרגע רייד בין איך נאָר דערגאַנגען, אַז זי איז ביי דער פרוי גרעבערט אָפט געווען און דאָרט געלייענט דעם פאָטערס בריוו, וועלכע ער האָט איר געשריבן פון פראָנט. ווייטער האָב איך זיך פון העני'ן דערוואוסט, אַז זי זיצט אין איר נייער דירה אויף דער גאַבעלין־קאַנאַפּע, און גע־

פלאַכטענעם פּאַטעל, אַז זי האָט ביי דער גרעבערט אָפּגעשטויבט און דעם אויסגעפּאַשעטן הונט געריייניקט. ווייטער, וואָס אָנבאַלאַנגט דער באַהאַנדלונג, וואָס זי באַגעגנט דאָרט מצד דער פרוי גרעבערט, האָט זיך העני נישט אויף וואָס צו קלאָגן. גרעבערט האָט העניין גאַנץ גערן. זי גיט איר צו עסן פון דאָס בעסטע. קאַלאַפּיאָרן, גע-רויכערטע פיש א. א. וו. מיט איין וואָרט, עס פעלט איר ביי איר גאָרנישט.

ס'איז נאָך געווען פיל מער אויסצופרעגן ביי העניין און צו דערגיין, ווי אַזוי זי פאַרברענגט דאָרט ביי דער גרעבערט, העני האָט אָבער געשוויגן און זיך אַרויסגעדרייט נישט צו דער-ציילן. כ'האָב געזען אין אירע אויגן בכיוון פאַרשטעקטע סודות.

— העני — האָב איך זי געבעטן — פרוי פאַלק וועט דיך לאָזן אָנקומען צו איר.

פרוי פאַלק איז נאָך נישט געווען אין בערלין, ווען איבער אונז איז באַשטימט געוואָרן אַן אַפּיטרופּסות.

— איך דאַרף איר נאָר אָנשרייבן וועגן דעם, העני, זי וועט געווים איינגיין, דו זאָלסט צו איר אין הויז אָנקומען.

— כדי איך זאָל אַ גאַנץ לעבן פאַרבלייבן אַ דינסטמויד? אַ דאַנק דיר, מיין טייערער, וואָס דו זאָרגסט זיך אַזוי וועגן מיר, וואָס דו האָסט אַזעלכע איידעלע כוונות און זוכסט מיין טובה. אָבער אַזאַ פּערספּעקטיוו, צו זיין יאָרנלאַנג אַ דינסט ביי יענעם, הייבט נישט אָן מיך אָנצולאָקן און מיט דיינע אדונים וויל איך נישט האָבן קיין שום מגע-ומשא. כ'וועל אַליין ווערן אַ מאַדאַם און אַליין האָבן דינסטן, וועסט שוין זען. וואַרט נאָר.

כ'האָב נישט געהאַט קיין שום מאַכט איבער העניין. אָבער טראָץ דעם, האָט זי מיך געליבט. אמת טאַקע, געליבט אַביסל שפּאָטיש, מיושבדיק און פאַראַכטלעך. ווייל זי האָט מיך גע-האַלטן פאַר אַ צו ערלעכן און געוויסנהאַפטן.

זי האָט אייגפּאַקט איר ביסל וועש און קליידער, וואָס זע-נען נאָך געלעגן ביי אונז. כ'האָב זיך צו איר צוגעקוקט. זי איז גע-שטאַנען פאַר די שופלאָדן פון דער קאָמאָדע, אין וועלכע איך האָב

אריינגעלייגט די מוטערס זאכן, און האָט אהין אריינגעקוקט. זי איז אזוי לאנג געשטאַנען און איך האָב זי אַ רוף געטון.

זי האָט נישט געטון קיין ריר מיט קיין אבר.

כ'בין צו איר צוגעלאָפן. זי האָט זיך פון מיר ארויסגעריסן און זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט.

כ'האָב אָבער געזען, אז דאָס פּנים אירס האָט וועגן דעם עדות געזאָגט, — אז אין איר קומט פאָר עפּיס אַ קאַמף. זי האָט אין זיך דערשטיקט די טרערן, וואָס האָבן געהאַלטן ארויסצוטרעטן אין אירע שיינע אויגן.

זי האָט נישט געוואָלט וויינען.

דעמאָלט, ווען די מוטער איז געשטאָרבן, האָט זי געיאָמערט און געשריגן.

ס'איז געווען אַן אָרימע לוויה. כ'האָב נישט באַוויזן אָפּצו-נעמען די חובות, וואָס זענען דער מוטער געקומען פון אירע קונדן. העני האָט איבערן קבר געשלוכצט און געציטערט, כדי דאָן פּלוצלינג שטיל צו ווערן און זיך צו באַרואיקן.

און ערשט איצט האָב איך ווידער געזען:

ס'טוט איר וויי ס'האַרץ. זי ליידט דערפון.

זי האָט צוגעמאַכט די שופלאָדן.

— נעם דיר — האָב איך געזאָגט, — וואָס דו ווילסט, העני.

— כ'נעם גאָרנישט. — האָט זי זיך אָפּגערופן — ניין, פון דעם, וואָס האָט געהערט דער מוטער, נעם איך קיין איין זאַך נישט. דאָס זאָל אַלץ דאָ בלייבן.

און שוין ביי די דאָזיקע ווערטער אירע איז מיר איינגעפאַלן: זי וויל נישט האָבן קיין זאַך, וואָס זאָל דערמאָנען די מוטער, דאָרט, וואו זי האַלט זיך אויף איצט, וואו זי פירט אַזאַ אַרט לעבן, וואָס די מוטער וואָלט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן און פון דעם אַליין געגאַנגען פון דער וועלט.

קיינמאָל איז נאָך קיין מיידל נישט געגאַנגען איר וועג מיט מער מיושבדיקייט און צילבאַוואוסטזיין, ווי העני.

ס'איז אָבער געשען עפּיס אַזעלכעס, אַז איך האָב איר אַלץ מוחל געווען, אַלץ פאַרגעבן. אַלץ, וואָס איז געלעגן הינטער איר,

אַלע עבירות און אַלץ, וואָס דאַרף נאָך מיט איר געשען אויף איר נישט-צניעותדיקן וועג. אַזעלכעס, פאַר וואָס איך ליב זי עד היום נאָך, און האָב אויף איר רחמנות.

ס'איז געווען אין האַרבסט. די ביימער זענען שוין געשטאַנען נאַקעטע. אַן אָקטאָבער-שטורם האָט געריייניקט די שטאָט. דאַן בין איך אַרויסגעגאַנגען פון אונזער ענגן קוואַרטאַל און זיך געלאָזט גיין צווישן בויפּלעצער און קוילנלאַגערן, צווישן פאַרלאָרענע אוראַלטע הייזער, וואו די שטאָט ענדיקט זיך און דאַרע ביימער, אין אומפּרוכטבאַרע אַקערפעלדער, אין משופּעדיקע קליינע בערג.

כ'בין געגאַנגען צו דער נייער בריק, צו דער הינדענבורג-בריק, וועלכע פאַרבינדט, דורך דער שטעטינער באַן, די גרויסע בולוואַרן פון יענער געגנט.

איך, אַזוי ווייט פון דער נאַטור און איר אַ ווילד פרעמדער, האָב ליב געהאַט די דאָזיקע לאַנדשאַפט פון דער שטאָט.

פון דער הינדענבורג-בריק האָט בערלין זיך פונאַנדערגעשפרייט גרויסאַרטיק און ווייט.

מ'שטייט דאָ אונטערן הימל, וועלכער האָט דאָ פאַרלאָרן זיין גאַנצע שיינקייט, הערלעכקייט און אַלע פאַרבן צוליב די קוימענס און לאָקאָמאָטיוון, צוליב דעם טשאַד און פאַרע פון דער קאָכעדיקער גאַס און מענטשלעכן געווימל. די וואָלקנס פון הימל זענען דאָ, אין דער געגנט, טראָגעדיק מיט שמוץ און צאָרן. מ'האַלט דאָ, אַז דער רעגן, וואָס פאַלט אין אָט דער געגנט, מוז זיין אַ שוואַרצער און שטינקנדיקער. מ'זעט דאָ אַרום און אַרום די בריק, גאַסן און הייזער—שטשירען מיט די ציין און סליונעווען. אומענדלעכע פּלעצער, אויף וועלכע עס קוקן אַרויס טויזנטער פענצטער פון די הייזער אַרום זיי, מאַכן דעם איינדרוק פון שרעקלעכע מיילער, וועלכע די שטאָט רייסט אויף. גרובן אין דער פאָרם פון אַ לייקע, וועלכע מען באַנוצט ביים אַריינגיסן אַ פליסיקייט פון אַ גרעסערער כלי אין אַ פלאַש, גרויסע גרובן, וואָס זייגן אַראָפּ אין זיך בוים און גראָז, אַזוי אַז עס בלייבט נאָר איבער זאַמד און שוט.

ווייטער האָב איך זיך איינגעהערט אין אַ מין אומעט, טורעמס פון קירכן, ווייט ווייט פון גאָט. די אייזערנע רושטאָוואַ-

גיעס פון אַנדערע בריקן; ביי די בראַנדמויערן טרוים-וויזיעס פון ריזיקע רעקלאַמענקעפּ, אומפאַרשטענדלעכע ריזנשריפטן. ערד־שטחים, באַוואַקסן מיט בוימער, זענען האַלב פאַרזונקען, בלומען לאָזן דאָ פון זיך אַרויס אַ ריח פון פאַרפוילטקייט. די קאָמוניקאַציע־פאַרוואַלטונג איבערן לאַנד שפּינט אירע דראָטן פון איין גיגאַנטישן מאַסטבוים צום אַנדערן — שוואַרצע טויטע ריפּן... דער שטורם פייפט אין זיי, ווי אַ קאָלאָסאַלע מחנה שטאַרבנדיקע שטשורעס. ס'איז פוסט, מ'זעט נישט קיין לעבעדיקע נשמה, אַלץ איז אויסגע־שטאָרבן. די, וואָס פאָרן אָדער גייען, זענען נישט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר שאָטנס. פון די לאָקאָמאָטיוון הערט זיך אַן אויסטער־לישער געפּייף, ביים עק פון די גאַסן טראָגן זיך באַנען און אויטאָס, ווי טרוימען... די הייזער ווייזן אויס צו זיין פוסט, נישט באַוואוינט פון קיינעם.

פלוצלינג גליען אויף די לאַמטערנעס, לייכטן נאָך נישט ווי ס'געהער צו זיין, אַ געשפּענסטיש האַלב-ליכט טויט זיי. דער אָוונט שטייט איבער די דעכער אין אַ פאַרשמוצטער געלבקייט; די וואָלקנס זינקען טיפער, עס רעגנט איבער פּיאַנקאָוו. אַ שוואַרצע האַנט איז דאָ אַנטשטאַנען.

דאָס איז געווען דער פּייזאַזש, וועלכן איך האָב אַזוי ליב געהאַט.

דאָרט פלעגט מיך באַפאַלן אַ דערלייזונג פונעם דאָזיין. כ'האָב געשטראָמט אין די דאָזיקע פאַרלאָזנקייט אַריין און מער נישט געפילט מיין פאַרלאָזנקייט און עלנט.

דאָרט, אין אַ ווינטיקן האַרבסט-אָוונט, האָב איך אויף אַ באַרג שוט געזען שטיין אַ מיידל מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, מיט וועלכע ער האָט זי געשמיסן אין פּנים אַריין.

זי האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט די הענט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט אין איר בענקשאַפט אַרויפגעשטיגן אויף אַ באַרג און גערופן...

צו וועמען און נאָך וואָס?...

פלוצלינג האָב איך דערקענט די דאָזיקע שלאַנקע פיס אינע

קורצן קליידל, כ'האָב דערקענט די פּלייצעס, דעם קאָפּ, צוריקגע־וואָרפן צום נאַקן.

דאָס איז געווען העני...

כ'בין צוגעלאָפן צום שוט־בערגל. זי האָט עס נישט באַמערקט. דער ווינט האָט זיך אַ ווילדן רים געטון צווישן איר און מיר און ער האָט מיר מיט זיך געבראַכט די ווערטער, וואָס זי האָט דאַן אַרויסגערעדט.

— מוטערן — האָט זי יאָמערנדיק געשריגן, געשריגן ווילד, פאַרצווייפלט, פאַרביטערט, — מוטער, מוטערן

העני... יאָ, דאָס איז געווען זי. זי איז געשטאַנען אויף דעם איינזאַמען שוט־בערגל און געשריגן אין חלל אַריין, רופנדיק היים און פאַרצווייפלט די מוטער.

אַ פאַרלאָזענע נשמהלע איז זי דעמאָלט געווען, אַ צעבראָכן הארץ...

אויך זי...

זי האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט ביי טיצן אַלס שיקמיידל, אין דער קרוינענשטראַסע. זי האָט דערלאַנגט די סחורה פון פאַר־קויפטיש צום אַרויסגעבן די קונדן, אין דער ביכער־אָפּטיילונג. זי האָט געוואוינט ביי דער אַלמנה גרעבערט און האָט שוין געהאַט לעקציעס ביי פריילין וואַלעסקאַ אורבאַן...

כ'האָב זיך דעמאָלט אַוועקגעשליכט, זי זאָל מיך נישט באַ־מערקן, אַז איך האָב זי געזען און זיך צוגעהערט צו איר פאַר־צווייפלטן רוף.

כ'האָב קיינמאָל ביי זיך נישט געקענט פועלן און זיך דעצי־דירן צו גיין צו לואיזע גרעבערט.

כ'האָב זיך מאַנכעמאָל אַריינגעגנבעט אין הויף פון הויז, וואו די גרעבערט וואוינט, כדי אַריינצוקוקן אין שטוב אַריין.

אַצינד זענען אָבער די פאַרהאַנגען שטענדיק געווען אַראָפּגע־לאָזט. מ'האָט נאָר געהערט אַ גראַמאָפאָן, שטימען, צווישן זיי אויך מענערישע. און מאַרק, וועלכער פלעגט אָפט אַהין אַריינקומען, האָט מיר דערציילט וועגן הוליאַנקעס, וואָס קומען דאָרט פאָר אין די

אוונטן. צו דער גרעבערטן פלעגן אריינקומען יונגעלייט, כדי זיך אונטערצוהאַלטן מיט דער שיינער העני...

מיין בלוט איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, ווען מאַרק האָט מיר דערציילט, אַז די דאָזיקע יונגעלייט זענען נישט פון אונזער ראיאָן און אונזער סביבה, אַז זיי זענען גאָר פונעם וועסטן. אויך אויסלענדער פלעגן אַהין אריינקומען, וועלכע פלעגן מיטברענגען מיט זיך דעליקאַטעסן, ווייַנען און ליקערן.

כ'וואָלט געדאַרפט גיין צו אונזער אָפּיעקון, אים וועגן דעם דערציילן. אָבער צו וואָס? קען מען דען... אָ, דאַרף מען מען באַוואָרענען אַ מענטשן פון זיין שיקזאַל? צי האָט מען דען דאָס רעכט זיך אריינצוּרייסן אין יענעמס לעבן, כדי עס צו מאַכן אַזוי אָדער אַנדערש? איז דען העני אַ קינד? זי איז שוין לאַנג נישט קיין קינד און נייטיקט זיך נישט אין יענעמס הילף. ווי איך האָב שוין אָפּט געזאָגט:

מיר, אָרימע, זענען קיינמאָל נישט געווען קיין קינדער, מיר ווייסן, אייגנטלעך, נישט, וואָס קינדהייט איז אַזוינס. מיר ווערן רייף נאָך אין די ווינדעלעך. העני האָט צו פופצן יאָר גוט געקאָנט דאָס לעבן, שוין געוואוסט אַלץ, וואָס דערוואַקסענע ווייסן, געוואוסט, וואָס מען רופט „סכנה" און אַראָפּגיין פון דרך הישר'ן זי האָט געוואוסט און גוט פאַרשטאַנען, וואָס פּראָסטיטוציע איז, מיט נישט-רעגיסטרירטע גאַסנפרויען, זי האָט געקאָנט די זיטן פון די ארבעטנדיקע פרויען, פון די אלמנות. די מיידלעך פון אונזער סביבה זענען אַלע דורכגעטריבענע און קיינמאָל קען אַ מיידל פון אונזער קלאַס נישט פאַרפירט ווערן. ווייל זי איז קיינמאָל נישט קיין אומשולדיקע. קיינער איז נישט דער ערשטער ביי איר. זי וואַקסט פיל לאַנגזאַמער, ווי איר וויסן, און איר דערפאַרונג קומט אַזוי פרי, אַז זי דאַרף גאָרנישט איבערלעבן, כדי צו מאַכן דערפאַרונגען פון דער פּראַקטיק.

דערפאַר האָבן אָבער אונזערע מיידלעך די אומשולד פון דער זינד, די דערהאַבענע נאַטירלעכקייט פון די זיטן. זיי זענען קיינמאָל נישט אוממאָראַליש.

מיר זענען אַ „פּרימיטיוו פאָלק".

פון מארקן האָב איך זיך אויף דערוואוסט, אַז העני גייט צו וואַלעווסקאַ אורבאַן.

פרייליין אורבאַן האָט אין דער אַדענבערגערשטראַסע געדונגען אַ געוועלב מיט אַ שטוב, ווייל מ׳האָט זי פון אַלע עטאַזשן־וואוינונגען אַרויסגעוואָרפן: אירע קורסן האָבן געמאַכט אויפשפּרינגען די סופיטן פון די וואוינונגען, וואָס זענען געווען אונטער איר וואוינונג. וואַלעסקאַ אורבאַן האָט געגעבן דראַמאַטישע לעקציעס, ווי זי האָט עס אָנגערופן. דאָס האָט אָבער געמיינט, לערנען טאַנצן, גימנאַסטיק, (לויט לאַבאַן, אָדער באָדע, ווי מ׳פלעגט עס רופן), לערנען פּאָרצולייענען קופּלעטן און סענטימענטאַלע, ווי אויך נישט קיין אָנשטענדיקע לידער רעציטירן. זי האָט אויך געגעבן פילם־אונטעררריכט מיט צוזעצן זיך, וואַנדלען, פאַלן חלשות, זיך אַ וואָרף טון אויף די קני. זי האָט בכלל דרעסירט יונגע מיידלעך פאַר די רעווי־טעאַטערן.

איבער איר לאָדן איז געשטאַנען: „דראַמאַטישעס אינסטיטוט״. דאָס פענצטער פונעם לאָדן און די טיר זענען געווען שיין אויסדראַפּירט מיט בלויגעטופּטן מול, אַרומגענומען מיט בלוי־זיידענע שלייפן. ווייסע פאָרהאַנגען האָבן הערמעטיש געשלאָסן די שויבן. אין די אָוונטשעהן, ווען אַלץ האָט אין שטוב געבלאַנקט און געגלאַנצט און דער גראַמאָפאָן האָט „געשפּילט״ זיינע טאַנגאָס, פלעגן זיך פאַרן מיסטישן לאָדן פון פרייליין וואַלעסקאַ אורבאַן זאַמלען מענטשן פון דער אַדערבערגער און דערדערבייאיקע גאַסן און אַרויסקוקן, ס׳זאָל זיך אויפן לייוונט באַווייזן אַ שאָטן, אַ מיידל־קערפּער אין אַ באָדאַנצוג, וועלכער האָט אויסגעצויגן די הענט און מיט די פיס אָפּגעשטויסן הינטער זיך די כוואַליעס, אָדער גאָר צוויי מענער אין טורנקליידער האָבן זיך אויפן לייוונט נאָכגעקרימט און געמאַכט פאַרשידענע העויות, אָדער זיך געדרייט, אָדער — ווי אַ פרוי האָט זיך געדרייט אַרום זיך, שטייענדיק אויפן שפּיץ פון איר פינגער פונעם רעכטן פוס. דאַן האָט זיך דורכן עולם דורכגעטראָגן אַן אויסגעשריי פון אַנטציקונג און אַביסל פון מורא, אַז מיט דער פרוי זאָל חלילה עפּיס נישט געשען... דער עולם האָט זיך

געווערטלט און געוויצלט, בלויז די יונגעלייט האָבן זיך פאַרהאַלטן רואיק און נישט גערעדט קיין ניבול פּה.

אין אָט ז'עם „אינסטיטוט" האָט העני דריי מאָל אין דער וואָך געמאַכט איבונגען, פון אַכט אַזייגער אין אָוונט ביז צען. ווייל זי האָט געוואָלט אָנקומען אין רעווי... זי האָט נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרבלייבן ביי טיצן אַלס פאַקערין אָדער פאַרקויפערין און אויך נישט חתונה צו האָבן פאַר קיינעם פון די יונגע אַרבעטער, וועלכע האָט געצויגן אויף זיך איר אויפמערקזאַמקייט. זי איז גע־גאַנגען אַרבעטן צו טיצן אָן שום חשק, נאַרנדיק נאָר די פּאָדערונג פון דער אַפּטרופּסות. כדי צו האָבן אַ צייגעניש, אַז זי איז געווען מעטיק אין אַ פירמע. זי איז געווען לפּנים אַ פאַרקויפערין ביי טיצן, בסוד אָבער איז זי געוואָרן אַ טענצערין, אַ כאָריסטקע. דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געזאָגט „גירל".

דאָס אַלץ האָב איך זיך דערוואוסט פון מאַרקן.
העני פלעגט פון צייט צו צייט צו אונז קומען.

זי פלעגט נישט קומען גערן. זי פלעגט זיך אַרומקוקן אַרום און אַרום, פונקט ווי די מוטער וואָלט נאָך געווען אין שטוב און אַכטונג געגעבן, ווי איר מיידל פירט זיך אויף. זי פלעגט מיך אין דער גיך אַ קוש טון און זיך איילן אַוועקצוגיין. און איך... איך בין געווען שעמעוודיקער פאַר איר...

מאַרק האָט גערן ביי מיר געוואוינט. ער איז נאָך געגאַנגען אין שולע. ער איז געווען פויל און אָפּגעשטאַנען. ער האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעדרייט מיט מיידלעך און זיי נאָכגעלאָפן. ער איז אָבער דערביי נאָך געווען אַ קינד, אין פרעכער בלאָנדער אומשולד. ער פלעגט נאָך מיטן זעלבן אינטערעס לאָזן אין דער לופטן פּאַפּירענע „שלאַנגען", ווי גיין ביינאַכט אויף אַ ראַנדקע אין הומבאָלטהיין מיט אַן עמי אָדער טרודכען און מיט זיי זיצן, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן אַזוי צערטלעך אויף דער באַנק.

מ'האָט אים געמוזט ליב האָבן, דאָס דאָזיקע וואוילע יאַטל. ער איז געווען זייער אַ סימפּאַטיש יינגל און ער האָט מיר נישט פאַרשאַפט פיל דאגות און מורא, ווי העני

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר זיין צוקונפט האָב איך נישט וואָס מורא צו האָבן. און דאָך האָט ער זיך אויך אויסגעגליטשט און איז אַראָפּ פונעם דרך הישר.

אינעם דאָזיקן זעלבן הארבסט האָב איך זיך ווידער דערמאָנט אין מיין קונץ נאָכצומאַכן, — אָן מיינע אַרטיסטישע פּעאיקייטן, ווען וועלכע כ'האָב שוין געהאַט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן.

ס'איז געווען אַ יאָר נאָכן שליסן דעם שלום, ווען דאָס עלנט און נויט האָבן אָנגעהויבן שנעל און גרויזאַם צו וואַקסן, ווען דאָס געלט איז פון שעה צו שעה אַלץ מער אַנטווערט געוואָרן, ווען מענטשן זענען שרעקלעך פאַרדאָרבן געוואָרן, ווען דער פּראַכטפּולסטער לוקסוס און די ביטערע נויט זענען קיינמאָל נישט געווען אַזעלכע שטאַרקע היפוכים.

אויסלענדער האָבן פאַרפלייצט די שטאָט. זנות-הייזער זענען אַנטשטאַנען אין די מויערן פונעם קורפירשטענדאַם, ווי אין דער ברונעמשטראַסע. ס'איז געקומען אַ צייט, ווען מענטשן (פרויען געמיינט) האָבן געקאָנט פאַרדינען מיט זייער קערפּער דאָלאַרן און פונטן.

די יוגנט פון אונזער געגנט האָט זיך אַ צי געטון אין די פעלדער פון וועסטן, אין הונדערט ניי-געעפנטע לאָקאַלן, אין אונטערערדישע שאַנדהייזער און באַרשטובן.

מיידלעך פון אונזער גאַס האָבן זיך באַזעצט אין די אויפגעעפנטע וואוינונגען פון ״יענטשן, וואָס זענען קורץ פאַר דעם געווען רייך און איצט זיך געפונען אין קלעם פון נויט, שול-חברים מיינע זענען איצט, אין ענגע מאַנטלען, מיט מאַניקירטע הענט, געפּודערט, — אַרומגעפאָרן אין לוקסוסרייכע אַמעריקאַנישע אויטאָס.

מוטערס האָבן אָנגעהויבן אָפּצושאַצן זייערע קינדער. נישט געוואוסט ביז דאַן, וואָס פאַר אַן אוצרות זיי פאַרמאָגן.

מיר אָבער האָבן געהונגערט...

כדי צו באַקומען איין הערינג, האָבן פאַרוואָרלאָזטע פרויען זיך געשטופּט און זענען אָפּגעשטאַנען שעהנלאַנג פאַר די האַלבלײדיקע קראָמען.

ס'איז געקומען א צייט, ווען אלע האבן געבעטן נדבות ביי אלעמען.

די שנאָרערס פלעגן זיך אוועקלאָזן אין וועסטן און דאָרט געגישטערט אין די מיסטקאסטנס, — אפשר וועלן זיי דאָרט גע-פינען אפפאל עפּיס, וואָס מ'קען עסן. מ'פלעגט באקומען קאַרטן פון לעבנסמיטל און די קאַרטן נישט איינלייזן. קינסטלעבער האָניק איז געווען א מתנה פון הימל און א שטיקעלע ציגנוואורשט איז ווערט געווען א יאָר לעבן.

כ'בין אין א זונטיק מיטאג ביי נינא פאלק. מיר האָבן דאָרט געגעסן צו זעט. כ'האָב מיט א האַרצקלאַפעניש פון יראת הכבוד אריינגעקוקט אין סטעפאנס ביכער. ער האָט געשפּילט אויפן פידל. ער האָט שוין געשפּילט, ווי א קינסטלער, און ער האָט מיר געוויזן די נאָטן-בלעטער, וועלכע ער האָט מיט זיין האַנט געשריבן, סימ-פאָניע-זאַצן, וואָס איז אוממעגלעך זיי אויסצופירן, א ליד, מיט דילקעשן טעקסט. כ'בין אוועקגעפאָרן, כדי אין דער היים נאָך פיל צו דערליידיקן — כ'האָב דאָך אליין באזאָרגט די וואוינונג און אנזער אפּראָוויזאציע — פרי נאָכמיטאָג אהיים.

כ'האָב באקומען א קליינעם געהאלט אין דער פאבריק, טראָץ דעם, וואָס איך בין נאָך געווען אן אנפאנגער. אין דער הינזיכט האָט מיר פרוי נינא א טובה געטון. פון איר האָט אויך מארק באקומען אן אזוי-גערופענעם טאשן-געלט — זי האָט געוואוסט, אז איך וואָלט עס נישט גענומען, מ'האָט עס מיר אָבער אויסגעצאָלט.

מארק פלעגט אָפט ברענגען געלט אהיים, כ'האָב קיינמאָל נישט באמערקט, אז ער האָט דאָ און דאָרטן געטראָגן געפּעק אויף די באנהויפן און אזוי אַרום פאַרדינט געלט. ער פלעגט אויך פאַר-קויפן זאפאלקעס, אן אויטאָמאָביל געעפנט און דערפאר באקומען א מתנת יד, געהאָלפן די אַרבעטער אין דער צענטראלמארקהאלע. ער איז געווען דיקער פאַר מיר און קרעפטיק; ער האָט אויך אויס-געזען עלטער פאַר מיר.

אזוי האָבן מיר זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגן. איך בין נישט שטענדיק געווען זאַט — כ'האָב אָבער דעמאָלט אלץ, וואָס כ'האָב דעמאָלט אָנגעוואָרן, שפּעטער אָפּגענומען.

ווען איך בין אַט דעם זונטיק נאָכמיטאָג צוריקגעקומען אַהיים, איז אונזער הויף געווען פול פון קינדער. זיי האָבן זיך אָבער נישט געשפּילט. זיי זענען געזעסן אַרום און אַרום און געשטאַנען. די גרעסערע מיידלעך האָבן געהאַלטן זייערע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך אויפן שויס. די יונגען האָבן זיך, ווי קעלבער, געריבן אַרום די ווענט. וואָס זשע איז דאָ געשען אַזוינס?

דער טישלער האָט אין זיין קעלער אוועקגעזעצט אין פענצטער אַלע זיינע פינף קינדער, וועלכע האָבן, אונטער אַן אַלגעמיינער קנאה, אַרומגעביסן אַ בוראַק.

כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין מענטשן, וואָס זאָל זיך פילן אַזוי טריסטלאָז, ווי ס'האָבן זיך געפילט די, וואָס האָבן מיט אַזאַ שטאַרקער קנאה געקוקט אויף יענע „גליקלעכע" פינף קינדערלעך. אויך מארק האָט זיך געפונען צווישן די, וואָס האָבן מיט אַזאַ קנאה געקוקט צום טישלערס פענצטער.

אינעם דאָזיקן וואַרעמלעכן כמורנעם טאָג האָט אויסגעזען, אַז דער יאוש האָט מיט אַ באַזונדערער קראַפט געדריקט די שטאָט. מענטשן זענען געלעגן אין זייערע פענצטער. קיינער האָט נישט גערעדט, זיי האָבן געקוקט אויפמערקזאַם און שטום.

מיך אָבער האָט די אַלגעמיינע פאַרצווייפלונג נישט אָנגעשטעקט. אויף מיר האָט זי נישט געהאַט קיין שליטה.

מיך האָט דאַן גאָר געפּאַקט אַ חשק און ווילן צו העלפן אַנדערע; איין באַגער: מאַכן צו ל א כ ן די פאַרמרה-שחורהטע, ברענגען זיי דורך מיין קונסט, צו אַזאַ אינערלעכן מצב, אַז זיי זאָלן אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זייערע צרות און זאָלן ווערן לוסטיק און לעבעדיק. און אין דער זעלבער רגע זענען מיר איינגעפאַלן אין קאָפּ, מיט וואָס, מיט וועלכע קונצשטיק, איך קען לוסטיק מאַכן די מענטשן.

כ'האָב אַ רוף געטון די קינדער, וואָס זענען געשטאַנען אין הויף.

דער הויכער רוף אַליין איז שוין געווען גענוג, זיי אויפצוועקן פון זייער לעטאַרגיע. כ'בין איבער זיי געקומען, ווי דאָס לעבן.

— זאָל איך מיט אייך שפּילן, קינדער? — האָב איך זיי געפרעגט — אייך עפּיס נאָכמאַכן? טעאַטער? קינאָ?

פיל פון די קינדער זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אין קינאָ. אָבער איך — שוין אַ פּאָר מאָל. מיט הענין און מאַרקן. אין דער מינצשטראַסע — אַליין, וואו איך האָב פאַרן אייגנטימער געטראָגן פילמראָלן פון איין קינאָ אינעם אַנדערן. כ׳האָב אייך אפשר, מיינט איר, דערציילט אַלץ, וואָס איך האָב אין יענעם יאָר געטון, מיט וואָס איך האָב זיך באַשעפטיקט און וואָס פאַר אַ מלאכות נישט אויספּרובירט? נישט פאַראַן, קען איך זאָגן, קיין איין זאַך, וואָס אַ ייִנגל קען טון, און איך זאָל עס נישט האָבן טאַקע געטון. כ׳האָב, למשל, איין מאַן, וועלכער האָט אויף אַ וואָגן אַרומגעפירט בלומען, געהאָלפן שלעפּן דעם וואָגן און אַן עמער מיט ערד אַרויפגעטראָגן אויף די עטאַזשן, אויף וועלכע מ׳האָט אונז אַרויפגערופן. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט. איך האָב אין די גאָרטנס פון פּאַנקאָוו געריסן מיסטגראָז און פונאַנדערגעטיילט צעטלען, אין וועלכע ס׳איז געשטאַנען: „פּריוואַטע מיטאָגן. ווינער קיך. פיר גענגע ביליקער און נאַרהאַפטער, ווי אין יעדן רעסטאָראַן, אויך פּאַנסיאָן״.

אויפן רומעלפּלאַץ, ווידער, אין דער שטראַמשטראַסע, האָב איך געדרייט אַ קאַרוסעל אָנשטאָט פערד. און אין די קרינגלאַזאַרעטן האָב איך צוגעהאָלפן די סאַניטאַרן און פלעגערינס, וועלכע פלעגן מיר דערפאַר עפּעס געבן, — צו ריייניקן די נאַכט-טעפּ און געפעס.

כ׳האָב קיינמאָל נישט נייטיק געהאַט דאָס צו טון און צו נעמען זיך צו אַזעלכע באַשעפטיקונגען; איך וואָלט שטענדיק באַקומען פון די פאַלקס, וואָס איך האָב נייטיק געהאַט. כ׳האָב דאָס אָבער נישט געוואָלט. נישט געוואָלט עסן קיין נישט-פאַרדינט ברויט.

און אויך איצט, אַרבעטנדיק אין דער בוכהאַלטונג פון דער פּאַפּירפאַבריק, האָב איך פייעראָוונט געזוכט אַ פאַרדינסט און געפונען פאַרשידענע באַשעפטיקונגען. כ׳האָב אָבער איצט שוין נישט געהאַט פיל פרייע צייט. איך האָב באַזוכט אַ פאַכשולע, כ׳האָב געלערנט האַנדלסגעאָגראַפיע, סטענאָגראַפיע, שרייבן אויף דער מאַשין. פראַנצויזיש און ענגליש האָב איך נישקשה געקאָנט. שלאָפן פלעג איך זיבן שעה אין מעת-לעת. און די זיבן שעה פלעג איך אָפּ-

שלאָפן גוט און שטאַרק, אָן חלומות. כ׳פלעג נאָר מוזן אויפהערן צו דענקען וועגן מיין מוטער, אין וועמענס בעט איך בין געלעגן...

ווען כ׳האָב נאָר אַ רוף געטון די קינדער, איז זייער קנאה באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַגייסטערונג. זייערע פּנימלעך האָבן אָנגעהויבן שיינען. זיי האָבן אַלע באַלד זיך אָפּגערופן און אויסגעדריקט זייער הייסן וואונש, איך זאָל זיי ווייזן מיין קונץ נאָכצומאַכן.

און איך האָב זיך נישט געלאָזט בעטן. כ׳האָב אָנגעהויבן.

צוערשט האָב איך פאָרגעשטעלט אַן אָפיציר, ווי ער איז געקומען אין קריג, קאַמפּסלוסטיק, וועלטבאַזיצער, דערהאַבן ביז גאָר. דערנאָך איז אויפגעשוואומען אַ רעקרוט און ער האָט באַגריסט די נאַטשאַלסטוואָ נישט לויט אַלע מיליטערישע כללים. באַלד האָב איך אָנגעהויבן שפּילן אַ דועט. איך בין געווען לייטענאַנט, איך בין געווען מילער 3. כ׳בין געווען אַ ייִנגל, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געגאַפט, דעם פינגער אין מויל. דערנאָך האָב איך געשפּילט די ראָל פון אַ גאַסנמוזיקער, וואָס גייט אַרום איבער די הויפן מיט אַ האַרפע. כ׳האָב נאָכגעמאַכט זיין הולך, זיין שפּילן און ווי ער וואַרפט אַרויף די אויגן צום פענצטער, וואַרטנדיק, מ׳זאָל אים פון דאָרט אַראָפּוואַרפן אַ פּאָר מטבעות. דערנאָך האָב איך נאָכגעמאַכט אַ שיכור, אַן אַלטן זולל-וסובאַניק, אַ דבר-אחר לגבי זיין ווייב. כ׳האָב נאָכגעמאַכט זיין פרוי, בעת זי איז אים מקבל פּנים אין אַזאַ צושטאַנד, מיט זלזולים און שטעכווערטער און גלייכצייטיק מיט אַ ווייטיק אין האַרצן. כ׳האָב אויך נאָכגעמאַכט דאָס קינד, וואָס איז געשטאַנען הינטער איר באַהאַלטן.

אַלע האָבן מיך פאַרשטאַנען. האָבן אַביסל מורא געהאַט, האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער אין קאָמישע סיטואַציעס, זיי האָבן אויסגעשריגן: הוּן!

כ׳האָב נישט געהאַט קיין שום רעקוויזיט, בלויז מיין געזיכט און מאָגערן גוף...

כ׳האָב פאַר קיין זאַך נישט געהאַט קיין דרך-ארץ. מיין ערגייץ האָט גאָרנישט געשאַנעוועט, פאַר אים איז קיין זאַך נישט הייליק. אָט בין איך געוואָרן אַ קריגס-בלינדער, און אָט בין איך

געוואָרן אַ קאַליקע אָן פיס, אַ מענטש, וואָס טרייסלט זיך כסדר. איך בין געווען — אַ הייליקע גערעבעניש — אַ וועשערין ביי דער באַליע און איך בין געשטאַנען, ווי יעדעס קינד אין דאָזיקן הויף האָט שוין געזען שטאַרבן. דער פאָטער אין דעליריום*), די מוטער — פון אַ קרעבס. כ'האָב געשפּילט אַ גאַסנפרוי, ווי זי לאָקט אָן די מענער, און אויך געשפּילט די ראָל פון אַן אַלפאָנס, וועלכער שטייט אויפן עק גאַס און קוקט זיך צו, ווי אַזוי די פרוי „כאַפּט העכטן". כ'האָב אויך געשפּילט אַ פּאָליציאַנט און אַ גנב.

כ'האָב מיך געריסן אין די הימלען פון קונסט. כ'האָב אין מיין שפּיל אַריינגעלייגט מיין גאַנצע נשמה. כ'בין געווען טיף אין שפּיל, ווי מיין פּובליקום אין צוקוקן זיך צו מיין שפּיל. אין די פענצטער האָבן אַריינגעקוקט מענטשן מיט אָפּגעלעבטע שטראַלנדיקע פּנימער. זיי האָבן געפּאַטשט בראַוואָ און אין הויכע באַגייסטערטע אויס־רופן געלויבט מיין שפּילן.

גאָט אין הימל, אין וואָס פאַר אַ פייער איך בין דעמאָלט געווען! אין מיין נשמה האָבן אויפגעשאָסן אידייען, שווער געווען אויסצוהאַלטן דעם אינערלעכן אויפברויז. גאַנצע סצענעס האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט אין מיין דמיון... בילד אויף בילד, דראַמען פון אַ יחיד, מאָנאָלאָגן אין אַ שטומער אַקציע פון פריער.

כ'האָב זיך דורכגערעדט, אין אַ פרייוויליקער פויזע, מיטן טישלער אין קעלערפענצטער, וועלכער האָט, אַ העכסט אַנט־ציקטער, זיך אויך צוגעקוקט צו מיין שפּיל. כ'האָב פון אים באַקו־מען אַ מתנה אַ זאַק מיט זעגשפּענער.

דערנאָך האָב איך געשפּילט אַ קליינע קאָמישע טראַגעדיע.

דאָס איז געווען אַן אין פלוג איינגעפאַלענער געדאַנק, אַ צו־פעליקער איינפאַל. כ'האָב געשפּילט פאַר אַ פּאַרקעט פון פאַר־הונגערטע פּראָלעטאַרישע קינדער, אונטער אַ גאַלעריע פון מאַראַליש־אומגעקומענע פרויען, פון מענער־שיכורים, קראַנקע מו־טערס — די געשיכטע פון אַן אָרימען יונג, דעם שלימזלניק, וועלכער האָט, צו וואָס ער זאָל זיך נישט האָבן גענומען, אומעטום

*) פאַלן פון כראָנישע שכרות, אין „ווייסן היץ".

געהאט מפּלות. ער איז שוין צו קאָמיש, און מוז מחמת דעם אימעטום האָבן אַ דורכפאַל אין זיינע אונטערנעמונגען. ער געווינט די וועלט און זי צערינט אים אונטער די הענט.

איצט, אַלזאָ, בין איך געווען אַן אָרימער בחור און געבעטן נדבות אין מיל. און איך האָב דאָ געזען: דער גוטער מילנער שענקט מיר אַ זאַק מעל. אָבער דאָ קומט אַ צולהכעיסניק, אַ נישט קיין פאַרגינער און טוט מיר אָפּ אַ שפּיצל: ער שניידט אויס אַ לאָך אין זאַק. ווייל — אַזוי האָב איך 'עם אויפגעקלערט מיין פלייסיק און צוהערנדיקן עולם — ווייל דער אָרימער בחור, וואָס האָט באַקומען אַלס מתנה דעם זאַק מעל, ליבט דאָס זעלבע מיידל, וואָס דער מילנער-בחור, און זי וויל פאַר אים חתונה האָבן, בתנאי, אַז ער זאָל האָבן מעל אויף צו באַקן ברויט. אַלזאָ האָט עס דער מילנער-בחור געשטערט דעם אָרימען בחור...

כ'האָב אַרויפגעוואָרפן מיין זאַק אויף די אַקסלען און זיך אָפּגעטראָגן. אַ וויטער וועג...

כ'האָב דעם זאַק געטראָגן שווער, מיט גרויס אָנשטרענגונג... שווער צו טראָגן אַזאַ משא... אָט, אָט פאַל איך אום אונטער דער שווערער לאַסט. כ'באַגיס זיך מיט שוויים. איך בעט גאָט דעם ליבן, ער זאָל זיך איבער מיר דערבאַרעמען און מיר געבן כחות, כ'זאָל קענען דערטראָגן די משא. איך בענק אָן מיין מיידל... און זע... ס'איז געשען ממש אַ נס: די לאַסט איז געוואָרן לייכטער. לייכט און אַלץ לייכטער ווערט זי. איך גיי שוין ווייטער אונטער איר, ווי איך וואָלט געטראָגן אויף די אַקסלען נישט קיין זאַק מעל, נאָר אַ ליידיקן זאַק. איך גיי מיר שטאָלץ. ווי פליגל איז איצט דער זאַק אויף מיינע פּלייצעס... אָך, כ'האָב נישט געהאַט קיין אָנונג, אַז דורכן לאָך, וואָס מיין קאָנקורענט האָט געמאַכט אין זאַק, שיט זיך דאָס מעל און שיט זיך, אַז דער זאַק ווערט אַלץ ליידיקער און ליידיקער, אַז די משא ווערט מיר לייכטער, מחמת זי איז שוין מער נאָרנישט קיין משא, אַז דער לייכטער פליגל אויף דער גליקלעכער פּלייצע איז דער ליידיקער זאַק...

אָבער אָט בין איך שוין ביי איר, דער הויס-געליבטער... איך טו אַ פאַל פאַר איר אויף די קני. איך דערקלער זיך אין ליבע און

צוזאמען מיט מיין היים הארץ, פול מיט ליבע צו איר, לייג איך איר פאר און „גיב איר אריין אין נדן" דעם זאק מיט מעל, ברויט און אונזער צוקונפט.

נאר דא צעלאכט זיך דאס מיידל.

זי לאכט מיך אויס. כ'הייב נישט אן צו פארשטיין, וואס דא קומט פאר. איך טו א פאל איבערן זאק... קיין מעל, קיין ברויט, קיין צוקונפט, קיין כאטע...

און בעת זי לאכט אזוי און גייט אוועק מיטן מילנער-בחור, זיץ איך אויפן זאק און וויין... און אלע, וואס קוקן זיך צו מיר, זעען מיינע טרערן. זיי פליסן באמת.

און פרויען אין די פענצטער, וועלכע האבן נאר-וואס איבער מיר נאך געלאכט, וויינען מיט מיר. קליינע מיידלעך, וואס האבן אויס פארגעניגן פון מיין תמעוואטעקייט און פשטות אקארשט נאך געשריגן, שלוכצן איצט מיט מיר איבערן תמם ביטערן גורל... מיט-אמאל איז מיין צער געווארן אלעמענס צער: מ'האט אונז וועגן ברויט, גליק און לעבן אפגענארט און געפירט אין באד אריין...

אבער ווי אזוי זאל א מענטש זיך לאזן אזוי ארייננארן אין זאק אריין? מוז אפשר יעדער בטחון זיך ענדיקן מיט אזא אנטוישונג?

כ'האב זיך אויפגעהויבן. כ'האב די זאך נישט אויפגעגעבן און מיין פאנטאזיע און קונץ האבן מיך אראפגעבראכט אין א לאנד פון גאלדגרובנס... צו פוס בין איך אהין אנגעקומען... א ווייטער וועג, אן א סוף, איז דאס געווען. מיינע שיך זענען פון דורכגיין אזא ווייטן מהלך אינגאנצן אויסגעריבן געווארן און האבן שוין נישט געטויגט צו גארנישט. כ'האב געמוזט וואנדערן ווייטער בארוועס. די זון האט מיר פארברענט דאס רעקל אין שטיקלעך. דאס רעקל איז פון מיר אראפגעפאלן, ווי שטיקלעך שמאטעס, די הויזן האבן געפלאצט אין די נאטן, זענען זיך צעקראכן... צום סוף בין איך גע-לאפן, געברענט און געפרעגלט פון דער גליענדיקער זון, איבער מדבריות, וועלדער, טייכן און בין ענדלעך, ווען ביי מיר איז שוין געהאט אויסגעוואקסן א באָרד און די האר זענען מיר גע-האנגען איבער די אקסלען, אין לאנד, וואו ס'געפינען זיך די גאלד-גרובנס. די מענטשן פון דארט זענען אבער נישט געווען קיין גאסט-

פריינדלעכע. זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן ביי זיך קיין צוואוקס פון דער באַפעלקערונג און האָבן דעם אָנגעקומענעם אהין ארויס־געיאָגט פון זייער לאַנד.

ווייטער האָב איך פאַרגעשטעלט, ווי אַ ריזיקער יונג האָט מיך אוועקגעשטעלט לעם זיך. כ׳האָב שטייענדיק לעם אים, אויסגעזען, ווי אַ מויז פאַר אַן עלעפאַנט: איין טריט — און פון מיר בלייבט נישט קיין זכר... דאָס טוט טאַקע דער ריזיקער חברהמאַן. ער הייבט פוס און פויסט און איך טו אַזאַ פאַל, אַז ס׳איז שוין נאָך מיר. ער האַקט מיך, טרעט מיך מיט די פיס אין דער ערד אריין — טיף, וויפיל עס לאָזט זיך נאָר.

ס׳האָט זיך אָבער מער נישט געלאָזן מיך איינגראָבן אין דער ערד.

גראָד האָט נאָך געטאָרטשעט אַ בינטל האָר אויף מיין קאָפּ, ווי אַ קזשאַקל גראָז איבערן פעלד. און ווען כ׳האָב זיך געוואָלט, אין פחד, ארויסרוקן און ארויסבאַקומען פון מיין לאָך, האָב איך זיך אומגעקוקט אַרום און אַרום און דערזען, אַז איך געפין זיך איינער אַליין אין אַ פאַרלאָזענעם, אויסגעשעפּטן פעלד, וואו ס׳זענען אמאָל געווען גאָלדגרובן...

איך בין געקראָכן פאַראויס, ווי אַ דערשלאָגענער און צעטראָ־טענער וואָרים — און דאָ מאַך איך אַן איבערראַשנדיקע אַנטדעקונג, דאָס, וואָס האָט מיך אויפגעהאַלטן אין דער ערד און געשטערט דעם ריז מיך נאָך טיפער אַריינגראָבן, איז געווען אַ שטיין. ס׳הייסט, עס האָט נאָר אויסגעזען ווי אַ שטיין, אין דער אמתן אָבער איז דאָס געווען אַ קלומעקל גאָלדן...

ער גלאַנצט ארויף, און איך גריפּל זיך אין דעם, כ׳גראָב עס אויס, קייקל דאָס פּעקל אין שיין פון דער זון... קלאָר ווי דער טאָג — אַן אומגעהייער פּעקל גאָלד איז דאָס. כ׳קען פאַר דעם קויפן די גאַנצע וועלטן...

אָ, געבענטשטער טריט, וואָס איך האָב געמאַכטן אָ, גע־בענטשטע יסורים, וואָס איך האָב דאָ געהאַטן כדאַי געווען צו ליידן פיל מער, כדי אַזעלכעס צו געפינען און אַזוי באַלוינט ווערן פאַר די ליידן. די דאָזיקע טייערע מציאה וועט דאָך מיך גליקלעך

מאכן אויף אייביק. איצט קען איך דעם בחור פון מיל אפזוכן און מיט אים זיך אפרעכענען, ווי ס׳געהער צו זיין. איצט קען איך געווינען די כלה.

ברויט? וואס מיר ברויטן וויין און פאזאן קען איך מיר איצט דערלויבן איר פארצולייגן און מיר וועלן שוין זען, אויב זי וועט קענען ביישטיין דעם נסיון פון אזעלכע טייערע און געגארטע זאכן. א כאטע? ניין, א פאלאץ מיט א פארק און דינער קען איך איר איצט שענקען.

און מיין פאנטאזיע האט מיר בולט געמאלט אלע גרויסע גליקן, וואס דאס שטיק גאלד וועט מיר ברענגען.

און איך האב מיך אוועקגעזעצט אויף מיין קלומעקל גאלד און געמוזט ווידער וויינען...

יא, אלץ וואויל און גוט, אבער ווי אזוי וועל איך קענען איבער-בעקלען אהיים דאס קלומעקל גאלד? וואס וועט זיין, ווען מ׳וועט דעם אוצר ביי מיר אנטדעקן? כ׳בין דאך אזוי קליין און שוואך...

א הערלעכע המצאהן כ׳האב דאס קלומעקל צוגעבונדן צו די פלייצעס, אויף דעם אנגעטון א סוועטער, וועלכן כ׳האב געפונען אין דער פארלאזענער באלופקע אויפן פעלד און זיך אומגעקערט צוריק אהיים — אלס מענטש מיט א הויקער...

כ׳האב אפגעשלאגן א פאר שפליטער פונעם גאלד, כדי נישט צו ליידן קיין נויט און האבן פארוואס צו קויפן די נויטיקע לעבנס-מיטל — ביז כ׳וועל זיך צוריקקערן אהיים, — און באטראטן דעם געבענטשטן וועג.

אהיים אלס מיליאנערן...

אך, ווי שווער גאלד איז, ווי עס שווער עס טראגט זיך דאס גליקן ווי הארט די וועלט איזן

מיינע פלייצעס זענען באדעקט געווארן מיט וואונדן, אבער איך האב אויף קיין רגע, נישט ביי טאג און נישט ביינאכט, זיך נישט געשיידט מיט מיין גאלד.

ענדלעך בין איך געקומען אין א קרעטשמע. כ׳האב דארט געטרונקען, געגעסן און באצאלט מיט גאלדשפליטערן.

און דאָ זענען די מענער, וואָס זענען געזעסן ביי די טיש און געטרונקען, געוואָרן אויפמערקזאַם אויפן מענטש מיטן הויקער.

מ׳האָט מיך איינגעלאַדן צו אַ געזעמל מענער, וואָס זענען געזעסן ביים טיש און געטרונקען, איך זאָל מיט זיי טרינקען „בציבור״. איינער פון זיי האָט מיר, מעשה אייגענער מענטש, געקלאַפּט איבערן הויקער... דער דאָזיקער מענטש האָט זיך איבערגעוואונקען מיט די אַנדערע. מ׳האָט מיך מכבד געווען מיט בראָנפן, אָבער אַ פּיל שטאַרקערן, ווי דער, וואָס איך האָב דאָ נאָר-וואָס געטרונקען. כ׳בין געוואָרן לוסטיק און לעבעדיק, אויסגעלאַסן און פאַרשייט. כ׳האָב באַקומען לשון... כ׳האָב די אומבאַקאַנטע מענטשן דערציילט פון מיין מיידל. כ׳האָב געטאַנצט. כ׳בין געוואָרן שטאַרק שיכור און אַרונטערגעפאַלן אונטערן טיש.

און דאַן, ווען כ׳בין געלעגן אין טיפן רויש, האָבן זיי ביי מיר געמאַכט אַ „פּערזענלעכע רעוויזיע״. זיי האָבן זיך געגריבלט אין מיינע טאַשן, אויפגעהויבן דעם סוועטער, פאַררוקנדיק אים איבערן קלומעקל, און געפונען דאָס געלד. זיי האָבן עס מיר אָפּגעבונדן און אַנשטאָט דעם געלד, מיר צוגעבונדן אַ קלומעקל מיט אַ שטיין. דערנאָך האָבן זיי מיך אַוועקגעלייגט אין גראָבן ביים וועג, און דאָ האָב איך ערשט אויפן צווייטן טאָג זיך אויפגעכאַפּט פון טיפן שלאָף... כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, ווי איך קום אַהער. כ׳האָב דעם גאַנצן אָוונט פאַרגעסן, אַז כ׳האָב געפרעסן און דערעיקרשט, גע- זויפן. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן מיין אוצר... יאָ, ער איז דאָ. כ׳פיל אים אויף די פּלייצעס. און איך האָב זיך ראַפּטום אַ הויב אויף גע- טון. אָ, איך פיל זיך ווי צעשלאָגן, דער קאָפּ האָט מיר גע- שווינדלט: דאָס געלד האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין נאָך שווערער, ווי ס׳איז געווען פריער...

דאָס מאָל — האָב איך זיך געטראַכט — וועט שוין נישט זיין ווי מיטן זאַק מעל, דאָס מאָל וועל איך שוין צו איר קומען נישט קיין אָפּגענאַרטער און שיקאַנירטער...

כ׳האָב דערגרייכט דאָס שטעטל, וואו די אויסדערוויילטע פון מיין האַרצן האָט געוואוינט. כ׳בין אַוועק צום פריזירער און זיך

געלאָזט אָפּשערן און אָפּגאָלן. כ'האָב זיך געמאַכט שיין און זיך געלאָזט גיין אָפּזוכן די געליבטע מיינע.

אָ, זי האָט שוין חתונה געהאַט פאַר יענעם בחור, וואָס האָט מיר אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל מיטן זאַק מעל, און האָט געוואוינט אין דער ווינטמיל.

כ'האָב זי דערזען, ווי זי האָט זיך דערשראָקן פאַר מיין הויקער און געלאַכט פון מיר. דאַן האָב איך אַרויפגעשריגן צו איר אין פענצטער: גאָלדן...

דאָס איז דאָך מעכטיקער, ווי ליבע, ווי פליכט, טרייקייט און ערע... און אָט דאָס מאַגיש וואָרט האָט אויף איר געווירקט...

הכלל, זי האָט פאַרלאָזן דעם מאַן, דאָס קינד. זי איז געקומען צו לויפן צו מיר און מיך אַ נעם געמון פאַר דער האַנט...

ניין, קיין קושן ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט דערצון

מיר זענען אַוועק פון דאַנען ווייט, ווייטן דורכן זיבערן וואַלד, צו אַ באַנסטאַציע, און פון דאָרט — אין דער שיינער, ברייטער וועלט אַריין. אַך, זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד וויי- טער צו וואַרטן. זי האָט זיך שוין געמוזט זען מיטן גאָלד. זי האָט געטאַפּט מיין כלומרשט גאָלדענעם הויקער, זי האָט אים אַרומגע- נומען און אים, דעם הויקער, האָט זי געקושט איך האָב פאַר איר געטראָגן די וועלט אויף בלוטנדיקן רוקן. דער רוקן מיינער האָט ווירקלעך געבלוטעט. פון דאָרט האָט געטראָפּט מיין בלוט, באַ- פאַרבנדיק רויט מיין סוויטער.

זי האָט זיך נישט גענומען קיין צייט אויסצוטרוקענען דעם סוויטער, זי האָט אָבער געהאַט צייט צו זען דאָס גאָלד.

כ'האָב אויסגעטון דעם סוויטער, זיך אומגעדרייט און איר געוויזן דאָס גאָלד...

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון אַנטוישונג. זי האָט מיך, אין כעס ווערנדיק, ווי אַ גזלן, מיך געטראָטן אין רוקן, מיר גע- שפּיגן אין פּנים אַריין, מיך געשאָלטן.

כ'בין געפאַלן, דאָס קלומערשט גאָלד האָט זיך אַריבערגעקייקלט איבער מיין קאָפּ, ס'האָט זיך געקייקלט ווייטער אין גרובן אַריין, כ'האָב דאָס קלומעקל אַ כאַפּ געטון מיט די הענט — און מיר איז

פינצטער געוואָרן אין די אויגן: אָנשטאָט גאָלד, איז דאָרט געווען א שטיין... א געמיינער שטיין...

זי האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק — אין מיל אריין. — זי האָט זיך אומגעדרייט צו מיר, מיר געדראָט און מיך געזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט. זי האָט מיר געוואונשען דעם גיהנום אין האלז...

אָ, שטיין כ׳בין געזעסן אויף אים, וועלכער האָט מיך אזוי אָפּגענאַרט, אָך, נאָט אייך א שמעק טאַבאַק פאַר מיין גליק. מיין קורץ גליק איז זיך צעגאַנגען, ווי א רויך און פון אים איז אפילו קיין זכר נישט געבליבן. אזא שלימזלניק בין איך שוין. פאַרפאַלן... איצט ווייס איך שוין נישט מער און קוק אריין אין אָפּגרונט פון מיין לעבן און זע, וואָס פאַר א לא יוצלח איך בין...

דאָס האָב איך געשפּילט פאַר מיין ערשטן פובליקום. כ׳האָב נישט געהאַט קיין רעקוויזיט, קיין פּאַרטנער. כ׳האָב אָבער א כאָפּ געטון דעם און יענעם פונעם עולם און זיי געזאָגט, ווי זיי דאַרפן זיך שטעלן און אויסזען, און זיי זענען דערויף שנעל איינגעגאַנגען, נאַטירלעך און נישט פאַרבילדעט, — אזוי ווי זיי זענען. אלע, וועלכע איך האָב גענומען אלס פּאַרטנערן, האָבן באַלד פאַרשטאַנען זייער ראָל און ווי עס איז מיר ארויסגעהאָלפן.

בכלל האָבן אלע גוט פאַרשטאַנען מיין שפּילן. אפילו די קלענסטע קינדער האָבן פאַרשטאַנען מיינס וואַנדערן, מיינע ליידן און גליק.

כ׳האָב געקאָנט אזוי שפּילן אָן א שיעור אָך, ווען כ׳וואָלט געהאַט רעקוויזיטן, וואָלט איך געשפּילט נאָך פיל בעסער. די המצאות האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערער. אין מיין פאַר־שטעלונג האָבן בילדער זיך געוואָרפן און געפאַלן איינס אויף דאָס אַנדערע. ס׳איז אָבער געוואָרן גאַנץ טונקל און קיל. דער ווינט האָט אויסגעלופּטערט אונזער ענגן הויף. אלע האָבן פאַרגעסן אָן זייער הונגער, האָבן פאַרגעסן, אז מאָרגן איז ווידער א טאָג.

אָ, פאַרשאָלטן לעבן זיי וועלן איצט אלע, כדי נישט אָנ־צוצינדן קיין ליכט, גיין זיך לייגן אויף זייערע שעניקעס, נאָך אלץ לאַכנדיק איבער מיר, דעם דאַזיקן משוגענעם קלאָון, רעדנדיק פון מיר, וועלן זיי איינשלאָפן. אָבער הונגער וועט זיי וועקן פון שלאָף,

די קינדער זייערע וועלן שרייען און מען וועט אַ זייג-קינד פאַר־שטאָפּן דאָס מייל׳עכל מיט אַ שטיק אַלטן ברויטרינד אָדער גאָר מיט אַ פּוסטער גומעשניר׳ל.

— ער האָט עס געמאַכט גרויסאַרטיק — האָט דער יונגער עולם אויסגעדרוקט זיין צופרידנהייט מיט מיין שפּיל — אָ, האָט ער שיינע איינפאַלן.

— ער האָט אַ גוט קעפּל — האָט מיך געלויבט אַן אַנדער יאַטל — אַלזאָ מאָרגן ווידער, טעדי, יאָ?

— אַ גרויסן דאַנק דיר, קעניג, — האָט מיר געדריקט די האַנט אַן עלטערער מאַן פון די צושויער — נו, זאָגט אַליין, האָט ווער געדאַכט, אַז אין אים שטעקט אַזעלכעס?

און מאַרק האָט אַראָפּגעשריען פון פענצטער:

— גוט, גרויסאַרטיק, בראַטאַק מיינער, געליבטע מאַלפּע מיינע. דו מוזט זען אַנצוקומען אין טעאַטער!

דער הויף איז געוואָרן פול מיט מענטשן. ס׳האָבן זיך באַוויזן די, וואָס קומען שפּעט אַהיים שלאָפן. נעכטן, שבת, האָבן זיי זיך געלאָזט וואוילגיין אין די קנייפּעס, מאָרגן פרי מוזן זיי גיין צו דער אַרבעט, מוזן זיי, אַלזאָ, באַצייטנס זיך לייגן שלאָפן.

שלאָפמוטער און שלאָפפאָטער האָבן צוגעוואונקען די דאָזיקע מענטשן און הייבן שוין אָן צו דערציילן, וואָס זיי האָבן דאָ פאַר־שפּעטיקט.

— דאָס זאָל איך האָבן געוואוסט, — האָבן זיי זיך אָפּגע־רופן — דאָס וואָלט איך אַ בעלן געווען צו זען.

אַן אַלטער האָט זיך אָפּגערופן:

— יאָ, וואָס דען? אַמוזירט האָט ער אונז און קרייען קרייעט ער נישט?

אַלע זענען געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט און געשוויגן. אָבער איך האָב געלאַכט. כ׳האָב זיך אָפּגערופן אויף זייער אַרט ריידן:

— נעע, דאָ לאַכט מען נישט, דאָס ווייניגסטע קאָסט גאָרנישט.

אַ פרוי האָט געזאָגט:

— זעט נאָר זעט, ווי ער לאָזט זיך בעטן. מ׳וואָלט געקאָנט מיינען — אַן אמתער אַקטיאָר.

— אזוי איז דאָס, פרוי קנורהאַן — האָב איך זיך אָפּגערופן און בין אַריין אין הויז.

*

א יונגער שווינדזוכטיקער בחור האָט אין דער טונקלקייט געפליסטערט:

— טעדי, דאָס איז דאָך געווען וואונדערבאַר שיין. א יישר כח דיר. דאָ ליגט עפּיס דערין.

— יאָ, אָבער גיי שוין שלאָפן, פּאָול.

— כ'קען היינט נישט שלאָפן. כ'האָב נישט קיין פּלאַץ, וואו זיך צו לייגן. מוטער האָט א הער, ביי זיך.

— וויבאַלד אַזוי, קום צו מיר. צו עסן איז ביי מיר אויך עפּיס דאָ.

מאַרק איז געווען א גוט יינגל. ער האָט גענומען פּאָול אין זיין בעט אַריין, כדי איך זאָל קענען אומגעשטערט שלאָפן.

פרוי נינאַ האָט מיר מיטגעגעבן א פּעקל: שמאַלץ, שפּעק, ראַזאָוואַנע ברויט, עפּל. מיר האָבן זיך זאַלבעדריט געמאַכט א שטיקל יום-טוב מיט א סעודהלע.

פאַרוואָס בין איך געווען בלויז אַזוי גליקלעך?...

די ביידע יינגלעך זענען שוין געשלאָפן, אַלע שכנים זענען שוין אויך געשלאָפן. אָבער איך אַליין בין געווען וואַך און פול מיט לוסט און שמאַרץ.

כ'האָב זיך אַרויסגעבויגן פון פענצטער און געקוקט אויף דער זילבערנער, נישט פולער לבנה, וואָס איז געהאַנגען אין קאַלטן הימל. כ'האָב פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז געווען, ביז דער מוטער...

כ'האָב זי געפילט אַזוי נאָענט ביי זיך, כ'האָב דערום זיך געוואָלט אין איר אָנרירן, צו איר רעדן, איר זאָגן:

— א דאַנק דיר, מוטער, איך בין דיין קינד און וואָס איך וועל ווען ס'איז קענען לייסטן, האָב איך דיר עס דערפאַר צו פאַרדאַנקען: דו האָסט עס אין מיר געשאַפן.

כ'בין צוגעגאנגען צו איר בעט, און וועלכן איך בין איצט גע-שלאָפן. כ'האָב זיך געלייגט שלאָפן, שטענדיק, ווי צו איר אין אָרון, אין דער ערד... און כ'בין אריינגעטרעטן אין זיבעצנטן יאָר פון מיין לעבן.

* *
*

איך מוז דערציילן דעם לעצטן אָפּשניט פון מיין לעבן.

בין איך אומגעקומען? בין איך געגאַנגען צום גרונט? בין איך שטאַרק פאַרדאָרבן געוואָרן?

מיין ברודער איז אַ גנב און מיין שוועסטער אַ הור.

זייט מאַרק האָט פאַרלאָזן די טורמע ווייס איך נישט מער פון אים. כ'קען אים נישט געפינען און ווייס נישט, וואו זיין גע-ביין האָט זיך אהינגעטון.

איך רעד אויף דעם אָרט פון הענין, ווייל כ'האָב היינט באַקומען פון איר פון קאַן אַ צערטלעכן בריוו. זי איז איצט אַלט פיר און צוואָנציק יאָר און האָט שוין דאָרט אַן אייגענע ווילע אויפן בולוואַר דע קראָאַזעט און צוויי אויטאָס אין גאַראַזש.

אַזוי זענען זיי... זיי זענען אָבער נישט געווען די מוטערס גייסטיקע קינדער... אַ גייסטיק קינד אירס בין איך נאָר געווען. מיין לעבן איז דיין דענקמאָל, מוטער...

נאָך יענעם אָוונט אין אונזער הויף, וואו כ'האָב „געשפּילט טעאַטער" פאַר אונזערע שכנים, איז די צייט געגאַנגען אַזוי פּאַמע-לעך. די אינפלאַציע האָט אונז ממש אויפגעפרעסן. פון דער שטאָט איז געוואָרן אַ תל. דער עלנט און יאָמער זענען געווען די שרעק-לעכסטע. כ'האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, ווי דאָס פלייש איז אָפּגעפאַלן פון די קינדער. אויף זיי איז געווען אויסגעגאָסן אַ ביטערע קינדערשע הילפלאָזיקייט און צער. זיי זענען געווען זייער טרויעריק און נידערגעשלאָגן, אַז זיי האָבן אינגאַנצן אויפ-געהערט זיך צו שפּילן. דאָס איז זיי איצט נישט געלעגן אין קאָפּ. זיי זענען געוואָרן צו שוואַך צו לוסט.

די מענער זענען געוואָרן ארבעטסלאַז און בעת זיי זענען גע־שטאַנען אין די לאַנגע רייען צו באַקומען אויסגעצאָלט זייער אונטערשטיצונג, האָבן די פרויען געמוזט זיך זאָרגן וועגן ברויט און שמאַלץ, כדי ווי עס איז איבערצולעבן דעם טאָג.

אַלץ איז געגאַנגען קאַפּוט; געוואָרן פאַרוואָרלאָזט און אַזוי אָדער אַנדערש שטאַרק געליטן פון דער ביטערער צייט. די הייזער האָבן פאַרלאָרן זייער פּוץ און ריינקייט, באַלקאָנען האָבן זיך אָפּגעבראָקלט און געקרישלט. די טרעפּ זענען פאַרפוילט געוואָרן. דערביי זענען זיי איינגעפאַלן. שטשורעס האָבן זיך באַזעצט אין די קעלער־שטובן און געפרעסן די שעניקעס, אונטער די, וואָס זענען אויף זיי געשלאָפן. ס׳האָבן זיך שרעקלעך געפּרוכפּערט און געמערט אין די שטובן וואַנצן און אַנדערע אומפלייט, וועלכע האָבן געטרונקען דאָס לעצטע בלוט פון די הונגעריקע. קליידער זענען אָפּגעפאַלן, ווי צונטער. מ׳האָט זיי שוין נישט געקענט פאַרריכטן. טראָגן שיך איז געוואָרן אַ מין לוקסוס־זאַך. ס׳רוב מענטשן האָט נישט געהאַט קיין געלט זיי אַפילו צו באַזוילן. ס׳האָט אויסגעפעלט האָלץ און קוילן פאַר די אָרימעלייט. באַלייכטונגס־מאַטעריאַלן זענען אויך נישט געווען בנימצא (אַלץ פאַר די אָרימעלייט). די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ ביטערע, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן קוילען הינט און קעץ און עסן זייער פלייש... מ׳האָט געגנבעט. מ׳האָט געגנבעט די שטאַכעטן־ברע־טער און סלופּעס פון די בוידעמס און מיט דעם געהייצט די אויוונס. מ׳האָט געגנבעט די טרעפּנטעפּיכער פון די רייכע הייזער, כדי זיך צו קענען מיט עפּיס צודעקן און נישט אויסגיין פון קעלט. מ׳האָט געגנבעט קליאַמקעס און הענטלעך פון טירן און דאָס פאַרקויפט די הענדלער פון אַלטוואַרג.

אומעטום זענען פאַרגעקומען אומרוען. אויף די פּלעצער און גאַסן פּלעגן אויפשווימען רויטע פאָנען. ארום זיי פלעגט זיך צונויפ־זאַמלען אַ גרויסער עולם. ס׳זענען פאָרגעקומען שלאַכטן ביים לוסט־גאָרטן און שלאָספּלאַץ. די פּאָליציי איז אַרומגעפאָרן אין ריזיקע אויטאָס, דאָס געווער אין די הענט, הינטער די רויקע דעמאָנסטראַ־ציעס פון די אויסגעהונגערטע, אויסגעדאַרטע און אויסגעקוועטשטע פּראָלעטאַריער.

כ'האב קיינמאל נישט געהאט קיין צייט זיך צו פארנעמען מיט פאליטיק. כ'בין פון דעם געשטאנען ווייט, בעת די יוגנט איז בלב ונפש געווען אריינגעטון אין די פראבלעמען פון ענדערן די סאציאלע ארדענונג אויף דער וועלט. די באגייסטערטע יונגעלייט און מענטשן שוין אין די מיטעלע יארן פלעגן מארשירן איבערן קורפירשטנדאם, נישט האבנדיק דערביי, אייגנטלעך, קיין פאליטישן ציל. זיי האבן נאר געוואלט זען, ווי אזוי די מענטשן פון דער „אנדערער וועלט", די גבירים, לעבן א גוטן טאג באדן זיך אין תענוגים. און זיי האבן עס געזען...

דארט זענען שוין איצט נישט פארגעקומען קיין בעלער, מ'האט נישט געזען קיין טאנצזאלן, קיין בארן. אויף אלע גאס-עקן זענען געשטאנען שלעפערס און האבן געשעפטשעט וועגן אפיום-לאקאלן, וועגן נאקעטע טענצערינס און פארבאטענע תענוגים. אויטאס האבן א גאנצע נאכט מיט א גערויש זיך געטראגן איבער די גאסן. אויסלענדער האבן געקויפט פרויען, קינדער. פאר איין ענגלישן פונט, פאר איין פאר דאלאר: נאך א נס, וואס איז געווען עפיס נאך צו פארקויפן — די צניעות און וואס האבן זיך געפונען בעלנים, וועלכע האבן געצאלט געלט דערפארן...

מוטערס האבן אפגעשאצט זייערע טעכטער — וויפיל זיי קענען איצט פארדינען מיט זייער קערפער. זקנים האבן זיך דערהאלטן ביים לעבן דורך דער חרפה פון זייערע יונגע זין...

די אלטע גבירים האבן פארלאזט זייערע וואוינונגען און עס זענען אויפגעריכט געווארן און ס'האבן אויפגעבליט געהיימע קארטןקלובן, בארדעלן, מאסאזש-סאלאנען און קליניקן פאר אומפארזיכטיקע פרויען...

א, אונז פלעגט דאס בלוט א שלאג טון אין פנים, ווען מיר האבן דאס אלץ צוגעזען. צי האבן מיר געקענט נישט רויט ווערן פון בושה, זאגט אליין?...

כ'האב אגב געהערט דאן ריידן וועגן ווילדע פלענער און פאנטאזיעס, ווי אזוי איבערצומאכן די וועלט, וועגן אן אויפשטאנד, א וועלט-רעוואלוציע...

יעדן אָוונט פלעגן אין פול-געפּאַקטע זאַלן אַרויסטרעטן רעד-נער, צווישן זיי פרויען. קינדער האָבן באַהערשט דעם פּאַרטייאישן באַליטישן זשאַרגאָן.

אַזוי האָט פּאַר מיר די שטאָט דאַמאָלט אויסגעזען אין מיטן דער וואָך. דערפאַר אָבער האָב איך אַ גאַנצן זונטאָג נישט אָנגעקוקט און מיין נשמה האָט דאַמאָלט געשוועבט אין הימל.

דעם זונטאָגדיקן טאָג פלעג איך פאַרברענגען ביי נינאַ פאַלק און דאָ, אין זייער געמיטלעכער סביבה, איז גאָרנישט געווען צו זען פון די געשעענישן, וואָס זענען דאַמאָלט פאָרגעקומען אין דער כאַאָ-טישער שטאָט, פון דער דאָזיקער ערד, וואָס איז אַזוי אויפגעטרייסלט געוואָרן, ווי זי וואָלט געלעגן אונטער אַ וואולקאַן.

כ׳האָב פאַרברענגט דעם טאָג ביי נינאַ פאַלק, אין ריינער לופט, אין אינטערעסאַנטע, נישט קיין וואָכעדיקע געשפּרעכן. סטעפאַן האָט געשפּילט פידל, מיר זענען דורכגעגאַנגען גריכיש און געשיכטע. ער האָט שוין אינגיכן געדאַרפט באַלייגן אַ מאַטורע-עקזאַמען. זיין אַלטער מוזיק-לערער איז צוריקגעקומען, אין הויז פלעגן אויך אריינ-קומען אַנדערע יונגעלייט, סטעפאַנס שול-חברים, פרוי נינאַס גוטע פריינט פון אַמאָליקע צייטן.

כ׳האָב געטראָגן סטעפאַנס אָפּגעטראָגענע קליידער, געמאַכט באַדייטנד ענגער, זיי זאָלן מיר נישט זיין צו-גרויסן כ׳האָב שוין איצט געקאָנט גוט באַנעמען אין געזעלשאַפט, זיך אונטערהאַלטן — שוין כמעט מעשה סאַלאָן-קאַוואַלער. מיינע הענט זענען געווען זויבער, אַלע בני-בית האָבן מיר געזאָגט דו, האַלטנדיק מיך פאַר אַן אייגע-נעם און קיינעם פון די געסט וואָלט גאָרנישט געקאָנט איינפאַלן, אַז איך בין אַ פּראָלעטאַריער און בין אויסגעוואַקסן אין אַזאַ אָרי-מער סביבה. זיי, די געסט, וואָס פלעגן אַריינקומען צו פאַלקן אין שטוב, האָבן מיך גערן געהאַט. מער גאָרנישט. געליבט האָט קיינמאָל מיך נישט קיינער. אַחוץ סטעפאַנען.

אָבער קיין פרוי האָט מיך עד-היום נישט געליבט..

אַמאָל אין אַ זונטאָג האָב איך זיך ביי די פאַלקס געלאָזט איבעררעדן, צו ווייזן דער פאַרזאַמלטער געזעלשאַפט, ווי אַזוי איך מאַך נאָך און שפּיל טעאַטער. כ׳האָב זיך אָפּגערעדט מיט סטעפאַנען

און אַ יונג מיידל, וואָס איז געווען ביי זיי אַ איינגייערין, אַ פאָר רעקוויזיטן האָבן מיר געהאַט, און איך האָב פאַרן עולם פאַרגעשטעלט מיינע פאַנטאָמינעס...

כ'האָב די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב עס געטון, נישט געמאַכט די מינדסטע אָנשטרענגונג און בין אַזוי שטאַרק אַריין אין מיין ראָל, אַז איך האָב פאַרגעסן אין אַלעם און אַלץ אַרום זיך. כ'האָב נישט געוואוסט, צי איך שפיל אין אונזער ענגן הויף, אָדער אין פרוזי ניגאָס שיינע רוימיקע צימערן.

כ'האָב מיר אויסגעטראַכט נאָך פיל קאָמישע סצענעס, יעדע מיט אַ טראַגישן אויסגאַנג. איך פלעג שטענדיק זיך באַציִען צו אַנדערע מיט צוטרוי און יעדן גלייבן און שטענדיק האָט מען מיך געהאַלטן פאַר זייער אַ גוטן. און פאַרוואָס זאָל מען מיך עפּיס האַלטן פאַר אַ שלעכטן, ווען איך טו קיינעם נישט קיין בייז און קיין שלעכטס. אַנדערע מיר — האָבן יאָ געטון רעות און מיך באַעוולעוועט. אַפילו היינט פלעגן ביי מיר אָוועקגנבענען מיין ברויט. קי פלעגן מאַכן מעטנע די קוואַל, פון וואַנען איך האָב געוואָלט טרינקען. מאָסקיטן פלעגן פאַרגיפטן מיין שלאָף. און ווען איך האָב באמת געהאַט גליק, געהאַט די מעגלעכקייט צו זיין גליקלעך, האָב איך אַליין וועגן דעם נישט געוואוסט און די דאָזיקע מעגלעכקייט נישט אויסגענוצט. איך האָב באַקומען בירושה אַ לאָטעריע-צעטל, אויף וועלכן ס'איז אויסגעפאַלן דאָס גרויסע, לעגענדאַרע געווינס פון אַ גאַנצן מיליאָן. מ'האָט געזוכט דעם באַזיצער פונעם גליקלעכן לאָטעריע-צעטל. איך האָב וועגן דעם קיין שום אַנונג נישט געהאַט. כ'האָב קיינמאָל זיך אַפילו נישט פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס פאַר אַ נומער דאָס צעטל האָט אויף זיך. דאַרפט איר שוין מער? צו וואָס, — האָב איך זיך געטראַכט — דאַרף איך וויסן דעם נומער? כ'וועל דאָך סיי ווי נישט געווינען. כ'בין דאָך אַ שלימזלניק צווישן שלימזלניקעס. און אָט דאַרף זיך טרעפן, אַז אַ באַקאַנט שיין מיידל האָט געוואָלט רויכערן. טאַבאַק איז געווען. ס'איז אָבער נישט געווען קיין פאַפיר אויף צו מאַכן אַ פאַפיראָס. קלער איך נישט קיין רגע און גיב איר דאָס לאָס צו מאַכן דעם פאַפיראָס...

אַ, כ'האָב זי געליבט, אָט דאָס מיידל. איך וואָלט איר וואַרשיינלעך

אויך געגעבן דעם לאָס, אפילו ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז אויף דעם איז געפאַלן דאָס גרויסע געווינס...

זי האָט זיך צונויפגעראָלט דעם פּאַפּיראָס. זי האָט געזען דעם נומער פונעם לאָס, זי האָט זיך שטאַרק פאַרחידושט... און באַלד נאָכדעם איז זי שוין ארומגעגאַנגען מיט אַן אַנדער יונגערמאַן... מיך שוין נישט געוואָלט קענען... פאַר מיין מיליאָן האָבן זיי געקויפט אַן אויטאָ און, אַזויפיל גליקלעכע יאָרן זאָלט איר האָבן און אַלע, וואָס זענען אייך ליב, וויפיל מאָל זיי האָבן מיר מיטן קויט-פליגל פון זייער אויטאָ מיך באַשפּריצט מיט בלאָטע, ביים דורכטראָגן זיך פאַר מיר פייל אויסן בויגן.

הונדערטער אַזעלכע מעשות האָב איך אויסגעטראַכט פון קאָפּ, נאַרישע און טיפזיניקע, קינדערשע און אַזעלכע, וואָס זענען געווען פול מיט געפיל.

אין אַלע מיינע מעשות איז סוף-כל-סוף מיר אויסגעקומען צו זיין אַליין. מיט מיין שאָטן נאָר. אָ, מיין שאָטן! אַ גוטער, געטרייער פריינט איז ער מיר געווען אָבער אויך ער... ער האָט אויך פון מיר נישט געוואָלט וויסן. ער האָט מיך טאַקע קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, כ'האָב אָבער פון אים קיין שום נוצן נישט געהאַט. ווען איך האָב אים געוואָלט ארומנעמען, האָט ער זיך באַלד אַ טראָג-אָפּ געטון. ער איז געשטאַנען אויפן מויער פאַר מיר, כ'האָב אים גע-וואָלט קושן, דערגרייכן צו זיין שטערן, צום שטומען מויל... נאָר די מויער איז געשטאַנען פאַר מיר, דער שאָטן איז שוין נעלם גע-וואָרן. דאַן האָב איך מיט אים אויפגעהערט צו האָבן צו טון און מיט אים איבערגעריסן. וואָס נוצט ער מיר? ווען ס'איז געווען היים, האָב איך זיך דען געקאָנט אין אים ליינגן? און ווען ס'איז געווען אַ פראָסט, האָב איך זיך דען געקאָנט אין אים איינהילן?

און אָט, אַליין, שוין אָן אַ שאָטן, בין איך דאָ געשטאַנען און, דורשטיק, האָב איך געטרונקען מיינע אייגענע טרערן...

אָבער אויך מיט דעם האָט זיך נאָך די מעשה נישט געענ-דיקט. דאָס איז נאָך נישט געווען דער סוף פון מיינע מפּלות. דער זאַלץ פון מיינע טרערן, פאַרשטייט איר מיך, האָט נישט געקאָנט שטילן מיין דורשט. ער האָט מיך געמאַכט נאָך דורשטיקער. כ'האָב

געמוזט וויינען, וואָס מער, כדי צו האָבן, וואָס צו טראָגן, און אין דאָזיקן פורכטבאַרן, פאַרכישופטן קרייז בין איך געגאַנגען צום גרונט...

דאָס דאָזיקע שפּיל מיטן שאָטן האָט אַלעמען שטאַרק גערירט. צווישן מיינע צושויער זענען געווען געבילדעטע, רייכע און איי־דעלע מענטשן; און זיי, זיי, וועלכע זענען אַליין נישט געווען טראַגיש, האָבן געהאַט דאָס בעסטע פאַרשטענדניש פאַר טראַגיק.

מיינע צושויער פון צווישן אונזערע שכנים, וועלכע האָבן בכלל וויניק געלאַכט, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען צו לאַכן, און אין זיך געטראָגן אַ שטענדיקע טראַגיק, — האָבן מיינע טראַגישע מעשות אַזוי נישט גערירט. אָבער אין וואַרעמען, רייכן סאַלאָן האָט געבליט דאָס פאַרשטענדניש פאַר די טראַגעדיע.

ווען איך האָב געענדיקט איין אַקט, האָט זיך אַרום מיר אויפ־געהויבן אַ גרויסער טומל. ס'האָבן זיך אַ שאָט געטון פראַגן אָן אַ שיעור. אייניקע האָבן ביי דער געלעגנהייט, שטיצנדיק זיך אויף מיין שפּיל, געוואָלט אין מיר אַנטדעקן פילאָזאָפישע און מעטאַפיזישע קוואַלן. זיי האָבן גערעדט וועגן קאָסמישע השפּעות און אידייען. אָבער גאָט אין הימל איז אַן עדות, אַז איך האָב בעתן שפּילן פון גאָרנישט געטראַכט, אַחוץ נאָר אונטערצוהאַלטן מיט איינעם אביסל אַ זינפולן און מענטשלעכן שפּיל.

כ'האָב דערצו נאָר געדאַרפט האָבן מיין מימישן טאַלענט און מיין האַרץ. אָבער די צושויער מיינע האָבן עס פאַרשטאַנען מיט די געהירן.

אַנדערע, ווידער, פון די געסט האָבן געוואָלט וויסן, פאַרוואָס איך נעם זיך נישט צום אַרטיסטישן פאַך, פאַרוואָס איך גיי נישט שפּילן אין טעאַטער, ווייל מיין מימיק האָט ביי זיי שטאַרק מוצא חן געווען און זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ שטאַרק־טאַלענטירטן אַר־טיסט־מימיקער.

אָ, — האָב איך געזאָגט, — איך וואָלט קיינמאָל נישט גע־וואָלט שפּילן ריידנדיק. ווערטער האָבן די אייגנשאַפט, אַז וואָס מער זיי זאָגן, אַלץ וויניקער גיבן זיי אַרויס דעם געדאַנק און זין פון דאָס געזאָגטע. מ'קען גאָרנישט אַרויסזאָגן מיט ווערטער, זיי פעלשן

שטענדיק. דער אמת שטעקט אינעם זשעסט. איך וואָלט נישט גע־וואָלט באַנוצן דאָס צו מיין שפּיל.

דאַן האָט זיך אָפּגערופן אַ מיידלשע שטים:

— וויבאַלד אַזוי, איז פאַר אייך דאָס אמתע און פּאַסנדיקסטע אָרט — דער פילמען איר זענט ווי געבוירן פאַר דעם פילם, איר זענט דער אמתער פילם-אַרטיסט.

דעם זעלבן טאָג אָבער האָב איך צום ערשטן מאָל ווידער באַ־געגנט ליליאַנען, ליליאַן פאַלק, וועלכע איז שוין אַלט געווען זיבעצן יאָר און האָט זיך די טעג צוריקגעקערט פונעם פענסיאָנאַט אין וועווי.

מיר האָבן זיך נאָך איינער מיטן אַנדערן נישט אויסגעוועקסלט מיט קיין איין וואָרט.

בעת איך בין דאָ איצט אַזוי געשטאַנען, אַרומגערינגלט פון די געסט, ביי וועלכע איך האָב אַזוי אויסגענומען מיט מיין שפּיל, האָט מיך געטראָפן איר העל-ברוינער לייכטנדיקער בליק.

און אין אָט דעם בליק איז דערטרונקען געוואָרן מיין צוקונפט. דער דאָזיקער בליק איז געווען דאָס לעבן גופא. און איך האָב זיך צו אים דערנענטערט, ווי אַ פאַרצויבערטער...

ליליאַן...

מיט איר איז געווען עפּיס זעלטזאַמעס. איר שיינקייט, דער צויבער פון איר זיין האָט זיך גענומען נאָרנישט פון איר אויסערן. מ׳האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס זי האָט געטראָגן און איך האָב אויך כמעט מער נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ מיידל. טונקל, יאָ, ברוינלעך פון הויט, די ברוינע אויגן אַביסל צו העל, שמאָל אין געזיכט, דאָס מויל נישט רויט.

צי איז זי בכלל געווען שיין? אפשר נאָר יונג, יינגער ווי אַ מיידל אין אירע יאָרן קען זיין, — די יונגט גופא, דאָס קנאַספּנדיקע, דופּט, אַ נאָר-וואָס אויסגעהויכטער.

כ׳בין צוגעגאַנגען, ווי געצויגן, צו איר. און זי האָט געזאָגט:

— וואָס ווילט איר דען ווערן, טעאַדאָר? איר ווילט שפּילן אין טעאַטער, וואָס?

ס'איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז זי זאָל קענען אויפהערן צו זיין מיט מיר אויף דו — מיר נישט „דוצן". כ'האָב זיך דעריבער אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט.

— כ'בין העכסט נשתומם אייך דאָ צו זען, — האָט זי ווייטער געזאָגט.

און דאָס איז געווען אַלץ.

אירע לעצטע ווערטער האָב איך אַנדערש נישט געקאָנט אויסטייטשן, ווי — אַז איך געהער נישט צו איר סביבה און האָב מיט די מענטשן פון דאַנען קיין שום געמיינזאַמעס, אַז זי, ליליאַן, וויל מיך מער דאָ נישט טרעפן. אָדער אפשר האָב איך אַ טעות און זי האָט גאָרנישט דאָס געמיינט צו זאָגן. אפשר איז זי געווען פאַרוואונדערט, אַז פון דער וועשערינס זון איז געוואָרן אַ יונגערמאַן, וועלכער קען זיך נישט נאָר גוט האַלטן אין סאַלאָן און גוט זיך באַוועגן, נאָר די געזעלשאַפט אָריגינעל אַמוזירן און פון וועלכן מ'האָט דאָ גערעדט אַזויפיל גוטס.

זי האָט עס געזאָגט קיל און זיך אומגעקערט. זי האָט זיך דורכגעמישט מיטן עולם און גערעדט מיט דער זיכערקייט פון אַ דאַמע פון דער הויכער געזעלשאַפט, פון אויבן אַראָפּ, זעלבסטבאַוואוסט.

אָבער דאָס האָט נאָר נאָך מער אונטערגעשטראָכן און שענער געמאַכט איר יוגנטלעכקייט און איר צוגעגעבן עפּיס אַן אייגנאַרטיקן חן פון אַ דערוואַקסענעם שפּילנדיקן קינד.

כ'האָב זיך באַלד אין איר פאַרליבט...

קיינמאָל האָט אַזאַ מין מיידל מיר געקאָנט געהערן. ווען מען ליבט אַ מיידל שטאַרק און דערהאַבנדיק, מוז מען אויך געפינען דאָס שוועסטערלעכע אין דער געליבטער. אָן דעם איז די ליבע נישט קיין אמתע און נישט קיין דערהויבענע. אַ פּאָרפאָלק, וואָס ליבט זיך איינער דעם אַנדערן, מוזן זיין אינערלעך שוועסטער און ברודער. דערום מוז איך ליב האָבן די, וועלכער איז קיינמאָל נישט צו דערגרייכן — און ווען זי איז יאָ דערגרייכבאַר: די שטענדיק-פרעמדע, די אומבאַקאַנטע, אפילו די, וואָס זענען מיר שונאים.

ליליאַן איז געווען מיין שונא.

דאָס האָט איר אָבער נישט געשטערט, ניין, דאָס האָט זי זאָגאר באַוועגט מיך צו צווינגען צו פאַלן פאַר אירע פיס.

כדי מיך צו קענען אָפּשטויסן פון זיך, איז ביי איר געווען רעכט מיך צו פאַרפירן שליסלעך, צו דערקלערן זיך איר אין ליבע... און איך בין געווען אַ נאַר.

די פאַלשע ליבע איז שטענדיק נאַריש, אָבער די דאָזיקע ליבע בלייבט די זיכערסטע. די אַנדערע, די עכטע, אייביקע ליבע איז גוט, גרויס, שיין און דערהאַבנד, אָבער זיס... זיס און פורכטבאַר דערצו — איז די פאַרבלאָנדזשעטע, האָפענונגסלאָזע ליידנשאַפט, וואָס ווערט קיינמאָל נישט געשטילט.

אביסל שפּעטער האָט זיך אויך צוריקגעקערט אַהיים דער עלטסטער זון פון הויז, טאַמאַס פאָלק. ביים אויסברוך פונעם קריג אין אַ ענגלישער שול, אין האראו, איז ער דאָרט אינטערנירט געוואָרן. און איצט איז ער פון דאָרט צוריקגעקומען אַהיים אַ יונגער, הערלעך-אויסזעענדיקער ענגלענדער און געזונטער ספּאָרטסמאַן. אַ העל-בלאָנדער, שמעקנדיק מיט וואַסער, פערד, לאָנקע און מיט שוויים פונעם באָקסרינג. כ'האָב זיך באַלד פאַרליבט אין אים מיט דער שטאַרקער פאַרשעמטקייט, און ער האָט עס באַמערקט און האָט מיך אָפּן, אָבער גוטמוטיק, אויסגעלאַכט. ער האָט מיך באַהאַנדלט אַזוי, ווי ער וואָלט מיך געקאָנט שוין פון לאַנג אָן. ער האָט מיך געדוצט, בעת איך האָב נישט געוואַגט אים צו זאָגן דו, נאָר „הער פאָלק". און אַזוי איז עס שוין געבליבן אויף שטענדיק. כ'גלויב, אַז ווען איך וואָלט טאָמאַסן היינט באַגעגנט, וואָלטן אונזערע קעגנזייטיקע אויסערלעכע באַציִונגען געווען די זעלבע, ווי פריער: ער, דער יונגער פאַבריק-אייגנטימער, און איך, דער לערנינג אין בוכהאַלטעריע-אָפּטיילונג פון זיין פאַבריק. ער וואָלט מיט מיר געווען פער דו און איך אים — הער פאָלק.

מיר קענען זיך, מענטשן, וואָס קומען אַרויס פונעם פּראָלע-טאַריאַט, אַזוי גוט אויסאַרבעטן: ס'זענען פאַראַן פּערזענלעכקייטן, פאַר וועלכע מ'פאַלט באַלד ווידער אַריין אין פאַרגעסענעם שטאַנד, ווען מ'האָט מיט זיי צו טון. אַזאַ פּערזענלעכקייט איז געווען טאַמאַס פאָלק. כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַזונדערן דרך-ארץ און

מורא פאַר גייסט, קונסט און געלערזאַמקייט. טאָמאַס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערע גייסטיקע מעלות. ער איז געווען אַ מיטטיקער, פּראַקטישער בחור, קערפּערלעך גוט אויסגעבילדעט און אַ גרויסער ספּאָרטסמאַן. ער איז געווען נישט מער, ווי אַ שיינער געזונטער יונגערמאַן. קיין אַנדערע מעלות האָט ער נישט געהאַט, וואָס זאָלן אים קענען אין דער געזעלשאַפט שטעלן העכער פון אַנדערע. ער איז אָבער געווען בלאָנד... ער איז געווען דער בלאָנדער מענטש.

אפשר איז נאָר געווען פּשוט דאָס, און דערפאַר נאָר האָב איך אים אַזוי ליב געקריגן. אפשר האָב איך מחמת דעם נאָר מיין פאָטער אַמאָל ליב געהאַט און זיך אַנטציקט פון מאַרקן: זיי זענען געווען בלאָנדע...

איך בין געווען אַ קליינער, דאַרער שוואַרצער יונג און מיינע אבות פון דער מוטערס צד זענען געווען געטאָ-יידן. כ'האָב פון זיי געירשנט מיין גייסטיקע קראַפט און מיין קענען, כ'האָב אָבער פון זיי אויך געירשנט די הכנעהדיקע אַנשויאונג: „פּריץ"...

טאָמאַס פאַלק, וועלכער איז אַריינגעטרעטן אין פאַבריק, ווערנדיק איר איינגנטימער, איז געגאַנגען אָנגעטון „אַמעריקאַניש". הויזן, גאַרטל און העמד. פון אים האָט זיך שטענדיק געטראָגן אַ ריח פון טאַבאַק און היי. איך פלעג עס אַנטציקט איינשנאַפן אין זיך. פון צייט צו צייט פלעגט טאָמאַס אַנטבלויזן זיין אויבערשטן טייל קערפּער אין ביורא, וואו ס'פלעגן אַרבעטן בלויז מאַנספּערשוינען, און אונז ווייזן באַרימעריש זיינע מוסקולן, דעם ברוסט-קאַסטן און דעם קלאַסישן רוקן, מיט וועלכע ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען.

— ריר אָן, טעאָ — פלעגט ער זאָגן — האַרט, ווי שטאָל, ס'וואָר? פאַרוואָס מאַכסטו נישט קיין טורן-איבונגען. אַנו, ריר אָן. האָ?

מיינע הענט פלעגן באַרירן זיינע ביצעפּן ווי עפּים הייליקס. ער פלעגט עס נאָר טון, כדי צו זען, וואָס פאַר אַ דרך-ארץ איך האָב פאַר זיינע אידעאַלע קערפּערלעכע פאָרמען און ווי איך ווער רויט דערביי. ער פלעגט מיך אויסלאַכן. ער פלעגט אַוועקלייגן זיין אָרעם אַרום מיר, איינבייגנדיק זיך איבער מיר, בעת איך פלעג זיצן איבער מיין בוכפירונג, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער באַגליקט מיך

דערמיט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. ער האָט מיך ליב געהאַט — אויף זיין שטייגער.

ער האָט אויך אַמאָל בכיוון אין מיין געגנוואַרט געלאָזט פאַלן אַ סענטענץ פון דער אַמעריקאַנישער פילאַנטראָפיע:

— ס'איז פאַראַן נאָר איין ריכטיקע אַנטשיידענע הילף: די זעלבסטהילף.

נאָך דעם האָב איך באַשלאָסן מותר צו זיין אויף אַלע אונטער־שטיצונגען, וועלכע איך פלעג באַקומען פון דער פרוי נינאַ פאַלק. און ווידער אַליין צו פאַרדינען אויף אַלץ, וואָס איך באַדאַרף צו האָבן.

מאַרק איז, אין אַ מזלדיקער שעה, אַנגעקומען אין דער לערע צו אַ שלאָסער. צו דעם האָט ער געשטרעבט. שפּעטער האָט ער מיר זיך מודה געווען, אַז ער איז נאָרנישט געווען אויסן זיך אויסצולערנען דאָס שלאָסער־פאַך, נאָר ער האָט דערביי געהאַט גאָר אַן אַנדערע כוונה. דאָרט האָט ער אַמבעסטן געלערנט פאַר די צוקונפט, וואָס שטייט אים פאַר...

אפשר טראָג איך די הויפּט־שולד אין דעם, וואָס פון אים איז געוואָרן. ווען ער האָט פון מיר געהאַלטן פאַרבאָרגן זיינע אויס־זיכטן אויף דער צוקונפט און צו וואָס ער וויל זיך נעמען, וואָלט איך געמוזט דערגיין, וואָס פאַרא פּלענער ער האָט, זען וואוהין ער גייט, מיט וועמען ער באַגעגנט זיך און חברט זיך.

כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז ער פאַרקערט אין קאַשעמעס, אין אויגוסט און ליניענקעלער. כ'האָב אויך נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז — ער איז דאַמאָלט קוים זעכצן יאָר אַלט געווען — אַ מיידל גייט שוין פאַר אים אויף דער גאַס, אַז ער האָט שוין דאַמאָלט אין יענער סביבה געהייסן דער „גאָלד־מאַרק"; נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיינע האָר האָבן געהאַט אַ קאָליר פון גאָלד, נאָר צוליב דעם, ווייל אַלע זיינע שטרעבונגען און געדאַנקען זענען געווען געווענדט נאָך גאָלד. גאָלד, ד. ה. געלט, איז געווען זיין איינ־ציקער אידעאַל און דער ציל פון זיין לעבן.

ווען זיין מיידל האָט אים ס'ערשטע מאָל געבראַכט פון אַן אויסלענדער אַ גאָלדשטיק, — דאָס יינגל האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַלטן אין האַנט קיין גאָלד, — זאָל ער האָבן

געטאַנצט און געזונגען פון גרויס פרייד און גליק, ווי אַ מענטש, אַ באַגייסטערטער פון עפּיס דערהאַבנדיקס...

אָ, מיין מאַרק, מיין יינגסטער ברודער, מיין פאַרלוירענער זון... חטאתי ועויתי. איך, איך האָב דיך געלאָזט פאַרלוירן גיין...

בעת איך האָב געטראַכט און זיך מישב געווען, ווי אַזוי אויסצונוצן די פרייע אָוונט-שעהן, כדי צו פאַרדינען געלט, איז מיר איינגעפאַלן: פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַרדינען דורך מיין קונסטשטיק?...

כ׳האָב ווידער אָפּט געשפּילט אין אונזער הויף פאַר די שכינים. מ׳האָט אין אונזער געגנט וועגן מיר פיל גערעדט. פון אַנדערע הייזער האָבן זיך אַריינגעגנבעט קינדער אין אונזער הויף, כדי בייצוואוינען מיין שפּיל. בלייבע פרויען האָבן זיך געדריקט אין טויער, אַרבעטסלאָזע האָבן מיט פאַרריסענע קעפּ געקוקט אויף מיין שפּילן. און איך האָב אַמוזירט דעם עולם. כ׳האָב אויך גערעדט דערצו, ווען ס׳האָבן געפעלט רעקוויזיטן. דאַמאָלט האָב איך אין קורצע ווערטער געמאָלט די סיטואַציע. כ׳פלעג פון צייט צו צייט אַריינפלעכטן אַ פּאָפּולערן קופּלעט. מיין שוואַכע שטים האָט מיר גוט צוגעדינט. ס׳איז איבערהויפּט נישט געווען קיין שטים, נאָר דאָס האָט געפּאַסט צו דעם נישט-איידעלן טעקסט. כ׳האָב אַליין דערפונדן סטראָפן, אין בערלינישן זשאַרגאָן, דאָס האָט דער עולם פאַרשטאַנען אַמבעסטן. דאָ האָבן זיי געהערט זיך אַליין ריידן, דאָ האָבן זיי זיך אַליין דערקענט. און חוץ דעם האָב איך געשפּילט מימיש, ווי אַ משוגענער. כ׳בין באמת געווען משוגע פון מיין פאַנאַטישער ליבע צו מיין קונסט.

איצט האָב איך פּשוט באַשלאָסן, דערמיט רעגלמעסיק אַרויסצוטרעטן...

כ׳האָב גוט איינשטודירט זעקס סצענעס, דריי שטומע און דריי מיט טעקסט און זיך געלאָזט גיין זוכן אַן אַנגאַזשעמענט. כ׳בין געגאַנגען אין אַלע קאַבאַרעטן פון יענער געגנט, כ׳בין געגאַנגען אין די קינאָס, געבעטן, מ׳זאָל מיך לאָזן רעדן מיט די דירעקטאָרן. כ׳האָב נישט מורא געהאַט און בין נישט געווען שעמעוודיק: כ׳האָב זיי באַלד אויפן אָרט געוויזן, וואָס איך קען, און זיך דערביי נישט גערעכנט, צי זיי וועלן מיך אויסהערן, אָדער נישט. אָך, כ׳האָב עס מיר

צו לייבט פֿאַרגעשטעלט, כ'האָב געמיינט, אַז דאָס קומט אַן אַזוי לייכט...

יעדן טאָג, פֿינף אַזייגער, ווען די פֿאַבריק פֿלעגט זיך פֿאַרמאַכן, פֿלעג איך אַוועקגיין פֿון באַרא. אין די געגנט פֿון פֿרידריכערשטראַסע, וואו עס שווימלט און ווימלט פֿון קאַבאַרעטן און טאַנץ-לאָקאַלן מיט אונטערהאַלטונגען. אַ גוטער פֿריינט מיינער האָט מיר געגעבן אַן עצה, איך זאָל זיך נעמען אַן אַגענט און אַדרעסן פֿון אים, וואוהין זיך צו ווענדן.

און איך בין געלאָפֿן איבער דער בראַנדענבורגשטראַסע, נישט אדורכלאָזנדיק קיין איין הויז, וואו די אַגענטן וואוינען.

אַממייסטן פֿלעג איך קומען צו שפּעט. זעקס אַזייגער זענען זיי שוין נישט געווען אין די ערהיים.

כ'האָב אויסגעפֿועלט פֿאַר זיך אַן אורלויב פֿונעם ערשטן בוכהאַלטער און מיטאָג-צייט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו די טעאַטעראַגענטן. מיר איז אויסגעקומען צו וואַרטן שעהן-לאַנג. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן פֿאָדערן פֿאָטאָגראַפֿיעס, קריטיק אין די צייטונגען. מ'פֿלעגט מיך אויסלאַכן, מ'האָט מיך גאָרנישט אויסגעהערט, וואָס איך האָב געזאָגט און געוואָלט זאָגן. שוישפּילער האָבן ממש פֿאַרפֿלייצט די פֿאַרמיטלונגס-ביוראָס — זייער פֿיל אַרטיסטן זענען געווען אַרבעטסלאָז. די נאָכפֿראַגע איז געווען פֿיל קלענער פֿונעם אָנגעבאָט.

אַ קליינער אַגענט האָט, שליסלעך, מיט מיר געשלאָסן אַ נוצלאָזן אָפּמאַך, לויט וועלכן ער האָט געדאַרפֿט באַקומען אַ העלפֿט פֿון מיין געהאַלט. ער האָט מיר אָבער גאָרנישט אויסגעמעקלערט. כ'וואָלט געקאָנט פֿאָרן אויף דער פּראָווינץ אויף אַ לעבערלעכן געהאַלט. ווי איז דאָס מעגלעך געווען?

איך בין געזעסן שפּעט אין אָוונט אין ערהיים פֿאַרצווייפֿלט.

כ'בין איצט שוין אַלט געווען צוואַנציק יאָר. כ'האָב זיך אויסגעלערנט גוט דאָס בוכהאַלטעריע-פֿאַך און שוין באַקומען אַן אָנשטענדיקע פּענסיע. אָבער אין יענער שרעקלעכער אינפֿלאַציע האָט מיין געהאַלט נישט געקלעקט אויף צו לעבן. אין אונזער וואוינונג זענען אַלע זאַכן גענישטשעט געוואָרן, יעדעס שטיק וועש איז זיך

צעפּאַלן — כ'האָב אַליין געוואַשן און געמאַנגלט. די קאָכטעפּ האָבן געהאַט ליעבער — כ'האָב אַליין געקאָכט.

מאַרק פֿלעגט שלאָפֿן אויפֿן שיעניק אויף דער ערד.

דער קליינער, לייכטזיניקער יונג האָט אַמאָל איינגעלאַדן צו זיך זיינע אַלטע באַקאַנטע, אָדער גיכער, חברים און חברטעס: זעקס יונגען און מיידלעך, אויף אַ גלעזעלע ליקיער. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין אַ זונטאָג, ווען איך האָב פֿאַרבראַכט ביי די פֿאָלקס. ער האָט אָבער זיינע געסט אָפּגענאַרט...

סטעפֿאַן פֿלעגט מאַנכעמאָל קומען אין פֿאַבריק, מיך פֿון דאָרט מיט זיך מיטנעמען און מיר פֿלעגן פֿון דער פֿאַבריק, פֿאַרטיפֿט אין אַ געשפּרעך, אַוועקגיין ווייט, קיין פּאַנקאַוו און רייניקנדאָרף.

אַמאָל, ווען כ'בין מיר געזעסן איבערן לעצטן מיליאָנען-פּאַפּירנמאַרק און באַרעכנט און געקלערט, וואָס פֿאַר אים צו קויפֿן, איז מאַרק געקומען פֿון דער שטאָט אַהיים. ער האָט מיך אַרומגענומען, לעבעדיק און לוסטיק. פֿון אים האָבן זיך געטראָגן ריחות פֿון אַל-קאָהאָל, טאַבאַק און מיידל-פּערפֿום, און ווי אַמאָל ביים פֿאָטער, האָט דורך זיין פֿאַרוואָרלאָזיקייט געגלאַנצט זיין גאָלדענע שיינקייט, פֿיין און באַרויקנדיק.

ווען ער האָט באַמערקט דעם באַנקנאָט און דאָס פֿאַרזאָרגטע פּנים מיינס, האָט ער זיך צעלאַכט.

ער האָט אַוועקגעלייגט פֿאַר מיר אויפֿן טיש אַ דאָלאַר-באַנקנאָט און געזאָגט:

קויף זיך, טעדי ברודער, איין, וואָס דו דאַרפֿסט פֿאַרן דאָלאַר.

אַ דאָלאַר — פֿאַר אַזאַ מטבע האָט אונזערער אַ מענטש געקאָנט דעמאָלט, אין יאָר צוויי און צוואַנציק, לעבן אַ גאַנצן חודש. כ'האָב געקוקט אויף דאָס דאָזיקע רייכטום און מאַרקן געפּאַקט, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט פֿינצטערע עסקים.

— זיי נישט קיין שוטה — האָט ער מיר איינגערעדט און מיך געטרייסלט מיט זיינע געזונטע הענט, פּונקט, ווי איך וואָלט געווען אַ קליין קינד און ער אַן אַלטער מאַן — וואָס דער מענטש ברויך, מוז ער האָבן. אַלזאָ, נעם ס'געלט. ביסט דאָך מיין ברודער-לעכע ליבע.

— דאָס גייט נישט, מאַרק, — האָב איך געזאָגט, — עס איז דיין געלט — און גאַנץ פּאַמעלעך און נישט אַנטשידן: — און פון וואַנען?... וואו האָסטו עס גענומען?

— נאַרישער יינג איינערן — האָט ער געזאָגט און זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין שעניק און איז באַלד איינגעשלאָפן. ער איז געשלאָפן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי אַ ריין, אומשולדיק קינד, ווי די אומשולד גופא.

און ווידער האָב איך געזינדיקט און גענומען אויף זיך אַ שולד. כ'האָב ביי אים גענומען דאָס געלט...

כ'האָב מאַרקן מער נישט געפרעגט, פון וואַנען ס'נעמט זיך צו אים דאָס געלט. ווען דעם האָב איך זיך דערוואוסט פיל שפּע-טער. כ'האָב זיך דערוואוסט, אַז דער דאָלאַר איז געווען פונעם געלט, וואָס זיין מיידל פאַרדינט פאַר אים אויף דער גאַס... אפשר האָט עס געשטאַמט נאָך פון אַן אַנדערער, נאָך ערגערער קוועלע... וואָס קען איך וויסן? כ'האָב אים געלאָזט גיין און טון, וואוהין און וואָס ער האָט געוואָלט. כ'האָב נישט דערפילט מיין פליכט אַלס ברודער. איצט איז שוין צו שפּעט דאָס צו טון. דער יינג גייט שוין באַרג אַראָפּ... צום אָפּגרונט. און דאָס איז מיין חטא, וועלכן מ'קען מיר נישט מוחל זיין... ערגער ווי דאָס פאַרברעכן גופא, איז: זיך אָפּצוקערן, זיך נישט מאַכן זעען און לאָזן דאָס פאַרברעכן געשען...

און אָט דאָס געלט האָט מיר געבראַכט גליק.

פּלוצלינג — אַלץ מיטאַמאָל — האָב איך באַקומען אַן אַנגאַזשעמענט. אין דער אַלהאַמבראַ, אויף דער באָדשטראַסע און אין אַ קליינעם, שמאָלן קינאָ אין דער ווינדשיידשטראַסע אין שאַרלאָטענבורג.

אין יעדן פון זיי האָב איך געמוזט „אַרבעטן" פינף טעג אין דער וואָך צו צוויי מאָל יעדן אָוונט.

כ'האָב געשפּילט דריי סצענעס, וועלכע איך האָב געלאָזט שטיל אַקאָמפּאַנירן פון אַ קלאַוויר אָדער פון פידל מיט קלאַוויר.

כ'האָב געלאָזן שפּילן שומאַנען, לאַנגזאַמע זאַצן פון בראַמס און בעטהאָווען, ווייל די מוזיק האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ מין טראַנס. זי האָט מיך יעדעס מאָל אַנדערש אינספּירירט.

כ׳האָב געשפּילט אין קלענסטן קינאָ, וואָס די באַזוכער זייַנע זענען געווען אַממיינסטן דינסטמיידלעך, רייכסווערסאָלדאַטן, אַר־בעטסלאָזע און סוהרישע פּרויען.

שפּעטער האָבן קאָלעגן מיך אויסגעלאַכט, הלמאי איך נעם עס אָן אַזוי ערנסט. כ׳האָב אָבער שטענדיק געקאָנט נאָר אַלץ, וואָס איך האָב געטון, טון מיט פייער, מיט ברען, באַגייסטערונג און איבערגעגעבנקייט, און נישט סתם אַזוי. כ׳האָב נישט געקאָנט אַר־בעטן אָן נשמה. ארבעטן אָן ברען און אָן נשמה, הייסט זיין אַ פּאַרטאַטש...

איך האָב אַלזאָ צוערשט געשפּילט מיין סצענע מיטן יאָכן. מיט מיין שאָטן אויף דער ערד, אויף דער וואַנט. דער נאַרישער באַלייכטער האָט מיר פאַרשאַפט פיל עגמת נפש. צום סוף האָט ער געמוזט אַלע לאָמפּן אָנצינדן, אַזוי אַז איך בין געשטאַנען אָן שום שאָטן אין העלן ליכט. דאָס האָט ער געמאַכט אָפּט פאַלש, און דעמאָלט האָט עס אין מיר אויפגעקאָכט פון כעס, און פאַרדרוס און זאָרג איבער דער צעשטערונג פון מיין קאַריערע. יאָ, יעדער אין זאַל, די יוגנטלעכע און אַלטע, סאָלדאַטן און דיקע ווייבער האָבן פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע סצענע איז געווען אַ קאַריערע, אַ שיק־זאַל פון אַ מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע פאַזן פון האָפנונג און פרייד, שפּיל און אַנונג, שמערץ און טרייסטלאָזיקייט. יעדן מענטשן, — ווער עס איז נאָר געווען אַביסל אַ מענטש — פלעג איך שטענדיק געווינען און ביי אים מוצא חן זיין.

די צווייטע סצענע איז געווען מיט אַ בערלינישן טעקסט.

כ׳בין אַרויסגעטרעטן אין דער ראָל פון אַן אַלפאָנס, וואָס זידלט זיין מיידל דערפאַר, וואָס זי האָט ווייניק פאַרדינט. כ׳האָב עס געפּרווט שפּילן אַנדערש. כ׳האָב זיך פאַרשטעלט אין אַ שיכור, וואָס גייט וואַקלענדיק זיך און פלעכטנדיק מיט די פיס ביים עק טראָטואַר, און אַ בלינדן, וואָס טאַפּט די וואַנט, אין אַ קינד, וואָס פאַרקויפט זאַפּאַלקעס, אין אַ באַנדיט, וואָס האָט אָפּגעשטעלט אַ העט, אים דערלאַנגט שווערע קלעפּ און באַרויבט. אַלץ נאָר מיט קליינע רעקוויזיטן, מיט אַ האַלזטוך, מיט אַ מעלאָנע און אַ היטל.

דאָן האָט דער עולם אַרויסגעלאָזט אויסגעשרייען פון

התפעלות. זיי האָבן דערזען — באַגאַבט מיט פאַנטאַזיע, ווי זיי זע-נען — באַלד די גאַס, ווען איך האָב געזאָגט אויפן בערלינישן גאַסן-דיאַלעקט:

— אַלזאָ דאָס, מיינע דאַמען און הערן דירעקטאָרן און דאָקטאָרן, איז דאָס ראָזענטאַלערטאָר.—דאָ בין איך מיר געזעסן און זיך געשאָקלט, געבעטן אַ נדבה און אַ יונגע דאַמע איז געקומען צו-גיין און איך האָב דאַן צו איר געזאָגט...

אַלע האָבן געקוקט, ממש איינגעשטאָכן די אויגן אין מיר. זיי האָבן געקוקט אויף דעם אומזיכטבאַרן דזשענטלמען, וועמען איך האָב אַנידערגעלייגט מיט אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ און אויף די מענטשן, ביי וועלכע איך האָב געבעטן אַ נדבה און, שליסלעך, אויף דער פרוי, וועלכע האָט מיר געבראַכט געלט, וועלכע איך האָב — הגם זי איז פאַר מיר נישט געשטאַנען — אַרומגענומען און אַרומגעדרייט.

דער עולם איז אַזוי געווען אַנטציקט און האָט אַזוי שטור-מיש מיר געקלאַפּט בראַוואָ, אַז איך האָב צוגעגעבן די דריטע סצענע פון מיין רעפּערטואַר, מיטן זאַק מעל, וועלכער איז אַלץ געוואָרן לייכטער און לייכטער.

שטומע פיר מינוטן. עפּיס אַ פרוי האָט געוויינט. כ׳האָב גע-שפּירט, אַז געוויינט האָט זי „האַרציק״. יעדער טרער, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן איבער מיר, איז שטענדיק געפאַלן ווי באַלזאַם אויף מיין האָפנונגסלאָז ברענענדיק האַרץ.

איך בין געווען אַזוי כיטרע, אַז איך האָב געבעטן עטלעכע קינאָ-באַזיצער צו קומען אויף מיינע פאָרשטעלונגען. זיי האָבן מיר צוליב-געטון און זענען געקומען, און דער פּועל-יוצא פון זייער באַ-זוך איז געווען, אַז ווען מיין טאָפּעלער אַנגאַזשעמענט איז אָפּגע-פאַלן, האָב איך געקאָנט אויסקלייבן עטלעכע פון אַ צענטליק פאָסטנס, וואָס מ׳האָט מיר פאָרגעלייגט.

כ׳פלעג אויפטרעטן פון זיבן ביז עלף אַזייגער אין אָוונט, אַזוי אָפּט, ווי ווייט ס׳איז פאַר מיר געווען באַקוועם. כ׳האָב אָנגעהויבן אויפצוטרעטן און שפּילן אין שענעבערג און ווייזנזע, אין מאָאַביט און האַזענהיידע, נייקעלן און פראַנקפורטער אַלייע, פון זיבן ביז

עלף בין איך געווען אין דער גרעסטער שפּאַנונג און אָנשטרענגונג. כ'האָב אומעטום געמוזט אָנהייבן שפּילן פּינקטלעך, צו דער מינוט.

מאַנכעמאָל פֿלעגט מיר אויסקומען זיך צו פֿאַרשפּעטיקן צוליב דעם, וואָס די אונטערערדבאַן פֿלעגט זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ סטאַציע אָדער דער מאָטאָר פֿון אויטאָ פֿלעגט קאַליע ווערן, און איר קענט זיך נישט פֿאָרשטעלן, וויפֿיל עגמת נפש און שברי לב דאָס פֿלעגט מיר פֿאַרשאַפֿן.

כ'האָב אָבער פֿאַרדינט — מיליאָנען און מיליאָנען.

ווען איך האָב אין פֿיר און צוואַנציק שעה שפּעטער געהאַט צייט איינצוקויפֿן, וואָס איך האָב געדאַרפֿט צו האָבן, פֿאַרן געלט, — האָב איך שוין געהאַט נאָר אַ העלפֿט געלט אויף צו קויפֿן. דאָס געלט האָט אויף מאָרגן שוין פֿאַרלאָרן אויף אַ העלפֿט דעם ווערט. אָבער אַפֿילו אַ העלפֿט פֿון דעם, וואָס איך האָב פֿאַרדינט, האָט מיר שוין אויך געקלעקט אויף מיינע הוצאות און אויף צו לעבן גאַנץ אָנשטענדיק.

און ווען מ'האָט מיך אַנגאַזשירט אין קאַבאַרעט עלדאָראַדאָ און איך האָב דאָרט אָנגעהויבן שפּילן, האָב איך שוין פֿאַרדינט אַזוי פֿיל, ווי אין צוויי קינאָס צוזאַמען. כ'האָב אויך זונטיק נאָכמיטאָג געהאַט אַרבעט. מיינע נומערן האָבן געהייסן:

דער אָרימער טעדי, דראַמאַטישער מאָנאָלאָג און פּאַנטאָמינעס.

כ'האָב קיינעם פֿון מיינע קרובים און באַקאַנטע נישט דערציילט, אַז איך שפּיל אויף דער סצענע און פֿאַרדין שוין גוט געלט. חדשים לאַנג האָב איך געשפּילט און קיינער פֿון זיי האָט עס נישט געוואוסט. און זיי וואָלטן מי יודע ווי לאַנג וועגן דעם גאָרנישט געוואוסט, ווען נישט אַ צופֿאַל. מיידלעך פֿון אונזער קוואַרטאַל, וועלכע האָבן מיך געקענט, האָבן מיך אַמאָל געזען שפּילן, און צומאָרגנס האָט שוין וועגן דעם געוואוסט דער גאַנצער הויף, די גאַנצע יאַסמונדשטראַסע, דאָס גאַנצע פֿאָלק ביים הומבאָלדהיין: טעאָדאָר קעניג שפּילט טעאַטער...

כ'האָב צולעצט זיך דערוואוסט, אַז איך בין געוואָרן אין אונזער ראַיאָן שטאַרק מפֿורסם, — אַ לאָקאַלע באַרימטהייט. ס'איז

מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז איך זאָל דאָ באַגעגענען אַזוי פיל רעספּעקט, אַז קינדער זאָלן האָבן פאַר מיר דרך ארץ און אַז אַנימער זאָלן מיך אָנקוקן פאַרטרויליך און סודותפול.

דאָן האָב איך אין אָן אָוונט געטראָפן אין עלדאָראַדאָ מאַרקן. מאַרק איז געזעסן צווישן פּובליקום מיט צוויי זייער שיינע מיידלעך ביי אַ טיש, אויף וועלכן סיזענען געשטאַנען צוויי פלאַשן ווייַן. די לעצטע צייט האָב איך אים זייער ווייניק געזען.

ב׳פלעג שוין מער אין די אָוונטן קיינמאָל נישט זיין אין דערהיים. ווען איך פלעג קומען שפּעט אין דער נאַכט, פלעגט ער שוין שלאָפן, אָדער איך פלעג שוין שלאָפן, ווען ער פלעגט זייער שפּעט צוריקקומען אַהיים. און אין דער פרי פלעגט ער אַוועקגיין אין דער שלאָסעריי, אַ מינוט פאַר דעם פלעג איך אים אויפוועקן און אין איילעניש ביים אָנטון זיך האָבן מיר נישט געהאַט קיין צייט צו רעדן.

ווען איך פלעג דורכן הויף אַרויסגיין אויף דער שטילער, טונקעלער ברונעמשטראַסע, פלעגט ער דאָ שטיין און אויף מיר אַרויסקוקן.

ער פלעגט מיך אַרומנעמען, מיך אויפהייבן, מיך אַ לייכטן דריי טון אַרום זיך, שמעקנדיק ווידער מיט אַלקאָהאָל און פּאַרפום, אַ הייסער יונגער בחור, אין וועלכן איך האָב געשפּירט שטראָמען די קראַפט.

כ׳האָב אים געמוזט אַרומהאַלזן און קושן. אין די דאָזיקע מינוטן האָבן מיר זיך איינער דעם אַנדערן זייער געליבט, אינעם נאָוועמבערווינט, אויף דער נאַקעטער גאַס. מיר זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען מיט הארץ און נשמה ברידער, ווי דעמאָלט. כ׳האָב אים אויך נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי גליקלעך, ווי דעמאָלט.

ער האָט אַראָפּגעצויגן אַ רינג פון זיין פינגער, אַ גאָלדענעם רייף מיט אַ בריליאַנט.

— נאַ, ברודער הארציקער, נעמען — האָט ער געזאָגט, דער־לאַנגענדיק מיר דעם רינג מיטן בריליאַנט — כ׳האָב געפרעגט עטלעכע מענטשן, פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ טאַלענט? זאָג נאָר, טעדי, פאַרדינסטו כאָטש איצט נישט שווער אַסך געלט?

כ׳גלייב, אַז יאָ. ס׳פרייט מיך, אַ, עס פרייט מיך זייער, מיין ליבע בראַטאַק מיינערן

און באַלד, ווי איך האָב נאָר פון מיין פינגער אַראָפּגענומען דעם רינג, וועלכן ער האָט מיר אָנגעטון, און אים אָוועקגעגעבן צוריק, איז ער געוואָרן ערנסט און גערעדט געלאַסן:

— האָסט רעכט, מיין טעדי, גיב אים מיר אָפּ צוריק. דו דאַרפסט פון מיר נישט נעמען אַזאַ מתנה. איך וויל דעם רינג אויך נישט איבערלאָזן ביי זיך. דאָס איז געווען מיין ערשטער אָנטייל, כ׳וועל אים אָנטון העניין. פאַר איר פּאַסט עס. זי האָט מיך שוין וועגן דעם געבעטן. שאַ, שאַ — מ׳דאַרף נישט פרעגן. פאַרוואָס זעסטו נישט, טעדי, אַז העני זאָל אויך שפּילן מיט דיר. דו האָסט, נאַטירלעך, נישט קיין אַנונג, אַז זי איז אין די זומערחדשים געווען אין אויסלאַנד מיט דער אַדמיראַלסרעווי. זי איז געווען אין ווין, אין דער שווייץ און האָט מיטגעבראַכט אַ ים פראַנקן. אָבער איצט, ווען דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט, האָט זי זיך אויסגעלענקט אַ פוס און מוז ליגן. ווען דאָס גוטס קומט, קומט עס צו שפּעט. איר פעלט נישט פון קיין פויגלמילך. אַ מאַסע פראַנקן האָט זי אויסגעגעבן אויף טייערע העמדער, היט און זיידענע זאַכן, און אָנגעטון גייט זי אין עסיק און אין האָניק. היינט פאַרפומעריע באַנוצט זי — ערשטן סאָרט. טעד, דו מאַכסט דאָך אויגן, ווי אַ געשטאָכן קאַלב. גיי שוין! מאַך זיך נישט צו נאַרן העני איז אַ וואויל מיידל. נעם זי מיט, שטודיר מיט איר טאַנצן און נאָך אַזעלכע זאַכן. מ׳זאָל זי ווידער זען ערגיץ אויפטרעטן. אָבער טעדי, כ׳מוז דיר זאָגן, אַז ווען כ׳האָב דיך געזען אויף דער עסטראַדע, האָב איך געמיינט, מ׳ה פּלאַצט דער קראַגן.

דאָס אַלץ האָב איך געהערט, ווי אין חלום, אָבער מאַרקס גוטהאַרציקייט האָט מיך שטאַרק גערירט און אויף מיר געשטראַלט מיט אַזאַ מחיהדיקער וואַרימקייט. העני...

איך האָב זי פאַרגעסן? איך האָב זי נישט געוואָלט קענען? איז דען נישט אָוועקגעגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר און איך האָב זי נישט געזען?

מאַרק פּלעגט יאָ מיט איר זיך זען, ווייל, ווען איך האָב אויף מאָרגן זיך צוריקגעקערט פון דער פאַבריק אַהיים, האָב איך געזען, ווי זי איז געשטאַנען אויפן ראָג גאַס...

כ'האָב זי תחילת נישט דערקענט. כ'האָב זיך געוואונדערט, ווי קומט דאָ, אויף דער האָכשטראַסע, אַזאַ עלעגאַנט מיידל, אָנגעטון, אין אַזאַ ביטערער צייט, פון די שיך ביזן הוט אַזוי קאָסטבאַר?

זי איז דאָרט געשטאַנען אַזוי לייכט און פריי, אַ ליכטיקער קרייז פון ריינקייט און קלאָרקייט איז געווען אַרום איר. אין איר אומגעשמינקט געזיכט, אין די קורצע ברוינע האָר, צוגעשוירן אַ לאַ פּאַזש, האָט געלויכטן עפּיס אַזוינס, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט.

און אָט האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט:

— זיי נישט בייז, טעדי, זיי נישט שטרענג, אַנישט, גיי איך באַלד אַוועק און דו וועסט מיך ווידער לאַנג נישט זען. כ'בעט דיך, רעד מיט מיר. דו קענסט מיר העלפן, טעדי... שטויס מיך נישט אָפּ פון זיך...

איך בין געווען אַזוי מבולבל, אַז איך האָב פאַרגעסן צו נעמען איר אויסגעשטרעקטע האַנט. ערשט ווען זי האָט זי שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט, מיט אַן אויסדרוק פון טרויער און צאָרן אויף איר שיינעם געזיכט, האָב איך אויף איר אַ וואַרימען קוק געטון, זי אַ כאַפּ געטון און זיך דערמאַנט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין...

און פּלוצלינג איז ווידער געקומען יענער ווינטיקער נאָכמיטאָג, ווען איך האָב זי, נאָך כמעט אַ קינד, געזען שטיין אויף אַ שוועבערגל, אין עק שטאָט, און זי האָט מיט אַזאַ רירנדיקער בענקשאַפט געשריגן אין חלל, אין האָפנונגסלאָזיקייט און דערבאַרעמסלאָזיקייט: מוטער, מוטערן...

און איך האָב צו איר געזאָגט:

— קוק מיך אָן, העני, ווי אָרים איך בין אָנגעטון. מיינע הויזן און אַרבל זענען אַזוי אויסגעריבן, אַז ס'איז פּשוט אַ חרפּה, און דו שעמסט זיך גאָרנישט גיין איבער דער גאַס מיט אַזאַ פּענטאַק, וואָס?

— טעדי, איך מוז גיין אַזוי רייך און עלעגאַנט געקליידט. איך בין אַזוי אָרים, איך האָב נאָר זיידענע און סאַמעטענע קליידער

און פוטערס. און ווען איך פארזועץ א בראסלעט אדער א קייטל, מוז איך פארן געלט קויפן ברויט און פוטער. העלף מיר, טעדי, זיך ארויסצודרייסן פון לואיזע גרעבערט. זי האט מיך באהאנדלט גוט און איך בין בנוגע איר געווען אומדאנקבאר... כ׳בין געווען אין ווין און געפארן אויף דעם דונאי ביז בודאפעשט, כ׳בין אויך געווען אין ציריך און גענף און אויף א בארג, וואס הייסט ראשע דע ניי, און מיר זענען געפארן אויף א שפיל איבערן זע, דער מאנבלאן האט זיך אין אים אפגעשפיגלט. אין קלארען האב איך ביינאכט געזען די שטערן איבער פראנקרייך... יא, איצט קען איך ווייטער ביי דער גרעבערט נישט בלייבן. כ׳פיל, אז איך וועל דארט ממש דערשטיקט. דאס עסן באשטייט ביי איר בלויז פון הערינג מיט זויער קרויט. יעדן טאג דאס זעלבע. טאטעניו זיסער, ווי דאס האט זיך מיר שוין דערעסן! איך בין אלט ניינצן יאר. ס׳איז שוין אפשר באלד צו שפעט. דארט איז געווען א געזעלשאפט פון מענער. מ׳האט זיך אבער דערלויבט נאר קורצע פארגעניגנס. קיינמאל האט זיך נישט געהאנדלט וועגן לעבן. כ׳האב נישט געוואלט אומקומען, טעדי, העלף מיר, טעדי.

כ׳האב זי גענומען אהיים. כ׳בין געווען אינגאנצן הילפלאז, נישט געוואוסט, ווי גיט מען זיך דא אן עצה. כ׳האב זי נישט געקאנט ווען וואס עס איז פרעגן און זי האט מיר מער גארנישט דערציילט וועגן זיך. אלץ נאר פון איין זאך: פון דער וועלט... פונעם פארן איבערן דונאי, פון די שווייצארישע אזיערעס, בערג, פון לאקעס, אויף וועלכע זי איז געלעגן, וועגן שנייפעלדער, איבער וועלכע זי האט געטראטן אין מיטן זומער. כ׳האב באמערקט: ס׳איז איר נישט געגאנגען אין די מענטשן, און לגמרי נישט אין דעם מאנספערשוין. זי האט פון אים געוואלט בלויז די אויסערע מעגלעכקייטן, צו פירן א לעבן לויט אירע פארלאנגען און השגות. זי איז געווען לייכטזיניק און געוויסנלאז, כדי צו קענען פריי טרוימען. זי האט מסכים געווען אויף דאס פארברעכן און פארברעכן האט נישט געווירקט אויף איר יושר-געפיל, נישט נאר צוליב דעם, וואס אזעלכעס האט זי באפרידיקט, נאר דערפאר, וואס דאס פארברעכן האט געקאנט איר פארשאפן מיטלען צו מאכן א לעבן, אויסציִען

איר עקזיסטענץ. זי האָט מער נישט געוואָלט, ווי נאָר צו זען דעם ים, ליגן אין גערטנער, פאָרן איבער בערג. אָבער דערצו האָט זי געדאַרפט האָבן אַ מאַן אַ פאַרדינער און געלטגעבער. און נאָך אַזאַ מאַן אַ פאַרדינער האָט זי געלעכצט. קליידער און צירונג האָט זי שוין געהאַט שפּעטער.

זינט דיאַנאַ פּיארי איז געזעסן אין אונזער קיך — אַ, איר וועט מיר גלייבן, אַז איך זאָל האָבן דיאַנאַ פּיארי פאַרגעסן? גלייבט איר נישט, אַז איך האָב זי געזען נאָך זייער פיל מאָל זיצן אויפן נאַקעטן קיך-טאַבורעט, מיט העניין אויפן שויס — צוקונדיק זיך, ווי די מוטער וואַשט און קוועטשט אויס די וועש?

אָ, יונגפרוילעכע געטין דיאַנאַ, וועלכע האָט זיך פאַרקנסט פאַרן מלאך-המות, ווען דער מענטשלעכער מאַן האָט זי גענומען — גלייבט איר, אַז איך האָב נישט לאַנגזאַם פאַרשטאַנען, וואָס אין דער ווילע איז געשען?

געשען — ניין. געשען איז דאָרט קיינמאָל גאָרנישט. אָבער וואָס דאָרט האָט מען געפּילט און וואָס פאַר אַ האַרצנדראַמע אָן ווערטער און אָן האַנדלונג דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּילט.

כ'האָב זיך שוין לאַנג אָנגעשטויסן, אַז טאָמאַס פאַלק האָט געזוכט דעם טויט אין שלאַכט, כדי ער זאָל נישט מוזן זיך צוריק־קערן אַהיים, און אַז דיאַנאַ איז געשטאָרבן, ווייל זי האָט קיין אַנדערן, חוץ אים נישט געקענט ליבן; אַז נינאַ פאַלק שווייגט, טרוימט און שלאָגט זיך על חטא, ווייל זי האַלט, אַז זי איז שולדיק אין דער דאָזיקער דראַמע, מחמת, ווען זי וואָלט זיי ביידן נישט געשטערט אין זייער קעגנזייטיקער שטאַרקער ליבע, וואָלט איר מאַן געווען גליקלעך מיט דיאַנען...

אַלץ האָב איך איצט געוואוסט. כ'האָב זיך אָנגעשטויסן וועגן די אַלע שטומע קאַמפן, וואָס זענען אויף דעם באָדן געפירט גע־וואָרן אין דער ווילע. אין די הערצער פון די דריי אומגליקלעכע מענטשן צווישן זיך. אַלע זענען געווען שווייגזאַם, ווי דער שטייגער איז עס פון אַלע טיף-ליידנדיקע.

נאָר אין דער מוזיק האָט זיך אויסגעדריקט דאָס, וואָס איז געווען ביי זיי אויפן האַרצן. בלויז אין דער מוזיק האָבן זיי געעפנט

זייערע בלוטנדיקע הערצער, גערעדט און געזאָגט. דערום האָט די דאָזיקע מוזיק מיך אויך אזוי טיף גערעדט, ווייל דאָס זענען געווען דברים היוצאים מן הלב... דערום האָט יענע מוזיק אויף מיר אזוי שטאַרק געווירקט, איך האָב אין איר געשפּירט דאָס זיס-ביטערע לעבן, די גרויסע ליידנשאַפט, די איינציקע שטאַרקע נייגונג...

אַ, זייט דיאַנאַ פּיאַרי איז געזעסן אין דער דאָזיקער נאַקעטער קיך, איז קיין פּוס אין פּיינע שיך מער נישט אריבערגעטרעטן די שוועל פון אָט דער קיך. און איצט איז אריינגעקומען אין קיך אריין העני, די מוטערס קינד, אויך אין פּיינע פּאַנטאָפּעלקעס.

זי האָט זיך ארומגעקוקט ארום און ארום, זי האָט זיך נישט געזעצט, זי האָט זיך נישט אָנגערירט אָן גאָרנישט, אַלץ האָט איר פארשאַפן מורא און דרך-ארץ... זי האָט זיך צוגערירט צו די שופ-לאָדן פון דער קאָמאָדע, אין וועלכער עס זענען געלעגן די מוטערס זאַכן, נאָך אַלץ, ווי מ'האָט זיי אוועקגעלייגט, נישט אָנגערירט, איר אַלט בלוי מיידלקלייד פון דער מיל, די העמדער, אירע האָרנאָדלען, די שירצן, די בילדער פון אירע עלטערן, זי אַליין צווישן זיי, — אַלס אַ מיידל, וואָס איז נאָך געגאַנגען אין שולע...

העני איז דאָ געשטאַנען אין אַ טיפן שווייגן...

נאָך אַ מינוט שווייגן האָט זי געזאָגט:

— ווען איך וואָלט דאָ קענען בלייבן.

— פאַרוואָס נישט? דו קאָנסט — האָב איך זיך אָפּגערופן.

דאָס איז געווען די ערשטע פרייד, וועלכע איך האָב היינט געפילט.

ווען זי בלייבט דאָ...

אָבער העני האָט שוין געלאַכט. שוין אינגאַנצן אוועק פון איר דער טרויער און אומעט, וואָס האָבן זי אָקאָרשט געהאַט באַהערשט.

— סענטימענטאַלע ווערטער, טעדי, ס'וואָר? ניין. הער נאָר, טעדי, קענסטו אפשר מיט מיר מאַכן בשותפות, ארבעטן אויף איין געביט צוזאַמען? אַ טאָפּלנומער, למשל, אין דיין קאַבאַרעט, אָדער אין די קינאָס. מיט מיין געזאַנג, ווייס איך, אַז איך קאָן אויסנעמען ביים עולם, דערפאַר, אָבער טאַנצן...

זי האָט געמאַכט אַ טאַנצטריט און זיך אײנמיטן דערין אָפּ־געשטעלט. זי האָט זיך דערמאָנט — דאָרט, אין קיך, איז געלעגן די מוטער...

כ׳האָב זי דעמאָלט, בעת די מוטער איז געלעגן אויפן טויטן־בעט, נישט גערופן — זי איז צוריקגעקומען מיט מאַרקן פון שפּילן אויפן הויף, הײם פון דער יונגער מאַי־זון. זײ האָבן בײדע פאַרגעסן, אַז די מוטער איז געווען קראַנק, און אַרײנקומענדיק אין שטוב אַרײן, האָבן זײ געזען אַ ווײַס לײַלעך און אונטערן לײַלעך — דאָס, וואָס ס׳איז אַמאָל געווען מוטער...

און אַצינד האָב איך אין הענים אויגן געזען דאָס בעט, דאָס לײַלעך, די גראָבלעכע מאַסקע פונעם פּנים אין לײַוונט געפּרעגט... זי האָט זיך געוואַקלט...

— מײַן פּוס, — האָט זי געמאַכט אַ לײַכטע גרימאַסע — ער טוט מיר ווײ אַביסל. אָבער מאָרגן, טעדי ליבער, וועט זײַן גוט, מאָרגן וועט דאָס עסק געמאַכט — האָט זי אַלײן געזאָגט — דו קאָנסט באַלד מיט מיר אָנהײבן לערנען, איך נעם איבער זײער גיך. אַלזאָ, כ׳בעט דיך, טעדי, טו עס מיר צוליב. וואָס ווילסטו, איך זאָל ווידער אַוועק צו טיצן און דאָרט אײַנפּאַקן אויבסט און געמיזע און פאַר די ווײַנאַכטן אַרבעטן, צען שעה אין טאָג. אַהין וועל איך שוין מער בשום אופן נישט גײן אַרבעטן. שוין אָפּגעזען דערפון, וואָס די אַרבעט איז דאָרט זײער אַ שווערע און איז מיר נישט צום האַרצן, איז פאַראַן נאָך אַ סיבה, וואָס שטויסט מיך אָפּ פון יענעם אָרט. דער ראַיאָן־שעף מײנט, אַז ער קען פאַר אַ קאַלבס־בראָטן און אַ קופל פּילזנער ביר... נײן נישט געטראָפן ס׳אָרט. איך מיט אים טפו זאָל ער ווערן.

און ווען זי האָט גערעדט אַזעלכע דיבורים, איז זי ווידער פאַר מיר געוואָרן שוין נישט יענע העני, וואָס אַמאָל. איצט האָב איך זיך דערמאָנט אָן אירע טײערע זײדענע קלײדער, מאַנטל און פוטער...

אַזוי האָט זי אָנגעהויבן, העני, מײַן מוטערס קינד...

מײַן בלוט איז מיר קאַלט געוואָרן אין די אָדערן... העני, מײַן מוטערס קינד...

זי האָט געלאַכט.

— כ׳טויג גאַנץ גוט צו דער בינע. — האָט זי ווייטער אָנגעהויבן, — כ׳קען אויך אויספירן פאַרשידענע נומערן. מאַרק האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט זיך שוין דערוואָרבן אַ נאָמען מיט דיין שפּילן. לאָז־זשע מיך אויך שפּילן מיט דיר, טעדעלע. מיט אַזאַ פּאַרטנערין, ווי איך, וועסטו האָבן נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג און נאָך מער געלט פאַרדינען. כ׳קען גוט טאַנצן אַ טאַנגאָ, אַן אַפּאַש־טאַנץ. אַן אַנטשפּרעכנדיקע גאַרדעראָב דערצו האָב איך. דו ברויכסט נאָר אַ פּראָק. קענסט קויפן אַן אַלטן. מיר וועלן געבן אַ קליינע אַנאָנסע אין „לאָקאַל אַנצייגער״, אָדער אין „מאָרגנפּאָסט״, און דו וועסט שוין זען, ווי גוט ס׳וועט אַוועקגיין. העלף מיר, טעדי. אַנישט וועל איך נישט אויסהאַלטן און ס׳וועט פון מיר ווערן אַ תל. איך קען שוין ביי די גרעבערט ווייטער נישט בלייבן. מיר קריגן זיך אַרום...

און ווידער בין איך באַגאַנגען אַ חטא... כ׳האָב זיך נישט געווענדעט צו נינאַ פאַלק און זי נישט געבעטן: טוט הענין אַ טובה, גיט איר אַ שטעלע, רעדט נאָר איין מאָל איבער מיט איר...

ניין, איך האָב געטון, ווי העני האָט געוואָלט. איר נאָכגעגעבן און איצט זע איך די טרויעריקע פאָלגן פון מיין נאָכגיביקייט...

מיר האָבן צוזאַמען איינשטודירט אַן אַפּאַש־סצענע, אַ גאַנצע קליינע מימאָדראַמע, וועלכע ענדיקט זיך דערמיט, וואָס איך לייג זי אַוועק אויפן אָרט, אַ דערהרגעטע. דערנאָך האָט העני געטאַנצט אַליין, בעת איך האָב אין הינטערגרונט געקוקט אויף די צושויער. זי האָט געטראָגן אירע רעווי־קאָסטיומען, זי איז געווען האַלב־נאַקעט, זי איז געווען אַזוי שיין, אַז מאַרק האָט אַמאָל געזאָגט:

— ווייסטו, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזאַ מעלה, ווען מ׳האָט אַזאַ שיינע שוועסטער, דער רוח זאָל עס נעמען.

מאַרק איז געגאַנגען מיט אונדז צו אַ פאָטאָגראַף אויף דער עלזעסער שטראַסע, וועלכער איז געווען זיינער אַ גוטער פריינט. ער האָט געמאַכט אַ טוץ אויפנאַמען פון אונדז אומזיסט און אונדז געגעבן אַ הויפן אָפּצוגן. דערפאַר האָט ער געזאָלט אַרויסגעבן פּאָסטקאַרטן פון אונדזערע פאָטאָגראַפיעס און זיי פאַרקויפן. שיין...

חוץ דעם האָט ער געוואָלט מאַכן אַן אַקט־אויפנאַמע פון הענין.

זי האָט געזאָגט פּשוט און געלאַסן:

— וואָס, איר האָט, אַפּנים, זיך אָנגעגעסן מיט באָבעס. קרייט איר עס אַפּטער? קוקט אים נאָר אָן: אַ מענטש מיט מאָדנע השגות...

מאַרק האָט אָבער אַ געשריי געטון פון פאַרגעניגן.

העניס געלט האָט מיר, פּונקט ווי מאַרקס געלט, געבראַכט גליק.

אַ גרויסער קינאָ- און טעאַטער-פּאַרמיטלער, וועלכער האָט מיך אַליין געזען שפּילן, איז איינגעגאַנגען, מיר זאָלן פאַר אים שפּילן אונזערע געמיינזאַמע סצענעס. ער האָט באַלד באַקומען אַן אַנגאַ־זשעמענט פאַר אונז — אויפן רורגעביט. פאַר די שטעט, וואָס זענען געווען אָקופּירט דורך אָפּטיילונגען פון פרעמדע אַרמייען.

העני האָט אים אויסגעלאַכט:

— דאָס לאָזט זיך נישט מאַכן, ליבער מאַן, איך בין דאָך נישט געפאַלן אויפן קאָפּ, איך זאָל פאַרלירן דעם פאַרשטאַנד, פאַר די זולו-קאַפערן בין איך נישט ווייס. ניין, נישט אין פּראָווינץ וויל איך שפּילן. ס׳וועט זיך נאָך געפינען פאַר מיר אַן אָרט אין בערלין, וואו צו שפּילן.

אויך איך האָב נישט געהאַט קיין חשק צו פאָרן אין פּראָ־ווינץ, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אויפגעבן מיין שטעל. ווערן אַן אַרטיסט, דורך די וואַריעטעען און צירקן פון דער גאַרער וועלט אַרומוואַנדערן... דאָס איז מיר נישט געווען צום האַרצן. די וועלט, יאָ, די וועלט גופא איז מיר יאָ געפעלן, אָבער נישט אַלס צוגאָב צום גרינעם וואָגן

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און דער זעלבער אַגענט האָט אונז אַריינגעבראַכט אין די גרעסערע בערלינער קאַבאַרעטן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אין נאָרדן, אין דער געגנט פון אַלעק־סאַנדערפּלאַץ, דערנאָך איז שוין געקומען די פרידריכשטראַסע, דער־נאָך דאָס אייסערע שאַרלאָטענבורג, ווילמערסדאָרף, שטעגליץ. און פּאַמעלעך האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן אין וועסטן.

ווען מיר האָבן באַקומען דאָס ערשטע אַנגאַזשעמענט אין שאָטן פון דער בערעכטנישקירך, איז מיר העני געפאַלן אויפן האַלז און האָט געוויינט...

זי איז געבליבן וואוינען ביי דער גרעבערט, זי האָט ווידער אָנגעהויבן מיט איר לעבן בשלום. כ'פלעג הענין זען נאָר אין דער גאַרדעראָבע. באַלד, ווי מיר פלעגן נאָר ענדיקן אונזער שפּיל, פלעגט הענין פאַרשוואונדן ווערן, מיט איר וואַליזקעלע אין דער האַנט. כ'האָב זי קיינמאָל נישט געפרעגט... כ'האָב מורא געהאַט...

מיר האָבן פאַרדינט. כ'פלעג הענין אוועקגעבן צוויי דריטל פון דער גאַזשע. זי פלעגט עס נעמען אַזוי נאַכלעסיק, ווי זי וואָלט דאָס געלט גאָרנישט געברויכט. זי פלעגט שטענדיק טראָגן נייע קאָסטיומען און ווען ס'האָט אויסגעזען, אַז איך באַמערק עס און עס קומט מיר פאָר אויפפאַלנדיק, האָט זי קורץ און אויבערפלעכלעך געזאָגט:

— אַלטע שיריים. נאָך פון גענף, פון ווין. אַלץ בינע-שמאָכטעס.

אפשר. כ'האָב עס נישט פאַרשטאַנען. מיר איז עס אויסגעקומען, אַז דאָס זענען קאָסטבאַרע קליידער און נישט קיין „שמאָכטעס"...

און מאַרק — מאַרק האָט אָפּגעטון זיינס. ער האָט געפּועלט, אַז איך בין געוואָרן אַ שותּף מיט הענין. און פון דאַמאָלט אָן איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן.

ווען איך בין אַמאָל ביינאַכט געקומען אַהיים, זענען זיינע זאַכן שוין מער נישט געווען אין שטוב: זיין שיעניק, זיין יום-טובדיקער אַנצוג, זיינע וועש פון דער קאָמאָדע — אַלץ איז געווען אַרויסגענומען און אוועקגעטראָגן.

אויף מיין בעט איז געלעגן אַ צעטל:

„איך צי זיך אַרויס, טעדי לעב, מיין קליין ברודערל. זיי געזונט. דיין גרויסער ברודער מאַרק".

מ'האָט מיר דערנאָך פיל דערציילט פון מאַרקן.

ער זאָל האָבן געוואוינט ביי אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ פיינע וואוינונג אויף דער לייבניצשטראַסע אין שאַרלאָטנבורג. מ'האָט געוואוסט צו דערציילן וועגן אים איינצלהייטן: מאַרק איז געוואָרן אויסגעפּאַשעט און דיקער, ער איז אויך געוואָרן גאוהדיק און פירט זיך אויף גאָר אַנדערש, ווי פריער. מ'האָט גערעדט פון אַ הימלבעט

און שפּיגל אויבן, אויפן סופיט, פון אַ סאַלאָן מיט גאָלדענע מעבל, פון פּיאַנאָלע און גראַמאָפאָן, פון צענטראַלבאַהייצונג און אויף די טרעפּ רויטע טעפּיכער, מירמל־ווענט און ווינדע.

זייט דעמאָלט איז מאַרק פאַרשוואונדן געוואָרן. כ׳האָב אים נאָך דעם, נאָר איין מאָל נאָך געזען. ער איז געקומען מיט מיר זיך געזעגענען, ווען ער האָט זיך געלאָזט פאַקן.

און הענין האָב איך מער שוין לאַנג נישט געזען פאַר די אויגן, — אויגן, וועלכע האָבן דאָך אויף איר נישט אויפגעפּאַסט.

זי האָט מיר נאָך אַמאָל דערציילט אין דער גאַרדעראָבע וועגן פאַרשלאַגן, וואָס זי האָט באַקומען, זי זאָל אויפטרעטן אין געווייסע קלובן אַלס נאַכטטענצערין, זי זאָל זיין טעטיק אין פילמען, וועלכע ווייזן קיינמאָל נישט די לייוונט, געוויסע פילמען, וואָס שעמען זיך נישט פאַר גאָרנישט, זי האָט אויך באַקומען איינלאַדונגען אויף סעודהלעך און אָרגיעס.

— אָבער דאָס, וואָס דו מיינסט, טעדי — איז נאָך ווייט, — האָט זי געזאָגט, לאַכנדיק און פאַרלענגערנדיק איר קליין מויל, — ניין, מיין טייערער, דו האָסט אַ טעות.

אַמאָל, אין אַן אָוונט, האָב איך זי געזען טראָגן אַ שנור פּערל. זי פלעגט שטענדיק טראָגן פּערל, אָבער היינט גאָר נייע. שיינע, האַלב־לאַנגע, גראָע פּערל זענען דאָס געווען און זיי האָבן געשימערט שענער אויף איר ווייספלוימיקער הויט.

כ׳האָב אויף אַזעלכע זאַכן זיך נישט פאַרשטאַנען, כ׳האָב אָבער געזאָגט:

— העני, ווי שיין די דאָזיקע שנור פּערל איז. פון וואַנען האָסטו זיי?

— די דאָזיקע? אמתע פּערל, זאָגסטו? ווי באַלד אַזוי, ביזטו אַ קליינער מבין. טינופת איז דאָס טעקאַ־פּערל, די געמיינסטע, וואָס קען נאָר גיבן.

און נאָך איין אָטעמצוג:

— מאַרק האָט זיי מיר היינט אין דער פרי געבראַכט.

וואָס האָב איך, דערהערנדיק דאָס, געקענט טראַכטן און וואָס׳אַרא השערות האָב איך געקענט מאַכן?

כ'האָב שוין מער נישט געטראַכט וועגן דער שנור פּערל...
דערנאָך האָבן מיר — ס'איז שוין געגאַנגען צו פרילינג — געהאַט אַ דעביוט אין קורפירשטענדאַם, מיט נייע נומערן. מיר האָבן באַקומען דרייסיק גאָלדמאַרק פאַר דעם אויפטרעטן.

דאַן האָט מיך עמיץ אַרויסגערופן פון דער פאַבריק. דער פאַרטיער האָט געשיקט אַ יינגל אין דער בוכהאַלטעריע-אָפּטיילונג פון דער פאַבריק; איינער האָט געמוזט דרינגענד מיט מיר עפּיס רעדן.

אין דרויסן איז געשטאַנען לואיזע גרעבערט. די אַלמנה גרעבערט, אַן אַלטע פרוי, געשמינקט און געפאַרבט, כדי אויסצוזען אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ קורץ-געשוירענעם, רויט-ברוין געפאַרבטן קאָפּ, אין אַ הוט.

זי האָט פאַרצווייפלט געבראָכן מיט די הענט, מיך אַרויס-געצויגן פון פאַרטיערהייזל און געיאָמערט:

— אַן אַגענט פון דער קרימינאַל-פּאָליציי איז ביי מיר געווען און זי אַוועקגעפירט. שיין זע איך אויס: פּאָליציי ביי מיר אין הויז... וואָס וועלן לייט זאָגן? זיי האָבן געמאַכט אַן אָביסק און גע-פונען די פּערל. נאַטירלעך, האָב איך זיי באַלד געזאָגט, אַז מאַרק האָט זיי הענין געבראַכט. אָך, כ'האָב איר שוין וויפיל מאָל געזאָגט, אָבער זיי האָבן מיך אַלעביידע געהערט מיטן קאָטער.

און זי האָט אָנגעהויבן באַריכות דערציילן וועגן די פּערל, גערעדט און געקלאָגט. גאַנצע ניין מאָס רייד דאָ, אויף רגל אחת, אַוועקגעלייגט, ביז איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און צוגעלייגט די האַנט צו אירע געפאַרבטע ליפּן, כדי ווייטער נישט צו הערן, וואָס זי רעדט. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן און זי האָט ווייטער נישט אויפגעהערט צו רעדן. דאַן האָב איך זי אַריינ-געשלעפּט אויף דער גאַס און מיר זענען צוזאַמען אַוועק דורך דער באַדשטראַסע אויף דער גרינטאַלער שטראַסע, צום הויז, וואו זי וואוינט.

און זי האָט נאָך אַלץ גערעדט...
— שטיל, — האָב איך אַ צישע געטון און איר אַזאַ שטאַרק

קוועטש געגעבן ביי דער האַנט, אַז זי האָט אַ קוויטש געטון, — שטיל, ביז מיר וועלן אַריינגיין אין שטוב אַריין.

אָבער דאָ האָב איך געזען: דאָס הויז איז געווען אַרומגענומען מיט מענטשן. די גאַנצע גרונטאַלער שטראַסע איז זיך אַהער צונויפגעלאָפן, וואו די פּאָליציי האָט העני קעניג, אָדער פון וואַנען מ׳האָט זי גערופן, „עלינאָר", מאָדערנער טאַנצאָרט, אָפּגעפירט אין צירקל אַריין, חושד זייענדיק זי, אַז זי האָט געוואוסט פון אַ גנבה, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן. אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט פאַרן לאָדן „פּרימאַ שטעטינער פעט און פאַל-הערינג": קינדער, ווייבער, אַרבעטסלאָזע, די פרויען פון די אויבּסטוועגעלעך ביים עק גאַס, די מענער און ווייבער פון די געמיזע-קעלערס א. א. וו. ס׳איז שוין טאַקע נישט געווען מער וואָס צו זען, ס׳איז שוין געווען אחר המעשה, אָבער הויז, טיר, טראָטואַר פון יענעם הויז זענען שוין געוואָרן היסטאָריש.

כ׳האָב נישט געקאָנט גיין ווייטער און כ׳האָב אַריינגעצויגן די פאַרצווייפלטע גרעבערט אין נאָענטסטן טויער אַריין. דאָ איז געווען אַ דורכגאַנג צום קינאָ, וואו איך בין אַמאָל אויפגעטרעטן. די ווענט זענען געווען פול מיט פאָטאָגראַפיעס אין נישט קיין ברייטע קאַסטנס און פלאַקאַטן. קאָמישע און טראַגישע סצענעס האָבן טאַפּיצירט די ווענט און קינדער האָבן, אויפהייבנדיק די קעפּלעך, געקוקט אין בונט, געשמינקט און געפעלשט לעבן אַריין.

ס׳איז געווען אַזוי, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. מ׳האָט העניין אַרעסטירט אַלס פאַרדעכטיקע אין וויסן וועגן דער גנבה, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין אַ יובּעליר-געשעפט. די פערל-שנור האָט מען ביי איר געפונען.

— און מאַרק? — האָב איך די פרוי גרעבערט געפרעגט. — וואָס הערט זיך מיט אים? ער איז אויך ביי אייך?

— וואָס ווייס איך פון אים? — האָט זי געענטפערט — איבערהויפּט בעט איך אייך, לאָזט מיך אָפּ. לאָזט מיך אָפּ, דער רוח זאָל עס נעמען און הערט אויף זיך צו קנייפּן, וואָס פאַלט אייך איין באַהאַנדלט מיך...

— וואו וואוינט מאַרק? איר ווייסט נישט, וואו ער וואוינט?

— איר וועט אים גראָד געפינען, דעם ימח שמוניס... ווען ס'וואָלט געווען דער פאָטער...

— שטילן — האָב איך אַ געשריי געטון און בין שוין גע- לאָפן ווייטער.

כ'בין געלאָפן, אָבער דאָס פליכט-געפיל איז אין מיר געווען אזוי שטארק אנטוויקלט, אזוי טיף געשטעקט אין מיין בלוט, אז צוערשט בין איך געלאָפן צוריק אין פאבריק אריין און דאָרט גע- אַרבעט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען.

גראָד איז דער יונגער טאָמאס פאלק געווען אין ביורא און געזען, ווי איך בין צערודערט און אויפגערעגט.

— וואָס, ס'איז שוין געשען, טעאָדאָר? שוין?... גוט, גיי ווייטער אהין... ווארט.

ער איז מיר נאָכגעלאָפן.

— אפשר ברויכסטו געלט? — האָט ער געפרעגט, מיר נאָכ- גייענדיק, אין דער שטיל, כמעט צערטלעך.

זיינע ווערטער האָבן אויף מיר געווירקט, ווי באַלזאם אויף מיינע וואונדן. כ'האָב נאָך געקאָנט אים אַ שמייכל טון. ער האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אָרעם.

— מוטיקער טעאָדאָר, אַלץ גייט פאַריבער. ס'איז גאָרנישט. דו ווייסט דאָך.

ער האָט געלאָזט ליגן זיין גרויסע, ווארימע האַנט אויף מיין אָרעם. ער האָט געוואוסט, אז ער גיט מיר אריין אינעווייניק פון מיין לעבנסקראפט. כ'האָב אויך געשפירט, ווי עס שטראָמט אריין פון אים אין מיר עפּיס לעבעדיקס און גוטס, און איך בין אַ קאָסט- באַרע מינוט געשטאַנען שטיל און אריינגעזויגן אין זיך זיין בלאַנדע פייערדיקע קראַפט.

אָבער ווער האָט מער, ווי איך, לעבנסקראַפט באוויזן, מער שטאַרקע וויטאַליטעט, בטחון, מוט און האָפענונג?

אין קיין זאַך קען איך נישט זיין קיין פאַרבילד און ביי- שפּיל, ווי אין דעם, אז מ'דאַרף זיך נישט לאָזן אונטערגעבן און פאַלן ביי זיך און נישט אוועקלייגן דאָס געווער. איין מאָל מיד ווערן, איך ווינטשן אַ האַרץ, אויף וועלכן מ'קען זיך אָנלענען, אויסרוען...

מיד בין איך אָפּט געוואָרן, — וואָס אמת, איז אמת — אָבער ווען האָב איך זיך געקאָנט אויף אַזאַ האַרץ אָנלענען? הערצער האָב איך זיך פיל געוואונשן, אָבער וואו האָב איך, זייט מיין מוטער איז געשטאָרבן, געהאַט אַ האַרץ, וואָס וואָלט מיך אויפגענומען?...

כ׳בין געלאָפן צו אונזער פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, מ׳האָט מיך דאָרט געקאָנט. דאָרט איז נאָך געזעסן דער אַלטער וואַכמייסטער, וועלכער איז אַמאָל צו אונז געקומען מיטטיילן, אַז מ׳האָט פאַרהאַלטן דעם פאָטער, בשעת ער איז געשטאַנען „אויף דער וואַך״ ביים אויספירן אַ גנבה.

מ׳האָט דאָרט געוואוסט וועגן דעם ענין מיט דער פערלשנור, מ׳האָט שוין אָבער העניין געהאַט איבערגעשיקט אין פּאָליציי-פּרעזידיום און דער פאַרהער פון מיין שוועסטער איז איצט פאַרגעקומען אויפן אַלעקסאַנדערפּלאַץ.

כ׳בין ווי אַ משוגענער געלאָפן אַהין, כ׳בין אַרויפגעשפּרונגען אויפן טראַמוואַי און אַראָפּגעשפּרונגען ביז איך בין — די עטלעכע מינוט, וואָס איך בין געפאָרן האָבן מיר זיך אויסגעוויזן פאַר אַן אייביקייט — אַהינגעקומען. כ׳האָב געפרעגט, וואו ס׳געפינט זיך דער קאָמיסאַר, וועלכער האָט זי פאַרהאַלטן, דערגרייכט—שוין מיט די לעצטע כחות — זיין טיר און געבעטן אַ דינער אים צו זאָגן, אַז איך בין דאָ.

ער האָט מיך באַלד אַריינגעלאָזט צו זיך אין קאַבינעט און דאָ הער איך, אַז מיך האָט מען אויך געזוכט אין מיין וואוינונג, כדי מיך צו פאַרהאַלטן. און וואַרשיינלעך האָב איך צו פאַרדאַנקען דער מענטשלעכקייט פון אַ באַאַמטן אין אונזער פּאָליציי-באַצירק, וועלכער האָט נישט דערלאָזט, אַז מ׳זאָל מיך נעמען פון דער פאַבריק און אַוועקפירן אין אַרעסט.

העני איז געזעסן אויף אַ שטול. זי האָט נישט געוויינט, זי איז געווען גאַנץ רויק, זי האָט מיר אַ בייג געטון מיטן קאָפּ און מיך פאַרחידושט אָנגעקוקט, פונקט ווי צורודערטקייט און אויפרעגונג זענען געווען לעכערלעך און איבערפליסיק.

זי האָט אונטערגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל און מ׳האָט זי אַרויסגעפירט פון קאַבינעט, דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צום קאָמיסאַר.

דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַן, און איך האָב געפילט, אַז דאָס בעסטע אין דעם פאַל איז צו זאָגן דעם אמת. אָבער, וואָס האָב איך דען געהאַט צו זאָגן?

אַז די פערל אויף העניס האַלז זענען מיר פאָרגעקומען אויפ־פאַלנדיק און זי האָט מיר, אויף מיין פראַגע, געזאָגט, אַז זי האָט זיי באַקומען פון מאַרקן, אָדער — אַז זיי זענען טינופת, ווי זי האָט זיך אויסגעדרוקט, טעקלאַ פערל.

— יאָ, דאָס זעלבע האָט זי מיר דערציילט, — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט, — איך גלויב אייך, אַז איר האָט איר געגלויבט, און אייער שוועסטער וויל איך עס גלייבן. זעט איר אָט די שנור, אָט האָט איר זי. זי קאָסט צוועלף טויזנט מאַרק. מ׳האָט פון געשעפט אַרויסגעגנבעט מער ווי אויף אַכציק טויזנט פאַרשידענע צירונג־זאַכן.

— אָבער נישט מאַרק, — האָב איך געשטאַמלט, — מיין ברודער נישט.

— ער האָט מיט צוויי אַנדערע. האָט איר דען נישט געלייענט?

— ניין, כ׳האָב עס נישט געלייענט, איך האָב זיך דערוואוסט ערשט איצט וועגן דעם.

און דערוואוסט האָב איך זיך, אַז אין דער נאַכט צו דינסטאָג האָבן גנבים דורך אַן איינברוך זיך אַריינבאַקומען אין אַ יובעליר־געשעפט טאַוענטציענשטראַסע. דעם בחור, וואָס איז געשטאַנען „שמירה", האָט מען געפּאַקט. ער האָט קיינעם נישט פאַרראַטן פון זיינע חברים, מ׳האָט אָבער געוואוסט: ער האָט זיך שטענדיק געחברט מיטן פאַלע־יוסטאַווע און דער דאָזיקער יוסטאַוו האָט די לעצטע צייט פיל זיך געלאָזט וואוילגיין מיט „גאָלדמאַרקן" אין אויגוסטקעלער. זיי פלעגן דאָרט ביידע אויסגעבן מאַסע געלט. מ׳האָט לאַנג זיי ביידע נישט געקאָנט פאַקן. זיי פלעגן זיך קונציק אויסבאַהאַלטן פון דער פאָליציי. אין דער לייבניצער שטראַסע האָט מאַרק זיך נישט צוריקגעקערט. זיין מיידל האָט ער גאָרנישט געגעבן פונעם רייכן שלל. דאַן איז געפאַלן אַ חשד אויף זיינע שוועסטער און ברודער און די פערל ביי העניען האָט אַלץ אויפגעדעקט און קלאָר געמאַכט.

— איז ער אין די לעצטע טעג נישט געווען ביי אייך, הער קעניג? — האָט דער קאָמיסאַר געפרעגט.

— ניין, הער קאָמיסאַר.

— איר מאַכט זיך שטראָפּפעליק, ווען איר באַהאַלט אים אויס.

— אָט האָט איר די שליסל פון מיין וואוינונג, — האָב איך געזאָגט ציטערנדיק.

מארק האָט באַהאַלטן די שליסל. ווען ער...

און דאָ האָב איך געהערט:

— ניין, ער איז נ אָ ך נ ש ט ביי אייך. מ'האָט אייער וואוינונג געעפנט.

געעפנט — די פּאָליציי — איצט שטייט געווים אַן עולם ליידיקגייער פאַר מיין וואוינונג, ווי אויף דער ברינטאַלערשטראַסע...

יאָ, דערלעבט צו גרויסן נחת פון מיין ברודער און שוועסטער, נישט וואָס צו זאָגן. — איצט ריידן אַרום די שכינים אונזער גרויסע חרפּה.

— איך וויל עס אייך זאָגן — האָט געראָדט די פיינע, געלאַסענע איינדרינגלעכע שטים, — אַז מיר האָבן שוין לאַנג געוואוסט פון אייער ברודער, ס'האָט אונז זיך אָבער געדאַכט, אַז ס'איז נאָך נישט פאַראַן קיין גענוגנדיקער גרונט אויף אים צו לייגן די האַנט — אים אַרעסטירן. מ'האָט געמוזט וואַרטן, אפשר וועט ער אויפגעבן זיינע שעדלעכע דרכים, אפשר וועט ער חרטה קריגן און זיך דערשרעקן פאַר דעם, וואָס אים שטייט פאַר. מיר האָבן נישט געוואָלט, מאַכן גיכער די ירידה און דאָס פאַלן פון מענטשן. ליידער האָט זיך אונזער ערלעכע כונה אַרויסגעוויזן פאַר בחנמדיקע. אייער ברודער איז געזונקען אַלץ טיפער און טיפער, און מיר האָבן שוין געמוזט אויפהייבן אויף אים אונזער האַנט, כדי אים צו מאַכן אומשעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט. מיר האָבן, איידער מיר האָבן עס געטון, זיך גערעכנט מיט דעם, אַז דער, וואָס פאַלט אַריין אין מיין טורמע, קומט שוין אָפט אַהין צוריק, אָבער וואָס האָבן מיר געקאָנט טון, ווען ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זיין מאָראַלישן פאַלן פאַר אַזאַ פאַרברעכן, ווי דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטון... מ'האָט דאָס שטיקל אַרבעט געמאַכט אַזוי פּלאַנמעסיק און מיושבדיק. זין אָפּגערעדט צווישן זיך, אין וועלכער שעה דאָס דאַרף פאַרקומען, זיך אַריינגבאַ-

שומען אין געשעפט דורכן קעלער... אלע עווענטועלע מניעות — אלץ פאראויסגעזען, אלץ אפגעוואויגן און אפגעמאסטן... האט איר נישט געקאנט אייער ברודער אפהיטן פון אזא געזעלשאפט, פון אזא סביבה?

און דאס איז געווען מיין פאראורטיילונג.

מיט דער דאזיקער פאראורטיילונג בין איך אוועקגעגאנגען פון פאליציי-פרעזידיום, באפרייט, אבער מיין אייגענעם געריכט איבערגעגעבן...

דער אלטער קאמיסאר האט געקוקט דורכן פענצטער, דאן האט ער זיך גיך א קער אום געטון צו מיר און געזאגט:

— נעמט מיט מיט זיך אייער שוועסטער. זי האט געזאגט, אז איר טרעט-אויף צוזאמען אין אוונט. מיר ווילן אייך נישט שטערן אין דעם. כ'גלייב, מ'וועט אייך נישט איינמאל מטריח זיין און ארויס-רופן אלס עדות. וואס טוט איר דען אין אוונט, וואס, אייגנטלעך, שפילט איר?

— טאנצסצענעס, קליינע מימישע דראמען... טעדי און עלי-נאר...

— א, דאס זענט איר? א, איך האב דערפון געהערט. מיינע יונגען... איר זענט עס טעדי, דער פארטנער פון...

ער האט מיך באקוקט פון קאפ ביז די פיס. אים איז עס פאר-נעקומען לעכערלעך. איך, דער מאגערער, העסלעכער, שטילער בחור, וואס זעט נאך איצט אויס ווי א יינגל, וואס קומט ס'ערשטע מאל צו דער קאנפירמאציע — איך זאל עס זיין דער טעדי, וואס נעמט אזוי שטארק אוים ביים עולם

ער האט פלוצלינג אויסגעשטרעקט די האנט איבערן טיש, און האלטנדיק מיין האנט:

— איר האט נאך א באשעפטיקונג בייטאג אויך?

— אין פאלקס פאפירפאבריק. האכשטראסע. צווייטער בוכ-האלטער.

— אזוי, אזוי. אלזא, זייט געזונט און שטארק. און ער האט, נאך א פעסטן טרוקענעם דרוק, ארויסגעלאזן מיין האנט פון זיינער.

אין אוונט האב איך געטאנצט מיט עלינאר-העני, כ'האב מיך

אָפּגעשניטן דעם שאָטן, געוויינט און גערעדט מיט תחנונים צו דעם, וואָס גיט אַלעמען שאָטן, כ'האָב דערוואָרגן מיין מיידל, איר אויפֿגעריסן די בלוזע און געקוקט אויף די שיינע אומבאַוועגטע בריסט, וועלכע האָט זיך פֿאַר מיינעטוועגן פֿאַרקויפֿט. העני האָט געוויזן איר הערלעכן רוקן אין אַ מאַקסיזע, וועלכע זי האָט אַליין געטאַנצט, אַ פֿריי־געלאָזענעם 'עלעמענט ווייב...

בעת איך, רויט־צוקוקנדיקער זיך אַפּאַשאַ, האָב זי געוואָרגן, האָט זי געפֿליסטערט:

— איך האָב עס יאָ געוואוסט. ער האָט עס מיר געזאָגט, כ'פֿלעג אים שטענדיק בעטן: מאַרק, ווען דו האָסט זיך שוין יאָ גענומען פֿאַר דעם, טאָ זע, אַז ס'זאָלן זיין צירונג־זאַכן. אַ פֿערלשנור פֿאַר מיר. נו, און דאַן האָט ער מיר צוליב געטון און מיר זי געבראַכט...

כ'האָב זי אַנידערגעוואָרפֿן. כ'האָב זיך אָנגעצונדן מיט אַ באַגער פֿון אַן עכטן מאָרד. אין יעדער רגע בין איך גרייט געווען זי באמת אַוועקלייגן אַ טויטע אויפֿן אָרט.

אַ וואָרף טוענדיק זיך אויף איר אויף די קני, דאָס מעסער — אָ, אַ קאַרטאָן־מעסערן אויף איר אויסגעשטרעקט, איר צו דערלאַנגען אַ טויט־שטאָך, — הער איך:

— ווייסטו, וואו ער איז? די ווירטין פֿון דער „בלאָען צוויבל“ אויף דער מאַריענשטראַסע האָט אים אין איר בעט...

כ'האָב צוגעשטויסן... דאָס קאַרטאָן־מעסער...

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי הויך אַ געשריי געטון און איז אַ שפּרונג אָפּ געטון פֿון מיר פֿון שרעק און שמערץ. — ער האָט דיך, זע איך, געמאַכט פֿאַר משוגע.

כ'האָב איר צוגעפּרעסט דאָס מויל מיט דער האַנט. אויף דער סצענע, אונטער די קלאַנגען פֿון טאַנצמוזיק, אין די אויגן פֿון פֿינף הונדערט מענטשן, אין שיין פֿונעם רויטן ליכטוואַרפֿער האָב איך זי דערהרגעט... דאָס איז געווען מיין מאָרד...

ס'איז געווען אַ דושנע נאַכט. און איך בין געלאָפֿן צוויי שעה כסדר אַהיים, פֿון וועסטן דורכן טירגאַרטן, וועלכער איז, ווי פֿון ניפּטגאַזן אָנגעפֿילט געווען מיט זומפּפֿיבער; אויף די בענק זענען געזעסן שיכּורים, פֿאַרגיפֿטעטע פֿון אַלקאָהאָל און אויסגעלאַסנקייט,

ס'האָבן קוים געברענט די לאַמטערנעס. מ'איז דאַמאָלט געווען שפּאַרעוודיק.

עפּיס אַ בחור האָט אויף מיר אַ שפּרונג געטון.

— אויסליידיקן די טאַשן!

און ווען כ'האָב זיך נישט געאײַלט דאָס צו טון, האָט ער אַ בורטש געטון:

— האָסט שוין לאַנג, אַפּנים, נישט באַקומען קיין בלוטיקן קלאַפּ.

דערנאָך האָט ער מיר אַ קוק געטון אין פּנים אַרײַן. ער האָט אַ לאַך געטון און מיך אָפּגעלאָזט, כ'האָב אויסגעזען נישט אַנדערש, ווי ער.

— כ'האָב אַ טעות געהאַט, — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט— גיי גיכער אַהיים און וואַש דיר דעם בויך. שלאָף רויק און דאַנק גאָט, וואָס מיט דיר איז נישט געשען קיין בייזס.

דערנאָך האָבן געפּליסטערט פרויען און זיך געהאָנגען אָן מיר, יונגען אין היטלען זענען פאַרבייגעגאַנגען, מיך אָנגערירט און געלאָזט פאַלן געמיינע ווערטער מיר אין פּנים אַרײַן צוזאַמען מיט אַלקאָהאָל און טאַבאַק-אָטעם. כ'האָב באַגעגנט הערן, וועלכע האָבן דאָ אין פּאַרק געזוכט אַוואַנטורעס.

אונטער די לינדן איז געווען שטיל. די קעניגלעכע גאַס איז געווען פאַריתומט. כ'בין געגאַנגען און געגאַנגען. כ'בין געגאַנגען אַרום דעם אַלטן שלאָס, כ'האָב געקוקט אין קאַנאַל און גוט פאַרשטאַנען די לאָקונגס-קראַפט פונעם שווייגנדיקן וואַסער. ווען ס'האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אַן אויטאָ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער אַספאַלט האָט זיך אונטער די רעדער צופרידן אָראָפּגעלאָזט. די שטאָט איז געווען שטום, אַלע פענצטער טונקל. און די ענגע גאַסן פון דער אינעווייניקסטער שטאָט — שרעקלעך דושנע, שטיקיק, דומף. מיר איז אָבער געוואָרן אַלץ היימאַטלעכער. כ'האָב אַראָפּגעקערעוועט פון וועג, איבער וועלכן איך בין געגאַנגען אַהיים, און האָב זיך געפונען ביים קעניגסטאָר. ס'איז שוין לאַנג געווען נאָך האַלבער נאַכט. ס'איז געווען אַזוי טרייסטלעך צו וואַנדערן דורכן שלאָף פון דער שטאָט...

ווען איך האָב זיך, אויף דער טונקעלער יאַסמונדערשטראַסע,

ארום צוויי אזייגער דערנעענטערט צום הויז, וואו איך וואוין, האט זיך ארויסגעשליכן עפּיס א געשטאלט פונעם טויער און איידער איך האָב אים דערקענט, האָבן מיך ארומגענומען מארקס הענט.

— מארק, — האָב איך געוואָלט א געשריי טון, נאָר כ׳האָב זיך באטראכט און געפליסטערט:

— מארק, וואָס וועט זיין, ווען דאָס הויז איז באוואכט?

— נו, שוין — האָט ער געזאָגט — זאָלן זיי באוואכן.

ער האָט עס געזאָגט הויך אָן שום קומער.

— כ׳האָב נאָר געוואָלט זיך מיט דיר געזעגענען, טעדי... וועסט מיך נאָך מיטנעמען אויבן צו דיר, טעדי? וואָס? האָסט נישט, וואָס מורא צו האָבן, קליין ברודערל מיינס. קיין מערדער בין איך נישט. כ׳האָב קיינמאָל נישט ביי זיך קיין וואפן. דאָס פארשארפט, ווייסטו...

וואָס האָט מיך אזוי טיף גערירט אין זיין שטים? טרערן האָבן זיך אין איר געהערט. די מוטער מיינע האָט אין זיין שטים געוויינט...

כ׳האָב ארייננעשטויסן דעם שליסל אין לאָך און אזוי געצי־טערט, אז מארק האָט אויך נעכאפּט א ציטער. ער האָט געלאכט — דאָס איז אָבער געווען א ציטערנדיק געלעכטער.

מיר זענען נעגאנגען האנט אין האנט. ס׳איז געווען זייער היים, אָבער איך האָב געציטערט פון קעלט. כ׳האָב אים געלאָזט עפענען די טיר.

— כ׳האָב פארלוירן די שליסלען. זיי זענען, גלייב איך געבליבן ליגן אין קעלער אויף דער טאונטציענשטראסע. ווייסט דאָך, וואו... כ׳האָב אָבער געהערט און געפילט, אז ער האָט זיך אָבער געצוואונגען צו ריידן מיט אזא טאָן אָט די קאלטע ווערטער.

מארק האָט געציטערט... זיין געריכט איז געווען אָט די שעה, צוויי אזייגער ביינאכט. דאָס דאַזיקע קומען אהיים איז געווען פאר אים די פאראורטיילונג, דער שארפער פּסק דין. די דאַזיקע קיך האָט איבער אים אומברחמנותדיק ארויסגעגעבן אן אורטייל... אָ, מארקן...

כ׳האָב פארמאכט די פענצטער און זיי פארהאנגען. דער עיפּוש פון הויף איז געווען אין שטוב און אין קיך. כ׳האָב נישט געהאט קיין

גאַפּט. כ'האָב אָנגעצונדן אַ ליכט, און דער געלער שימל איז געווען די איינציקע צירונג פון די אָפּגעדראַפּעטע ווענט...

— נו, — האָט מאַרק געזאָגט — דער קליינער ברודער מיינער, זע איך, מאַכט וויניקסטנס נישט קיין גרויס וועזן פון דער מעשה. די ווייבער האָבן ווידער שבת-געמאַכט. יאָ, ברודערקע, איך בין אַריינגעפאַלן. וואָס-זשע, איינמאָל מוז מען דאָך אָנפאַנגען. מיר האָבן, וויניקסטנס, נישט געהאַט קיין „האַקלניינע". „לעמאַטאַשיבערי" זענען מיר געווען, נישט מער...

ער האָט זיך אַליין איבערגעשלאָגן די רייד. איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויפן פּליטע-אויוון, כ'האָב נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט. ער האָט עס באַמערקט און געלאַכט.

— נישט קיין חידוש, וואָס דו פאַרשטייסט מיך נישט. איך רעד דאָך מיט דיר איצט אויף דער קאַשעמענער שפּראַך, אויף וועלכער דו פאַרשטייסט נישט קיין וואָרט. אַלזאָ, די ווייבער האָבן ווידער געמוזט קלאַטשן, דאַן האָבן זיי געקענט אַרויפנעמען אין דער הויף דעם מאַנד-עמיל, וועלכער איז געשטאַנען שמירה. גוסטאַוו און איך האָבן זיך אַריינבאַקומען אין געשעפט פון קעלער. ס'איז נישט געווען קיין רויב, נאָר אַ שווערער איינברוך, דאָס טרעפט זיך...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. ער האָט אויף מיר מער נישט געקוקט. ער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין צוואַנציק יאָר. כ'האָב זיך דערמאָנט:

— מאַרק, ס'איז דאָך היינט דיין געבורטסטאָג.

— איך ווייס — האָט ער געענטפערט.

און איצט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. ער האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס אָן דער ליכט. כ'האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי בלאַס, ווי ער איז דאַמאָלט געווען. ער האָט שוין לאַנג נישט געשלאָפן.

— דאָ האָסטו מילך, מאַרק. טרינק. ברויט איז אויך דאָ און שמאַלץ. עס.

ער האָט נישט געענטפערט, ער האָט גערויכערט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט מיך אַרויסוואַרפן, טעדי.

כ׳האָב נישט געמיינט, אַז דיך און העניין האָבן זיי געלאָזט, לויפן. זי זאָל נאָר האַלטן די צונג הינטער די ציין. זי ווייסט דאָך אַלץ. אָבער דיר וויל איך נישט דערציילן, טעדי. טעדי, ווי מיר האָבן אַ גאָט אויף דער וועלט, — כ׳האָב געוואָלט מיט דיר זיך געזעגענען, כ׳האָב געערן אָבער געמיינט, אַז דו וועסט מיך אַרויסוואַרפן פון שטוב...

— הער אויס, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, מאַרק. איך פאַרשליס דיך דאָ אין שטוב און וועל דיך נישט אַרויסלאָזן. מ׳איז שוין דאָ געוועזן, און מ׳האָט דיך געזוכט. נאָכאַמאָל וועלן זיי געוויס נישט קומען. אַ גאַנצן טאָג וועסטו דאָ בלייבן פאַרשלאָסן. איך וועל דיר ברענגען עסן, ביר, וואָס דו ווילסט. ביינאַכט וועסטו אַרויסגיין אויף אַ שעה אָטעמען אַביסל פרישע לופט. זיי וועלן דיך געוויס נישט געפינען.

איך בין פאַרשווינג געוואָרן. ער האָט זעלטזאַם אויף מיר געקוקט. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אים נאָך זייט ער איז נאָך געווען אַ קינד, קיינמאָל נישט געזען וויינען.

— אַלזאָ, מאַרק, מאַכן מיר עס אַזוי?

— ניין, יונג, ניין, האַרציקער ברודער מיינער. איינמאָל מוז עס דאָך געשען. אַלזאָ, לאָז זיין אַזוי: איך בלייב דאָ נאָר ביז אין דער פרי. גאַנץ פרי, ווען איך וועל זיך נאָר אויסשלאָפן, שטעל איך מיך צו: אָט האָט איר מיך, איר בחורים.

כ׳בין נישט געווען אינגאַנצן וואַך די דאָזיקע נאַכט. כ׳האָב אים געהערט ריידן אַזוי דערוויטערט. וואָס האָט ער געזאָגט?

— דאָס איז גאַנץ פיין פון דיין זייט, טעדי. דו זידלסט זיך נישט און דו פרעגסט מיך נישט אויס—און איך גלויב, אַז דו וועסט אויך דיין קליינעם ברודער געבן אַ קוש, וואָס?

דאָס האָט ער אַרויסגעזאָגט זייער רוי און פרעגנדיק: ער האָט שטאַרק מורא געהאַט צו ווערן סענטימענטאַל.

ווי, וואַנדלענדיק אין טרוים, בין איך צו אים צוגעגאַנגען, און אין דער זעלבער רגע איז אין מיין נשמה אויפגעשוואומען די געשטאַלט פון מיין מוטער און זי האָט באַהערשט מיין גאַנץ וועזן.

און אַלס מוטער האָב איך אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, אים צוגעדריקט צו מיין מוטער־האַרץ און דערשפּירט ווייטאָגן פון דער מוטער...

עס האָט פון אים נישט געטראָגן קיין ריח פון טאַבאַק און נישט פון אַלקאָהאָל. מאַרק האָט זיך אויסגעבאָדן, מאַרק האָט זיך געוואַשן און אויסגעצוואָגן מיט באַמען־זייף און געשמעקט אַזוי גוט. ער איז געווען אַפּראַזירט. די האָר זענען ביי אים געווען אונטערגע־שוירן, זיין שטאַרקער, ווייסער יונגן־נאַקן איז געווען אַפּראַזירט. כ'האָב געזען, אַז ער האָט געטראָגן זיין יום־טובדיקן אַנצוג, ער האָט געטראָגן אַ דינעם גאָלדענעם רינג, אַ מתנה פון אַ פריינט, אויפן קליינעם פינגער פון דער רעכטער האַנט, אין אַ לאַץ אַן אָפּצייכענונג פון אַ טורנפאַריין.

כ'האָב עס געשפּירט — אָ, ער האָט זיך צו מיר געטוליעט, ער האָט אין מיר געשפּירט די מוטער, ער האָט זיך דערנעענטערט, אין אַ רגע אַ קינד, צו דער, וואָס איז נאָך אַלס טויטע געווען אומ־שטערבלעך, ער האָט אין אָט דער רגע ג ע ל י ב ט, מ'האָט אים מוחל געווען...

די מוטער האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט. זי האָט אים אויפגענומען. ער האָט גאָרנישט געטון. איצט קען די וועלט אים אויסבעסערן. מ'האָט אים געהאַט פון איר אָוועקגערויבט...

כ'האָב אים געקושט.

און דאָס איז שוין ווידער אַריבער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, פאַררייכערט נאָך אַ פּאַפּיראָס און געזאָגט מיט אַ טרוקענער שטים:

— קאָמיש, וואָס? וואָס מיר זענען צוויי ברידער. דו — און איך! אַן איינברעכער און אַ... טפו, דער רוח זאָל עס נעמען — איז דאָס טאַבאַקן אָבער מיר זענען ברידער, וואָס? ווייסטו, טעדי, דו... דו האָסט געהאַט אַ מוטער אָבער איך האָב אַ פאָטערן אַזוי איז עס.

און דאַן האָב איך געוואַגט צו זאָגן:

— דו ביסט גאָרנישט שולדיק, מאַרק. זיי אונז מוחל.

ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט. ער האָט אַ וואָרף געטון דעם פּאַפּיראָס, זיך אויפ־געהויבן פון זיין אָרט און זיך אויסגעצויגן.

— כ'בעט דיך, טעדי, לאָז מיך ביי דיר אין בעט נאָך די נאַכט ליגן. יאָ, ווילסטו? כ'בין שרעקלעך מיד. כ'וואָלט גערן געמאַכט אַ גוטן טור.

ער האָט צו מיר קינדלעך געלאַכט, ער האָט זיך געשעמט און דערום גערעדט אַזוי קאַרג.

זינט די מוטער איז געשטאָרבן ,האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי אַ מענטשן לעבן אין מיר, ווי איצט מאַרקן. כ'האָב אים פאַרשטאַנען שמערצלעך טיף.

כ'האָב זיך צוגעלייגט צו אים אין בעט, כ'האָב מיך אַביסל אויפגעהויבן און אויף אים געקוקט.

ער האָט אויסגעזען גאַנץ גליקלעך. ער האָט גענומען מיין האַנט און זי אַוועקגעלייגט אונטער זיין נאַקן. ווי יונג, ווי וואַרים, ווי לעבעדיק איז דאַמאָלט געווען מיין קליינער ברודער. זיינע אויגן זענען געווען אַזוי קלאָר. ס'איז אין זיי גאָרנישט געווען פון וועלט, וויסן און שולד, דאָס ריינע קינד האָט צו מיר געשמייכלט

נישט אמת? — זאָגט ער — טעדי, איז דאָס דען נישט אמת?... האַלט מיך, כ'בעט דיך, נאָך אַביסל...

און ער האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט אויף זיין ברוסט.

— אמת, טעדי, אַז אַזוי איז די מוטער דאָ אין בעט גע-שטאָרבן?...

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז שוין געשלאָפן...

כ'האָב געלאָזט ברענען דאָס טייערע ליכט, ביז עס האָט אינ-גאַנצן אויסגעברענט. איך בין געבליבן אַזוי זיצן, די האַנט אונטער מאַרקס גאָלדענעם קאָפּ, און אויף אים געקוקט. פּונקט, ווי איך וואָלט געוואוסט, אַז איך זע אים דאָס לעצטע מאָל. דען ער איז טאַקע מער צו מיר שוין נישט געקומען.

ווען דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען איז אינדרויסן שוין גע-שטאַנען די דעמערונג פון פרימאָרגן, און איז אַריינגעדרונגען אין שטוב דורך די פענצטער.

דאַן בין איך, פאַלנדיק אויף דעם בעט, איינגעשלאָפן, און ס'איז געווען ווי אַ חלום, אַז אַ יינגל האָט זיך איבער מיר איינגעבויגן און מיך היים געקושט אין מויל. אָבער ווען מיין וועקזייגער האָט

אנגעהויבן הילכיק צו קלינגען און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, בין איך געווען איינער אליין — מארק האָט זיך ארויסגע-גנבעט. די קישנס זענען נאָך געווען ווארים פון זיין גוף. אָבער אפילו דער דאָזיקער שפור פון זיין לעבן איז גיך אויסגעלאָשן געוואָרן...

⁂

איצט זעט עס אויס, ווי אין אונזער וועלט זאָלן זיין בלויז טרערן... אז מ׳ווייסט דאָ נאָר פון וויינען. אָבער מיר האָבן דאָך אויך געלאַכט, יאָ, מיר פּאַרשטייען צו לאַכן, מיר טוען עס אזוי זעלטן, ווייל מיר האָבן אזויפיל דאגות, קומער און הונגער, ווייל מיר, שטענדיק אויסגעשטעלט אויף דאָס טרויעריקע, האָבן דעם שנעלן בליק אויף דאָס קאָמישע.

כ׳האָב נאָר גאָרנישט דערפון צו דערציילן, ווייל מיין יונג לעבן איז אויסגעפאַלן אין די ביטערסטע צייט פון אייראָפּע.

דאַמאָלט, אין קריג און אין די יאָרן פאַרן קריג, האָבן מיר ווירקלעך נישט געהאַט, וואָס צו לאַכן. ווען מיר האָבן אָבער געהאַט א געלעגנהייט דערצו, האָבן מיר עס געטון. און איך האָב מיטגעהאָלפן. כ׳האָב געקאָנט — טראָץ אלע צרות, וואָס מיט מיר זענען געשען — זיך געקאָנט פרייען און זיין לוסטיק. אויך מיין לעבן איז, נאָך אלע-מען, גאָרנישט געווען אזוי טרויעריק און קלאָגעדיק, ווי מ׳קען מיי-נען און ווי עס קען זיך אויסווייזן. איך דערצייל נאָר וועגן די בי-טערע און שווערע זאכן און איבערלעבענישן נאָר דערפאַר, ווייל זיי אליין זענען געווען וויכטיק און אנטשיידנדיק פאַר מיר.

און איצט מוז איך ווירקלעך וועגן מיר אליין עפּיס דערציילן. עפּיס אזעלכעס, וואָס האָט נישט מיט קיין אנדערן פּאַסירט, נאָר מיט מיר אליין.

אָך, איך שוטה בן פּיקהאָלץ, איך בין נישט נאָר געווען פאַר-ליבט — דאָס קאָן מיר דאָך קיינער נישט פאַרווערן — נאָר כ׳האָב נאָך געהאַט די נארישע השגה געליבט צו זיין.

— כ׳פלעג זעלטן קומען צו פאַלקן — כ׳האָב אָבער געוואָלט האָבן פון סטעפאַנען, וועלכער האָט מיטן הסכם פון זיין מוטער

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע שטודירט מוזיק, אַ קאָמפּאָזיציע צו איי־נער פון מײַנע סצענעס. כ'האָב די סצענע פאָרגעשפּילט פאַר סטע־פאַנען. דאָס איז געווען אַ שטומער דיאַלאָג מיט אַ שמייכלענדיקער ליאַלקע, גרויס ווי אַ מענטש, וועלכע איז אַלס מאַנעקען געזעסן אויף דער אָטאָמאַנע. כ'האָב זיך אין איר פאַרליבט, קאָקעטירט, פלירטירט מיט איר. כ'פלעג צוליב מײַן שעמעוודיקייט אַרײַנפאַלן אין חוצפה און איר נישט לאָזן צו רו, כ'פלעג אַרײַנפאַלן אין אַן אימה און אַנטלויפן פון איר, ווידער זיך צו איר צוריקקערן, ווײַל זי האָט אַלץ געשמייכלט... און דאַן האָב איך זיך איר דערקלערט אין ליבע, בין געפאַלן פאַר איר אויף די קני, געקושט איר די האַנט, קלייד... כ'האָב זי אַרומגענומען, אָ, כ'האָב עס געוואַגט צו טון און זי איז אויף מיר אַ פאַל געטון, ליאַלקע, וואַקס פול מיט פּאַקפּלאַקס...

כ'בין באַטראָגן, אָפּגענאַרט, כ'הער נאָך, ווי די ווענט לאַכן פון מיר...

דאָס האָט זיך אין אָנפאַנג געשפּילט גאַנץ קאָמיש, צולעצט— טראַגיש, פאַרצווייפלט.

סטעפאַן האָט מיר אָנגעשריבן אַ שיינע, פײַנע מוזיק צו דעם, לײַדער איז דערצו געווען נויטיק דער סאַקסאָפאָן, און איך האָב אויף אים נישט געקאָנט שפּילן,—כדי אונטערצושטרײַכן די קאָמישע אַפּעקטן. אָבער צום שלום האָט סטעפאַן מיר געטון די געפעליקייט און באַנוצט דעם סאַקסאָפאָן — דאַן איז עס געוואָרן אמתע מוזיק, עפּיס בראַמשיס. אַזאַ מוזיק האָב איך געליבט. די מוזיק איז געווען פול און טיף אין קלאַנג, מיט אַ גרויסאַרטיקער מעלאָדיע. און ערשט דאַן, ווען איך בין געזעסן איבער דער ליאַלקע, פאַרלוירן שוין אַלע האָפענונגען, האָט דער סאַקסאָפאָן ווידער אָנגעהויבן צו קלינגען הויך און שטיל און האָט בראַמאַטיש משוגע־שנעל אָפּגעלאָזן, אויפגע־פאַנגען פונעם גרויסן פויק: בומ! שלום!

סטעפאַן האָט געקענט אַלע מײַנע סצענעס. ער פלעגט צו זיי קומען אין די קינאָס און קאַבאַרעטן, וואו איך האָב געשפּילט. און אַמאָל איז מיט אים מיטגעגאַנגען אין אַ קינאָ זײַן ברודער טאָמאַס.

כ'האָב דערציילט העניִן, אַז ביידע ברידער זענען געווען אויף אונזער פאָרשטעלונג. זי האָט דעם עלטערן ברודער נאָך נישט געקאָנט.

זי האָט זיי אָבערביידן געזען. זיי זענען געזעסן האַרט ביי דער בינע. העני האָט אויף זיי געקוקט דורכן פאָרהאַנג.

זי האָט דעם אָונט אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביים גרויסן עולם צושויער, אַז זי האָט צוגעגעבן אַ ניגער-טאַנץ, וועלכן זי האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט. בעתן דאָזיקן טאַנץ האָט זי געטראָגן אַ שוואַרצע מאַסקע, אַ נעגערקאָפּ, וועלכער האָט ביים דרייען זיך געמאַכט נאָך בולטער די ווייסקייט פון איר אַנטבלויזטן קערפּער.

די לעצטע סצענע, מיט דער ליאַלקע, האָב איך געשפּילט אַליין. ווען איך האָב געענדיקט, איז העני שוין נישט געווען.

סטעפאַן האָט אויף מיר געוואַרט אינדרויסן. טאָמאַס איז אַוועקגעגאַנגען. סטעפאַן האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט אַזוי ווייניק, ווי איך: העני און טאָמאַס זענען אין דער דאָזיקער נאַכט צום ערשטן מאָל געווען צוזאַמען...

טאָמאַס האָט נישט געוואוינט ביי דער מוטער. ער האָט געהאַט אַ קליינעם אַפּאַרטאַמענט אין גערטנהייזל ביי אַ ווילע אין טירגאַרטן-ראַיאָן. די פאַבריק זייערע איז ווידער אַוועקגעגאַנגען גוט. מ'האָט געהאַט באַשטעלונגען פון אויסלאַנד, און טאָמאַס האָט זיך געקאָנט האַלטן אַן אויטאָ און אַ לאָקיי אין זיין וואוינונג.

פון דעם אַלץ האָב איך גאָרנישט געוואוסט און דערוואוסט זיך וועגן דעם האָב איך ערשט אין אַ שיינעם העלן טאָג געזאָגט, אַז פון איצט אָן מוז איך שפּילן אָן איר...

דאַן האָט זי שוין געהאַט פאַרטיק פאַר זיך אַ וואוינונג פון פיר צימערן אויף דער האָהענצאָלערנשטראַסע, מיט אַ שטאָק נידעריקער פון דער וואוינונג, וועלכע ס'האָט פאַרנומען אַ פאַראָרימטע גענעראַלין, מעבלירט אויפן ענגלישן שטייגער.

חוץ דעם האָט העני זיך אויסגעקליבן אַ זייער-עלעגאַנטן און שטיל-פאָרנדיקן אויטאָמאָביל פון דער בעסטער מאַרקע און אים געקויפט, זי האָט אויך געהאַט אַ געשיקטע שטובמיידל און פלעגט ליגן ביז מיטאָג אין איר טייערן בעט, איר ים-קעצל לעבן איר...

איך בין געגאַנגען טאַקע צו איר, נישט האָבנדיק נאָך קיין אַנונג, אַז זי איז מיטאַמאָל אַזוי „עולה לגדולה" געוואָרן. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל צו איר קומען. זי האָט נישט געוואָלט, נישט אויף

דער גאַס און נישט אין דער גאַרדעראָבע מיר דערציילן געגוי וועגן דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר לעבן.

— אָבער גיי נישט צו דער פרוי גרעבערט, — האָט זי מיר דאַמאָלט געזאָגט, — אָ, טעדי, רעד מער קיינמאָל נישט אַרום פאַר מיר איר נאָמען, דו הערסטן איך וואוין שוין איצט פאַר זיך.

איך בין צו העניין געקומען זעקס אַזייגער אין אָוונט און בין איבערראַשט געוואָרן פונעם גלאַנץ און פּראַכט, וואָס איך האָב דאָרט דערזען, פון די בילדער, ביכער אין שראַנק. קיין זאַך האָט דאָרט נישט געפעלט. די לוקסוסרייכע וואוינונג האָט שוין זאָגאַר אויסגעזען ווי אַ באַוואוינטע פון לאַנג אָן און די טייערע חפצים — ווי אַביסל שוין גענוצטע.

כ'האָב זיך נישט געקאָנט זעצן. דער טיי־טיש איז געווען גע־דעקט. העניין האָט עס געשיינט, אַז ס'קען גאָר אַנדערש נישט זיין. יאָ, העני האָט שוין באַוויזן אַריינצוגיין אין דער ראָל פון אַ רייכער, זאָרגלאָזער יונגער פרוי פון יענעם טייל געזעלשאַפט, פון וועלכן זי האָט אַזויפיל געטרוימט. זי האָט צו דער פּאָקאָיוווקע גערעדט נישט האַכמוטיק, נישט ווי צו אַ מענטש פון איר גלייכן און נישט ווי צו אַ חברטע, נאָר אַזוי פשוט—פריינטלעך, ווי איך האָב אין דער ווילע אַמאָל געהערט ריידן די דאַמען צו דער דינערשאַפט. יאָ, אַפילו ליליאַן, געבוירן אין רייכטום, האָט מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן טאָן גע־רעדט צו די אָנגעשטעלטע.

ס'האָט אויסגעזען, אַז העני זאָל איצט האָבן געפונען איר אמתן מוטערבאָדן, ווי זי וואָלט געהערט צו דער דאַזיקער אומגעבונג און אויסגעוואַקסן אין אַזאַ לוקסוסרייכער וואוינונג און ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אָן אָרט, וואָס איז ווי צוגעפּאַסט און אָפּגעמאָסטן פאַר איר.

און איך בין געווען אַ קליינבירגער, אַ פּראָלעטאַריער, אַ מאַ־ראַליסט: כ'האָב זיך נישט געקאָנט זעצן ביי איר טיש.

— פון וועמען? — האָב איך זי געפרעגט.

— יאָ... ווייסטו דען באמת נישט? אָ, טעדי, זיסער יונג, גייסטו דען דורך טאַקע באמת אַזוי בלינד איבער דער וועלט?

זי האָט שוין זאָגאַר גערעדט אַנדערש, ווי פריער. אירע ווער־טער זענען געווען נייע, איר שטים ריין און מער נישט געהאַט אין זיך קיין אָנפלוג פון הייזעריקייט, מיט וועלכער איר רעדן איז זיך געכטן נאָך דיאַלעקטיש געווען באַפאַרבט.

— פון וועמען, פרעגסטו, שעפסעלע? פון וועמען, ווילסטו וויסן. פון טאַמאַסן...

ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— הער פאַלק, — האָב איך געשטאַמלט.

נאָך איצט איז ער פאַר מיר געווען „הער", כ'האָב אַנדערש נישט געקאָנט, און דאָס איז דאָך אויך געווען אַזוי זעלבסטפאַר־שטענדלעך: דער הער האָט זיך גענומען, וועלכע לייבאייגענע ער האָט געוואָלט...

כ'האָב דאַן געמיינט, אַז איך וועל מער הענין גאָרנישט קענען זאָגן. וואָס איז דאָ דאָ, וואָס צו ריידן איז דאָס געווען אכטונג, איז דאָס געווען פחדנות, וואָס איך האָב זיך געבויגט פאַר יעדער סי־טואַציע און זיך נישט קעגנגעשטעלט? איז דאָס געווען גוט, וואָס איך האָב יעדע כונה פונעם שיקזאַל אָנערקענט, ווי זי איז געווען און נישט געפּרואווט צו שטערן זי דורכצופירן, קיינמאָל קיין ווילן ווידערצושפּרעכן און יעדע, ווי זי זאָל נישט זיין, סובל צו זיין?

— טעדי, — האָט העני שטיל געזאָגט הינטער מיר. — דו וועסט דאָך נישט אַזוי אוועקגיין?

און האָט פאַרטגעזעצט:

— מוט עס דען דיר נישט קיין הנאה?

די דאָזיקע תמימות, די דאָזיקע אומשולד אירע האָב איך ערשט היינט פאַרשטאַנען. דאַמאָלט האָט עס מיך געטראָפן, ווי אַ בייזער שלאַנג. כ'האָב זיך אַ קער אום געטון, כ'האָב אָנגעהויבן צו שרייען, זי צו זידלען...

און זי האָט מיך גאָרנישט פאַרשטאַנען, הלמאי איך בין אַזוי אויפגעבראַכט און איך זידל זי. גאָר אָן פאַרשטאַנד האָט זי זיך פון מיר אָפּגעקערט, פונקט ווי די ווערטער, וואָס איך האָב אויסגעשפּיגן, זענען געווען קלעפּ מיטן פויסט, וועלכע האָבן זי געטראָפן. און זי

האָט זיי געהאַלטן און געפּילט אַלס אומרעכט, וואָס איך באַגיי קעגן איר, אַזוי, אַז זי האָט זיך עטלעכע מאָל געוועדט.

זי האָט געפּליסטערט:

— יאָ, זעסטו דען נישט, ווי גוט מיר איז איצט. ער איז צו מיר אַזוי גוט. קוק זיך אום, אַ, טעדי, און קלער אַריין אין ענין אביסל טיפער...

כ'האָב נישט געוואוסט, וואָס איך האָב געשריען. כ'בין אַרויס-געלאָפן. פאַרן שטובמיידל פאַרביי. דאָס הינטל האָט ווילד געבור-משעט און געבילט.

כ'האָב הענין ערשט פיל שפּעטער נאָך אַמאָל געזען. זי האָט זיך שוין דאַמאָלט גערופן רענע פאַן רואַ און איז געווען די געליבטע פונעם יונגן עדזועל גרין, וועלכער האָט געפּלעגט יעדעס יאָר פאַר-ברענגען דריי חדשים אין איראָפּע, עדזועל גרין, דער שטאָלענער קרוינפּרינץ, ווי מ'האָט אים גערופן אַלס זון פונעם שטאָל-קעניג גרין, דער פּרעזידענט פונעם וועלט-שטאַלטרוסט.

העני איז געוואָרן אַזוי זעלטן שיין, אַ זיידן-ווייכע, זיס-שטרענ-גע שיינהייט, לגמרי אָן קאָסמעטישע מיטלען; נישט געפאַרבט נישט די ליפּן, נישט די ברעמען, נישט די באַקן, און דאָס האָט זי אַזוי בולט אויסגעטיילט פון אַנדערע פרויען און מ'קען זאָגן, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט איר זעלטענער, אידעאַלער נאַטירלעכער שיינקייט, האָט זי צווישן פרויען נישט געהאַט איר גליכן. זי האָט געטראָגן גאָר ווינציק צירונג און אין איר גאַנצער פיגור און באַוועגונגען איז געווען מיידלישעס, זי האָט אויסגעזען ווי אַ יונג מיידל, וואָס איז אָפנהער-ציק, הייטער, כמעט אַנטקעגנקומענדיק פאַר אומשולד און ריינקייט.

אַזאַ פרוי איז געווען הענע...

כ'האָב זי אַפילו נישט געזען אויף מאַרקס פּראָצעס, וואו זי איז געווען אַלס עדות. כ'בין דאַמאָלט געווען ביי מאַרקס פאַרטיי-דיקער.

— אַ, מ'האָט מיר שוין באַצאָלט, — האָט ער געזאָגט, ווען איך האָב אָנגעהויבן ריידן וועגן האָנאָראַר.

כ'האָב געוואָלט זיך צושטעלן אַלס עדות מצד דער פאַרטיי-דיקונג, דערציילן פון מאַרקס קינדהייט, פון זיין כאַראַקטער, מאַרק

האָט אָבער געהייסן מיר זאָגן, אַז ער וויל עס נישט. ער האָט מיר גע־לאָזט איבערגעבן געוויסע דראָונגען אין פֿאַל, ווען איך וועל קומען און עדות זאָגן. ער וועט זיך באַלאַסטן, נעמען אויף זיך די גאַנצע שולד, ווען איך וועל אַרויסטרעטן אַלס עדות צו זיינע גינסטן. ער האָט געפֿאָדערט, איך זאָל בכלל נישט קומען צום פּראָצעס אין גע־ריכטס־זאַל.

כ׳גלייב, אַז ער האָט מיך געליבט, ווי ער האָט געליבט די מוטער — ווען זי וואָלט נאָך געלעבט... ער האָט זיך געשעמט מיר צו לאָזן אַריינקוקן אין זיין וועלט, זיך צו באַקענען מיט זיינע גוטע ברודער, פֿריינט און מיידלעך, דורכצוקוקן זיין געהיים לעבן פֿון די לעצטע יאָרן.

אויף הענין האָט ער נישט געקאָנט מותר זיין און גראָד זי, וואָס האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק אַרויסצוטרעטן אַלס עדות און זיך געוואָלט פֿון דעם אַרויסדרייען, האָט געמוזט מיט אַ שווער געמיט גיין אין געריכט אַריין. — פֿון איר שיינער וואוינונג אויף דער האָהענצאָללערנשטראַסע קיין מאָאַביט, שוועסטער פֿונעם איינברעכער.

זיי האָבן געוואוסט וועגן דעם, די פּאָלקס, אָבער סטעפֿאַן האָט קיינמאָל מיט מיר וועגן דעם נישט גערעדט.

בלויז ליליאַן האָט זיך נישט איינגעהאַלטן...

זי האָט געזאָגט:

— די סימפּאַטיקע וואָך איז די פֿאַרהאַנדלונג, ס׳וואָר. ס׳איז זייער פֿיינלעך פֿאַר אייך, כ׳פֿאַרשטיי עס. האָפֿנטלעך, ווייסן נאָר ווייניק, וואָס דער אָנגעקלאָגטער קער אייך אָן.

— לילי — האָט זי אַ רוף געטון די מוטער — גיי אַרויס, פֿיין קינדן ביסט נאָך צו קליין, צו קענען פֿאַרבלייבן מיט דערוואַק־סענע און זיך אַריינמישן אין זייער געשפּרעך.

פֿרוי נינאַ האָט מביש געווען איר טאָכטער פֿאַר מיר. מיט אַ גוטער כונה. נישט פֿאַרשטעלנדיק זיך, אַז מיר טוט עס ווי און איז מיך מביש.

לילאַ איז, שמייכלענדיק, אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער אין שי־מיטרים און צוזינגנדיק אַ לייכטע מעלאָדיע. זי האָט האַרט פֿאַרמאַכט

די מיר און איידער זי האָט זי פאַרמאַכט, האָט זי אַ וואָרף געטון אויף מיר, וועלכער האָט איר נאָכגעקוקט, נאָך אַלץ פאַרכאַפּט פון איר זיבעטן חן, איינעם פון אירע אומבאַדייטבאַרע בליקן. צי איז אין אָט דעם בליק געווען שמייכל, ליבע, אָדער צאָרן, פאַראַכטונג, אָדער דעבאַרעמונג, איבערגעגעבנקייט אָדער האָכמוט?

נינאַ פאַלק האָט זיך צו מיר איינגעבויגן און גערעדט פון מיין קונסטאַיבונג, וואָס איך האָב געמאַכט אין אָוונט, מיט סטעפאַנען.

בשרע נשמהן

ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָט זי געזאָגט בעטנדיק:

נעמט אין יענעם טאָג אורלויב אין באַרען און קומט צו אונז, צו סטעפאַנען, צו מיר. בלייבט דעם טאָג ביי אונז. טעאָדאָר, מיר זענען אייער פאַמיליע. יאָ?

כ׳בין אין געריכט אַריין נישט געגאַנגען. כ׳האָב נישט גענומען קיין אורלויב. ווען איך בין געפאָרן אין דעם גרויסן קינאָ ביים זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואו איך האָב געהאַט צו שפּילן פון זיבן אַזייגער אָכצן ביז צוויי-און-דרייסיק, כדי ניין צוואַנציק דאָס צווייטע מאָל צו שפּילן — האָט מען נאָך נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ פּסק דין דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגן אויף מאָרגן.

ווען איך בין אַרום אַכט אַזייגער ווידער אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, האָט מען שוין פאַרקויפט די נייע אָוונט-בלעטער. אין גרויסע פעטע אותיות האָט אויף מיר געקוקט דער אורטייל ווענן „פאַלען—גוסטאַוו און זיינע חברים“...

מאַרק, גאָלד-מאַרק, מיטן אמתן נאָמען און פאַמיליע מאַרק קעניג האָט באַקומען צוויי יאָר מיט אַכט חדשים תפיסה, נישט פאַררעכנדיק אים, נאַטירלעך, די צייט, וואָס ער איז שוין אָפּגעזעסן אין טורמע פאַרן געריכט.

בלויז דאָס האָב איך געלייענט. צוויי און דרייסיק חדשים... מיין בראָטאַק...

אין דער לעצטער פרייער נאַכט איז ער אין ד׳ער מוטערס בעט געשלאָפן. ער האָט זיך גאַנץ פרי אַרויסגעשליכן פון שטוב און מיך געקושט, גאָלדשטראַלנדיקער יונג-ברודער... ברודערל...

וואָס פאַר אַ לעבן דאָ איז געווען!

דער ברענפּונקט פון דער שטאָט: טעאַטער, קינאָ, באַר, צו־קערניעס, קירכן, רייטזאַל, באַנהויף, האָטעל; מענטשן, מענטשן, מענטשן, אויטאָס, אָמניבוסן, טראַמוואַיען. און ברודערלעך צוויי און דרייסיק חדשים הינטער קראַטעס...

*

נאָך פאַרן דאָזיקן בייזן טאָג האָב איך געהאַט די באַגעגענונג מיט טאָמאָס פאָלק. זייט מיין באַזוך ביי העניין האָב איך אים מער נישט געזען. ער איז מער נישט געקומען אין אונזער ביוראָ און מיך נישט געלאָזט רופן, כדי צו באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן דעם אָדער יענעם אין די פאַבריק־אָנגעלעגנהייטן. ס'איז קלאָר געווען ווי דער טאָג, אַז ער האָט אויסגעמיטן מיך צו זען. דאָס האָט גאָר־נישט געפּאַסט צו זיין כאַראַקטער. סיקען אָבער זיין, אַז העני האָט אים וועגן דעם געבעטן און ער האָט איר צוליב געטון — מיך אויס־צומיידן. זי האָט מיר געשריבן אַזעלכע ליבע בריוו. איינמאָל פון דער צווייטער רייזע איבער דער שווייץ. איינמאָל פון פּאַריז. איך בין פאַר איר געווען די היימאַט, דאָס מוטערלעכעס. איצט, — אַזוי, ווי איר איז געגאַנגען גוט — האָט איר וועזן ווי באַקומען אַ תּיקון, איר גוטיקס צערטלעך, איר קינדלעכע צוטרויעלעכקייט. זי האָט זיך געפילט, ווי ניי־געבוירן. דער קאַמף פאַרן דאָזיין האָט זי געוואונען, און געוואונען גרויסאַרטיק — איצט איז זי געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש.

דאַרף זיך אַמאָל טרעפן, אַז דער ערשטער בוכהאַלטער האָט מיך שוין פאַרן שליסן דאָס ביוראָ געשיקט צום הערן פאָלק צו דער־לײדיקן אַ געשעפטס־אָנגעלעגנהייט. כ'האָב אים געדאַרפט צושטעלן עפּיס אַ אויפשטעלונג און וואָס דעמאָנסטרירן. כ'האָב געפּרוּאווט זיך אַרויסדרייען פון דער דאָזיקער שליחות, דערנאָך האָב איך זיך מיישב געווען יאָ צי ניין, ווייל מיין נישט וועלן גיין צום יונגן שעף וואָלט שוין געווען צו אויפפאַלנדיק — צו וואָס האָב איך עס

באדארפט, אז לייטן זאָלן האָבן פון וואָס צו ריידן? הכלל, איך בין געגאַנגען צו טאָמאָס פאַלק.

טאָמאָס איז געזעסן און האָט געשריבן אין קליינעם קוואַ־דראַטישן לאָקאַל, וואָס די ווענט זיינע זענען געווען איינגאַנצן באַהאַנגען מי טשפּאַנישע אָנזיכטס־קאַרטן. גראַנאַבאַ, טאָלעדאָ, סעווילאַ, טאַראַגאָנאַ, קאַדיקס, הערלעכע גרויסע אויפנאַמען, וועלכע זיין פאָטער האָט געזאַמלט. ווען מ׳האָט געקוקט פונעם שרייבטיש, איז דער בליק געפאַלן אויף די מאָשע פון קאָרדאָבע אין קאָרדאָבע איז דער יינגער טאָמאָס זעקס וואָכן פאַר דער צייט געבאָרן געוואָרן — נאָך אַן אומפאַרזיכטיקן רייטן אויף אַן אייזל, בעת זיין מוטער האָט באַקומען אַ בלוט־שטורץ.

און דאָ, ביי זיין שרייבטיש, איז טאָמאָס געזעסן, שטאַרק און לעבנספול, און אונטערגעשריבן די לויפנדיקע קאָרעספּאָנדענץ.

דערזען מיך אריינקומען און באַגריסט זיך מיט מיר, האָט ער געבעטן ארויסגיין דאָס קליינע פריילין, וואָס האָט אונז געבראַכט די מאַפּע און געוואַרט אויף די דערליידיקונג פון אונזער ארבעט.

ער האָט געזאָגט, לייגנדיק איין אונטערשריפט נאָך דער אַנדערער מיט געוויסע דייטלעכע אותיות, נישט קוקנדיק אויף מיר:

— מיר האָבן דאָך וועגן עפּיס צו רעדן, טעאָדאָר. איך פאַר־שטיי נישט, פאַרוואָס דו ביסט אויף מיר אין כעס.

— איך בין נישט אין כעס. איך קען זיך דאָך נישט אָקעגנ־שטעלן די געזעצן אין לעבן פון אַנדערע. ס׳פאַרדריסט מיך אָבער און איך האָב שבר לב, ווייל איר זענט עס...

— איך? וואָס? וועלכער איז דיין שוועסטער געקומען צו הילף?

— ווייל דאָס איז אַ מענטש פון פאַלקס פאַמיליע.

— דאָס איז סענטימענטאַל, טעאָדאָר. דו ביזט אַ קינד.

— און איך בין דער ברודער פונעם מיידל, וואָס איז אייער געליבטע.

— אָבער, טעאָדאָר, דו ווילסט אפּנים ווערן אַ פּיליסטער, קליינינקער מאָראַליסט, בלויז דערפאַר, וואָס עס האַנדלט זיך וועגן דיין שוועסטער. לאָמיר זיך נישט נאַרן: וואָלסטו דען מיך געהאַסט

און אויף מיר בייז געווען, ווען מילי מילער וואָלט געווען מיין קליינע פריינדין? אָבער ווייל דאָס איז העני קעניג, ביזטו גרייט מיך עוקר מן השורש צו זיין, מיך דערהרגענען?

— „ווער איז דען אזוי פריי פון זינד, אז ער זאָל קענען אויף יענעם וואַרפן אַ שטיין"...

— טאָ זיי טאַקע דו פריי פון דעם, טעאָדאָר. זע, וואָס דו האָסט פון זיך געמאַכט. דאָס, פון וועלכן אַנדערע גייען צו גרונד, איז געוואָרן דיין העלדנעפּאָס. זיי מיר מוחל, איך וויל דיר נישט שמייכלען — און חנפענען, אָבער ווי קומט עס צו דיר? מ'דאַרף דאָך אָבער אָפּהיטן און שעצן די גייסטיקע און מענטשלעכע פרייהייט. און קענען דעם פאַל מיט העניין — איך מיין דאָס זאַכלעך, נישט בילדלעך — נישט פערזענלעך באַהאַנדלען.

— איך קען דאָס. דער פאַל איז אָבער אַן אינדיווידועלער — כ'האָב עס שוין געזאָגט, — ווייל דו ביזט אַ מיטגליד פון דער משפחה פאַלק, פאַרשטייסטו מיך?

— יונגען — האָט טאָמאַס זיך אָפּגערופן, לאַכנדיק און אַ קלאַפּ טוענדיק איבערן טיש, — איך האַלט גאָר, דאָס דו מיינסט, אַז איך בין געווען דער ערשטער.

אונזערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. ער האָט גוט געזען, ווי איך בין אויפגעבראַכט געוואָרן און ווי דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט נאָך זיינע לעצטע ווערטער... צי האָט ער נישט פאַרשטאַנען, ווי נישט-דערלאָזבאַר און אומדערטרעגלעך ער איז געווען, מיט מיר אויף אַזאַ אופן צו רעדן וועגן מיין שוועסטער?... נייז, איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין פּראָלעטאַריער. איך האָב געוואוסט, ווי די פּראָלעטאַרישע יונגעלייט ווייסן פון זייערע שוועסטער צו רעדן. אָבער איך האָב עס נישט אויפגעבראַכט...

— האָסטו באמת נישט געוואוסט, טעאָדאָר? האָט זי, הייסט עס, דיר ווי אַן אייגענע, נישט געזאָגט דעם אמת? האָסטו קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז מוטער גרעבערט האָט פון איר מינדעריעריקייט שוין געצויגן נוצן?... זעט זיך אַנידער, אַלטער יונגע. כ'וויל נישט, דו זאָלסט מיר דאָ אומפאַלן אַ מאָדנער בחור דו ביזטו וואַקסט זיך אויס ביים געזונטברונעם און ווערט אַזאַ כשר באַשעפעניש,

א מלאך אויף אונזער זינדיקער ערד, וועלכער פארשטייט גארנישט און זעט נישט, וואס ארום אים טוט זיך. העני, ווייסטו, האט איבערהויפט נישט געהאט קיין „ערשטן". יעדער איז שוין געקומען צו שפעט. דיין פאטער ליגט אין מאסן־קבר... יא, טעאדאר, איך בין, בנאמנות, נישט קיין זיטנריטער, כ׳גלייב אבער, אז זיין טויט איז אים צו לייכט אנגעקומען, דעם דיין פאטער...

— פארוואס ווערט איר נישט פארשוויגן דאס געהערט דאך שוין דער פארגאנגענהייט. איך ווייס שוין גענוג, איך וויל מער נישט וויסן.

— כ׳בין מיט אייך נישט מסכים. מען ווייסט קיינמאל נישט גענוג. דער שטארקסטער וואלט געוועז דער, וואס וואלט אלץ געוואוסט און וואס פאר אים וואלט קיין זאך נישט געבליבן קיין סוד, דער, וואס ווייס אזוי פיל, אז ער האט איבערהויפט מער נישט קיין וועלטאנשויאונג, ווייל האבן איין וועלטאנשויאונג, הייסט שוין, ווידער, פון איר זיין געפאנגען, לפחות: ארייגעמישט צו זיין. זע, וואס טוט זיך איצט אפ: רעוואלוציע... קאמוניזם... וואס קומט דען שוין נישט פאר? איין סיסטעם ווערט אראפגעשטירצט דורך אן אנדער סיסטעם, זאל עס זיין, רעפובליק, אבער קעניגרייך, אדער מאנארכיע. צי קען דען א מענטש איבערהויפט זיין פריי אין וועלכן ס׳איז סיסטעם?...

אלזא, לאמיר איבערגיין פון מלוכה־רעזשימען צו העני. באטראכט זיך נאר אן פאראורטיילן. אפשר אויך מיך נאך. זאלסטו זשע וויסן זיין, אז זי איז געלעגן פיל טיפער אין זומפ, ווי דו, תמימותדיקער מלאך, האסט זיך עס פארגעשטעלט, און איך האב איר אויסגעשטרעקט די האנט און דערפאר קומט מיר, אז דו זאלסט מיך באטראכטן פאר א שונא און מיך וועלן עוקר מן השורש זיין?

כ׳האב געקוקט אויף די שפאנישע לאנדשאפטן און שטעט, וועלכע איך האב נישט געקענט. אזוי זענען מיר אנגעגאנגען טאמאס פאלקס ווערטער: כ׳האב זיי געהערט, אבער ס׳האט זיך געהאנדלט וועגן עפים פרעמדס און אזעלכעס, וואס מ׳קען נישט אינגאנצן תופס זיין.

— זע נאָר, טעאָדאָר, — האָט זיין טרוקענע וואַרימע שטים ווייטער גערעדט, — איך מאַך דאָ אויף דיר אַן אָנגריף. איך דערווייטער פון דיר די לעצטע אייערשאָלעכץ פון דעם געבורט און טייל עס אָפּ פון דעם, וואָס איז בירגערלעך. לאָמיר זיך אַביסל אויף דעם אָפּשטעלן. זיי נאָר פאַרשטענדיק און זיי אַ מאַן. דאָס איז בעסער ווי צו זיין אַ ברודער. העני וועט מאַכן איר וועג און איך העלף איר. וואָס זשע איז אין דעם פאַראַן פאַר אַ רעה? כ׳קען דיר זאָגן, אַז מיר זענען ממש אַרויפגעפלויגן איינער אויף דעם אַנדערן, זי האָט נאָך קיינמאָל מיטן האַרצן נישט געליבט. און איך? דו ווייסט דאָך, אַלזאָ, מיר ליבן זיך אויסערגעוויינלעך. אָבער מיר ווייסן ביידע: מאָרגן קאָן עס זיך אויסליבן... און העני האָט דערפון די גרעסטע טובה. העניו זאָל עס נישט נאָר גוט זיין, נאָר זי זאָל זיין זיכער, זי זאָל נישט דאַרפן עפענען אַ צווייפלהאַפטן פּאַנסיאָן מיט פּופּציק און באַגלייטן פלימעניצעס אין קינאָ, אָדער זיך לאָזן שענקען אַ קאָנ-פיטורקראָם, אָדער גאָר, אין בעסטן פאַל, אַ מילדע אַטעליע, אָדער אַ מאַניקיר-סאַלאָן. אום גאָטעס ווילן, מיין זיידענע העני זאָל דאַרפן פירן אַזאַ אַרט לעבן און אַזוי פיל געלט האָב איך נישטן איך וועל, אַלזאָ, צוריקטרעטן, זי לאָזן פריי, ווען דער קאַפּיטאַליסט וועט קו-מען, דער גרויסער פינאַנסיסט און אין איר זיך פאַרליבן. איך ברענג איר געזעלשאַפט אין הויז, אינגיכן דאַרף קומען ערזל גרין פון טשיקאַגאָ קיין בערלין, דו ווייסט דאָך, אַז איך קען אים נאָך פון נאַראַו און איך וועל אים פאָרשטעלן העניו. אפשר... וואָס וויל איך דען? העניס גליק. איך וויל, זי זאָל זיין גליקלעך. דאָס איז מיין הייסער באַגער. כ׳האָב געהאַט הונדערט מיידלעך, יינגע, אָבער העני איז מיין ערשטע פרוי. און ווען מיסטער גרין וועט זיך אין איר פאַרליבן... איך וועל נישט שטיין אין העניס גליק און שטערן, זי זאָל האָבן אַ רענטע אויף איר גאַנץ לעבן... אַזוי. דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, טעאָדאָר. כ׳גלייב, אַז איך האָב דיך געהאַלטן פאַר פאַרשטענדיקער, ווי דו ביסט אין דער אמתן.

כ׳האָב זיך געפילט, ווי אין אַ לאָקאַל לגמרי אָן לופט — אָדער אין אַ פילטער פון גיפטיקע גאַזן. כ׳האָב געפילט, אַז אָט, אָט וועל איך דערשטיקט. כ׳האָב קוים געפונען די טיר אַרויסצוגיין.

און דאָ האָט ער מיך צוריקגערופן.

— האַלאָ.... טעאָדאָר, כ׳האָב פאַרגעסן דיר עפּיס צו זאָגן. זע זיך מיט הערמאַן מוקער, דעם פילמרעזשיסער, ער וויל פון דיר מאַכן אַ פּאָר פּראָבע-אויפנאַמען. כ׳האָב אים אַנומלט מיטגעשלעפּט אין „טאַבאַרן״, ער זאָל זען דיינע סצענעס. איך האַלט, נעמלעך, אַז דו זאָלסט פילמען, טעאָדאָר. איך וויל דיר איצט נישט זאָגן, ווי איך האַלט פון דיר און וואָס פאַר אַ האָפנונגען איך לייג אויף דיר אַרויף. אָבער ווען איך וואָלט געפונען מענטשן מיט געלט, וואָלט איך געגרינדעט אַ פילם-געזעלשאַפט ספּעציעל פאַר דירן

איך וויל נישט דערציילן, ווי איך האָב טאָמאָסן פאַרלאָזן און מיט וואָס פאַר אַ האַרץ איך בין פון אים אַוועקגעגאַנגען... כ׳האָב אים אָבער נישט געקאָנט האַסן און נישט פאַראַכטן און נישט אויסרייסן אים פון מיין האַרצן. נאָר איך בין געווען צעשמעטערט, די וועלט איז מיר געוואָרן טריב און פאַרמיאוסט.

אין אַזאַ צושטאַנד נאָך בין איך געגאַנגען צום הערן מוקער. מיר זענען געפאָרן אין זיין קליינער אַטעליע אויף דער פרידריך-שטראַסע און עס זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן אויפנאַמען, גרויסע און קליינע, כ׳האָב זיך געשמינקט, כ׳בין געגאַנגען, געוויינט, זיך צוגעזעצט, כ׳האָב געקוקט אויף די יופּיטער-לאָמפּן, ביז ס׳זענען מיר אַרויסגעטרעטן טרערן אויף די אויגן... אַך, ס׳איז גענוג געווען זיך עפּיס צו דערמאָנען און עפּיס זיך פאָרשטעלן, כדי מיך צו ברענגען צו אַ צושטאַנד, ווען איך מוז אָנהייבן צו וויינען און צו שלוכצן.

ס׳איז גאָרנישט פאָרגעקומען. מ׳האָט מיך קורץ נאָכדעם משלח געווען אַהיים... איך האָב נישט געגעבן קיין בילד... כ׳האָב דאָך אָבער אַליין נישט געהאָפט צו געבן.

איך בין געווען צווייטער בוכהאַלטער, כ׳וועל אויף מיין פּאָסטן אַלין מער אַוואַנסירן. כ׳האָב שוין פאַרדינט גאַנץ נישקשה, אַזוי אַז קיין דוחק אין געלט האָב איך שוין נישט געפילט. כ׳האָב ווייטער געוואוינט אין דער זעלבער שטוב און קיך און דאָס וואוינונגס-אַמט האָט זיך וועגן מיר נישט געקימערט און מיך געלאָזט אויף ווייטער בלייבן אין דער וואוינונג, נישט געקוקט, וואָס איך בין איצט גע-ווען איינער אַליין. כ׳האָב אויסגעווייסט די קיך און די שטוב אויס-

טאַפּיצירט, כ'האָב אַליין אָנגעקלאַפּט מיט פלאַקס־אָפּפאַל די שטולן, אויף די ווענט זענען שוין ביי מיר געהאָנגען פאָטאָגראַפיעס פון אַלטע בילדער און פאַרביקע רעפּראָדוקציעס, מיט זיין וואָרט, ס'איז מיר געגאַנגען גוט. כ'האָב יעדן אָוונט פאַרדינט אַ פּאָר מאַרק, כ'בין אָבער שטענדיק געווען מיד, שטענדיק ווי אַן אַלטער אָפּגעשוואַכטער מענטש. און איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע צוויי און צוואַנציק יאָר.

כ'האָב געהאַט צייט, גיך אויף אַ שעה אַוועקצושפּרונגען אויף אַ קאָנצערט, כ'האָב שוין געקאָנט אַליין זיך קויפן ביכער, כ'האָב זיי געלייענט אין דריי שפּראַכן. סטעפאַן האָט מיך געליבט און פלעגט מיר פאָרשפּילן זיינע קאָמפּאָזיציעס. און זונטאָג, פאַרמיטאָג, פלעגט ער אָפּזיצן פיל שעהן ביים קלאַוויר. און איך האָב געהערט מוזיק, וועלכע איך האָב נאָר געוואָלט. דעם גאַנצן שומאַן און בראַמס און באַכס ווערק. כ'בין אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעדרונגען אין אומענדלעכע הימלען פון מוזיק. דורך איר מלוכה וואַנדלענדיק, האָב איך געזען די צאַללאָזע דראַמען, וועלכע איך בין געווען מסוגל איבערצולעבן. מיין לעבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין בילדער און פאַרגלייכן. אַלץ, וואָס אין מיין לעבן איז אַמאָל געווען: זאָרג, בענקשאַפט, ליבע, הונגער — האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מעשהלעך, אַלעגאָריעס, קאָמעדיע. פון אומגליק איז געוואָרן אומגעשיקטקייט און שלימזל — געלעכטער. כ'בין נישט אומגעקומען, כ'האָב געלעבט, כ'בין אַנטלאָפן געוואָרן פון פאַרשידענע אָנשיקענישן און קוים געאָטעמט. דאָס לעבן איז ניצול געוואָרן. אַלע סכנות, וואָס האָבן אויף מיר געלויערט, זענען געווען בלויז חוזק־שטיפעריען און וויץ און שפּאַס פונעם שיקזאַל. כ'בין געגאַנגען מיט מיינע צו־קליינע פיס איבער דער ערד, — אַז איך בין געווען אומזיכער אין זיך, ווי אַ קינד, וואָס קאָן נאָך נישט גיין. יאָ, מיינע פיס זענען געווען צו־קליין, כדי איך זאָל אַלץ כאַפּן און נישט קענען האַלטן, נישט קיין מענטש און נישט קיין געלט... יאָ, מיינע הענט זענען געווען צו־קליין, דאָס זענען געווען קינדער־הענט אויף אַ פאַרדאַגהטן מאַן. אָבער אין אַ פאַרדאַגהטן גוף שפּרייט זיך אויס אַמשטאַרקסטן ס'האַרץ. וואָס בין איך איינגעטלעך געווען? אַ האַרץ אויף שוואַנקנדיקע פיס מיט צו־שוואַכע

הענט... וואָס האָבן די מענטשן, די פרויען דאָ צו ליבן? זיי ליבן דאָס גרויסע און שטאַרקע און אַזעלכע, וואָס קאָנען איינגעמען וועלטן, פון מיר איז דאָס אַלץ אַנטלאָפן געוואָרן... מיך האָט עס אַלץ אויס־געמיטן. די ערד האָט זיך געדרייט נאָך שנעלער, ווי איך האָב גע־קאָנט לויפן. איך פלעג שטענדיק בלייבן הינטערשטעליק...

ליבער סטעפאַן, דו האָסט מיך געשפּייזט מיט מוזיק. ס'איז אָבער געווען אַ מעלאָדיע אין מיין לעבן, וועלכע דו האָסט נישט געקאָנט אויסשפּילן. די דאָזיקע מעלאָדיע איז געווען ליליאַן...

זי פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען, ווען סטעפאַן האָט פאַר מיר געשפּילט. אַזוי שטיל, אַזוי אויפפּעליק, אומזיכט־באַר, אַז זי פלעגט, אַזוי צו זאָגן, שטום מאַכן די מוזיק און אַלץ, אויסער איר מאַכן פאַרשוואונדן. די מעלאָדיע פונעם אָט דעם מיידל האָט אָנגעפילט מיין גאַנצע בענקנדיקע נשמה, אָבער נישט איר האַר־מאָניזירונג.

זי האָט גערעדט צו מיר נישט אַנדערש, ווי האָכמוטיק, נישט צו מיר, נאָר איבער מיר. זי האָט געזוכט יעדע מעגלעכקייט מיר צו פאַרשאַפן יסורים, מיך צו באַליידיקן און זי האָט קיין מורא נישט געהאַט פאַר קיין עפנטלעכקייט, זאָגאַר געזוכט די געלעגנהייט מיך צו באַליידיקן לפני קהל ועדה, אַרויסשטעלן מיינע שוואַכ־קייטן און חסרונות און בכלל מיך מבייש צו זיין.

כ'האָב געמוזט יעדן זונטאָג קומען צו סטעפאַנען אויסשטו־דירן מיין נומער, זיך לאָזן גיין אַהין, ווען אַלע זענען נאָך געווען בייַ זיי, זייערע חברים און חברטעס, סטעפאַנס מוזיק - קאַמעראַדן, טאָמאַס פאַלקס באַקאַנטע.

אין דעם פלעגט ליליאַן, ווען איך פלעג זיך פאַר איר אַ נייג טון — זי פלעגט מיר קיינמאָל נישט געבן די האַנט — מיר קענען זאָגן, באַקוקנדיק מיך — איך בין געווען קלענער פאַר איר — פון אויבן ביז אונטן, און איר בליק האָט דאַן גערוט אויף אַלע, וואָס אויף מיר איז געווען מיט דעפעקטן און נישט עלעגאַנט: אויף מיין קראַוואַט, אויף די פאָרם פון מיינע שיך, אַזוי אַרויספאָדערנדיק, אַז יעדן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די חסרונות פון מיין גאַר־דעראָב — דאַן האָט זי מיט דער קאַלטקייט פון אַ קעניגין געקאָנט

זאָגן מיט אזא טאָן, פּונקט, ווי זי וואָלט גערעדט צו איר פריזירער:

— איר מוזט מילך און האָניק, שעפּסן און קעמלען האָבן א סך.

און ווען איך האָב זי, גאָרנישט פאַרשטייענדיק, זי אָנגעקוקט און אייניקע יונגעלייט האָבן שוין געקיכערט, האָט זי פאָרטגעזעצט:

— יאָ — און זי האָט עס נאָכלעסיק באַטאָנט — איר, איר קענט דאָך דעם אַלטן טעסטאַמענט, וואו עס שטייט געשריבן, אַז גאָט דער אַלמעכטיקער באַלוינט די צדיקים מיט מילך און האָניק און די גאָטספאָרכטיקע מיט קעמלען און שאָף. און איר האָט דאָך אַזוי אָפּט די גערעכטיייט און יראת שמימקייט...

דאָן פלעגט פרוי נינאַ מיך נעמען געאָרעמט, מיך אַרויסבאַגלייטן און מיט מיר נאָך בלייבן שטיין אין קאָרידאָר און פּלוידערן. סטעפאַן פלעגט מיט אונז מיטגיין. כּ׳פלעג אָבער דאַמאָלט אויפכאַפּן טאָמאַס פאַלקס פאַרשנדיקן בליק, וועלכער האָט מיך געוואָלט דורכדרינגען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך צוגעקוקט צו אַן עקספּערימענט, צו אַ וויוויסעקציע, אַ וויוויסעקציע, אָבער צו אַ בעסערן צוועק.

אָדער גאָר ליליאַנס אזא שמד-שטיק:

אַמאָל האָט זי מיר ביים טיי-טיש געפרעגט:

— האָט איר אפשר אַ שוועסטער, הער קעניג? וואו געפינט זי זיך? קענט איר אפשר אונז אַמאָל פאַרשאַפן די פרייד און פאַרגעניגן, זי זאָל אונז באַזוכן? מיט וואָס באַשעפטיקט זי זיך?

טאָמאַס פאַלק האָט געשמייכלט. כ׳גלויב, אַז ער איז מיט זיין שמייכל נישט געווען אויסן קיין בייזס. ער האָט אַרומגענומען זיין שוועסטער און זי געקושט.

— פרייליין קעניג — האָט ער זיך אָפּגערופן — וועט אפשר הנאה טון, ווען דו וועסט זי אַמאָל באַזוכן. לאָד זי איין פערזענלעך צו אונז.

אָדער ליליאַן האָט דורכן צימער מיך אין דער הויך געפרעגט, ווען איך בין געזעסן צווישן יונגע מיידלעך און געפּלוידערט:

— ווי איז דאָס, טעאָדאָר, איר טרעט נאָך אַלץ אויף? מאַכט אונז פאַר אַמאָל עפּיס? כ׳וועל דאָן גיין מיטן טעלער זאַמלען, ווי די גוטע פרוי פאַר איר זיילטענצער פאַרן מיאָן.

קיינער האָט נישט געקאָנט אין דעם איר שטערן.

איך האָב זיך געטראַכט, ווי אַפּט נינאַ און סטעפאַן באַמיען זיך אויף איר ווירקן און איר אַריינטענהן, זי זאָל מיך אויפהערן אַזוי גרינגשעצן און באַליידיקן. אָבער געטראַכט האָב איך אויך וועגן דעם, ווי אָפּט ליליאַן ליגט זיך אין בעט און קלערט: ווי אַזוי מיך מבייש צו זיין, ווי אַזוי מיך צו פאַרוואונדן און רייצן.

כ׳פלעג פון אירע שטעכווערטער ווערן בלאַס, כ׳האָב עס באַמערקט. אָבער כ׳האָב גאָרנישט געטון, כדי להבא צו מאַכן אומשעדלעך אירע סיסטעמאַטישע אַרויסטריטן קעגן מיר. כ׳פלעג איר אָפּענטפערן אפשר מיט אַ שמייכל, וואָס פלעגט צייטנווייז איר בייזע כונה אָפּשוואַכן און מאַכן פאַרגעבלעך.

ניין, כ׳האָב נישט אויפגעהערט צו גיין צו די פאַלקס אין הויז און ליליאַנען געליבט...

כ׳האָב זי געליבט...

און איך האָב ליב געהאַט די דאָזיקע וואונדן, וועלכע זי פלעגט מיר מאַכן און געשטערט זיי, דורך שטענדיקע רייסן, זיי זאָלן אויסגעהיילט ווערן... יסורים, פון איר געשאַפן, זענען מיר געווען זיס און איך האָב זיי בוכשטעבלעך מקבל באהבה געווען.

כ׳פלעג זיך אין מאַנכע נעכט היטן איינצושלאָפן, כ׳פלעג בלייבן וואַך, כדי וואָס לענגער פון איר צו ליידן.

וואָס איך האָב געזען, איז געווען איר פאַרוואַנדלונג. כ׳האָב געלעבט פון איר.

אַמאָל, אין אַ זונטאָג, האָב איך זי געטראָפן אַליין. סטעפאַן האָט זיין מוטער באַגלייט, וואָס איז געגאַנגען באַזוכן אירע באַקאַנטע.

ליליאַן איז געזעסן הינטער צוגעצויגענע גאַרדינען, אין בלאָען צימער און געהאַט די הענט אין שויס.

— זעצט זיך, מיין הער, — האָט זי געזאָגט, ווי האַלב אין שלאָף — ווייסט איר, ווער ס׳האָט אייך געלאָזט גריסן? אַנו, טרעפט.

איך בין געבליבן שטיין אינמיטן צימער און האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָנעם טיש. כ׳בין געווען שוואַך, אומבאַהאָלפן און בלינד.

— אייער שוועסטער לאָזט אייך גריסן.

ליליאַן איז געזעסן אין אַ שאַקלשטול און האָט זיך אָנגעהויבן

צו וויגן, און די גאַנצע שטוב האָט זיך מיט מיר געוויגט.

— כ'בין נעכטן ווידער געווען ביי איר. כ'בין אָפט ביי איר. מיר זאָגן זיך איינע דער אַנדערער דו, איך רוף זי שוועסטער. כ'האָב שטענדיק זיך געוואונשט צו האָבן אַ שוועסטער. ברודער — בּאַ, דאָס זענען דאָך מענער, וואָס קומען נישט אין באַטראַכט. און איין מאַן, וועלכער קומט נישט אין באַטראַכט אַלס מאַן...

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. כ'האָב זיי אָבער אין מיין וועלט־בלינדקייט געזען אַזוי קלאָר און דייטלעך.

— ווען איך וואָלט נישט געווען פאַרמשפּט צו זיין ליליאַן, וואָלט איך געוואָלט... וואָלט איך געוואָלט...

זי האָט עס שטיל געזשומעט פאַר זיך ווי אַ בין, זי האָט גאָרנישט גערעדט צו מיר.

— שיין איז עס. ווי זייד. „זיידי" רופט זי טאַמאַס. ער ליבט זי גאַנץ ריכטיק, ער איז אָבער מסוגל צו יעדער צייט זי אוועקצו־שיינקען... יאָ, רויזן האָב איך געפּליקט ביינאַכט...

און זי האָט געפּליסטערט אין אַ האַלבן געזאַנג די גאַנצע סאַפּישע אָדע...

פּלוצלינג האָט זי אָנגעשטעלט די אויגן אויף מיר און זיי לאַנג פון מיר נישט אַראָפּגענומען.

„און ס'האָבן פונאַנדערגעשאָטן אַ סך די באַוועגטע צווייגלעך טוי, וואָס האָט מיך באַנעצט"...

זי האָט מיך געליבט...

זי לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר...

ווייסטו דען נישט? זעסטו דען נישט? לעבּ איך דען נישט נאָך דיר? קום־זשע. דאָ בין איך... איך... פאַר דיר... מיין געליבטער...

כ'בין געלעגן ביי אירע פיס. כ'האָב אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. מיין שטערן האָט באַרירט איר קני. כ'האָב צום ערשטן מאָל באַ־רירט: פרוי...

זי האָט שטיל געזאָגט:

אויך דער דופט פון די קושן האָט מיך, ווי נאָך קיינמאָל נישט באַרוישט און באַגליקט.

וועלכע כ'האָב ביינאַכט פונעם קוסט פון דיינע ליפּן געפּליקט;

דאָך אויך דיר, באַוועגט אין געמיט, גלייך צו יענעם,
האָבן באַנעצט מיט טוי די טרערן...

פּלוצלינג האָט איר קני אַ שטוים-אָפּ געטון מיין קאָפּ. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ צום רוקן פון שטול, דער שטול האָט זיך אָנגעהויבן צו וויגן, און זי האָט געזאָגט שטיל, רויק, קאַלט:

— אָבער איר זענט דאָך משוגע...

און זי האָט איבערגעחזרט — נאָך אַ שווייגן פון איין מינוט, בעת זי האָט זיך פיין געשאָקלט, און דער דופט פון איר גוף איז צו מיר דערגאַנגען און אָפּגעגאַנגען, — זי האָט איבערגעחזרט אינעם זעלבן רויקן טאָן אָן שום ליידנשאַפט:

— איר זענט משוגע...

*

דאָס איז געווען מיין ליבע-דערלעבעניש...

כ'וואָלט עס געקאָנט דערפינדן. ס'איז געווען ווי אַ פאַרגלייכעניש, ווי אַ ענלעכקייט צו עפּיס אַזעלכס.

כ'בין אַראָפּגעלאָפן איבער די שטיגן און אויף די טרעפּ איז, צום גליק, געווען פּוסט און שטיל.

איין מאָל, איין איינציק מאָל האָב איך געטרוימט... אָבער אַפילו דער דאָזיקער איינציקער טרוים מיינער האָט נישט געוואוסט פון קיין גנאָד און מיך פאַרלאָזן...

כ'בין דאָ געשטאַנען, דערנאָך בין איך געלאָפן. שטילע גאַסן האָבן מיך איינגעזייגט אין זיך. כ'בין געלאָפן, געלאָפן. און זיך ווידער אָפּגעשטעלט. און ווייטער געוואַנדערט. גראָד, ווי אָן אויסגעצויגענע שנור זענען געגאַנגען: קייזערבאַם, ביסמאַרקשטראַסע, שאָסע אין טירגאַרטן, לינדן. העט, ווייט אַוועקן...

און ליליאַן...

כ'האָב זי געליבט. יאָ? צי האָב איך זי געליבט?...

אָ, כ'האָב געליבט ווי נאָר אַ מאַן. כ'בין אַוועק פון דער פורכטבאַרער חורבה און האָב אַרומשפּאַצירט. אַ קליין בחורל מיט צו-קליינע פיס און הענט, וואָס קען נאָך עד-היום נישט שטיין פעסט אויף די פיס און פעסט זיך האַלטן. די ערד האָט זיך געדרייט שנעלער, ווי

איך האָב געקענט מאַכן שוואַכע טריט. און אין מיין האַנט האָט דאָס גליק נישט געהאַט קיין פּלאַץ. אַלץ איז פון מיר אַוועקגעלאָפן. און וואָס איז געבליבן?...

פרידריכשטראַסע. זונטאָג-שטילקייט. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען בערלין. און ס'איז געווען אַ שטילע פייערלעכקייט. וואָס איך וואָלט נישט געדאַרפט גיין עסן מיטאָג?...

אַ שויפענצטער האָט מיך פאַרהאַלטן. קויפער זענען דאָרט געווען גרויסע, מיטעלע און קליינע רעדער רער-פּלאַטן. זילבערנע גע-סעסערן. פּלעדן, הוטשאַכטלען, האַנטטאַשן. אַ, די וועלטן... אָבער כ'האָב אַ קוק געטון אויף זיך אין דער אָפּשפּיגלונג פון שויפענצטער. אין שויב בין איך געשטאַנען, ווי אַ גייסט, אַ קליין מענעלע, אָן אַן אָנזען, קאָמיש. און איך, איך בין געפאַלן אויף די קני פאַר ליליאַן! ווי האָב איך עס געוואָגט צו טון? איך ליב דיך, — האָב איך גע-זאָגט! איך, איך... מיט מיין אויסזען, מיט מיין פּרצוף? אויף איין מאָל בין איך געווען אַן א י ד ! און וואָס פאַר אַ גראָטעסקעסן אָרימער טעדין

זי האָט מיך גאַנץ געלאָסן פון זיך אָפּגעשטויסן און גאַנץ רויק געזאָגט:

— איר זענט משוגע.

גוטע, וואוילע, ליליאַן, זיי מיר מוחל, ליליאַן. ווי האָב איך עס געקאָנט טון! אַלע, אַלע זייט מיר מוחלן...

אַך, ווען איך וואָלט שוין געווען אינדערהיים! כ'האָב נאָך אָבער דורכצוגיין די גאַנצע ענדלאָזע פרידריכשטאַסע, דעם שטעטינער באַנהויף — אַ... דעם פאָטערס גייסט... ווי ער האָט מיך אַוועקגע-שטעלט דאָ בעטלען... די גאָרטענשטראַסע. אונזערע פענצטער אויבן אין הויז, וואו מיר האָבן אַמאָל געוווינט.... פאַרגאַנגנהייט... גע-שפּענסטער? אָדער גוטער גייסט: מוטערן...

און איך בין געווען אינדערהיים. כ'האָב זיך אומגעקוקט. ס'איז געווען זויבער, שטיל. כ'האָב גענומען פּאַפּיר און אָנגעשריבן צוויי בריוו.

„העני, דו שרייבסט מיר אָפט און שטענדיק אַזוי ליב, אָבער א י ן וואָרט פעלט מיר אין דיינע בריוו און איך בעט דיך, שרייב

עס מיר, ענדלעך, כ'בעט דיך. שרייב מיר, אז דו ביסט מיר מוחל. דו ביסט גערעכט".

און אין טורמע אריין:

„מארק, טייער ברודערל. כ'מוז דיר עפּים שרייבן. אפשר וועסטו עס נישט פאַרשטיין, אָבער איך מוז עס דיר ענדלעך זאָגן: איך זאָל דיר איבערגעבן אַ גרוס פון דער מוטער".

דערמיט האָב איך, ווי ס'האָט מיר געשיינט, אַלץ געטון, וואָס איך האָב באַדאַרפט צו טון.

און איך בין נאָך אַלץ געווען אינעם דאָזיקן עולם־התוהו. כ'האָב שוין מער נישט געטרוימט. כ'האָב פאַרלוירן ליליאַן, איר מוטער, סטעפאַנען, די לעצטע ליבע אויף דער וועלט. ווייל מער האָב איך שוין קיינמאָל נישט געקאָנט גיין צו זיי. כ'האָב זיך אומגעקוקט. אַלץ איז געווען אמת און אומוואַרשיינלעך. אונטערן בעט איז געשטאַנען די מוטערס וועש־באַליע און איך האָב נעכטן אין דעם געוואַשן מיין וועש. האָן האָן און איך האָב געזאָגט... איר...', איך ליב דיך...

איך בין נאָך געווען דאָ, כ'האָב נאָך געלעבט. מיין גאָט, וואָס זאָל איך טון?...

*

כ'האַלט שוין ביים סוף. איצט הער איך אויף צו שרייבן.

ס'איז נישט אמת, אַז יעדער סוף איז אויך אַן אָנהייב. דען דאָ שטיי איך און וועל דאָ אויף שטענדיק בלייבן שטיין און ס'וועט גאָרנישט אַנדערש ווערן.

איך בין איצט בוכהאַלטער אין אַ פאַבריק ביי וועדיק און מיין אַרבעט דערליידיק איך גאַנץ רויק. אין אָוונט, וואָכנלאַנג — דאָן אַ פּויזע — שפּיל איך מיינע קליינע טראַגעדיעס. כ'האָב געפונען אַ סך נייע. כ'בין נאָכאַמאָל געשטאַנען פאַרן קורבעלקאַסטן, אָבער אין בילד ווירק איך נישט. מיט פילמען גייט עס מיר נישט. איך פאַרקויף דאָ און דאָרט אַן אידייע. דאָס איז אַלץ. און איך האָב געלט. איך שפּאָר נישט אָפּ. כ'גיב עס אויס מיט אַ ברייטער האַנט. אָן בין איך אַ פאַררעטער? איך גיב... איך וואוין נאָך אַלץ אין אַלטן הויז און דעם סטאָליאַר אין קעלער מיט זיינע פינף סקראָפולעזע קינדער איז איצט בעסער, אַנדערע שכינים — אויך. אָבער דאָס געלט קלעקט מיר נישט. און ווען איך וואָלט אפילו מאסיף ממון גע-

ווען, ווען איך וואָלט אפילו געפּומפּט מיליאָנען, ווי מען פּומפּט וואַסער, וואָלט אויך גאָרנישט געווען דערפון: עס קלעקט מיר קיינמאָל נישט...

איך שטיל — פון צייט צו צייט — דעם הונגער פון אַ הויזגעזינט. אָבער דער הונגער פון דער וועלט? בחנם, ווי שטענדיק. אים איז נישט צו שטילן... ס'קלעקט נישט קיין געלט. איז דען אָרימקייט אַ נאַטורגעזעץ? אַ חוק ולא יעבור?...

אַ האַלב יאָר איז פאַרגאַנגען זייט איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן מיין געשיכטע. כ'האָב אין משך פון אָט דער צייט געאַרבעט און געדינט, נישט יעדן טאָג האָב איך געהאַט צייט צו שרייבן.

כ'בין גלייכגילטיק צו געלט, ווי נאָר אַ מענטש, וואָס איז געבליבן אין אָרימקייט, קען זיין. קיין רייכער מענטש וועט עס נישט פאַרשטיין, אַז איך פאַראַכט עס. מוז מען דען נישט פאַראַכטן דאָס, וואָס איז אַזוי נויטווענדיק און אַזוי אומפאַרמיידלעך, כדי זאַט צו ווערן? געמיין געלט, מיט וועלכן מ'קען זיך קויפן און אַ מענטשן אויך, אַ נידערטרעכטיקייטן

וואו איז נינאַ? וואו איז היינט ליליאַן? אַ רייכע פרוי, וואָס איר אויטאָ באַשפּריצט מיך מיט שמוץ. סטעפאַן שפּילט אין לאַס-אַנזשעלעס. דערמאָנט ער זיך נאָך?...

איך לעב נאָך. וואָס זאָל איך טון?

אָך, ווען איך ווייס, וואָס איך זאָל טון!

אָבער, אַ טרייסטן — נאָך עפּיס ווייס איך: וואָס עס איז נויטווענדיק. איך ווייס פון פּלאַטאָן, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז נויטווענדיק, איז שיין.

כ'האָב באַקומען ביטערע קלעפּ פון שיקזאַל. און איך קען נישט בענטשן דעם שמערץ, וואָס זיי האָבן מיר פאַרשאַפט. אָבער די האַנט, וועלכע האָט מיט זיי אָנגעפירט, — אין איר חכמה גלייב איך. דאָ איז געווען אַ כונה, ס'האָט געהאַט אַ זין: דאַרף מען, אַלזאָ, מיט דעם שלום מאַכן?

אַזוי האָב איך שטענדיק געטראַכט. כ'האָב קיינמאָל אין מיין לעבן זיך נישט מייאש געווען. כ'האָב דעם דאָזיקן געדאַנק קיינמאָל נישט געוואָלט אויפגעבן, קיינמאָל נישט ענדערן. כ'האָב געלאָזט די מוטער שטאַרבן און בין אויפגעשטאַנען און זיך ווייטער געגאַנגען

מיין אויסגעטראַטענעם וועג. הענט איז אומגעקומען, מארק האָט זיך אויסגעגליטשט: איך האָב זיך אַליין באַשטראָפט. איך האָב געגלייבט עפּיס אין אַ זין: אַזוי לעב איך...

מאַנכעמאָל, אין אָוונט, ווען איך האָב פרייע צייט, גיי איך איבערן אַלטן וועג צו מיין שולע אין דער שטראַלזונדערשטראַסע. דער רעקטאָר לעבט שוין איצט פון עמעריטור, רודאָלף ראוישער, וועלכן איך האָב געליבטן... איך פלעג אַהינגיין, וואו די ווילע שטייט נאָך. פרעמדע מענטשן וואוינען דאָרט איצט. דאָ האָט דיאַנאַ פּיאַרי אַ שפּרונג געטון און טויט. איצט איז יענץ אָרט, וואו זי האָט זיך געוואָרפן אונטערן צוג, אַרומגעצוימט מיט הויכע שטאַכעטן. כ'בין געגאַנגען צום נאַכטאַזיל און האָב דאָרט געזען די שוועסטער און ברודער, אין די טויזנטער, דורך די שפּאַרינעס שליכן. ניין, ס'איז פאַראַן קיין סאָציאַל פּראָבלעם. ווען עס וואָלט יאָ געווען, וואָלט מען עס געקאָנט לעזן. ס'איז פאַראַן נאָר נויט, דחקות און דלות. אָבער אָרימקייט איז דאָך אַ נאַטורגעזעץ, זי געהערט פּסיכאָלאָגיש צו דער מענטשהייט, ווי אַ אומהיילבאַרע קראַנקהייט, וואָס דער מענטש קען נישט פטור ווערן פון איר, ווי, למשל, דער קרעבס. דאָס איז אַן אייביקער פּלאָג פון דער מענטשהייט, אַן אייביקער געשוויר אויפן סאָציאַלן אָרגאַניזם. די חיה ליידט נאָר הונגער אַלס הויז-חיה פונעם מענטשן. אָבער אויף דער פרייהייט? יאָ, נישט צו ענדערן אויף דער וועלט און נישט פטור צו ווערן — איז נאָר די אָרימקייטן

היינט האָט מיין שכן, דער סטאָליאַר, געבראַכט צוויי פון זיינע קינדער אין שפּיטאָל אריין — אין אַ צושטאַנד פון גסיסה. טובער-קולאָז. און זיינע אַנדערע דריי קינדער?... וואָס פאַר אַ גורל וואַרט אויף זיי?

כ'האָב זיי געזען אין הויף זיך שפּילן.

אין די פענצטער פון מיין וואוינונג האָט זיך נאָך אַלץ גע-טראָגן דער עיפּוש פון אַבאָרט-שטיבל, וואָס איז געשטאַנען נאָר נאָענט. אַ שרעקלעכער עיפּושן ס'איז געווען אַ שטאַרקער דוחק אין וואוינונגען. הונדערטער טויזנטער האָבן געמוזט אויסגיין אין הונגער און פינצטערקייט. כ'האָב אַלץ געזען, אַלץ געוואוסט, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טון?...

אין הומבאָלדהיין האָט געפייפט דער ווינט. צווישן ווערוש

און געזונטברונען האָט געבליט און די אביונים האָבן געשמייכלט.

כ'בין געלאָפן איבער דער גרויסער בריק, די מיליאָנענבריק, און נאָך ווי פריער זענען געלעגן אומפאַרבויטע פּלעצער, שוטבערגלעך, מילהויפן. דאָרט האָט העני גערופן די מוטער... און דאָרט האָט זיך פאַר מיינע אויגן ווידער געעפנט בערלין מיט די טריבע קאַרטעס פון זיינע גאַסן, מיטן אויפגעריסענעם מויל פון די ווייטע פּלעצער, אויף וועלכע עס שטשירען מיט די ציין די הייזער ארום זיי, זייערע פירקאַנטיקע, פוילע, שטינקנדיקע ציין. די בריק האָט זיך אומגעהויער געשאָקלט איבער די שינעס, וואָס האָבן זיך געצויגן, ווייט און פאַרבונדן בלויז אָרימקייט מיט עלנט. און אַפילו דער פּילאָט אויבן אויפן אַעראָפּלאַן, וואָס איז געקומען צו פליען פון מאָסקווע, וואָס האָט ער דאָ אַנדערש געזען, ווי נישט דאָס זעלבע, וואָס דאָ: אָרימקייט און עלנט...

אַ נעפּל איבער בערלין. די סירענעס אויף די פאַבריקן לאָזן ארויס אַ שניידנדיקע פּייפעריי. וואו איז דער הימל? בלויז שטאָט און מען. דעם יאָמער פון דער שטאָט. דאָס איז פאַראַן איבער און איבער, און דאָס ווערט קיינמאָל נישט געמינערט און נישט פעלן...

לאָנדאָן, פּאַריז, ליסאַבאָן און ליווערפּול, און דובלין און מאַרסעל, רוים און לענינגראַד, שאַנכאַי און ניו-יאָרק, באָסטאָן און האַמבורג... קלאַאַקן אומעטום, הונגער, פאַרברעכן, נויטצוכט, מאָרד.

ס'איז גוט, וואָס פון מיר איז גאָרנישט געוואָרן, אַז איך בין פאַרבליבן אַ בוכהאַלטער מיט נעבנפאַרדינסטן, ווייל נאָר דאָ פיל איך זיך „אינדערהיים". צווישן וועדונג און געזונטברונען, וואו די מוטער פלעגט וואַשן, מאַרק האָט אָנגעהויבן גנבענען און העני איז אוועק אויף אירע דרכים... די אַלטע שוואַרצע גאַסן, די שטויביקע אַלייען, די משופּעדיקע ערטער, וואו מיר פלעגן גנבענען קאָקס, דאָס נאַכטאַזיל, וואו איך פלעג פאַרקויפן דעם טאַבאַק, פון די פּאַפּיראָסנרעשטן, וואָס איך פלעג צונויפקלייבן אויף דער גאַס, — איין פעניג אַ פּייקע — דאָ האָט געלעבט מיין האַרץ, דאָ האָט עס זיך איינגעוואָרצלט.

כ'וועל נאָך אַזוי לאַנג לעבן, דער טויט... איך לאַך פון אים,
כ'בין שטאַרקער פאַר אים, כ'האָב אים דאָך איבערגעלעבט,

דאַמאָלט, ווען איך בין אויפגעשטאַנען נאָכן מוטערס טויט. ווען איך האָב ליליאַן בייגעקומען. ליליאַן...

ליב איך זי נאָך? ליב איך.

איך גיי נאָך איר אויס...

אַלץ איז מיר אויסגעפאַלן אין לעבן, נאָר קיין ליבע — נישט. בלויז איין פרוי האָט מיך געליבט. ווייל זי איז געווען מיין מוטער. כ'בין אַליין און עלנט, ווי אַ שטיין. און אַזוי וועט עס בלייבן אויף ווייטער. איך זיץ אין דיין שטוב, מוטער, און קאָך מיר קאַרטאָפל און וואַש מיין וועש און איך ווינטש מיר אַזוי שטאַרק, אַז מאַרק זאָל ווידער צו מיר קומען און מיר וועלן דאַן צוזאַמען וואוינען אין אָרימקייט, וואָס קאָן נישט אויסגעראָטן ווערן פון דער וועלט.

ווי שיין עס איז שבתצונאַכט צו גיין איבער די גאַסן פון מיין קינדהייט אין געדרענג פון מיידלעך אָן הוטן אויפן קאָפּ און בחורים אין סוועטערס, פון פאַרהאַרמטע מוטערס, וואָס ווילן אַזוי גערן קויפן אַ שטיקל פלייש אויף זונטאָג, און מענער, וואָס טראָגן אַוועק זייער פאַרדינסט, פאַרהאָרעוועט געלט אין די קנייפּעס. אָ, דאָ טראָגן זיך נישט קיין גוטע ריחות, עס שטינקט. די אָרעמע שמעקן נישט גוט, און די געשעפטן מיט רויכווארן אויך און קיין גוטער ריח טראָגט זיך אויך נישט פונעם פערד-שעכטהויז.

און דער רומלפּלאַץ קלינגט שיין. די איינגאַנגען אין די קינאָס זענען העל-באַלויכטן, אַז ס'ווייזט אויס, אַ זזיי ברענען. גראַמאָפאָנען אין די געוועלבלעך זינגען און קוויטשען. איך קוק זיך איין אין די בלאַסע פּנימער, געמיינע און אויסגעלאָשענע, תאוהדיקע און האָפענונגסלאָזע. פיל לאַכן... אָ, זיי לאַכן איבערן שוואַכסטן וויץ. זיי זענען אַזוי דאַנקבאַר, וואָס מען מאַכט זיי לוסטיק און פריילעך. איך זע די בלוטאָרעמע פּנימער פון די קינדער, וואָס די מוטערס טראָגן אויף די הענט. דאָס אַלץ איז מיר אַזוי נאָענט, מיין האַרץ גייט מיר אויף, איך ליב אייך, ברודער און שוועסטערן טאַשנגנבים און הורן — יאָ איינברעכער און גנבים און שכורים — יאָ אָבער איך ליב אייך פאָרט. איך געהער צו א י י ך, ווייל איר ברויכט קיינעם נישט און דערום — וואָס קאָן איך פאַר אייך טון!

אַ, איר אָרימע קוישלעך מיט לאַבן ברויט אינעווייניק, מיט צוויי פונט קאַרטאָפל, שעלפּישקעס פאַרן זופּ, זעקס פעניג אַ פונטן אַ, איר ווייבערשע בליקן, פול מיט בענקשאַפט, אין די יאַטקעס און פוטערגעשעפטן און איר, קינדער, אָ, פאַר די קאָנפּיטורקראָמען... איך פיל אַ פייערדיקע ליבע, ווען איך קוק זיך צו צו אייך, ווען איך שפיר אייער ריח און ווען איך נעם אָן פון צייט צו צייט איינס פון אייך פאַר דער האַנט און פרעג: וואָס ווילסטו?... ווען איך זע אייך, „ברומען אין מיר מיינע רחמנות-געפילן"...

איך ווייס, איך זע; ס'איז פאַראַן אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס לעבט איצט אויף. זיי האָבן זייערע טעאַטערס, זייערע קאָנצערטן, זיי האָבן ערטער, וואו מ'רעדט זיך אָפּ דאָס האַרץ, גימנאַסטיק-קורסן, כאָרן, זיי האָבן זייערע פאָלקס-שולן, אַרבעטערהייזער; זיי האָבן באָקס-קלובן, מאַכן וואַנדערטורן און ספּאָרטרייזן. זיי האָבן קורסן פאַר קונסט און וויסנשאַפט און עס קומען פאַר אַרבעטער-קאָנצערטן פון גרויסע קינסטלער און אָרקעסטערס. ס'איז פאַראַן אַ פּראָלעטאַרישע יוגנט, וואָס באַזיצט דאָס לעבן און געניסט פון אים און זייערע עלטערן האָבן ליטאָגראַפיעס אויף די ווענט און זענען מיטגלידער פון אַ בוכגעמיינשאַפט און פאָלקס-בינע, אָבער די מיין איך נישט, און אייך דאַנק איך נישט. איך מיין דאָ נישט דעם פּראָ-לעטאַריאַט, וואָס איז אָרגאַניזירט און קען אַליין באַשטיין זיין שטעטל, וואָס איז טעטיק מיט ווירדע, באַגייסטערט פון פּאָליטישן אידעאַל, — נאָר — די אָרימע, די קבצנים, מיין איך, זיי האָב איך אין זין — דעם פינפטן שטאַנד, מיין איך. ווען אין איין זאַל זיצן טויזנט אָרימע: פאַר דער טיר שטייען שטענדיק די נאָך אָרימערע פון זיי. איך דענק פון מיין יוגנט און די אומגעציילטע, וועלכע לעבן ווייטער איבער, שטענדיק, אַזאַ יוגנט. קיינמאָל האָב איך נישט אויף צו בעטלען. קיינמאָל הערט נישט אויף דער פאָטער צו פאַרטרינקען זיין געלט. און די פאַמיליע צו לאָזן אויסגיין פון הונגער און קעלט. קיינמאָל הערט נישט אויף די מוטער צו וואַשן ביז זי פאַלט אום אונטער דער שווערער לאַסט. שטענדיק גייט נאָך די שוועסטער פאַר די כלבים און דער ברודער מיינער פאַלט נאָך אַלץ אריין פאַר גנבות. מען ברויכט נישט צו רעדן פון יענע, וועלכע העלפן זיך אַליין אַרויס. נאָר פון יענע, וועלכע קענען קיינמאָל נישט

בעהאַלטן ווערן. מ׳דאַרף אויך נישט ריידן פון גאָט... מ׳דאַרף ריידן פון אַזעלכע, ווי מיין מוטער, וועלכע האָט זיך געגריבלט אין די מיסטקאַסטנס פון פרעמדע הויפן, כדי דאָרט אפשר צו געפינען אַ שטיקל פאַרשימלט ברויט פאַר אירע הונגעריקע קינדער. פון זיי רעדן — אָבער, וואָס פאַר אַ פעולה וועט זיין דאָס ריידן, ווען מען קען זיי נישט העלפן?... דאָך, ווען ס׳וואָלט פאַר זיי געווען אויף דער וועלט ל י ב ע: דאַן וואָלטן זיי אפשר פרייער געאָטעמט... און דער־וועקן צו אומגליקלעכע ליבע — דאָס שאַדט אוודאי נישט.

מיין קבר... אָבער דו ליגסט דאָך נישט דאָרט, מוטער.

דאָס, וואָס ליגט אונטן, האָט גאָרנישט מיט מוטער צו טון.

מוטער איז אומשטערבלעך. אויף די גאַרטן - אויף דער יאַס־מונדערשטראַסע. זי הייבט זיך אויף אויף די טרעפּ פונעם געמיזע־קעלער און לאָזט זיך אַראָפּ איבער די טרעפּ פונעם מילכגעשעפט. איך זע זי ביי דער טיר פונעם פערד-שעכטהויז שטיין און ציילן אירע פעניגן, איידער זי קומט אהין אריין, און איך זע זי ביי די טירן פון די קנייפּעס ווארטן, וואו דער פאָטער פאַרטרונקט איר געלט.

איך לעב און בין אומשטערבלעך...

איך בעטל נאָך שטענדיק אויף דער אינוואַלידנשטראַסע, איך, איך — ווען איך היים אפילו איצט שוין אַנדערש, ווען איך בין שוין אפילו געוואָרן גאָר אַן אַנדערער בחור, ווען ער שטרעקט אויס די האַנט.

בעת איך זיץ דאָ און שרייב, בעטל איך נאָך שטענדיק אין בערלין און לאָנדאָן, אין פּאַריז און אַמסטערדאַם, און איך בין עס וואָס בעטלט, שטענדיק איך, דאָס אומשטערבלעכע קינד פון די אביונים. ס׳וועט קיינמאָל נישט אויפהערן. איך וועל שוין לאַנג זיין טויט, און שטענדיק וועט נאָך אַ קליינער, הונגעריקער, פרירנדיקער בחור שטיין אויפן ראָג פון דער גאַס — און איר גייט פאַרביי, — מען זעט אים נישט, מען הערט אים נישט... און ער פליסטערט הינטער אייך, אומגעהערט, אומדערהערט, בלאַס, ציטערנדיק...:

— אַ, הערט:

מיך הונגערט... מיך הונגערט...

ס ו ף